STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00320

MAYN LEKSIKON

Melech Ravitch

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Karen Miller
in memory of
Israel and Miriam Genn

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַן לעקסיקאָן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון:

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש בײַם קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס;
זכּרון־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור, ניו־יאָרק.

ס'האָבן בײַגעטראָגן:

קאַנאַדער ייִדישער קאָנגרעס
ייִדישע קהילה־פֿונדאַציע פֿון גרויס מאָנטרעאָל
אַרבעטער־רינג, מאָנטרעאָל
פּיאָנערן־פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, קאַנאַדע
אַברהם אײַזענגאַרט, ישׂראל
יוסף בערמאַן
האַנקע — לזכּרון דוד ווימיסנער ע"ה
יהודה און שיינדל עלבערג — לזכּרון האָדל און שׂמחה סטיפּעלמאַן ע"ה
יהודה און שיינדל עלבערג
דוד און רייזל פּאַיוס
ד"ר הירש און דבורה ראָזענפֿעלד
שׂרה — לזכּרון הערשל ראָזענפֿעלד ע"ה
דזשעני באָמזע — לזכּרון דער טאָכטער פּערל־מלכּה ע"ה
ל. טשייט — לזכּרון פֿרוי שׂרה ע"ה

וועלט ראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

מלך ראַוויטש

מײַן לעקסיקאָן

ייִדישע שרײַבערס,
קינסטלערס, אַקטיאָרן,
אויך כּלל־טוערס,
אין די אַמעריקעס
און אַנדערע לענדער

* * *

מיט אַ הקדמה פון רחל ראַוויטש

באַנד IV

בוך I

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

תל־אביב — 1980

MY LEXICON
by Melech Ravitch

Pen portraits of Jewish Writers and Artists
in the Americas and other Countries

I. L. Peretz Publishing House, 31, Allenby Str., Tel Aviv
פאַרלאַג י. ל. פרץ, אלנבי 31, תל־אביב

געבראַכט צום דרוק:
ישראל רודניצקי

הילע, שער און טיטלען —
ווי די ערשטע דריַי בענד

©

Printed in Israel 1980

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, סמטת ענתבי 13, טל. 335310

זוכצעטל

☆

זײַט

7 אַ פּאָר װערטער צום באַנד 4
9 יעקב אַדלער
13 אפרים אויערבאַך
16 דוד איגנאַטאָוו
18 שמואל איזבאַן
20 ראובן אײַזלאַנד
22 גוסטאַוו־געצל אײַזנער
25 ד״ר אַברהם אײַזען
28 ד״ר משה יוסף אַלגין
30 א. אַלמי
34 מרדכי אַלפּערסאַן
37 דוד אָפּאַטאָשו
39 יוסף אָפּאַטאָשו
41 כיל אַראָנסאַן
44 מענדל אָשעראָוויטש

46 גרשם באַדער
49 יעקב באָטאָשאַנסקי
54 נחום באָמזע
57 משה באַסין
60 ד״ר בן־צבי באַראַטאָוו
63 בער באָראָכאָוו
66 מיכאל מאַקסימיליאַן באָרוויטש
68 מנחם באָריישאָ
70 ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
74 פישל בימקאָ
76 הרב אַברהם ביק

זײַט

79 ד״ר שלמה ביקל
82 יצחק בלום
84 ברוך בענדערסקי
87 יצחק בערלינער
91 לוי בערמאַן
93 חבר בערנאַרד
96 יחזקאל בראָנשטײַן
99 ירחמיאל בריקס
102 ד״ר ישראל מאיר ברענדער
104 אַהרן נ. בר־כּהן

106 נח יצחק גאָטליב
108 חנא גאָטעספעלד
111 הערמאַן גאָלד
113 פינחס גאָלדהאַר
115 אַבא גאָרדין
117 ד״ר איסר גינזבורג
122 מרדכי גינזבורג
125 שאָול גינזבורג
128 יאַנקל גינטער
131 ברוך גלאַזמאַן
133 יעקב גלאַנץ
136 ד״ר רודאָלף גלאַנץ
138 משה גליקאָווסקי
141 טאַדרעס געלער
143 חיהלע גראָבער
145 חיים גראַדע

זייט

149 משה גראַניטשטיין
151 נפתלי גראָס
154 מלך גראַפשטיין
158 יהודה לייב גרוזמאַן
162 אליעזר גרינבערג
165 בערל גרינבערג

168 יצחק דויטשער
174 שמשון דונסקי
177 זײַנוול דיאַמאַנט
179 ד"ר צבי דיזנדרוק
181 יצחק דייטש
184 מתתיהו דייטש
186 אַברהם משה דילאָן
188 סאָלאָמאָן־זלמן דינגאָל
192 סאָלאָמאָן דעמביצער

194 רייזעלע האַלפּערן
198 אַלכּסנדר האַרקאַווי
201 פּרץ הירשביין
205 אַדאָלף העלד
208 ד"ר אַברהם יהושע העשל

211 אלחנן וואָגלער
215 ד"ר לייב וואָלמאַן
218 ח. וואָלף
221 נח וויטאַל
224 בן־ציון וויטלער

זייט

226 לאַזאַר ווײַנער
229 ז. ווײַנפּער
231 ד"ר מאַקס ווײַנרײַך
235 דאָראָ ווײַסמאַן
241 ברוך וולאַדעק
245 ראַשעל וועפּרינסקי

248 לודוויק זאַץ
251 געניאַ זינגער
254 יעקב זיפּער
256 ד"ר חיים זשיטלאָווסקי
259 ד"ר ל. זשיטניצקי

261 מרדכי חסיד

266 אַ. טאַבאַטשניק
270 מאָריס טאָמאַשעווסקי
273 אַברהם טייטלבוים
276 י. ל. טעלער
279 מאיר זימל טקאַטש
282 דניאל טשאַרני

287 חיענע יאָפּע
290 נחום יוד
293 יעפים ישורין

295 נחום כאַנין
297 יהודה־לייב כּהן
300 מלך כמעלניצקי

אַ פּאָר ווערטער צום באַנד פיר

עס איז אַלע מאָל געווען אין נוסח פון מלך ראַוויטש ביים גרייטן זיינס אַ ווערק צו באַגלייטן עס מיט: הקדמה; אמר המחבר; אַ וואָרט פון מחבר; אאַז״וו. צו דעם באַנד „מיין לעקסיקאָן״ וואָס ווערט איצט געגרייט, וואָס דאָס איז דער פאַרבליבענער כּתב־יד, איז כּדאַי דאָ צו ציטירן אַ טייל פון מלך ראַוויטשעס אַ מאמר וואָס איז געווען געדרוקט אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון דער תּל־אביבער צייטונג „לעצטע נייעס״ דעם 5טן מאַרץ 1971. דער מאמר רופט זיך „אַרכיוון פון אמתן״. מיר וועלן אָבער דאָ געבן בלויז דעם טייל, וואָס האָט אַ שייכות צו „מיין לעקסיקאָן״.

——איין מאָל — אין יאָר 1936 — אין אויסטראַליע, שפּעט ביי נאַכט, שטיי איך אויף אַ באַלקאָן פונעם הויז, ווו איך האָב געוווינט, דערפיל איך אין דער שטילקייט עפּעס אַ מאָדנע איינזאַמקייט. איך האָב 14 יאָר פון מיין לעבן פאַרבראַכט אין דעם קאָכעדיקן יידישן וואַרשע. און איצט איז שטיל אַרום מיר, אָבער נישט אין מיר, און נישט אין מיין אַרכיוו...

און די דאָזיקע ווערטער ווערן געשריבן אין יאָר 1971 — און עס איז כּדאַי צו מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש און סטאַטיסטיק פון דעם געדאַנק, וואָס איז געקומען צו מיר אין יענעם אויסטראַלישן אויפדער־נאַכט.

דער געדאַנק האָט אַ נאָמען: מיין לעקסיקאָן. קורצע פּראָפילן פון געשטאַלטן פון דער יידישער קולטורוועלט. און נאָר אַזעלכע וואָס איך האָב פּערזענלעך געקענט. ביז היינט האָב איך אויפגעשריבן 543 אַזעלכע פּראָפילן. 342 פון זיי זענען אַריין אין דריי בענד. 201 — וואַרטן נאָך אויף זייערע טאָוולען, ווערן ביכער.

אָבער עטלעכע הונדערט וואַרטן נאָך אָנגעשריבן צו ווערן. גאָט מיינער — וויפל איין מענטש קען קענען מענטשן!

אָט זיץ איך איצט און קוק דורך די רשימות פון די 342 פּראָפילן, וואָס זענען שוין אַריין אין ביכער און 201 וואָס וואַרטן נאָך. און די עטלעכע הונדערט — וואָס דאַרפן ערשט געשריבן ווערן——

נו, די עטלעכע הונדערט וואָס האָבן געדאַרפט „ערשט״ געשריבן ווערן, זענען שוין נישט געשריבן געוואָרן. געבליבן אין כּתב־יד זענען 220 פּענ־פּראָפילן וואָס וועלן האָפנטלעך ווערן ביכער...

אַלע פּענפּראָפילן זענען געשריבן געוואָרן אין משך פון איבער פיר צענדליק יאָר. וואָלט מלך ראַוויטש זיי אַליין איצט געגרייט, איז קיין ספק

נישט, אַז ער וואָלט אייניקע פון זיי אָדער דערגאַנצט, אָדער אַפילו איבער־געשריבן. וואָס איז שוין אין משך פון די פערציק יאָר מיט די מענטשן געשען און וויפל פון זיי זענען בכלל שוין אויף יענער־וועלט. האָבן מיר בלויז געקענט טאָן איין זאַך: זיך באַמיִען אָפּצוזוכן און צוגעבן די דאַטע אַן ערך ווען דער פּענפּראָפּיל איז געשריבן געוואָרן.

אין אַרכיוו זענען נאָך געבליבן אייניקע פּענפּראָפּילן צוליב אַלערליי סיבות און דער עיקר מחמת זיי זענען נישט פאַרענדיקטע.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין איין פאַל האָט ראַוויטש געמאַכט אַן אויסנאַם: געשריבן אַ פּענפּראָפּיל, כאָטש דעם מחבר פּערזענלעך נישט געקענט. מסתמא צוליב זײַן ספּעציעלער באַציִונג צו דעם מענטשן.

אין דעם באַנד דרײַ „מײַן לעקסיקאָן", אַרויסגעגעבן אין יאָר 1958, מעדיטירט ראַוויטש אין דער הקדמה אָט אַזוי:

——און אין שײַכות מיט אָט די „מײַנע לעקסיקאָנען"־ביכער: שמואל ניגער ז"ל, דער גרויסער אַנאַליטיקער, דער גרויסער מפרש פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען דער בעל־הלכה. ער האָט געזוכט די געזעצן און געזעצמעסיקייטן פון די ווערק מיט דער לאָגיק, דער קינסטלערישער לאָגיק, ווײַל ער האָט געהאַט אַ גרויסע קינסטלע־רישע אינטויִציע. און אַני הקטן מן הקטנים באַמי זיך אין די דאָזיקע ביכער צוצוגעבן אַ ביסל אגדה צו ניגערס הלכה און צו די ווערק פון אַלע אַנדערע ייִדישע קריטיקערס בעלי־הלכה. און אויב עס איז מיר כאָטש אַ הונדערטס־חלק פון דעם געלונגען, צו וואָס איך האָב גע־שטרעבט, האָב איך נישט אומזיסט געשטרעבט.——

הלכה איז שטרענגקייט, אגדה — מילדקייט. לייענט זשע די בלעטער מיט אַ מילד געמיט.

רחל ראַוויטש

יעקב אַדלער

געבוירן 1874 אין דינאָוו, גאַליציע. זינט 1890 אין אַמעריקע. געשטאָרבן 31סטן דעצעמבער 1974.

אין דער סעריע „מײַן לעקסיקאָן" — אינטימע פּענפּראָפּילן, שרײַבן מיר וועגן אירע, וואָס מיר קענען פּערזענלעך. אָבער אין דעם פֿאַל יעקב אַדלער טוען מיר אַ יוצא־מן־הכּלל. מיר האָבן דעם דאָזיקן פּרוקטבאַרסטן פּאָעט קיין מאָל נישט געזען פּנים־אל־פּנים. מיר קענען אים נאָר פֿון די פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער אין צײַטונגען — און וועלן מסתּמא נישט בלאָנדזשען אַז מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז פֿון נאַפּאָלעאָנישער הייך. דאָס לעצטע בילד וואָס מיר האָבן פֿון אים געזען אין אַ צײַטונג — ער האָט געגרן צו זען זיך אָפּט אין אַלערליי זשורנאַלן — קוקט ער קאָמאַנדירנדיק־גענעראַלסקע אין דער ווײַטקייט אַרײַן מיט אַ באַפֿעל: דערוווײַל וויל איך לעבן הונדערט יאָר און שפּעטער וועלן מיר זען. דעם דאָזיקן פּראָפֿיל שרײַב איך אין יאָר 1970 — הייסט עס, אַז עס פֿעלן דעם דיכטערישן לעבנס־טשעמפּיאָן נאָך בסך־הכּל 4 יערעלעך ביז 100.

יעקב אַדלער האָט אין זײַן ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער־הומאָריסטישער קאַריערע זיך באַנוצט מיט צוויי טוצן פּסעוודאָנימען. פּרץ האָט אין זײַנע ערשטע יאָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור זיך באַנוצט מיט 17 פּסעוודאָנימען. און אויב דו גלייבסט נישט — צא ולמד. מעג זיך יעקב אַדלער באַנוצן מיט צוויי טוצן. ער נעמט דערמיט בײַ קיינעם גאָרנישט צו.

אַז עס קומען אָן די לעצטע טעג פֿון אַ פֿאַרגייענדיק יאָר — באַווײַזן זיך אין כּמעט אַלע ייִדישע צײַטונגען די יאָר־חשבונות פֿון אונדזער דיכטער, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו דערגרייכן — ד ע ר ו ו ײַ ל — עד־מאה. ער איז געבוירן געוואָרן סוף דעצעמבער. אַגב דערמאָנט ער בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט, אַז ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון זײַן לעבן מיטגעאַרבעט אין 60 צײַטשריפֿטן; אונטער הונדערט רעדאַקטאָרן. דעם פּרנסה־הויפּטקוואַל האָט ער געהאָט אין „פֿאָרווערטס". ער פֿאַרבינדט ליטעראַטור מיט אַריטמעטיק. נאָר איין זאַך זאָגט ער קיין מאָל נישט אויס אין זײַנע יערלעכע מודעות: וויפֿל לידער און הומאָרעסקעס ער האָט אין זײַנע 80 יאָר שרײַבן פֿאַרפֿאַסט.

און זאָגט וואָס איר ווילט — אָבער איך האָב ליב צו לייענען יעקב אַדלערס לידער. זייער לשון איז קלאָר און שיין און חנעוודיק און פֿאַרשטענדלעך — ממש אַ קינד קען פֿאַרשטיין, אַבי עס קען ייִדיש.

און לאָמיר ציטירן אַ ליד — פֿון אַדלערס בעסטע — אָבער אויך אומעטיקסטע. ער איז טאַקע דער מחבר פֿון הונדערטער, און אפֿשר גאָר טויזנטער

הומאָרעסקעס — לרוב אונטערן נאָמען ב. קאָוונער — אָבער אַז עס קומט צום ליד, ווערט ער לרוב ממש דער אומעט אַליין. און לאָמיר ציטירן אות באות, וואָרט צו וואָרט, אַדלערס אַ ליד געשריבן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שטאָט צו דערמאָנען און ציילן די יאָרן — בעסער דערמאָנען אַ ליד. אַ גוט ליד קען לעבן עד־מאה־ועשרים אָן באַזונדערער מי. אָט איז דאָס ליד, „דאָס טויטע שטעטל״:

מיר האָט זיך געחלומט...
כ׳זע פאַר מײַן היים — דאָס קליינע, פרומע שטעטל,
שטיל, פאַרוויגט איז אַלץ אין טויטן שווײַגן.
אויף די ווינטן ליגן ערגעץ טיף באַהאַלטן —
שלאָפן רויק ערגעץ אין די צווײַגן.

כ׳זוך אַרום אַ מענטשן אין די טויטע געסלעך.
ס׳זענען וויסט די סטעזשקעס און די וועגן,
וויל איך פרעגן אויף דעם גרויסן, גרויסן חורבן —
שטיל — ניטאָ בײַ וועמען אַנצופרעגן.

אַלע פענצטער אינעם שטעטל שטייען אָפן,
אָפן אַלע טירן, אַלע טויערן,
אַלע קינדערוויגעלעך, אַלע בעטן ליידיק.
ס׳ווערט אַן אימה אין מײַן האַרץ געבוירן.

טרעט איך שטיל די הויכע שוועל פון שול אַריבער:
קום אַרײַן... עס שלאָגט פון אַלץ מיט אימות.
טויט און שטיל און וויסט. נאָר אין דעם מערב־ווינקל
הערט זיך קוים אַ שאָרך פון אַלטע שימות.

אַ פאַרשטויבטער שטייט דער אַלטער אָרון־קודש.
דאָס וואָרט פון גאָט אין שפינוועב אײַנגעשפונען.
ביידע טירלעך אָפן, נישטאָ מער קיין פרוכת,
כ׳האָב די ספרי־תורהס אויך נישט מער אין שטויב געפונען.

אויף די סטענדערס ליגן די סידורים אָפן.
ס׳וואַלגערט זיך אַ שטומער שופר לעבן עמוד;

און דער כּיור בײַ דער טיר דאָרט — אויסגעטריקנט,
און שוואַרץ־פֿאַרלאָשן איז אויך דער נר־תּמיד.

מיט ברענענדיקע אויגן קוק איך אויפֿן גרויסן חורבן,
אין דער טיף פֿון האַרצן ציטערט אימת־מוות.
כ׳וואָגל אום אַליין דאָ, אײנער אין דעם מקום־קודש —
אײנער אַ געבליבענער אויף צו גיין אויף קבר־אָבות.

קומט אין דמיון מיר דער יִדישער בית־עולם.
ווי אַן אָבל בין איך אויך אַהין געגאַנגען.
שטיל דער וועג — פֿאַרשפּרייט מיט טויטע פֿעלדער —
און אויף די פֿעלדער וואַקסן טויטע, אויסגעצערטע זאַנגען.

זע איך שוין דעם אַלטן, יִדישן בית־עולם.
קראָען דרימלען אויף מצבֿות און אויף ווערבע־צווײַגן.
ווו עס פֿאַלט דער בליק — פֿאַלט ער נאָר אויף קבֿרים,
און די קבֿרים, ווי די טויטע אין זיי, שווײַגן.

און בײַם פֿאַרקן שטייט דעם אַלטן צדיקס אוהל.
גיי איך צו — עס איז דאָס טירל אָפֿן...
כ׳שלײַך אַרײַן זיך. שטיל. אויף דעם צדיקס קבֿר רויִק —
איז אַ פֿייגעלע געשלאָפֿן.

און אַז מיר האָבן שוין געמאַכט אײן יוצא־מן־הכּלל און געשריבן אַ פֿענפּראָפּיל פֿון אַ שרײַבער, וואָס מיר האָבן אים פּנים־אל־פּנים קיין מאָל נישט געזען, לאָמיר שוין מאַכן נאָך אַ יוצא־מן־הכּלל — און געבן צוויי לידער אין אַן אײן ליד־אַנטאָלאָגיע. און אַגבֿ, מילדער מאַכן דעם רושם פֿון דעם אימהדיקן ליד „דאָס טויטע שטעטל‟.

שבת
אויסגעווײַסט דאָס שטיבל איז,
די זון זי קוקט אַרײַן.
אַלע ווענטלעך ווײַס ווי שניי,
טיש און בענקלעך ריין.
דער טאַטע קומט פֿון שוויץ אַהיים,
אָפּגעטובלט ריין.

אַ רויטער שטראַל פון מערבֿ־זײַט
וואַרפט זײַן לעצטן שײַן.
אויפן טיש אַ פלעשל שטייט
מיט שבתדיקן ווײַן.
דער ערבֿ־שבת גייט אַוועק,
דער שבת קומט אַרײַן.
און די מאַמע בענטשט די ליכט
און זי זיפצט אָפּ שווער.
צווישן אירע דאַרע פינגער
טריפט אַראָפּ אַ הייסע טרער.
און די קינדער שבתדיק,
מיט פרייד די הערצער פול.
דער טאַטע טוט דאָס שטרײַמל אָן
און גייט אַוועק אין שול.
פון די בערג קומט אָן די נאַכט,
עס דאַכט פון זייער ווײַט.
ס'דאַכט די נאַכט קומט אָן אין שיך
אויסגעהעפט פון זײַד...
אין אונדזער געסל פלאַטערט אום,
שטיל און פרום אַ סוד;
מיטן סוד אַ שבת־ליד,
וואָס בענקט אַרויף צו גאָט.

— — און נאָך אַ סוד: ווייסט איר פאַר וואָס איך האָב געמאַכט אַזש צוויי יוצא־מן־הכּללס אין דעם דאָזיקן פּראָפיל פון יעקב אַדלער? גאַנץ פּשוט: ווײַל מיר זענען בײדע גאַליציאַנער, און גאַליציאַנער איז אַזאַ מין שבט, וואָס איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם...

1970

אפרים אויערבאַך

געבוירן 1892 אין בעלץ, בעסאַראַביע. 1908 דעביוטירט אין דער ליטעראַטור. 1911 אַ צײַט לאַנג אין וואַרשע. 1912 אין ארץ־ישראל. מאָביליזירט אין ייִדישן לעגיאָן. מיטגעמאַכט קריג, 1915 דעמאָביליזירט. אַוועק קיין אַמע־ריקע. אַרויסגעגעבן אַרום 15 ביכער, לידער און עסייען. אין יאָר 1970 עולה געווען. נפטר געוואָרן 3טן מײַ 1973.

אפרים אויערבאַך, דער דינאַמישער דיכטער, דער דינאַמישער מענטש, רופט אָן זײַן פאַרנעמיק בוך מיט לידער, אַמאָליקע און אויך נײַע, מיט דעם נאָמען „אַ לעבן צווישן טאָוולען". אַזאַ נאָמען וואָלט סוגערירט סענטימענט, שטילקייט, רו — פאַרווינקלדיקייט. דאָס אַלץ וואָלט זיך געפּאַסט צו די לידער פון אַ שטילן פּאָעט — אָבער צו די לידער פון אפרים אויערבאַך פּאַסט ער נישט.

אפרים אויערבאַכס זעלבסט־אַנטאָלאָגיע וואָלט גיכער געדאַרפט הייסן: אַרויס פון צווישן ביכער־טאָוולען — אַרײַן אין לעבן מיטן גאַנצן מהות.

שוין די געשטאַלט זײַנע — ריין פיזיש — איז אַ שטיק דינאַמיק. ער גייט מיט אַ זיכערן טראָט. ער קוקט גלײַך יעדן אין פּנים. ער האָט נישט וואָס צו באַהאַלטן. מיט איין וואָרט — ער איז אַן אָפּטימיסט, וואָס דאָס איז אַזוי זעלטן צווישן ייִדישע פּאָעטן. ער איז הויך און דרײַסט. דאָס פּנים איז אָפן און שטרענג — איך וואָלט געזאָגט מילד־שטרענג, אָדער שטרענג־מילד.

ער איז אַפילו אַ וועטעראַן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געדינט אין ייִדישן לעגיאָן.

אויערבאַך האָט ליב צו דעמאָנסטרירן זײַן אופן. זײַן לעבנסטיל. ער האָט ליב שטאַרק צו הערן גוטס וועגן זײַנע לידער, ער האָט אָבער חברישע גוטסקייט און קען שטאַרק לויבן די לידער פון אַ חבר.

איך וויל דאָ דערציילן אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. עכט אויערבאַכיש. דאָס איז געווען אין ניו־יאָרק מיט אַ סך יאָרן צוריק. איך בין דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַמעריקע. חברים האָבן מיך דעמאָלט אַרומגעפירט צו ווײַזן מיר אַמעריקע.

און אויערבאַך האָט מיך גראָד דעמאָלט געפירט צו דער רעדאַקציע פון „מאָרגן־זשורנאַל". גייען מיר שוין נאָענט פון דער רעדאַקציע. אָבער דאָ איז אַ טומל און אַ באַוועגונג אין יענע גאַסן, און נישט גרינג דורכצוגיין. שטייט דאָרט שטענדיק אַ פּאָליציאַנט. אַ סימן, אַז דאָ קען מען נישט דורכגיין, סײַדן

דער פּאַליציאַנט פון וואַכפּאָסטן דערלויבט. און דער פּאָליציאַנט שטייט פונקט איצט מיט דעם רוקן צו אונדז.

פּאַרלירט זיך נישט אויערבאַך. ער גיט אַ לייג אַרײַן צוויי פינגער אין מויל און גיט אַ פײַף, ער רופט דעם פּאָליציאַנט. און באַלד אַ שרײַ: — העי אויערבאַך — איך וויל דאָ דורכגיין. גיט זיך דער פּאָליציאַנט אַ דריי אויס צו אונדז, גוט־ברודעריש: א. אויערבאַך — וואָס ווילסטו, גוטער־ברודער? — איך וויל דאָ דורכגיין. האָסט דאָך געהערט מײַן געשריי! — ווילסט דורכגיין — גיי! איך וועל שוין אַכטונג געבן מען זאָל מײַן פרײַנד נישט איבערפאָרן.... און אפרים דערציילט מיר: איך האָב דורך אַ צופאַל אויסגעפונען, אַז דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט דאָ אַלע מאָל, איז אַ ייִד — פירט זיך אויף זייער ייִדישלעך. ער רעדט אַפילו אַ ביסל דעם ניו־יאָרקער מאַמע־לשון און דער עיקר: ער הייסט אויך אויערבאַך.

אפרים אויערבאַך האָט גערן אַזעלכע טרעפעניש. ער האָט ליב סאָלידן גרונד אונטער די זוילן. ער האָט ליב די דעמאָקראַטישע נשמה פון דער שטאָט פון די שטעט פון אַמעריקע.

— און דו ווייסט פאַר וואָס איך האָב דיך געפירט דווקא דורך דעם געסל — ווײַל איך האָב געוואָלט דיר ווײַזן דאָס אמתע אַמעריקע. — און אויערבאַך האָט אַרויסגענומען די שטענדיקע פּיפּקע פון זײַן מויל און געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. — און איצט וועל איך דיר, ברודער מלך, ווײַזן אונדזער רעדאַקציע, וווּ איך זיץ און שוויץ יעדן טאָג — און אַ מאָל אַפילו טיף אין דער נאַכט אַרײַן. דאָרט פיל איך מיך היימיש, פונקט ווי אין בעלץ, מײַן שטעטל אין בעסאַראַביע.

און אָט שטייען מיר פאַר אַן אַלטן טויער אין אַן אַלט הויז — פאַרשטויבט און ענג — און מיר גייען אַרײַן אין קאָרידאָר. די רעדאַקציע איז אויפן דריטן עטאַזש. און אויערבאַך פירט. איצט פירט ער אַרײַן אין אַ מין קאַסטן פון ברעטער און בײַ דער זײַט פון אָפענעם קאַסטן, מיט אַ טירל, איז געשטאַנען אַ מין אָפענע רער אין וועלכער עס זענען געגאַנגען קייטן אַרויף און אַראָפּ. אויערבאַך פרעגט מיך גאָרנישט נאָר ער פירט. ער גיט אַ ציִ די קייטן און מיר פאָרן אַרויף ביזן דריטן עטאַזש.

אויערבאַך לאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער.

— עס זענען דאָ אַ סך אַמעריקעס — זאָגט ער — וווּנדער דיך נישט. מיר, למשל, איז גוט אָט אַזוי. וואַרעמקייט און היימישקייט. אָט דער טויער, דער קאָרידאָר און דאָס זיבעטע וווּנדער — אַזאַ אויפהויבער.

און אויערבאַך פירט מיך פון טישל צו טישל, בײַ וועלכע עס אַרבעטן באַרימטע ייִדישע שרײַבערס, פּובליציסטן, עסייִסטן, פּאָעטן. און אָט איז דאָס

טישל פֿון מײַן גרויסן חבר, מײַן אַרומפֿירער. און עס ליגט דאָרט צעוואָרפֿן אַ באַרג פּאַפּירן.

— מיר גלוסט זיך שטאַרק נישט צו אַרבעטן. — און ער זעצט זיך צו אויף אַ רגע דורכצוקוקן הײַנט אָנגעקומענע בריוו.

און עס פֿאַלט מיר אײַן און איך זאָג הויך:

— ווען דיר וואָלט זיך געגלוסט צו אַרבעטן בײַ זשורנאַליסטיק — וואָלט איך נישט געהאַט אין מײַן ביכער־אַלמער דײַנע פֿאַרנעמיקע ווערק — אין כּמות און איכות.

אויערבאַך האָט ליב געהאַט ליטעראַרישע פּרעמיעס — ווער האָט זיי נישט ליב?

אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער אַ סך פּרעמיעס באַקומען. און אַפֿילו אײנע געטײלט מיט מיר.

נישט קײן שטודיע האָבן מיר מכוון געווען מיט דעם פּראָפֿיל — נײַערט אַ פּאָר אינטימע עפּיזאָדן פֿון גרויסן דיכטער און חבריש־האַרציקן מענטש — אפֿרים אויערבאַך.

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט אויערבאַך אין אַ בריוו צו מיר זיך באַקלאָגט אויף זײַן געזונט און פֿאַרענדיקט אַזוי:

— זעסטו, ברודער־לעבן, געקומען דערצו, אַז מען דאַרף שוין האָבן אַן אָנשפּאַר. די צרה איז נאָר וואָס אויך דער אָנשפּאַר דאַרף שוין אויך אַן אָנשפּאַר.

און לאָמיר פֿאַרענדיקן מיט אַ פֿראַגמענט פֿון אויערבאַכס אַ ליד צו זײַן טײַערסטער, אײנציקער אין דער וועלט. חנה איז איר נאָמען.

גרוי בין איך ווי אַ מעווע,
דו, ווי אַ טויב ביסטו גרוי,
נאָר צו די שישים ושבֿע
לויכט נאָך דײַן חכמה אַזוי.
איך האָב צו רעווען אַ טבֿע,
— דו אָבער ברומסט ווי אַ טויב —
צו דײַנע שישים ושבֿע —
זינג איך, פֿאַרעלטערט אַ לויב.

1973

דוד איגנאַטאָוו

געבוירן 1885 אין ברוסילאָוו, קיִעווער גובערניע. 1906
— אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 26סטן פעברואַר 1954.

אין אַן אַלטער געבײַדע אין ניו־יאָרק, אין דעם יִידישן געגנט, אין אַ גרויסן פאַרשטויבטן זאַל פון דער אַלטער יִידישער וואַנדער־אָרגאַניזאַציע „האַיאַס", זיצט בײַ אַ טיש אין מיטן פון געקלאַפּ פון שרײַבמאַשינקעס אַ יונגער מענטש אין עלטער פון — זיכער מער ווי 25, אָבער זיכער נישט מער ווי 35. דאָס איז דוד איגנאַטאָוו, ער איז איבערראַשנדיק ענלעך צו די פאָטאָגראַפיעס, וואָס מען קען פון אים. זײַן פּנים איז אַזוי ענערגיש, אַזוי געזונט אין אויסדרוק, אַזוי דורכויס „איגנאַטאָוו געבוירן אין ברוסילאָוו", אַז מען האָט מורא דעם מענטשן דערלאַנגען די האַנט, מען האָט מורא פאַר דעם גוט־ברודערישן האַנטדרוק, פון וועלכן בײנער קנאַקן. מען קומט אָבער פאַרט איבער דעם האַנטדרוק, מען האָט נישט געהאַט קיין טעות, די בײנער האָבן אַ קנאַק געטאָן, און מען איז שוין אין מיטן אַ וויכטיקן געשפּרעך און אַן אײַליקן דערצו.

מען ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, איגנאַטאָוו איז אַזוי צוגעווינט צו דעם געדאַנק, אַז ער איז אַן אָרגאַניזאַטאָר (די אַמעריקאַנער זעקס, אָדער אַכט, אָדער גאָר צען בענד „שריפטן" — אַ תּקופה אין דער יִידישער ליטע־ראַטור זענען געווען בעיקר זײַן אויפטו, דאָס ווערק פון זײַנע הענט, זײַן האַרץ, זײַן מוח), אַז ער איז אַ הויפּטמאַן פון די „יונגע" און אַז דער קריג האָט זיך נאָך נישט געענדיקט, אַז ער רעדט נאָך אַלץ מיט אַלע מענטשן, ווי אויף דעם קריגספּלאַץ... ער פרעגט נאָך אַלץ אַזאַ אומשולדיקע פראַגע ווי: ווי געפעלט אײַך אַמעריקע? — ווי ער וואָלט דיר געזאָגט: קאָרפּאָראַל ראַוויטש, לאָד אָן די צוועלפער־האַוביצע און הויב אָן צו באַשיסן די באַס־טיליע מאָריס ראָזענפעלד!

איגנאַטאָוון זעט מען זעלטן אין דער געזעלשאַפט פון פיל שרײַבערס, און אויב שוין, איז אין דער געזעלשאַפט פון די „יונגע", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט מיט מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, און שווײַגנדיק איז ער, ווי אַלע מענטשן פון טאָן. איגנאַטאָוו באַשטייט פון צוויי עלעמענטן, אַזוי דער מענטש, וואָס זעט אויס אַלע מאָל זיכער עלטער ווי 25, אָבער זיכער יִינגער ווי 35, אַזוי זײַן ווערק — חלום און טאַט — דאָס מיטלשטיק צווישן חלום און טאַט. דאָס וואָרט — מיט דעם איז ער אַ ביסל צעקריגט. אַזוי זענען אויך זײַנע געשטאַלטן פון זײַנע ראָמאַנען: חלום און טאַט — נאַטור־ראַליזם און וויזיע — אָבער נישט רעאַליטעט. מען זאָגט, אַז איגנאַטאָווס

געשטאַלטן זענען נישט מעגלעך אין לעבן. מען האָט אַ רעכט אַזוי צו זאָגן, אויב מען קען נישט זײער שאַפער — דורך פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט אים דערקענט מען ערשט זײַנע העלדן. אויב ער איז מעגלעך און ריאַל, און ער איז עס, — אוי, גיט דען אַ גישט־ריאַלער מענטש אַזאַ שרעקלעכן דריק די האַנט? — דעמאָלט זענען אויך מעגלעך זײַנע העלדן, וואָס גייען אַרום מיט די פיס אויף דער ערד און מיט די קעפּ אין די וואָלקנס.

איגנאַטאָוו האָט אַ שרעקלעכע האַנטשריפט. לויט אַ ביאָגראַפישער נאָטיץ אין דעם דוד איגנאַטאָוו־בוך, וואָס איז דערשינען אין 1936 צו זײַן פופציק־יאָריקן יובל, איז ער משמעות מיט אַזאַ האַנטשריפט געבוירן געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַזאַ זעלביקע האַנטשריפט האָט ער געהאַט נאָך אין חדר. איך בין נישט קיין גראַפאָלאָג, און איך קען מיך דעריבער נישט פאַרנעמען מיט די געהיימע סודות פון דער דאָזיקער האַנטשריפט. איך האָב אָבער אַלע מאָל אַן אײַנדרוק, ווען איך זע איגנאַטאָווס אַ בריוו, אַז איך זע פאַר מיר אַ בילד פון אַן אַ שיעור פיס און שטעקנס — אַ האַנטשריפט וואָס מאַרשירט... דאָס איז כאַראַקטער־אויסדרוק. און כאַראַקטער־אויסדרוק איז אויך — מען האָט מיר די מעשה דערציילט — אַז איגנאַטאָוו איז שוין זינט דרײַסיק יאָרן ברוגז מיט אַ דאַמע, וואָס האָט אים אַ מאָל אויף אַ שפּאַס געגעבן אַ פליישיק מאכל און געזאָגט, אַז עס איז מילכיק, ווייסנדיק, אַז איגנאַטאָוו איז אַ וועגעטאַריער.

איגנאַטאָווס ווערק: טראַגישער גראַנגל (אַ, ווי איך האָב פײַנט דאָס וואָרט, אָבער איך האָב נישט קיין בעסערס) מיט דער פאָרעם, און אפשר איז אויך דאָס גאַנצע לעבן זײַנס טראַגישער גראַנגל מיט דעם שרײַבערפאַך — אפשר איז ער צו עפּעס אַנדערש באַשטימט.

זײַן שם־דבֿרדיקע שקאַצישע טשופּרינע, פאַרריסן און פאַרדרייט ווי באַקהערנער — אויך אַ סימן פון אײַנגעשפּאַרטקייט — וועט גרוי ווערן, זײַן בלוט באַרויִקט, און ער וועט דורכזען זײַנע ווערק און אַרײַנפּאַסן אין אַ פאָרעם ווי אַ גאַנצקייט און וועט בלײַבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי איינער פון די פירנדיקע מענער אירע און ווי דער שאַפער פון אַ קאָמפּלי־צירטער געשטאַלטן־גאַלעריע פון לעגענדע־רבנים און ביז צו לעצטמאָדישע ביר־יאָרקער ייִדן — מאַרקע: צוואַנציקסטער יאָרהונדערט.

1939

שמואל איזבאַן

געבוירן 1905 אין גאָסטינין. 1920 אין ארץ־ישראל. זינט 1938 אין ניו־יאָרק.

נאָכפאָלגן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אַ שרײַבער איז אַזוי ווי שיילן זייער אַ האַרבע ציבעלע... צו ערשט איז בלאָטע, גאָרנישט. דאַרף מען האָבן אַ גוטע נאָז און דערשמעקן, אַז אונטער בלאָטע דאַרף זײַן אַ גוטע און געשמאַקע ציבעלע. דערנאָך הייבן זיך אָן הויטן און הײַטלעך און שאָלעכצן און סוף־כּל־סוף קומט ערשט אַרויס אַ ציבעלע. און אַ ציבעלע איז שוין אַן אוניווערסאַלע זאַך, טויג פֿאַר אַלץ און פֿאַר אַלעמען.

איך בין נישט שמואל איזבאַנס אַנטדעקער, איך האָב נישט דעם כּבוד. נאָר שוין זייער אַ סך יאָרן ווי איך קען אים און איך פֿאָלג נאָך דער פּראָזע, וואָס דרוקט זיך אונטער דעם נאָמען. איך בין נישט קיין ספּעציעלער פֿאָרשער פון דער יונגער יידישער פּראָזע, נאָר גראָד איזבאַנען האָב איך כּמעט ווי געפאָרשט, נאָכגעפאָלגט זײַן גאַנג.

און אַ יונגער שרײַבער, וואָס דרייט זיך אַרום אין אַ שטוב פון אַ ליטעראַטור, איז ווי אַ קינד. עס מאַכט אָן אַלערליי שאָדנס, עס קריכט אויף די שטולן, דרייט אָן די זייגערס וואָס גייען און שטעלט זיי אָפּ, וויל איבעררוקן אַ שאַפעלע מיט ספרים און וואַרפט עס אום און די שפּינען, וואָס האָבן זיך זינט יאָרן געוווינט הינטערן שאַפעלע גיבן זיך אַ צעלויף איבער די ווענט פון דער שטוב. אַזוי איז אַ יונגער שרײַבער אין אַ ליטעראַטור. דערצו האָט אַזאַ יונגער שרײַבער, ווי דאָס קינד, נאָך אַ טבע אַרײַנצוקריכן אין די שטיוול פון די אַלטע, אין זייערע כאַלאַטן און האָט ליב צו רייכערן די ליולקע פון זיידן.

און שמואל איזבאַן איז אונדז לאַנגע יאָרן אין דער שטוב פון אונדזער ליטעראַטור אַרומגעגאַנגען אין די סטיל־שטיוול פון רב יוסף אָפּאַטאָשו אַליין. אָבער פּונקט. איין מאָל זיך אָנגעטון די סטילשטיוול, אָדער שטי־וועלטן, ווײַל אָפּאַטאָשוס סטיל איז נישט קיין שווערער, און איר פּועלט נישט בײַ אים ער זאָל זיי אויסטון.

שמואל איזבאַן איז זיך אַזוי לאַנג אַרומגעגאַנגען אין די אָפּאַטאָשו־שטיוועלעטן ביז ער האָט זיך פֿאַרשאַפט אַן אייגענע פּאָר שטיוועלעטן פון די אָנהייבן פון אַן אייגענעם סטיל.

איצט האָט ער די אייגענע שטיוועלעטן.

אין זײַן לעצטער דערציילונג „בוכאַרער קוואַרטאַל” איז נאָך דאָ דער

געזונטער אָפּאַטאָשו־אײַנפּלוס, אָבער איזבאַן איז שױן ער אַלײן און שטעלט שױן פּיס װי עס געהערט צו זײַן.

און איך מוז באַמערקן, אַז איך האָב די מעשׂה מיט דעם שטאַרקן אײַנפּלוס דאָ דערמאָנט װי אַ פּלוס און נישט װי קײן מינוס. דאָס איז אין אַלע געזונטע ליטעראַטורן אַזױ, אַז די ייִנגערע שרײַבערס פון אַ געװיסן פאָלק זענען אונטער דער השפּעה פון די עלטערע שרײַבערס פון דעם זעלבן פאָלק. די השפּעות האָט מען דװקא נישט צו זוכן װײַט, מען קען זײ געפינען אַלע מאָל זײער נאָענט... און דאָס איז נאַטירלעך אַזױ... לײװיק גיט צו — און דאָס איז טאַקע נאָך אײן סימן פון זײַן דערהױבענער פּשטות אין פּערזענלעכן לעבן — אַז ער איז אין די ערשטע יאָרן פון זײַן שאַפן, דער עיקר אין פּאָרעם, געשטאַנען אונטער אַ שטאַרקער השפּעה פון מאַני לײבן.

איזבאַן האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף דער טעמאַטיק פון אַלטן ארץ־ישׂראל־שטײגער. דאָס איז אַ װינקל פון ייִדישן לעבן, װאָס אויב נישט איזבאַן — װאָלט ער פאַר דער ליטעראַטור אפשר אין גאַנצן פאַרלוירן געװאָרן. ער איז כּמעט דער ערשטער צװישן ייִדישע שרײַבערס, װאָס שרײַבט מיט אַ סך קאָלירן און אַ סך קלאַנגען װעגן די אַלערלײ ספּרדישע ייִדן. הערט, װאָס פאַר אַ כּוח עס האָט די מאַמע־לשון־ליטעראַטור אונדזערע, זי באַדינט נישט נאָר די מיזרח־ייִדן, נאָר אויך די ספרדים. אַז זײ האָבן נישט באַװיזן צו שאַפן אַן אײגענע שײנע ליטעראַטור, נעמט די ייִדישע ליטעראַטור, פאַרקאַטשעט די אַרבל, קנעט אויס דאָס לעבן פון די ספרדים און באַקט אויס גאָר פײַנע נאָװעלעס פון זײער לעבן. מײנט איר דאָך אַז דאָס איז אַ צופאַל, װאָס מיר האָבן געשריבן קנעט און באַקט... איז עס נישט. שמואל איזבאַן איז טאַקע אַ בעקער לױט זײַן פאַך. אַ בלאָנדער איז ער, אַ שקאָצעװאַטע און נאַיװ פּנים האָט ער, אַ פאַרריסענע נאָז נאָר ער איז אָן חוצפּה. אַדרבא, ער רױטלט זיך אַלע מאָל. שװער איז זײַן לעבן איצט אין ניו־יאָרק, שװער דאַרף מען האָרעװען פאַר װײַב און קינדער, נאָר אין ארץ־ישׂראל — דערצײלט מיר איזבאַן — איז שױן געװען אַ הױז, אַ שטיקל נחלה — און ער פאַררױטלט זיך. נאָר עס האָט געצױגן דעם ייִדישן שרײַבער צו אַ מאַמע־לשון־ייִשוב, איז מען געקומען אַהער. מיד הענגען אַראָפּ זײַנע װײַסע, מוסקולאַרנע בעקערהענט און די אויגן קוקן מיט שקאָציש־נאַיװן בטחון אין דער צוקונפט אַרײַן. אונדזער בעלעטריסטישער ספרדים־אַנטדעקער.

1939

ראובן אײַזלאַנד

געבוירן 1884 אין גרויס־ראַדאָמישל, גאַליציע. 1903 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 18טן יוני 1955.

אין אַ טומלדיקער גרויסער שטוב פֿון דער רעדאַקציע פֿון ניו־יאָרקער „טאָג" זיצט בײַ אײנעם פֿון די טישן אין סאַמע ווינקל בײַם פֿענצטער אַ מאַן, וואָס איז שוין לאַנג נישט מער יונג, אָבער אויך לאַנג נאָך נישט אַלט, אײנער פֿון די שטענדיקע מיטאַרבעטערס פֿון דער צײַטונג, און קלאַפּט זײער לאַנגזאַם אויף אַ שרײַבמאַשין. ער האָט פֿײַנט ווען מען שטערט אים, ער איז אַ „האַנט" און דאַרף געבן אַ גוזמא שורות יעדן טאָג און אַ מינוט געשטערט, איז — צוויי שורות ווערט. דאָס איז ראובן אײַזלאַנד — אײנע פֿון די הויפּטזײַלן פֿון דער גרופּע די „יונגע", וואָס האָבן פֿון גרונט אויף אויפֿגעוויגט די יידישע ליטעראַטור אין די יאָרן אַרום 1910. טאָמער שטערט מען אים פֿאָרט, הייבט ער אויף דאָס קלוגע מידע פּנים פֿון אַ תּלמיד־חכם און גיט אַ שמייכל. ער איז אי צו קלוג און אי צו גוט זיך צו בייזערן. מיט דער זעלבער מינע פֿון אי צו קלוג און אי צו גוט האָט אויך אײַזלאַנד געשריבן. די גוטסקייט האָט אים באַפֿוילן דעם פּלאַץ צו לאָזן פֿאַר אַנדערע און די קלוגשאַפֿט האָט אים געזאָגט, אַז עס איז נישט שײן אײַנצור־רײַסן וועלטן, צו שטופּן זיך מיט די עלנבויגנס. אַנדערע טוען עס שוין און עס קומט זיי אויך גאָרנישט אַרויס דערפֿון — און טאָמער יאָ — דערגרייכן זיי ערשט אויך גאָרנישט. הכּל הבל.

אָט האָט אײַזלאַנד געשריבן דיטיראַמביש־פּאַטעטיש זײַן פּאָעמע „לינ־קאָלן", און אָט האָט ער געשריבן אַזוי שטיל און דין, אַז מען מוז ממש צולייגן די הענט צו די אויערן אַ וואָרט צו דערהערן „איבער אַלע דעכער". מען קען אַ סך און מען וואָלט געקענט נאָך מער. הכּל הבל. „פֿון מײַן זומער" הייסט אַ דין ביכל מיט ווײַסע טאָוולען — דאָס אײנציקע אײַזלאַנדס. איז דאָס די דערגרייכונג? איז דאָס אַ פּראָבע בלויז? איז דאָס אַ צײַגעניש בלויז פֿון קענען און נישט וועלן? איז דאָס אַ שמייכל מיט אַ סך טרויער און אַ ביסל איראָניע פֿאַר די, וואָס רײַסן וועלטן אײַן? אַלץ צוזאַמען.

איך האָב אין ניו־יאָרק געזוכט אַ שעה מיט אײַזלאַנדן און איך האָב זי געפֿונען אַ זייגער צוויי פֿאַר טאָג אין אַ ביליקן נאַכטקאַפֿע בשעת די שטולן זענען שוין געשטאַנען אויף די טישן, ווײַל די מידע קעלנערס האָבן זיך שוין געגרייט אַהיים. געהאַט אַזוי פֿיל צו רעדן מיט אײַזלאַנדן, אַזוי פֿיל — די גלעזלעך קאַווע האָט דער קעלנער מיט אַ געבייזער אַוועקגע־

שטעלט אונטער אַ שטול אויפֿן טיש און אַ קוק געטון אויף אונדז ווי אויף צוויי טשודאַקעס.

געזעגנט האָט מען גאָרנישט — נאָר פֿאַרשטאַנען האָט מען זיך גרינטלעך.

סימבאָל פֿון אײַזלאַנדס לעבן און דיכטונג: ער רעדט אַזוי ווייניק — אָבער ווער עס פֿאַרשטייט, פֿאַרשטייט אַזוי פֿיל...

אין דער קומענדיקער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין דעם קאַפּיטל די „יונגע", וועט דער נאָמען ראובן אײַזלאַנד פֿאַרנעמען אַ גרויסן אָרט.

— איז דאָס די דערגרייכונג פֿון אײַזלאַנדס דיכטער־לעבן?

— (קיין ענטפֿער מיט ווערטער. בלויז אַ מידער, קלוגער, ווינקל־פּנימדיקער שמייכל).

1939

גוסטאַוו־געצל אײַזנער

געבוירן 1886 אין קוטנע, 1920 אין אַמעריקע. רײַזעס איבער צפון־אַמעריקע, אייראָפּע, ראַטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 3טן דעצעמבער 1939.

ווען געצל אײַזנער וואָלט אַ קוק געטון פון יענער־וועלט און געזען, אַז אונטן אויף דער ערד זיצט אַ יידישער שרײַבער און שרײַבט וועגן אים, וואָלט ער דאָס אין ערשטן אויגנבליק נישט פאַרשטאַנען, אָבער שוין אין צווייטן אויגנבליק וואָלט ער דאָס אויפגעפאַסט גאַנץ נאַטירלעך און געוועזן אַרײַנגעלעבט אין דער ראָלע, — אַזוי איז עס, אַזוי דאַרף מסתמא זײַן. קיין פּרעטענסיעס האָט געצל אײַזנער נישט געהאַט, קיין ליטעראַרישע אַמביציעס אויך נישט. אפשר אַ מאָל, אַ מאָל, אין דער פריִער יוגנט ערגעץ.

דאָס איז געווען אַזוי אַרום סוף 1918 — ווען די וועלט איז נאָך געלעגן אין טיפן כאַאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען לינקע פּאַרטייען האָבן נאָך נישט געוווּסט, אַז זיי זענען לינק און רעכטע, אַז זיי זענען רעכט, ווען דער הונגער איז נאָך געלעגן אויף אייראָפּע מיט אַזאַ שווערקייט, אַזוי ווי אַ שווערער, ביטערער ווינטער, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן, כאָטש דער קאַלענדאַר ווײַזט שוין 21סטן מערץ און אָפיציעל איז שוין דער ווינטער געשטאָרבן און עס איז שוין פרילינג...

אין אָט דעם פרילינג, ווען מײַן — דעמאָלט אייין־יאָריק טעכטערל — האָט אָפּט נישט געקענט אײַנשלאָפן פון פּשוטן הונגער און קיין שום שעהען לאַנג״ע לידער האָבן זי נישט געקענט אײַנוויגן, האָט אַ מאָל אַ מענטש אַ קלאַפּ געטון בײַ מײַן טיר אין ווין. שייך אַ קלאַפּ געטון ! דאָס גאַנצע פירשטאָקיקע הויז האָט זיך אַ וואַקל געטון. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און דאָס טעכטערל איז קוים אײַנגעשלאָפן מיט אַ דינעם שלאָף, אַזוי דין ווי דאָס ערשטע אײַז אויף אַ טײַכל, אַ לאַדע ריר און עס איז צעבראָכן אַזוי ווי קיין מאָל נישט געווען. מײַן ווײַב איז געגאַנגען עפענען די טיר און אין דער טיר, אין ליכט פון נאַפטלאָמפּ האָט זיך באַוויזן אַ שטראַלנ־דיקער, איר לאַדזשער לאַנדסמאַן — געצל אײַזנער.

ער איז צופעליק געוואָר געוואָרן דעם אַדרעס, און וואָס גייט אים אָן — נאַכט צי טאָג — ער איז דאָ. און ער איז נישט געקומען ליידיק, ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סעודה. ברויט, צוקער, פּוטער, קעז היימישן, אייער און אָפילו אַ סלאַייזקל מיט באָרשטש. ער האָט נישט געפרעגט קיין דערלויבעניש, ער האָט אָפּגעזוכט געשיר, פאַרשפּרייט אַ טישטעך, אײַנגע־לאַדן אַלעמען צו דער סעודה, גענומען דאָס הונגעריקע קינד אויף די

קני און געקאָרמעט, און דאָס קינד איז געוואָרן מיט אים גוט־פֿרײַנד, כאָטש עס האָט זיך געשראָקן פֿאַר זײַן געשריי, פֿאַר זײַן עלעגאַנטן אָנטון, פֿאַר זײַנע גאָלדענע רינגען אויף די פֿינגער, פֿאַר זײַן פּאָמאַדירטער פֿריזור, פֿאַר דעם פֿולן מויל מיט גאָלדענע ציין, פֿאַר זײַנע גרויסע אויגן פֿול מיט ווילדן געלעכטער און נײַגעריקייט און פֿאַרווונדערונג און ווילן אַ וועלט איבערצודרייען. און איידער מען האָט נאָך די סעודה אָפּגעגעסן האָט שוין געצל באַשטעלט בײַ מיר ווינער קאָרעספּאָנדענצן פֿאַר וואַרשעווער און לאָדזשער ייִדישע טאָגצײַטונגען. און דאָס אַלץ האָט געדאַרפֿט פּאַרטיק ווערן מאָרגן אין דער פֿרי און די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ מוז פּאַרטיק זײַן אין אַ שעה אַרום, ווײַל ער מוז עס שוין אַוועקשיקן, ער וויל עס צולייגן צו זײַן אייגענער קאָרעספּאָנדענץ.

ער איז געווען אַ רעפּאָרטער אין אַ פּאָר ייִדישע צײַטונגען אין פּוילן — און פּוילן איז נאָך דעמאָלט געווען איין שטיק כאַאָס. — און אַזוי ווי ער איז אַרײַן מיט אַ ווינט, געצל אײַזנער, אַזוי איז ער אַוועק מיט אַ שטורעמווינט דרײַ שעה שפּעטער. געוואָלט אונדז אַלע מיטשלעפּן אין אַ קאַפֿע, אין אַ נאַכטלאָקאַל, אַבי געלעבט, הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס.

איבערגעלאָזט דעם אַדרעס און אַוועק. נאָר אַז איך בין אים אויף צו מאָרגנס געגאַנגען זוכן אין האָטעל, איז ער שוין געווען אין אַ שפּיטאָל מיט אַ דורכגעשאָסענער לונג. אין דעם קאַפֿע, וווּ ער איז אַוועק, האָבן זיך צוויי דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן צעשלאָגן און געשאָסן איינער אויפֿן אַנדערן און געטראָפֿן געצל אײַזנערן. נאָר דאָס האָט אים געפֿעלט.

אַ יאָר־צוויי שפּעטער איז אײַזנער אַוועק קיין אַמעריקע, כאָטש אַ פֿעיִקער זשורנאַליסט־רעפּאָרטער, האָט עס אים אָבער געצויגן צו מער אַן אַקטיווער אַרבעט און ער איז געוואָרן אַ שיפּסאַגענט. ענדלעך איז ער געווען דורכויס אין זײַן עלעמענט, ענדלעך האָט ער געהאַט אַזוי פֿיל טומל, וויפֿל ער האָט געמוזט האָבן צום לעבן, טומל פֿון דער לאָדזשער פּעטריקאָווער, ווו ער האָט זײַן יוגנט פֿאַרטומלט מיטן טומל פֿון טײַמס־סקווער פֿון ניו־יאָרק.

וועלכער ייִדישער שרײַבער עס האָט געדאַרפֿט ערגעץ פֿאָרן, צי ער האָט יאָ געלט, אָדער נישט, — געצל, פֿאַר די אייגענע געצל, פֿאַר די פֿרעמדע קונים גוסטאַוו — אײַזנער האָט שוין צוגעשטעלט די שיפֿסקאַרטע. ענדלעך אין עלעמענט, דאָ האָט ער גערעדט גלײַכצײַטיק מיט זיבן מענטשן, אַזוי ווי אַ פֿריזיער, וואָס זייפֿט אײַן זיבן בערד אויף אַ מאָל, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַנטלויפֿן, דיקטירט דרײַ בריוו, גערעדט אויף פֿיר טעלעפֿאָנען און געפֿירט די אַמעריקאַנער געשעפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטי־טוט אין ניו־יאָרק. אָט דער אינסטיטוט, דאָס שטילסטע, וואָס די ייִדישע

קולטור האָט באַשאַפֿן איז געוואָרן ממש אַ מאַנקאָליע אײַזנערס, דעם טומל־דיקסטן ייִדס. פֿאַרן ייִוואָ — אין אַלע זיבן פֿײַערן פֿון גיהנום און אין אַלע דרײַ אָקעאַנען אויף אַ מאָל...

און אָט זע איך אים אין וואַרשע. ער פֿאָרט פֿאַרבײַ, ער פֿירט אַן עקסקורסיע פֿון אפֿשר אַ באַטאַליאָן ייִדן און ייִדענעס קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער דינגט אויטאָבוסן, באַנען, שיפֿן, ער לעבט שוין נישט אין אַ פּשוטן טומל, ער לעבט שוין אין עפּעס אַ סופּערטומל... און אָט ווידער ניו־יאָרק. מיר פֿאָרן ערגעץ אין אַן אויטאָ. ער איז מיד, ער דרימלט צו ביסלעך, ער רעדט צו מיר און עס דאַכט זיך אים, אַז איך בין מאַרקיש און איך מאַך נישט אויפֿמערקזאַם אויפֿן טעות, ביז ער כאַפּט זיך אַליין...

די וועלט דרייט זיך כּסדר אַרום אים... און אָט איז ער קראַנק, ער ווייסט ווי שטאַרק. אַ ראַק אין די לונגען. איך באַזוך אים אין דער היים, אין שפּיטאָל, ער איז פֿריילעך, פֿול מיט טומלדיקע וויצן, מיר דערמאָנען די ערשטע באַגעגעניש און יענעם ווילדן שאָס, וואָס איז סוף־כּל־סוף געוואָרן די אורזאַך פֿון דער קרענק. עס איז נייטיק אַזאַ אָפּעראַציע וואָס האָט נאָר איין שאַנס פֿון טויזנט, געצל ווייסט עס, רעדט וועגן דעם פֿרײַ און ער ריזיקירט. אַן אָט דער ריזיקע וואָלט ער נאָך געקענט לעבן אַ יאָר, צוויי. ער האָט אָבער ליב צו ריזיקירן און אײַנשטעלן און אײַנשטעלן אָט דאָס יאָר, צוויי. און ער האָט עס פֿאַרשפּילט.

אָט זע איך אים ליגן אין קאַסטן מיט אַ מינע אַזוי ווי: — אָט שוין, איך כאַפּ נאָר אַ דרימל, אַ רגע צײַט, אָט שוין גיי איך, לויף איך, טו איך, ייִוואָ, ייִוואָ... ער הערט די טויטן־רעדעס און גיט אַ שמייכל: — איז ער טאַקע טויט? ער, געצל־גוסטאַוו אײַזנער? לאָדזש, וואַרשע, ניו־יאָרק. טויט.

ד״ר אַברהם אײַזען

געבוירן 1909 אין גראַבאָוויעץ, לובלינער געגנט. דעביו־טירט ווי דערציילער אין יאָר 1929 אין וואַרשע. זינט 1936 אַספּיראַנט אין ייוואָ, ווילנע. מיטגעמאַכט געטאָ ווילנע. נאָך דעם דריטן חורבן געוווינט אין מעקסיקע. זינט 1947 אין קאַנאַדע — מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג. גע־שטאָרבן און געקומען צו קבורה אין רעדזשאַינאַ, סאַסקאַ־טשעוואַן — קאַנאַדע, דעם 25סטן דעצעמבער 1958.

איינער פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און טיפסטע און שטילסטע מענטשן צווישן יידישע שרײַבערס — אַברהם אײַזען. נישט קיין הויכער אין וווקס, מיט אַן אָפן פּנים, וואָס שמייכלט אונטער כסדר מיט סוד, אָבער זאָגט דעם סוד קיין מאָל נישט אויס. אַ מישונג פון סלאָוו און סעמיט. אַזאַ פּנים — טו אים אָן אַ באָרד, קען עס זײַן אַ רבֿ, וואָס האָט אַלע מאָל, אַלע מאָל אַ גרייטן מדרש אין שמועס, און עס קען אויך זײַן מיט דער זעלבער באָרד אַ קלוגער סטאַראָסטע אין אַ דאָרף, וואָס האָט אַלע מאָל גרייט אַ גויִיש ווערטל, וואָס איז דאָך אַ האַלבע גמרא. אָבער אָט דער שטילער אַברהם אײַזען איז געווען זייער אַ ספּילטשיווער און האָט זיך געקענט אויף דיר אָפּרײַסן מיט אַ היסטעריש געשריי. דער עיקר אין יענע מאָמענטן, ווען דו האָסט זיך אַנטקעגנגעשטעלט עפּעס, וואָס האָט באַלאַנגט צו אײַזענס מאָראַלישע דאָגמעס.

אַברהם אײַזען האָט געשריבן דערציילונגען, אַפילו צוויי ביכער אַרויס־געגעבן: „שטאָם און צווײַג״ — ווילנע 1936, „מענטשן פון געטאָ״ — ניו־יאָרק 1949. גריבלערישע נאָוועלן און אייגנטלעך מער פּסיכאָאַנאַליטישע עסייען וועגן ייִד און מענטש, וועגן שטאָם און צווײַג — שטאָם איז ייִד, און צווײַג איז מענטש. און אפשר פאַרקערט: שטאָם איז מענטש, און צווײַג איז ייִד? אָט די פּראָבלעמען האָבן אײַזענען קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזן. מער נאָך ווי אין דער היים, אין זײַנע נאָוועלן, עסייען, רעדעס — האָט ער זיך געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען אין דער שטיל און אפשר אין געהיימע שריפטן, וואָס ער אַליין איז געווען זייער שרײַבער און איינציקער לייענער.

אַברהם אײַזענס בוך מיט עסייען: „דאָס גײַסטיקע פּנים פון געטאָ״, מעקסיקע 1950, האָט אין זײַן צײַט אַרויסגערופן אַ סך פּאָלעמיקעס. אײַזען איז דאָרט אַרויסגעטראָטן, ברמיזא מער ווי אָפן, קעגן דעם געטאָ־טאָגבוך פון זעליק קלמנאָוויטש, אין וועלכן יענער האָט מיט הייליקע אַרגומענטן פון ממעמקים פון טיפסטן תהום פון ליידן אַרויס פאַרטיידיקט דאָס ראַטעווען

טויזנט לעבנס פאַר דעם פרײַז פון הונדערט — וואָס סײַ ווי איז עס סוף־כּל־סוף געווען נאָר אַ פאַרבלענדעניש צווישן בערג פון אַש און ימען פון בלוט.
——אויף אָט דעם פונקט, האָט מען אים נאָר אָנגערירט, איז אַברהם אײַזען, וואָס האָט אַליין ווי אַ הייליקער אין שמאָטעס דורכגעמאַכט געטאָ ווילנע, אַרויס פון אַלע זײַנע צוימען. ער פלעגט אין אָט די וויכּוחים זיך אין גאַנצן פאַרלירן, ווײַסער שוים איז אים אַרויסגעטראָטן אויף די ליפן און שטאָט דעם אייביקן גוטמוטיקן שמייכל אין די אויגן — האָט זיך דאָרט אָנגעצונדן העלער וואַנזין. דער גאַנצער וואַנזין פון אונדזער יאָרהונדערט.

און נאָך אַ ממש ווילדע לײַדנשאַפט איז אין אַברהם אײַזענען געווען: ער האָט ליב געהאַט צו לערנען. ממש אַ שיכּרות איז עס בײַ אים געווען. אָט האָט ער, צו זײַנע 48, אויפגעשריבן אַ דיסערטאַציע אויף אַ פילאָסאָפישער טעמע און באַקומען אַ דאָקטאָראַט אין אַן אַמעריקאַנישער אוניווערסיטעט. און אָט שרײַבט ער מיר שוין ווידער אין אַ בריוו פון נאָוועמבער 1958, אַז ער אַרבעט אויף אַ צווייטן דאָקטאָראַט. און די טעמע: רעליגיעזע אידעען אין גאַנג פון די דורות. אַלערליי רעליגיעזע אידעען אין לויף פון דער וועלט־געשיכטע זענען געווען זײַן עולם של־מעלה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט, אַזוי גיך ער איז אַרויס פון דער שולע, וואָרעם ער איז געווען אַ ייִדישער לערער און אַ גוטער לערער. אַז חברים לערערס, און באַזונדערס חברטעס לערערינס, וואָס האָבן בכלל געוואָלט אַרויסווײַזן אויפמערקזאַמקייט דעם אייביקן אײַנגעשפאַרטן בחור, האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט — אײַזענען — אויף זײַן אָפגעלאָזנקייט אין דער הלבשה, פלעגט ער נישט שטאַרק בייז ווערן און נאָר אַ ביסל, און באַלד געווינען זײַן אייביקן שמייכל און זאָגן: — דער עיקר, אַז די תּלמידים האָבן מיך ליב און לערנען זיך עפעס אויס בײַ מיר. און די תּלמידים האָבן אים ליב געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַן אמתער אַלץ־ווייסער און אַ גלייבער אין דעם, וואָס ער האָט געוווּסט און ער האָט ליב געהאַט צו טיילן זיך מיט זײַן וויסן. אַז מען האָט אים איין מאָל אין דער ייִדישער ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל אָנגעבאָטן צו געבן אַ קורס, האָט ער פאָרגעלייגט אַ טעמע: די רעליגיעס פון אָריענט. האָט מען געשטוינט: איר זענט אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט? האָט ער געזאָגט: אפשר... מיט אַ שמייכל, אָבער דער קורס איז געווען אַ ביז גאָר פאַכמענישער.

אַמעריקע איז פול מיט אַלערליי רעליגיעזע סעקטעס. אײַזען האָט זיי אַלע זייער ערנסט אָנגענומען. קאָרעספאָנדירט מיט זייערע אָנפירערשאַפטן. צום מייניסטן האָט אים אינטערעסירט די סעקטע פון די באַהאַי, פאַרשפרייט איבער אַלע וועלטן, וואָס האָט איר הייליקן טעמפל אין חיפה, אַ בנין מיט אַן אמתן גאָלדענעם דאַך אויפן הר־הכּרמל. זומער 1958 האָט אַברהם אײַזען

אָנטייל גענומען אויף אַ פּעדאַגאָגישן קאָנגרעס אין ירושלים און געהאַט דאָרט אַ סך צו זאָגן און וועגן דעם כּינוס — אויך. און אַ וואָגיק וואָרט. ער האָט מיר געשריבן אין זײַן לעצטן בריוו: איך ווייס, אַז איר ווייסט אַ סך וועגן מדינת־ישׂראל, אָבער איך בין אַזוי פול מיט אײַנדרוקן, אַז איך וועל אײַך מוזן אין נאָענטסטן בריוו וועגן זיי שרײַבן. איך מוז מיך מיט עמעצן טיילן... אפשר האָט ער אויך געוואָלט שרײַבן — ווײַל אויך מיך אינטערע־סירן אַלערליי רעליגיעזע סעקטעס — וועגן זײַן עליה צום טעמפּל פון די באַהאַיס, ווײַל אין דעם בריוו שרײַבט ער זייער אַ סך וועגן דער סעקטע. אָבער דער בריוו איז שוין נישט געשריבן געוואָרן.

איינזאַם, כּמעט מיסטיש, ווי ער האָט געלעבט, געשטרעבט, זיך און אַנדערע געלערנט, — קיינער האָט קיין מאָל זײַן פּריוואַטן אַדרעס נישט געוווּסט, נאָר אין שולע, אָדער אַ פּאָסטקעסטל — איז ער געשטאָרבן, אויף אַ באַנסטאַנציע רעדזשינאַ, אויף אַ רײַזע צו דער חתונה פון אַ פּלימעניצע פון וויניפּעג קיין קאַלגאַרי. און זײַן אַדרעס וועט אויך נאָכן טויט, ווי בײַם לעבן, בלײַבן מיסטיש פאַרהוילן...

ד״ר משה יוסף אַלגין

געבוירן 1878 אין אַ דאָרף אין קיִעווער גובערניע. געוווינט פיל יאָרן אין מערב־אייראָפּע. זינט 1914 אין אַמעריקע. רײַזעס — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — קיין רוסלאַנד. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1939.

איך האָב אַלגינען בלויז עטלעכע געציילטע מאָל צופעליק באַגעגנט אין ניו־יאָרק. איך האָב אים באַגעגנט בלויז עטלעכע וואָכן פאַר זײַן טויט. און דאָס וואָס וועט דאָ פאַרצייכנט ווערן איז נישט קיין כאַראַקטעריסטיק — גיכער מעדיטאַציע וועגן אַ פּערזאָן, וואָס איר נאָמען און אײַנפלוס — פּאָזי־טיווער און נעגאַטיווער — שפּרייט זיך אויס איבער צענדליקער יאָרן פון יידישער אַרבעטער־ און קולטור־באַוועגונג.

נאָך אין ווין — אין 1913 — בין איך אַ מאָל מיט פרײַנד געגאַנגען צו אַלגינען, וואָס האָט דעמאָלט דאָרט געוווּלט — און אים נישט געטראָפן און צופרידן געווען דערפון, ווײַל מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַלגין איז זייער אַ שטרענגער קריטיקער און האָט דווקא ליב צו קריטיקירן אין די אויגן, און אַזאַ פּאָעטל, אַ יונגס און אַ נײַנצן־יאָריקס, ווי איך בין דעמאָלט געווען, האָט קוים געקענט פאַרטראָגן קריטיק אַפילו הינטער די אויגן...

איך האָב אים געקענט פון אַ פאָטאָגראַפיש בילד, און אַ מאָל אין אַ זוניקן פאַרמיטאָג, איז ער מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אויף דער ווין־ווינטיק־פרילינגדיקער עליזאַבעט־פּראָמענאַדע. איך האָב אים באַלד דערקענט לויט דער קוטשמע האָר, לויט דער גרויסער נאָז, די ברייטע ליפּן, מיט דעם פּאַק צײַטשריפטן אונטערן אָרעם. עס האָבן אַ בליצל געטאָן אויף מיר די גרויסע אויגנגלעזער אין דער זון — איך בין נאַטירלעך מיט שרעק פאַרבײַגעגאַנגען, כאָטש די שרעק איז נישט געווען באַגרינדעט, ווײַל אַלגין האָט מיך נישט געקענט. — און נאָך אַ מאָל האָב איך אים באַגעגנט מיט 26 יאָר שפּעטער אין ניו־יאָרק בײַם ים אין „סי־געיט״.

אַלגין איז פול געווען מיט ווידערשפּרוכן — ווידערשפּרוכן וואָס אַלע אַרום אים האָבן געפילט און נאָר ער איז אין גאַנצן געווען אימון צו זיי... ער איז געווען אַ דורכויס ליטעראַרישער מענטש און האָט זיך דורכויס און אין דער ערשטער ריי פאַרנומען מיט פּאָליטיק. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און קענער, האָט געהאַט דאָקטאָראַטן און אַלערליי אַנדערע וויסנשאַפט־לעכע טיטלען און ווען נישט די ווידערשפּרוכן, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, וואָלט ער אפשר געווען אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר אין אַמע־ריקע. אָבער מיט זײַן גאַנצער לומדות האָט ער אַזוי געקענט רעדן און שרײַבן

פֿאַר מאַסן, אַזױ זיך אױסגלײַכן מיט זײער גײַסטיקן ניװאָ, אַזױ װי ער אַלײן װאָלט זײַן אײגענע בילדונג געגאַנסן נאָר פֿון זײַנע אײגענע אָפּט פֿלאַך־פּאָפּולערע בילדונגסביכלעך...

ער האָט זײער ליב געהאַט ליטעראַטור, ער איז געװען אַ פֿלײַסיקער לעזער, ער האָט דאָס, מיט אײן װאָרט, זײער ליב געהאַט — ער האָט אָן אַ שיעור געטײַטשט און ציטירט שרײַבנדיק װעגן ליטעראַטור, אָבער ער איז קײן מאָל נישט דערגאַנגען צום תּוך. עפּעס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט אױף דעם געביט אַ רוסישע קריטיקשול, און אָט דעם שאַבלאָן פֿלעגט ער אַלע מאָל צולײגן צו יעדן ליטעראַרישן װערק, װאָס ער האָט קריטיקירט. ער איז אױף דעם געביט נישט דערגאַנגען צום תּוך. זײַן בוך ליטעראַרישע עסײען „אין דער װעלט פֿון געזאַנגען" זאָגט עדות דערפֿון.

ער האָט אַלצדינג געשריבן מיט גרױסער לײַכטקײט, איבער יעדן אָפּגרונט האָט אים אַריבערגעפֿירט די בריק פֿון זײַן זכּרון און גרױסן װיסן. ער האָט יעדן דיסקוטאַנט געקענט ממש פֿאַרשיטן מיט ציטאַטן, אַז יענער האָט זיך בכּלל מער נישט געקענט רירן. ער האָט אָנגעצונדן אין דער װעלט פֿון דער פּאָליטיק אױף דער ייִדישער גאַס די שאַרפֿסטע און ברענענדיקסטע אָפּעקטן קעגן זיך, אָבער ער אַלײן איז געבליבן אָפּעקטלאָז. ער האָט לײַכט זיך געקענט אױף צו מאָרגנס מיט אַ העפֿלעכן שמײכל באַגריסן מיט אַ מענטשן, װאָס ער אַלײן האָט אים ערשט נעכטן צעמאַרשט מיט װערטער... אַזױ װי װערטער װאָלטן געװען עפּעס אַנדערש און מענטשן גאָר עפּעס אַנדערש.

איך האָב אַלגינען באַגעגנט קנאַפּ פֿאַר דעם אױסבראָך פֿון דער צװײטער װעלט־מלחמה. נישט נאָר װעגן פּאָליטיק האָבן מיר נישט גערעדט, נאָר אַפֿילו נישט װעגן ליטעראַטור, מיר האָבן זיך גאָר דערצײלט מיליטערישע אַנעקדאָטן. ער פֿון זײַן דינסטצײַט בײַם רוסישן מיליטער און איך פֿון מײַנע דערפֿאַרונגען װי אַן עסטרײַכישער סאָלדאַט. און בײַ דער טעמע איז עס געבליבן שעהען נאָך אַנאַנד... אַלגין האָט נישט געװאָלט אַװעק פֿון דער טעמע. דער דאָקטער האָט אים פֿאַרשריבן אַלערלײ אָפּהיטענישן פֿאַר זײַן קראַנק האַרץ, און אין באַגעגענישן מיט קעגנערס האָט ער זיך אַלײן פֿאַרשריבן אַ דיעטע, אַ שמועס־דיעטע. בעסער שרײַבן װעגן אַלץ, דאָס רעגט נישט אױף אַזױ, אײדער רעדן. — און דאָך האָב איך — בײַ אַלע פֿאַראורטײלן פֿון אַ דרײַ צענדליק יאָרן — פֿערזענלעך אַװעקגעטראָגן דעם סאַמע מילדסטן אײַנדרוק פֿון אים. אַ גוטער, אָביעקטיװער ביאָגראַף פֿון משה יוסף אַלגין װעט אַ מאָל האָבן אַ דאַנקבאַרע אינטערעסאַנטע אױפֿגאַבע.

א. אַלמי
(65 יאָר — ער, 50 יאָר — זײַן פּען)

געבוירן אין וואַרשע 12טן יאַנואַר 1892. 1912 אין אַמע־
ריקע. געשטאָרבן 24סטן סעפּטעמבער 1963.

א. אַלמי איז אַ וואַרשעווער, אַן אמתער וואַרשעווער, און דאָס אַליין איז שוין אַ שטיקל יִחוס, מחמת דאָס ריזיקע ייִדישע וואַרשע איז געווען אַ צוזאַ־מענגעפּאַרענע שטאָט פון די שטעטלעך אַרום און ממילא איז נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די וואַרשעווער ייִדן — געווען טאַקע דאָרטן געבוירן. געבוירן געוואָרן איז אַלמי אין יאָר 1892, דרײַ יאָר נאָך דעם ווי יצחק לייבוש פּרץ איז, טאַקע פון אַ שטעטל — פון זאַמאָשטש — אַרײַנגעפּאָרן אויף שטענדיק קיין וואַרשע.

אַלמי איז אַלע זײַנע וואַרשעווער יאָרן — ביז 1912, ווען ער איז אַוועק איבער דער וועלט און קיין אַמעריקע — געווען פּרצעס אַ לאַנדסמאַן, און דאָס איז שוין גאָר אַ יִחוס, און ווער שמועסט, אַז ער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דרוקן אונטער פּרצעס רעדאַקציע. און אָנגעהויבן האָט אַלמי מיט לידער און אין תּוך איז ער בײַ דעם געבליבן דאָס גאַנצע לעבן. מער נישט — עס האָט אים כּסדר געצויגן צו עפּעס אַנדערש אויך. און נישט סתּם געצויגן, נאָר עס האָט אים ממש נישט איין מאָל אויף אַ צײַט לאַנג אַפילו פאַרצויגן אין דער פילאָסאָפיע, אין לעגענדע, אין פאָלקלאָר, אין געשיכטע אַפילו, אין זכרונות, אין פּאָלעמיק, אין פּאָליטיק, אין ליטעראַרישע מעדיטאַציעס, אין ביאָגראַפישע גריבלערײַען, אין היפּאָטעזעס און אין אײַנפאַלן — און אַלע מאָל צוריק צום ליד און אָבער אַ מאָל צום ליד און מיט רעכט. און דערבײַ האָבן מיר נאָך פאַרגעסן: דערציילונגען און הומאָרעסקעס, שאַרזשן און פּאַראָדיעס, וואָס אויף דעם געביט איז אַלמי אַ מאידים. אין אַ 25 טעוועלעך זענען די אַלע שרײַבערישע זיגזאַגן אויפגעקליבן. 50 יאָר האָט עס גענומען — זינט דעם יאָר 1907.

דאָ אַנומלט האָב איך געזען אַ קינאָבילד פון דעם לעבן פון דעם מאָלער וואַן גאָג פון דער צײַט פון פּרשת־דרכים אין דער גרויסער פלאַסטישער קונסט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אין פּאַריז. איז דאָ דאָרט אַ סצענע ווי אַן אימפּרע־סיאָניסט שרײַט אַרויס זײַן קרעדאָ צו אַ יונגן מאָלער. שרײַט ער: פאַרלאָז דיך אויף דײַן ערשטן אײַנדרוק — ער איז דער עכטסטער און דער אמתדיקסטער, ער איז דער אמת — —

איז מה ענין שמיטה אצל הר סיני? הערט זשע ווײַטער: מײַן חבר און לערער, דער קדוש, דער הערלעכער דיכטער און לידער־קענער שמואל יעקב

אימבער איז אין יאָר 1911 געוועזן אויף אַ באַזוך אין וואַרשע. געוווינט האָבן מיר דעמאָלט ביידע — אימבער און איך — אין לעמבערג. קומט ער צוריק צו פאָרן קיין לעמבערג און צווישן די נסים, וואָס ער דערציילט מיר וועגן וואַרשע, איז דאָ אַ נס „א. ח. שעפּס", אַ דיכטער, אַ יונג בחורל מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן אייביק, און אַ פריילעכער איז ער און אַ גרויסן קראַוואַט טראָגט ער, אַזוי גרויס ווי אַ סוכּה־פֿויגל פֿון אַן אינדיק־איַי, נאָר מיט שוואַרצע פֿליגלען — און אימבער רעציטירט פֿאַר מיר פֿון אויסנווייניק עטלעכע לידער פֿון דעם דאָזיקן דיכטער. און עס זענען געווען היינעשע לידער מיט אַ צאַרטן ריטעם און מיט שפּילעוודיקע גראַמען און מיט אַ סך ליריזם און מיט נישט ווייניקער איראָניע. לידער מיט אַ פּוענטע, אָדער מיט אַ „כאַפּ", און אימבער האָט אַזעלכע לידער ליב געהאַט דאָס לעבן און ער האָט אַליין אַזעלכע לידער געשריבן. און דאָס איז מײַן ערשטער אײַנדרוק פֿון א. ח. שעפּסן, וואָס האָט זיך צו יענער צײַט אויך שוין גערופֿן „עליאַש" און וואָס האָט זיך שפּעטער אַ נאָמען געגעבן א. אַלמי — און בײַ דעם איז ער געבליבן אין דער ליטעראַטור.

און איך פֿאַרלאָז מיך — אַזוי ווי יענע אימפּרעסיאָניסטן — אויף דעם ערשטן אײַנדרוק און ווען נאָר איך זע אַלמיס אַ נײַ ווערק, אָדער לייען זײַנס אַ נײַ בוך, דערהער איך די וואַרעמע, חברישע, לידער־באַגײַסטערטע שטים פֿון שמואל יעקב אימבער און דערהער יענע לירישע לידער. און כאָטש יענע שפּילעוודיקייט אין אַלמיס לידער איז שוין לאַנג אַוועק — איז אָבער געבליבן דער ריטעם און די קלאָרקייט און די דינע איראָניע און דער ליריזם און דער „כאַפּ", ווי אימבער האָט אויף ייִדיש איבערגעזעצט דאָס וואָרט „פּוענטע".

און אויב מיר שרײַבן דאָ נישט קיין רעצענזיע און אויך נישט קיין קריטישע אָפּשאַצונג, און נישט קיין ליטעראַרישן קווערשניט איבער אַ דיכטערס ווערק — און נײַערט אַן אינטימען פּענפּאָרטרעט — לאָמיר פֿון דעסטוועגן סתּם אַזוי אַרײַנפּלעכטן אַ ליד, אַלמיס אַ ליד, איינס פֿון זײַנע פֿינף לידער־זאַמלונגען, די פֿון יאָר 1954, וואָס ער רופֿט זי ביטער „לעצטע געזאַנגען". און עס גיבן זיך באַלד אַליין אַ מיש די אַנדערע זאַמלונגען מיט אַ טענה: פֿאַר וואָס נישט פֿון אונדז? נעם איך מישן צווישן זיי. און איך שטעל מיך אָפּ אויף לידער אַ סך, וואָס זענען מיר צום האַרצן, ווײַל איך בין נאָך אַלץ אימבערס תּלמיד אויפֿן געביט פֿון פּאָעזיע. און עס גייט מיר באַלד ווי איינעם, וואָס דרייט דעם קאָנטאַקטקנאָפּ פֿון אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. צענדליקער ראַדיאָ־סטאַנציעס שטופּן זיך צום הילכער און ווילן געהערט ווערן... און עס איז אַ דילעמע. דעצידיר איך, אַז אַזוי ווי קיין סך פּלאַץ צו ציטירן האָב איך דאָ נישט, וועל איך ציטירן דאָס קלענסטע ליד. לויפֿט אונטער אַ ליד אין צוויי סטראָפֿעס און געווינט די ציטירשפּיל. און אָט איז עס:

איטלעכער מענטש איז אַ נביא,
וואָס מוסרט און שטראָפט זיך אַליין,
יעדע וואַנט איז אַ כּותל־מערבי,
וואָס יאָמערט מיט אונדזער געוויין.
אַזוי ווי דעם נביא זכריה —
מיר טויטן דעם נביא אין זיך;
רויִשט זײַן בלוט — אַ רויט־פלאַמיקע אַריע —
אין קדשי־קדשים פון איך.

איך האָב געקענט אַלמיס פאָטער — דעם באַרעדעוודיקן וואַרשעווער חיט. אין פּנים זייער ענלעך צו זײַן זון. ער פלעגט זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן אין ליטעראַטן־פאַראיין צו כאַפּן מיט מיר אַ „מוטל״ — אַ שמועס אין מיטן העלן טאָג, הייסט אַזוי אויף וואַרשעוועריש. דאָס ערשטע מאָל איז ער אַרויפֿ־געקומען מכּוח פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון זײַן זון, וועמעס ביכער האָבן זיך געדרוקט אין וואַרשע און אַזוי ווי ער אַליין איז אין אַמעריקע, האָט מען געדאַרפט פרעגן עצות, זיכער מאַכן קאָנטראַקטן. אָבער אַז די געשעפטן — מישטיינס געזאָגט — האָבן זיך אויסגעלאָזט, פלעגט דער טײַערער עמך־ייִד סתּם אַזוי אַרײַנקומען. דער עיקר האָט אים אינטערעסירט צו וויסן ווי עס שטייען די אַקציעס פון זײַן זון אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור און אַז איך האָב אים צוגעטראָגן אַ נײַע רעצענזיע, אַ נאָטיץ וועגן אַלמין — פלעגט ער וועגן און מעסטן און זעלטן אין גאַנצן צופרידן זײַן. ער האָט געפאָדערט מער. געהאַט טענות. בײַ יעדן דיכטער־טאַטן איז זײַן זון **דער** דיכטער.

אַלמי איז אַ וועגעטאַריער און אַ ספּינאָזאַ־חסיד — און אויך דער שרײַ־בער פון די שורות איז געכאַפּט אין ביידע די מעשׂהס. אַלמי האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר דערוועקט אַ גאַנצע סענסאַציע אין דער וועלט פון די ספּינאָזיסטן מיט זײַן טעאָריע־היפּאָטעזע, אויפן יסוד פון טיפער אַרײַנדרינגען אין די אומשטאַנדן פון ספּינאָזאַס פּריצײַטיקן טויט, אַז דער פילאָסאָף איז אומגעבראַכט געוואָרן פון זײַנע קעגנערס. אויך דער שרײַבער פון די שורות האָט אַ מאָל אַרויסגעזאָגט אַ השערה — שטיל און מיט רמזים — אַז ספּינאָזאַ האָט זיך אַליין אַ מעשׂה אָנגעטון — צוליב זײַן חכמה און צוליב נישט וועלן שטאַרבן אין פּײַן, ווײַל סײַ ווי האָט ער שוין אַלץ דערגרייכט און גאָרנישט מער געהאַט פון זײַן לעבן צו דערוואַרטן.

אָבער אַלמי איז אַלע מאָל דראַמאַטיש און אויך אַלע מאָל מיט אַ ביסל חשד — איז זײַן השערה דעריבער געווען — אַטענטאַט... און איין אַטענטאַט איז דאָך טאַקע אויפן פילאָסאָף אויסגעפירט געוואָרן נאָך אין זײַן 24סטן יאָר. פון מײַן השערה־רמז, ערגעץ אין אַן אַרטיקל, צווישן די שורות, האָט אַלמי

סײַ ווי קיין אַנונג נישט געהאַט. יאָ, אַלמי איז אַלע מאָל אַ ביסל מער דראַמאַטיש ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ליריקער. און דווקא אויפֿן געביט פֿון דראַמע האָט ער — דאַכט זיך — קיין מאָל זײַן פּעדער נישט מטריח געווען.

און ווי די זאַך זאָל נישט זײַן: איך בלײַב סײַ ווי בײַ מײַן ערשטן אײַנדרוק — אַזוי ווען אַלמי איז אַכצן יאָר אַלט געווען — און אַזוי מסתּמא ווען ער וועט פֿיר מאָל ח״י אַלט זײַן.... פֿאַר מיר איז ער קודם־כּל דער פּאָעט. און איך — אויף זײַן אָרט — וואָלט נישט געקומען צו דער וועלט מיט אַ טענה־טיטל אויף אַ לידער־זאַמלונג: „לעצטע געזאַנגען״, נאָר גיכער וואָלט איך געקומען מיט אַן איינס־אין־איינס־אויסקלײַב פֿון מײַנע לידער, מיט אַ האָפֿערדיקן טיטל: „פֿון מײַנע פֿריִע ביז מײַנע שפּעטע געזאַנגען״ — — און איך וואָלט זיי רעקאָמענדירט פֿאַר היים און עסטראַדע — ווײַל אַלמי איז אָפּט זילבער מיט גאָלד — פֿאַר רעציטירן — און פֿאַר שול־כרעסטאָמאַטיעס און סתּם פֿאַר לידער־ליבהאָבערס אין ייִדיש.

דאָ אַנומלט זענען מיר געזעסן אין אַ קלײנער מסיבה פֿון חברים אין ניו־יאָרק, ערגעץ אויף אַ צענטן־צוועלפֿטן גאָרן און מיר האָבן גערעדט מיט אַלמין — וועגן וואָס רעדן ייִדישע שרײַבערס? וועגן היה, הווה און יהיה... מיד, שטיל, לאַנגזאַם — האָט געצויגן אַלמי זײַן טענה צו גאָט, מענטש, ייִד און חבר אין דער ליטעראַטור. און איך האָב געטראַכט און געזאָגט און זאָג עס דאָ נאָך אַ מאָל: טענה — אַוודאי, עס איז ייִדיש, עס איז אור־ייִדיש. אָבער יעדע טענה מוז זיך ענדיקן מיט אמונה בין אדם למקום און אויך בין אדם לחברו. אַזוי האָט דער בעל־איוב געענדיקט זײַן ספֿר, און קהלת — זײַן ספֿר, און שפּינאָזאַ — זײַן עטיק. וואָרעם דער מענטש גייט כּסדר אַרויף און דער ייִד אַלע מאָל איין שריט, איין קליין שריטעלע אַרויפֿער...

אַלמי האָט מיך אָנגעקוקט און איך בין זיכער, אַז ער האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט זײַן ליד „איך בין קיין שטילער נישט...״. זענט איר דאָך בײַגעריק, וואָס פֿאַר אַ ליד דאָס איז. זײַט זשע זיך מטריח און זוכט עס אין אַלמיס בוך פֿון יאָר 1923 „בײַ די ראַנדן״. דאָרט איז עס דאָ אויף זײַט 73. לידער זענען — אַגב — דאָ אויף צו לייענען און נישט אויף צו שלאָפֿן צווישן טעוועלעך.

מרדכי אַלפּערסאָן

גענבוירן 1867 אין לאַנצקאָרון אין רוסלאַנד. 1891 אין אַרגענטינע, געשטאָרבן 25סטן יולי 1947.

מען טאָר קיין מאָל נישט אָננעמען קיין „אָנגענומענע מיינונגען", איך האָב עס מיך אַן איבעריק מאָל אָט אָ די רגע איבערצײַגט. אָט אָ גיי איך שרײַבן אַ קאַפּיטל וועגן מרדכי אַלפּערסאָן, איינעם פון די דערווײַל באַרימטסטע אַרגענטינער ייִדישע שרײַבערס. אויף מײַן טיש ליגט זײַן הויפּטווערק „דרײַסיק יאָר אין אַרגענטינע" — אַ ווערק, וואָס איך האָב עס ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק ווידער איבערגעלייענט „מדאַסקי לדאַסקי". פּאַרן שרײַבן ווילט זיך ווידער אַ בלעטער טון, נאָר פּאַרן בלעטערן איז אין קאָפּ שוין פאַרטיק דער ערשטער זאַץ: מרדכי אַלפּערסאָן איז נישט קיין שרײַבער ...ער שרײַבט עס דאָך בפירוש אַליין אין זײַן הקדמה, אין דער זעלבער הקדמה, ווו ער זאָגט, אַז ער האָט זײַן פּען געטונקען אין טרערן פון זײַנע אויגן און אין בלוט פון זײַנע חברים, די עמיגראַנטן...

נו, ווי קאָן אַ שרײַבער אַזוי שרײַבן? און עס בלעטערט זיך איבער די בלעטלעך, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג אַזוי זשעדנע געלייענט, ווײַל זיי זענען אַזוי אינטערעסאַנט און מען טרעפט אָן אַזאַ מין שילדערונג: „פון די פּאַלאַטקעס איז גאָרנישט געבליבן. (נאָכן שטורעם. מ.ר.) עטלעכע נאַקעטע אָפּגעוואַשענע סלופּעס. זיי האָבן געהאַלטן אָנגעבויגן די קעפּ און אַרײַנגעקוקט אין די קאַלוזשעס, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט די פּעדערנע קישעלעך". און אַזעלכע הויכקינסטלערישע שאַרף־קורצע שילדערונגען זענען אין אַלפּערסאָנס ווערק פאַראַנען אין די טויזנטער, און דאָס בוך, וואָס ליגט פאַר מיר, איז גראָד נישט די דורך נאָמבערגן דורכגעזעענע אויסגאַבע, נאָר די אָריגינאַלע פון אַרגענטינע.

דאַרף מען שוין אויסמעקן אין קאָפּ די ערשטע פראַזע, וואָס וואָלט דורכויס פאַלש געווען, און אויף איר אָרט אָנשרײַבן אַזוי:

מרדכי אַלפּערסאָן, דער מחבר פון איינעם פון די קאַפּיטאַלע ווערק אין ייִדיש, פון דעם עפּאָס פון דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע — איז אַ געמיש פון פּראָזאַיִקער און מעמואַרן־שרײַבער. צו גרויס איז געווען די לאַסט, וואָס די ייִדישע געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון זײַן נישט צו שטאַרקן ליטעראַרישן טאַלאַנט. און אַז ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן — און עס איז געווען ויתרוצצו אין קאָפּ מחמת דער געוואַלדיקער טעמע, מיט וועלכער ער איז שוואַנגער געוואָרן, האָט ער געטונקען די פּען אין טרערן און אין בלוט און האָט זיך מיט סענטימענטאַלע טיראַדעס אַריבער־

געגליטשט אויף דעם נאַסן באָדן איבער די געפּערלעכע ערטער, ווו ער האָט נישט געקענט אַריבער מיטן בלויזן טאַלאַנט.

וויכטיקע ווערק האָבן צײַט. שוואַכע יאָגן זיך. איך בין זיכער, אַז מען וועט אַלפּערסאָנס ווערק אין אַ באַאַרבעטונג פאַר יוגנט מיט דער צײַט לערנען אין אַלע ייִדישע שולעס איבער גאָר דער וועלט. עס איז אַן אוממי־טלדיק און איבערגעלעבט ווערק, עס איז נישט קיין ווערטערווערק, עס איז אַ לעבנסווערק — אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט: אַ לעבנסווערק — און נישט אומזיסט האָט עס טאַקע אַלפּערסאָן געשריבן אין פריִען אָסיען פון זײַן לעבן.

איך האָב אַלפּערסאָנען געטראָפן אין דער היים פון זײַן ייִנגסטער טאָכ־טער אין בוענאָס־אײַרעס, ווו ער פאַרברענגט די ווינטערן פון זײַן זאַטער און פאַרדינט־גוטער עלטער. אָבער ער צעשיידט זיך נישט מיט זײַן קאָלאָ־ניסטישן הויז און פעלד, דאָרט וווינט ער, מער פון איבערצײַגונג און פויערישער עקשנות, ווי נויטווענדיקייט. זײַנע קינדער זענען פאַרשפּרייט אין לאַנד, דאָס ווײַב, וואָס איז מיט אַזוי פיל יוגנטלעכן סענטימענט באַשריבן אין זײַן בוך, שוין אויף יענער־וועלט. און די גאַנצע קאָלאָניע, ספּעציעל די דאָזיקע קאָלאָניע „מאָוריסיאָ” איז אויך שוין באַלד אויף יענער־וועלט, אויס־געלייזט בײַם „באַראָן” און פאַרקויפט צו די שכנים.

אין אַלפּערסאָנס ווערק האַלט מען אין איין רײַטן אויף פערד און פירן דעם אַקער און פאַר מיר איז אַ קרעפּקער און זייער מאָגערער ייִד מיט אַ פּנים, צעאַקערט פון זון און ווינט, און הענט וואָס זאָגן עדות, אַז זיי האָבן אַ סך אָפּטער געהאַלטן אַ בײַטש, אָדער אַן אַקער ווי די פען.

אָבער פאָרט מער שרײַבער ווי פויער, אַ ייִדישער פויער, וואָס האָט אייביק געדענקט, אַז אַ ייִד דאַרף קענען זײַן אַ פויער. אָבער אין בלוט איז געווען מער שרײַבעריש ווי פויעריש — איך קען אַן אייניקל פון אַלפּערסאָן, פרוי רעבעקאַ מאַקטאַס־פּאָלאַק, זי איז אַ שפּאַניש־ייִדישע שרײַבערין און נישט קיין פויערטע. דאָס לעבן גייט נישט נאָך דער פען — די פען גייט נאָך דעם לעבן.

מיר זופּן מאַטע און מיר שווײַגן זייער אַ סך און שווײַגנדיק טראַכט איך מיר: אין מערערע הונדערט יאָר אַרום וועט דער אַרגענטינער ייִשוב שוין זײַן אַלט ווי דער פּוילישער איז הײַנט, אָבער ער וועט זײַן אַ ייִשוב מיט אַ מעטריקע און דער דער שרײַבער פון אַ מעטריקע פון אַ גרויסן ייִשוב זיצט דאָ איצט מיט מיר און זופּט מאַטע און ווייסט נישט ווער ער איז און וויל מיך דווקא איבערצײַגן אין דעם, אַז ער איז אַ דראַמעס־שרײַבער גאָר... און איך טראַכט מיר, ווי ווונדערלעך עס וואָלט געווען, ווען אין די צײַטן פון קאַזימיר דעם גרויסן וואָלט געלעבט אַזאַ ייִד ווי מרדכי אַלפּערסאָן און

וואָלט אונדז איבערגעלאָזט אַזאַ פּאַטעטישע מעטריקע פון דעם גוואַלדיקן פּוילישן ייִשוב.

פּויערים זענען אַלע מאָל אַ ביסל כיטרע, ייִדן — אויך, שרײַבער — אויך, און אַ ייִדישער פּויער־שרײַבער אַוודאי. אַלפערסאָן קוקט מיך אָן בײַם געזע־געגענען מיט אַ בליק פון אַ ייִדישן פּויערים־שרײַבער און הייסט מיר איבער־לייענען אַלע זײַנע דראַמעס און דערציילונגען. איך קוק אים אָן מיט אַ בליק פון גלאַט אַ ייִדישן שרײַבער און זאָג צו, אָבער איך וועל נישט האַלטן וואָרט, וואָרעם דאָס איז אַ געזעץ, אַז צוויי מאָל קען אַ מענטש נישט אויפ־שרײַבן אַ לעבנסווערק — און דאָס איינע אמתע לעבנסווערק פון מרדכי אַלפערסאָן האָב איך שוין געלייענט.

1938

דוד אָפּאַטאָשו

געבוירן 1917 אין ניו־יאָרק. 1922 מיט די עלטערן באַזוכט פּוילן. וווינט אין ניו־יאָרק. זון פון יוסף אָפּאַטאָשו.

אין 1922 איז יוסף אָפּאַטאָשו געקומען פון אַמעריקע קיין פּוילן מיט אַן אימפּעט פון אַ וואַלדהעקער צו האַקן דעם גוואַלדיקן דערפּאָלג פון זײַנע „פּוילישע וועלדער", אַ דערפּאָלג, וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור געהאַט זײַנס גלײַכן אפשר נאָר אין די צײַטן פון דעם „פּוילישן יינגל", אָדער דעם „שווארצן יונגן־מאַנטשיק". געקומען איז דעמאָלט אָפּאַטאָשו „נאַשפּיץ", פּריציש, געקומען מיט ווײַב און קינד. זײַן שיינע פרוי אַדעלאַ, אויך אַ פּוילישע, און טאַקע אַ מלאָווערין, פּונקט ווי אָפּאַטאָשו, איז מיטגע־קומען, אַ בלאָנדע און מיט אַ קאָפּ צעשטראַלטע לאָקן און מיט אַ צעשטראַלטן שמייכל אויפן פרישן פּנים און מיט אַ פול מויל זאַפטיקן פּוילישן יידיש. און מיט אַדעלאַ און יוסף אָפּאַטאָשו — דוד, דער יורש, אַן אַמעריקאַנער געבוירן קינד, אַ רעפּרעזענטאַנט פון דעם גרויסן רעטעניש, וואָס רופט זיך: צווייטע יידישע אַמעריקאַנער גענעראַציע. און גערופן האָט מען אים און האָט ער זיך דודל.

פון קיין דעוויד האָט ער נישט געוווסט. ער האָט באַקומען אַ גראָדליניקע דערציִונג, אַ דערציִונג אויף צוויי רעלסן, אַזוי צו זאָגן. צוויי רעלסן: יידיש און ענגליש. וואָס לויפן גלײַך און ביידע אין איין ריכטונג — די גראָדליניקע דערציִונג פון אַן אַמעריקאַנער ייִד, אַזוי ווי יוסף אָפּאַטאָשו, דער גראָדליני־קער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט, אַז עס דאַרף צו זײַן. בײַ דעם הויכן אינ־טעלעקטועלן סטאַנדאַרט און בײַ זײַן גאַנצער ברייטער אויסבילדונג איז יוסף אָפּאַטאָשו אַ פּראָסטער גוט־שבת אין קאָמפּליצירטע לעבנס־מאָמענטן.

וועגן דודל אָפּאַטאָשו פון יענער צײַט ווייס איך כמעט גאָרנישט, אַפילו נישט קיין איינציקן אַנעקדאָט. איך געדענק נאָר פון יענער צײַט אויף אַזוי פיל די פּראָבלעם דוד אָפּאַטאָשו, אויף וויפל עס איז זייער אָפּט געווען אַ פּראָבלעם פון אַוועקפירן שלאָפן דאָס צעגענעצטע יינגעלע מיט דער געטייל־טער טאַטע־מאַמע־ענלעכקייט, ווען מען איז זיך צו לאַנג פאַרזעסן אין דער נאַכט אַרײַן ערגעץ בײַ פרײַנד, אָדער אַ לעקציע. מער קיין דוד אָפּאַטאָשו־פּראָבלעמען פון יענער צײַט געדענק איך נישט.

מיט אַ פּאָר יאָרן צוריק האָבן זיך גענומען ווײַזן אין צײַטונגען קליינע, קראַפטפולע דערציילונגען אונטערגעשריבענע פון דוד אָפּאַטאָשו. אַ סימן, אַז מען דאַרף אויסמעקן אין זכרון דודלען און פאַרשרײַבן: דוד. אין אַ בריוו צו יוסף אָפּאַטאָשו האָב איך וועגן דעם געשריבן: דוד אָפּאַטאָשו איז

נישט נאָר אַ יונגער טאַלאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ער איז אַ סימבאָל, אַ װעגװײַזער פֿאַר די, װאָס קענען זיך נישט קײן עצה געבן מיט דעם ייִדיש־ און ייִדישקײט־פּראָבלעם אין אַמעריקע. דאָס װאָס איז מעגלעך בײַ רב־ישׂראל איז מעגלעך בײַ כּלל־ישׂראל. דעמאָלט האָט מיר אָפּאַטאָשו טאַטיש־שטאָלץ און מיט אַ געבײזער צוריקגעענטפֿערט: זײ פֿרעגן מיך, די טיפּשים, פֿאַר װאָס דוד שרײַבט ייִדיש, פֿאַר װאָס ער שרײַבט־נישט קײן ענגליש. אַ בראָך. װי דען זאָל ער שרײַבן?

װען עס האָבן זיך באַװיזן דוד אָפּאַטאָשוס ערשטע דערציילונגען אין ייִדיש, בין איך געװען אַ ייִדיש־לערער אין אויסטראַליע. איך האָב עקספּע־רימענטירט מיט די נאָװעלן, געגעבן זײ מײַנע עלטערע שילערס צו לײענען. זײ זענען זײ זײער שטאַרק געפֿעלן, דער עיקר האָט בײַ זײ, אויפֿגעװאַקסענע אין אַן ענגליש־רעדנדיקער אַטמאָספֿער, אויסגענומען דער עכטער ייִדיש, װאָס איז אויך אויסגעװאַקסן אויף דעם ענגלישן שפּראַך־באָדן. אויך אין דעם פּרט — האָב איך דעמאָלט געטראַכט — קען מען דאָ עפּעס לערנען.

אָבער דוד אָפּאַטאָשו װיל נישט זײַן קײן שרײַבער. ער װיל זײַן אַן אַקטיאָר. פּונקט װי זײַן טאַטע אַ מאָל. אָבער זײַן טאַטע איז נישט מוזיקאַליש און שטאָט אונדז צו װערן אַן אַקטיאָר, איז ער אונדז געװאָרן אַ שרײַבער. גם־זו־לטובה... דוד אָפּאַטאָשו נעמט זײַן אַקטיאָרישע קאַריערע ערנסטער װי זײַן טאַטע. אויך גאָט נעמט עס ערנסטער אין דעם זינען מיט אים. ער האָט אים געגעבן אַ געשטאַלט, בויגיק װי אַ זאַנג, און פֿול מיט מוזיק, װי אַ זאַנג אין פֿרימאָרגן־װינט.

דוד אָפּאַטאָשו מוז קעמפֿן פֿאַר זײַן אַקטיאָרישער אידעע־פֿיקס אין זײַן טאַטע־מאַמעס שטוב פּונקט װי אַ מאָל. פֿריִער האָט ער געסטראַשעט מיט אַנטלויפֿן, שפּעטער האָט ער זיך אַלײן פֿאַרשריבן אין אַ דראַמאַטישער שול און איצט האָבן שוין טאַטע־מאַמע שלום געמאַכט מיטן גורל. איך האָב דודן אין דער ראָלע פֿון אַן אַקטיאָר געטראָפֿן אין דעטראָיִט װי אַ מיטגליד פֿון אַ קלײנעם אַנסאַמבל פֿון דעם פּראָלעטאַרישן „אַרטעף״־טעאַטער. זאַלבע פֿערט זענען זײ געװען און אויסגעפֿירט האָבן זײ אַ קלײנקונסט־פּראָגראַם. גאָט, װאָס האָט שאַפֿנדיק אָפּאַטאָשון פֿאַרגעסן צו פֿאַרצוקערן זײַן װעזן מיט אַ ביסל מוזיק, האָט זיך דערמאָנט אין זײַן פֿעלער בײַ דודן און אים ממש איבערגעצוקערט מיט דעם שטאָף. גראַציעז װי פּרצעס מאָניש איז ער אויף דער בינע — און ער גײט נישט, נאָר ער שפּרינגט, און ער רעדט נישט, נאָר ער זינגט. װער עס װעט דאָ װעמען אַריבערשפּרינגען, דער שרײַבער דעם אַקטיאָר, און װער װעט דאָ װעמען אַריבערזינגען, דער אַקטיאָר דעם שרײַבער — װײס איך נישט. דערװײַל זענען זײ בײדע בויגיק און יונג און גרין און חנעװדיק װי אַ יונג בײמל.

1940

יוסף אָפּאַטאָשו

געבוירן 1887 אין מלאַווע. 1905 אין פּאַריז, 1907 — ניו־יאָרק. רײַזעס: פּוילן, ראַטן־פאַרבאַנד, פּאַלעסטינע. געשטאָרבן פּלוצעם, מוצאי יום־כּיפּור, 1טן אָקטאָבער 1954.

אָפּאַטאָשו איז נישט קיין דיקטאַטאָרישע נאַטור, אָבער אַ קאָמפּראָמיסלאָזע נאַטור איז ער יאָ. כאָטש װעלכער קאָמפּראָמיסלאָזער מענטש מאַכט דאָס נישט קיין קאָמפּראָמיסן? אַז ער גייט אויף דער גאַס און עס איז אַ טאָג און אַ שעה, װען ער איז ער — גייט ער גלײַך פאַר זיך, כאָטש שטעל אים אונטער װענט, ער האַלט די הענט פאַרלייגט אויף אַהינטער, אָבער אָפט אונטער די פּאָלעס פון מאַנטל, נישט װי נאַפּאָלעאָן, נאָר גיכער װי אַ ישיבה־בחור, װאָס שפּאַנט אַהין און צוריק איבער אַ בית־המדרש װען ער האָט עפּעס אַ האַרבע קשיא צו פאַרענטפערן.

אָפּאַטאָשו איז אַלע מאָל ערנסט, אַלע מאָל פאַרטראַכט, גרייט אָנצוהייבן גרויסע װערק, סײַ אייגענע, סײַ פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. אַלע מאָל אומצופרידן סײַ מיט זיך, סײַ מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, װי אַלע גרויסע שאַפערס, װי אַלע גרויסע פאַרזאָרגטע טאַטעס. ער איז נישט צופרידן מיט זײַנע אייגענע העלדן, ער האָט זיי אין די הונדערטער, אָבער ער האָט נישט קיין איינעם. ער האָט שוין אויסגעמאָסטן דאָס ייִדישע לעבן אין דער ברייט און לענג, אָבער ער קען אים נישט געפינען, ער טונקט זיך אַלע מאָל טיפער אונטער אין דער ייִדישער געשיכטע, אָבער ער קומט אַרויס אויף דער אייבער־פלאַך מיט פולע הענט, אָבער דאָס האַרץ איז נישט פול.

אָפּאַטאָשוס בעסערע און בעסטע װערק נעמען דיך אָן בײַ די לאַצן און זאָגן דיר, װי מען זאָגט אַלע מאָל אָן ערנסטע װאָרענונג: דאָס לעבן איז טיפער װי דו מיינסט, און דו װייסט נאָך אַלץ גאָרנישט װעגן דעם. אַזוי איז אויך אָפּאַטאָשו שבעל־פּה. מיט דעם טאָן, װאָס איז נאָר זײַנער, כאָטש ער איז נישט מוזיקאַליש, װעט ער דיר אַלע מאָל און אויף אַלץ האָבן עפּעס צו זאָגן און צו װאָרענען: אַלע מאָל עפּעס װוּנדערלעכס, װאָס האָט אייביקן צוזאַמענהאַנג אין זיך. דערפון נעמט זיך, װאָס דער אַבסאָלוט אומרעליגיעזער אָפּאַטאָשו האָט אַזאַ ריזיקן רעליגיעזן װיסן און אַזאַ פאַרשטענדעניש צו דעם — אייביקייט־צוזאַמענהאַנגען אין די קלענסטע געשעענישן פון טאָג. אָפּאַטאָשו איז אַ זעער און פאַרשטייער, אָבער נישט קיין הערער. װען דו רעדסט צו אים, קוקט ער דיך אָן, קוקט ער דיך דורך און פאַרשטייט װאָס דו מיינסט, װייס שוין פון פאָרויס דעם סוף פון דעם, װאָס דו גייסט אים זאָגן, אָבער ער הערט דיך נישט. ער פאַרטראָגט נישט דאָס הערן.

אָפּאַטאָשו האָט פֿײַנט גראָבע יונגען, האָט מער אַכטונג פֿאַר דעם גרויסן װײסער װי פֿאַר דעם גרויסן קענער. ער באַרימט זיך נישט מיט זײַן װיסן, ער איז דאָך אַבסאָלוט אָן יעדער פּאָזע, נאָר ער לאָזט פֿילן, אַז ער װײסט. ער מאַכט אַוועק דעם נישט־װײסער אין זײַן געזעלשאַפֿט, װי מען שאַרט אַראָפּ אַ ביסל אַש פֿון טיש, ער בלאָזט אים אַוועק. דערפֿאַר האָט ער שונאים. אָבער ער קען נישט אַנדערש, װײַל ער קען די אײביקע צוזאַמענהאַנגען און ער װײסט, אַז אַ שרײַבער, אַ קינסטלער, װאָס האָט נישט אײַנגעזאַפּט אין זיך די פֿאַרגאַנגענהײט איז נישט קײן בוים, נאָר אַ בלועמנטאָפּ־פֿלאַנץ. און אָפּאַטאָשו איז טיף װאָרצלדיק און סאָליד, אפֿשר דער סאָלידסטער בײַ אונדז, כאָטש די צװײַגן פֿון זײַנע צװײ צענדליק ביכער גרײכן נישט אַזוי װײַט און ברײט װי שלום אַשעס.

מיט די הענט פֿאַרלײגט אויף הינטן, אונטערן מאַנטל, מיט די אויגן אין זיך געקערט, מיט דער גאָמבע קעמפֿעריש פֿאָרויס, װעט ער נאָך אַ מאָל פּלוצלינג און אומגעריכט דורכשלאָגן מיט דעם אײַנגעשפּאַרטן קאָפּ די װאַנט, װאָס שטײט צװישן אים און זײַן גרויסן העלד און װעט אים דאָרט ענדלעך געפֿינען, דעם העלד, די סינטעזע פֿון ייִדישקײט און מענטשלעכקײט.

1938

כיל אַראָנסאָן

געבוירן אין יאָר 1900 אין שטעטעלע מאַקעוו, פּוילן. אין די צוואַנציקער יאָרן אַוועק קיין פּאַריז, דאָרט דורכגעמאַכט אַלע שיבעה־מדורי־גיהנום. דאָרט געשטאָרבן נאָוועמבער 1966.

אַלץ איז בײַ דעם גרויסן — אפשר גאָר גרעסטן קענער פון דער פּלאַסטישער קונסט בײַ ייִדן געווען אומגלייבלעך פון איין זײַט און רעאַל און דערגרייכבאַר פון דער אַנדערער זײַט. זײַנע אויסטערלישע געגנג האָבן אים באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. זײַן משפחה־נאָמען איז געווען פּראָסט און פּשוט: יחיאל אַראָנסאָן. אָבער אַראָנסאָן האָט עס נאָך פּשוטער געמאַכט: כיל. אין פראַנ־צייזיש האָט מען אים גערופן: שיל — שיל אַראָנסאָן. ער אָבער האָט וועגן די נאַרישקייטן נישט געטראַכט. ער איז געווען פאַרטאָן אין קונסט בכלל און ייִדישער קונסט בפרט. ער איז נישט געווען סתם אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון קונסט בכלל און בײַ ייִדן בפרט. ער האָט פאַנאַטיש געדינט צו דער קונסט. צי די געטין פון דער קונסט האָט אים כאָטש אַ ביסל אָפּגעדינט זײַן גרויסע ליבע צו איר — און ווי אַזוי — דאָס ווייס איך נישט.

איך האָב אים ווייניק געקענט — אָבער דאָס ביסל שטאַרק געדענקט. ער איז קיין מאָל נישט צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן. ער האָט אַלע מאָל ווי אַ שאָטן געוואָרט ביז יענער וועט צו אים צוגיין. צײַט האָט ער אַלע מאָל געהאַט. אַלע זײַנע פּראָבלעמען זענען געווען קונסטפּראָבלעמען. עסן, קליי־דער און דירה האָט ער נישט גענומען שטאַרק ערנסט. זיי זענען בײַ אים געווען אַן אָנשיקעניש — וואָס אָן זיי קענען נאַרישע מענטשן נישט לעבן. אויך ער — יחיאל אַראָנסאָן — אַזוי. אַנדערש אָבער קען מען נישט. און עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז אָן ברויט קען מען נישט לעבן און — וואָס איז דאָס וויכטיקסטע — אָן לעבן קען מען נישט באַוווּנדערן די קונסט בײַ ייִדן בפרט און נישט־ייִדן בכלל.

ווי אַזוי האָט ער — כיל אַראָנסאָן — אויסגעזען, ווילט איר וויסן: מאָגער ווי אַ הונגער־קינסטלער, וואָס טאָמער עפּנט ער אויף דאָס מויל — איז חלילה נישט צוליב עסן, נאָר צוליב דערציילן עפּעס אַ טשיקאַווע באַגעגעניש, אָדער אַ טשיקאַווע מעשה פון דער וועלט פון דער קונסט. בשעת מײַן אַרבעט ווי סעקרעטאַר פון פאַראיין פון ייִדישע זשורנאַליסטן און שריפטשטעלערס אין וואַרשע — זיך איך אַ מאָל פאַרטאָן אין חשבונות און האָב נישט באַמערקט, אַז עמעץ איז אַרײַנגעקומען און שטייט און שווײַגט הינטער מיר: איך אַנט־שולדיק מיך. אָבער דאָס אינטערעסירט אים נישט — אַראָנסאָנען. ער האָט איצט איין פּראָבלעם. ער וויל פאָרן קיין פּאַריז, מחמת דאָרט איז דער

צענטער פון דער קונסט פון דער גאַנצער וועלט. און שוין איז ער אַוועק פון אָפּיס — און איבערגעלאָזט זײַן פּראָבלעם מיט מיר...

אָבער ווי גרויס דער נס איז געווען, אין יענע בהלה־יאָרן צו קריגן אַ וויזע און אַ פּאַס אין פּוילן — באַזונדערס פאַר אַ ייִד, דאָס קען זיך נאָר פאָרשטעלן דער — וואָס האָט עס מיטגעמאַכט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז אַראָנסאָן שוין געווען אין פּאַריז און דאָרט אָנגעהויבן זײַן דאָן־קיכאָט־קאַמף — פאַר דער ייִדישער קונסט אין דער קונסט־מעטראָפּאָליע פון דער וועלט.

דער חלום איז געווען אַרויסצוגעבן אַ רעפּרעזענטאַטיוון אַלבאָם מיט רעפּראָדוקציעס פון פיל צענדליקער ייִדישע מאָלערס, וואָס האָבן אין דער מעקקאָ פון דער פלאַסטישער קונסט פון דער וועלט — אין פּאַריז פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אַרײַנגעטראָגן זייער קאָליר, ליניע, דינאַמיק און גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט. דעמאָלט ווען אַנדערע האָבן אַ ביסל איראָניזירט — דעם דאָן־קיכאָטישן פּלאַן — האָט זיך אַראָנסאָן נישט אומגעקוקט אויף זיי. עטלעכע הונדערט פּאָרטרעטן און פּראָפילן פון פּאַריזער ייִדישע קינסטלערס האָט כּיל אַראָנסאָן דאָ צונויפגעפּירט. יעדן איינעם פון זיי האָט ער געגעבן די מעגלעכקייט צו זײַן פּאָרטראַטן אין די זיבעטהאַלבן־הונדערט גרויסע פּאָליאָס מיט וויניקסטנס דרײַ בילדער. די פּראָפילן זענען קורץ, קלאָר און דער עיקר — מיט אייביקן ענטוזיאַזם געשריבן. דאָס בוך לייענט זיך און די בילדער באַוווּנדערן זיך — מחמת אַראָנסאָן פאַרשטייט קונסט בכלל און ייִדישע בפרט.

צווישן די גרויסע מאָלערס פון דער וועלט, וואָס האָבן געגלייבט, אַז דער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן — איז געווען מאַרק שאַגאַל. אַ פונדאַ־מענטאַלער ספר וועגן און פון די וויכטיקסטע מאָלערס־ייִדן אין פּאַריז. אַ בוך — ניין, אַ גרויס ווערק און דווקא אין ייִדיש איז דאָ געקומען צום וואָרט. פּונקט ווי די פּירושים און עסייען זענען דורך דעם בוך געקומען אויף צו בלײַבן. און אַזוי אויך די הונדערטער רעפּראָדוקציעס. ליידער זענען זיי געדרוקט בלויז מיט שוואַרצן קאָליר, חוץ צוויי. דאָס טאָר אָבער נישט מינערן דעם ווערט פון דעם בוך, וואָס נאָר כּיל אַראָנסאָן האָט עס געקענט צו שטאַנד ברענגען און פאַרווירקלעכן. ווי אַזוי? — פרעגט איר. גאַנץ פּשוט, עס איז אַ נס פאַר דעם ייִדישן מאַנפּאַרנאַס אין דעם פערטל־יאָרהונדערט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

וועגן דעם אינהאַלט פון דעם מאָנומענטאַלן ווערק האָבן מיר שוין אַ פּאָר ווערטער געשריבן. איז לאָמיר עס אָנקוקן פון דער פיזישער זײַט. דאָס בוך וועגט 12 פונט... געדרוקט אויף דעם דויערהאַפטיקסטן פּאַפּיר. און נאָר איין — אַ שאָד! אָבער פאַרפאַלן. אַפילו די שענסטע נסים האָבן זייערע שוואַכע

זײַטן. רעפּראָדוקציעס אין קאָלירן זענען דאָ נאָר צוויי — אײנס פֿון חיים סוטין און דאָס אַנדערע פֿון מאַרק שאַגאַל.

וואָס שײַך שאַגאַלן — דעם וועלטמײַסטער פֿון קאָלירן־מאָלן: ווי קען מען דאָ נישט אַרײַננעמען שאַגאַלס וויטראַזשן צו אַ הדסה־שול אין ירושלים און אַ בילד פֿון חיים סוטין „דער אָפּגעשונדענער אָקס״? און כאָטש אַ קינסט־לער דאַרף און מוז האָבן אַלע פּריִיהייטן — וואָלט דער שרײַבער פֿון די שורות די צוויי רעפּראָדוקציעס נישט געשטעלט אין דעם ספֿר פֿון ייִדישע בילדער אײנס אַנטקעגן אַנדערן. נאָר — אַבסאָלוט פּערפֿעקטע זאַכן זענען אויף דער וועלט נישטאָ.

שטיל ווי אַ שאָטן איז ער געקומען פֿון אַ פּויליש שטעטל קיין וואַרשע — שטיל ווי אַ שאָטן איז ער אַרום דעם יאָר 1926 אַוועק קיין פּאַריז — און אויך דאָרט האָט ער שטיל ווי אַ שאָטן געהאָרעוועט איבער זײַן לעבנסווערק — בילדער און געשטאַלטן פֿון מאָנפּאַרנאַס.

פֿריִער איז כיל אַראָנסאָן נאָכגעגאַנגען אַ לעבן לאַנג דער וויזיע פֿון זײַן לעבנסווערק — און איצט איז די פֿאַרווירקלעכטע וויזיע נאָכגעגאַנגען נאָך אים. צוליב עפּעס אַן ענין האָב איך אַ קורצע צײַט קאָרעספּאָנדירט מיט אַראָנסאָנען. מײַנע בריוו צו אים זענען פֿול געווען מיט באַוווּנדערונג פֿאַר זײַן דערגרייכטער לעבנס־וויזיע. אָבער זײַנע בריוו צו מיר — פֿול מיט ביטערניש. פֿריִער — בשעת דער אַרבעט — איבער זײַן לעבנסווערק, איז דאָס געווען אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט מיט גײַסטיקער מי און שטודיום. איצט אָבער — אַז דאָס ווערק איז שוין דאָ — מוז ער אויך זיך כּסדר אַרומטראָגן מיט מוסטער־עקזעמפּלאַרן פֿון זײַן לעבנסווערק. און עס וועגט איבער צען פֿונט — און איך — פֿלעגט ער צוגעבן מיט טרויער — בין שוין ווײַט אַריבער די זעכציק און נאָענט צו די זיבעציק.

און אין מיר איז אַ גרויסער אומעט צוליב כיל אַראָנסאָנען. איצט איז ער שוין רויִק — ער האָט דערגרייכט. און כאָטש דער „לעצטער שריט״ אין אַ לעבן מיט אַ שליחות דאַרף זײַן דער גרינגסטער — מיט דער פֿרייד פֿון דערגרייכונג שטראַלנדיק — כיל אַראָנסאָנס לעצטער שריט איז אפֿשר געווען דער שווערסטער.

פֿערציק יאָר האָט ער געוואָנדערט אין דער מידבר פֿון דעם נישט־גלייבן אין דער שליחות פֿון דער קונסט אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק, אין לעבן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט — אָבער ער האָט זײַן לעבנס חלום־ציל דערגרייכט און דערלעבט. דורך אים האָט ייִדישע קונסט באַקומען אַ תּיקון און דורך אָט דעם תּיקון זײַן לעבן פֿול געמאַכט מיט מי און האָפֿענונג.

אײנס פֿון די בעסטע קונסטביכער בײַ ייִדן און זיכער דאָס פֿאַרנעמיקסטע בוך אין ייִדיש — וועגן דער פּלאַסטישער קונסט בײַ ייִדן, און דווקא אין ייִדיש.

מענדל אַשעראָוויטש

געבוירן אין יאָר 1888 אין שטעטל טראָסטינעץ, פּאָדאָליע. זינט 1909 אין אַמעריקע. געשטאָרבן 16טן אַפּריל 1965 אין ניו־יאָרק.

דאָס ערשטע מאָל פּנים־אל־פּנים האָב איך מענדל אַשעראָוויטשן געטראָפן אין וואַרשע אין דער געזעלשאַפט פון י. י. זינגערן. ווען? אַרום די לעצטע 20ער יאָרן. אפשר שוין 1930. זיי זענען ביידע געווען שטענדיקע מיטאַרבעטערס פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״. און נישט סתם מיטאַרבעטערס, נאָר זײַלן פון דער גרעסטער פון די ייִדיש־צײַטונגען. און דערצו שרײַבערס, וואָס מען לייענט. ביידע גרינג אויף דער פּעדער, אַבי עס איז דאָ אַ טעמע, וואָס איז איינעם נישט פרעמד. ביידע האָבן ליב געהאַט צו דערציילן טשיקאַווע מעשׂיות. ביידע האָבן נישט פײַנט געהאַט אַ גלעזל ווײַן — אַשעראָוויטש מער ווי זינגער. איז פון יענע באַגעגענישן אין וואַרשע געבליבן אַ געפיל פון פרײַנדשאַפט און פאַרטרויען, און געבליבן שטענדיק. מיט זינגערן איז יעמאָלט די פרײַנדשאַפט שוין צען יאָר אַלט געווען.

שפּעטער איז עס אויסגעקומען אַשעראָוויטשן אַ סך מאָל צו באַגעגענען אין ניו־יאָרק. אַ קײַלעכדיק פּנים, אַ פעסט געבויטער, אַלע מאָל אַ צעשמייכלטער און האָט אַלע מאָל צײַט פאַר אַ חברישן שמועס. און עס איז דאָ אַלע מאָל עפּעס צו דערציילן און אַז מען האָט ליב אַליין צו דערציילן און מען וויל נישט זײַן קיין נודניק — מוז מען קענען אויסהערן אויך. האָט עס טאַקע אַשעראָוויטש געקענט און דאָס איז אַ זעלטענע מעלה צווישן שרײַבערס־דערציילערס.

אַז מען באַגעגנט אַשעראָוויטשן און מען פילט וויפל צײַט עס איז דאָ אין זײַן געמיט — חידושט מען זיך: ווען שרײַבט ער? און ער שרײַבט דאָך אָן אַ שיעור. היסטאָרישע ראָמאַנען מיט היסטאָרישע ייִדישע העלדן־געשטאַלטן. אַוודאי — די פאַנטאַזיע איז גרויס און העלפט, אָבער פאַרט מוז מען אויך מאַכן סטודיעס. און אָט איבערזעצט ער פאַרנעמיקע ביכער. הונדערטער זײַטן. פיל בענד. און באַשרײַבונגען פון שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע. אַשעראָוויטש איז נאָך מער אָנגעפילט מיט סענטימענט פאַר זײַן אוקראַינע ווי די גאַליציאַנער זענען אָנגעפילט מיט סענטימענט צו זייער גאַליציע. און אָט שרײַבט ער גאָר די געשיכטע פון „פאָרווערטס״. און אָט אַן אויטאָביאָגראַפיע. און צווישן איין ראָמאַן און אַ צווייטן — טעאַטער־פּיעסעס. און דערצו אַן אומצאָל אַרטיקלען פאַר דער צײַטונג פון אַ ריין זשורנאַליסטישן טאָג־כאַראַקטער.

און נישט נאָר אונטער איין נאָמען, נאָר דערצו נאָך אונטער זיבן פּסעוודאָ־נימען.

װײַזט אויס, אַז זײַן גוטמוטיק געמיט האָט אים דאָס געגעבן כּוח אויס־צוצײַען די צײַט װי גומי. כאַראַקטעריסטיש זענען אין דעם זינען אָשעראָװי־טשעס בריװ. און איך האָב אַ היפּש ביסל בריװ פֿון אים אין מײַן אַרכיװ. און אָט לייען איך זיי. זיי זענען געשריבן זייער זויבער — נישט אין אײַלעניש, מחמת פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס, אָבער אויך נישט צו פּאַװאָליע. זיי זענען געשריבן מיט אָן אַ שיעור סבֿלנות און אָן אַן אָפּשטעל. אָט דאָ ליגט דער סוד פֿון אָשעראָװיטשעס אַרבעטזאַמקייט. ער האָט געהאַט אַ היפּשן װיסן, גוטע קענטשאַפֿט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, גוטע קענטשאַפֿט פֿון לשון־קודש, און אָן אַ שיעור ליבשאַפֿט צו דער ייִדישער געשיכטע. די ייִדישע געשיכטע איז דאָך, פֿון אירע פֿאַרפּירטװיזנט־יאָריקע אָנהייבן אָן, אפֿשר די אינטערעסאַנטסטע מעשׂה פֿון כּדור־האָרץ און דער מענטשהייט, װאָס באַװוינט אים.

געװען איז עס האַרבסט 1959, באַקום איך איין מאָל אַ לאַנגן, זעקס־זײַטיקן, מוראַשקע־געדולדיקן בריװ פֿון אָשעראָװיטשן, ממש אַ קלאָגליד אויף דער אונטערגייענדיקער ייִדיש־ליטעראַרישער סבֿיבֿה אין ניו־יאָרק. און ער זאָגט מיר, אַז ער װייסט נישט פֿאַר װאָס ער האָט פּונקט מיך אויסגעקליבן װי אַן אַדרעס פֿאַר דער דאָזיקער קינה... איך האָב תּיכּף צוריקגעענטפֿערט און געזאָגט צװ״אַנד אַז איך װייס פֿאַר װאָס; דאָס איז דערפֿאַר װײַל מיר האָבן זיך באַגעגנט אַ מאָל־אַ מאָל אין װאַרשע, און מײַן אימאַזש איז אין זײַן דמיון אידענטיפֿיצירט מיט „טלאָמאַצקע 13״, דעם אורבילד פֿון אַ ריכטיקער, היימישער ייִדיש־ליטעראַרישער סבֿיבֿה... מיט עטלעכע יאָרן צוריק איז עס מיר אויסגעקומען צו שרײַבן אַן איבערבליק איבער אָשעראָװיטשעס ראָמאַן „קיניגין מרים״, פֿון הורדוסעס צײַטן; איך האָב אים אָנגערופֿן „תּלמיד פֿון שלום אַשן״. ער האָט זיך געפֿרייט מיט דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט, װי אַן אָנהייבער. ער האָט בכלל געזוכט געלעגנהייטן זיך צו פֿרייען. דאָס לעבן איז דאָך אַזוי אומעטיק.

גרשם באַדער

געבוירן אין קראָקע אין יאָר 1868. 1882 אין בערלין, 1894 — לעמבערג, 1912 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 12טן נאָוועמבער 1953.

אַז איך דערמאָן גרשם באַדער, געדענק איך אַ סך פּתחן, אין זײַן נאָמען אַ פּתח — באַ־דער, אין זײַן גרויסן אויפטו, דעם אייגנטלעכן אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין גאַליציע, ווידער עטלעכע פּתחן — באַ־דערס קאַ־לענ־דאַאַרן — און אין זײַן אַרויסגעבן די ערשטע יידישע טאָגצײַטונג אין גאַליציע ווידער פּתחן — די צײַטונג האָט געהייסן „לעמבערגער טאָג־געבלאַט". יעדנפאַלס האָט מײַן מומע לייטשע אַזוי ברייטלעך גערופן די צײַטונג און פלעגט אַרומטראָגן אין די קעשענעס פון איר פאַרטעך דאָס גאַנצע פּעקל משבת־לשבת און האָט זי ממש געלערנט פון אויסנווייניק.

און גרשם באַדער אַליין איז געווען אַ ייד אַ הויכער, אַ ייד מיט פּלייצעס און מיט אַ ריזיקן לומדישן שטערן, און מיט ברייטע ליפּן און מיט אַ ברייטער נאָז און קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זענען צוליב די ברילן פון אַ קורצזיכטיקן אויסגעקומען נאָך אַ ביסל קלענער הינטער די דיקע גלעזער, אַ ביסל מאָנגאָ־ליש, און אויך די דינע וואָנצעס בײַ די זײַטן פון מויל האָבן פאַרשטאַרקט דאָס מאָנגאָליש־ראַסישע. און אין זײַנע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ קעמפער אויף רעכטס און אויף לינקס — ממש אַ כאַן. די פען — אַ שווערד, און די שווערד אַלע מאָל געצוקט.

ער איז יאָרצענדליקער לאַנג געווען אַ לערער און ווי אַ שריפטשטעלער איז ער אויך געווען אייגנטלעך אַ לערער, אַ לערער פון די פאָלקסמאַסן, ער האָט ליב געהאַט מסביר צו זײַן אַן ענין, און קיינער האָט נישט געקענט אַזוי מסביר זײַן אַן ענין ווי ער. ער האָט געשעפּט פון אַלע טיפע ברונעמער פון וויסן, דער עיקר פון יידישן וויסן, און ער האָט מיט לײַכטקייט געקענט אַראָפּוועלצן אַ שטיין פון דעם ברונעם פון יעדן געביט פון יידישן וויסן — רעדנדיק מיט ביבלישע באַגריפן — און ער האָט געשעפּט מיט גרויסע עמערס און ער האָט געקענט אָט די עמערס צעגיסן אין טויזנטער קליינע טעפּעלעך פאַרן פאָלק צו טרינקען...

און דאָס איז דער תמצית פון די צענדליקער ביכער זײַנע און די טויזנטער און טויזנטער אַרטיקלען זײַנע. ער האָט זיי מיט גרינגקייט געקענט שרײַבן אין פיר לשונות: יידיש, דײַטש, פּויליש, ענגליש — אָבער ער האָט בעיקר געשריבן אין יידיש. ער האָט זיך ליב געהאַט צו ייחוסן מיט די גרויסע

מיטאַרבעטערס פון זײַנע קאַלענדאַרן און ער האָט גערן געצאָלט פאַר אָט די זאַכן פון זײַנע שווער פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטן ווי אַ לערער.

אַלע דרײַ קלאַסיקערס אונדזערע האָבן מיטגעאַרבעט אין זײַנע קאַלענדאַרן. איך האָב אים אַ מאָל געזען האַלטן אַ פּרץ־כּתב־יד אין האַנט, ער האָט זיך מיט דעם באַרימט אין קאַפּעהויז, ער האָט דעם כּתב־יד אַ קוש געטאָן פון באַגײַסטערונג און זײַנע אויגן האָבן זיך פאַרפילט מיט טרערן פון נחת.

אין לעמבערג, אַנטקעגן דעם שטאָטישן טעאַטער, אויף דער קאַראָלאַ לודוויקאַ־גאַס, איז געווען אַ ייִדישער קאַפע „אַבאַציאַ". אין אָט דעם קאַפּעהויז, בײַם הויפּטטיש, וואָס איז געשטאַנען בײַם גרויסן פענצטער דירעקט צו דער גאַס, מיט די שטענדיקע טויזנטער פאַרבײַגייערס, האָט גרשם באַדער „געפּראַוועט" יעדן טאָג שעהען און שעהען לאַנג. ער איז געזעסן אויבן אָן און אַרום דעם טיש שווישפּילערס און שרײַבערס און חסידים. עס זענען געזעסן טיף דעקאָלטירטע קראַסאַוויצעס, ייִדישע אַקטריסעס, וואָס האָבן אײַנגענומען וועלטן אין גימפּלס ייִדישן טעאַטער, וואָס איז געווען זייער נאָענט פון קאַפע „אַבאַציאַ", עס זענען געזעסן אַקטיאָרן מיט שאַרפע פּנימער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס אין גאָלדפאַדענס טעאַטער אין רומעניע, עס זענען געזעסן תּלמידי־חכמים מיט לאַנגע בערד, וואָס זענען געקומען אויף אַ לומדישן וויכּוח צו רב גרשם באַדער, און עס זענען געזעסן בטלנים פון די עשׂרה בטלנים פון לעמבערג, וואָס זייער עובֿדא איז געווען צו לייענען גאַנצע טעג צײַטונגען און זייגער דרײַ פאַר טאָג, בײַם שליסן פון קאַפּעהויז, זיי אַלע אַוועקגעוואָרפן מיט ביטול, אַז נישטאָ קיין „לעק נײַעס". און עס זענען געזעסן יונגע טרוימערס פון ליטעראַרישע קאַריערעס און עס איז אין די שפּעטע אָוונטן אַהין געקומען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 17־18, וואָס זײַן נאָמען איז דער נאָמען פון דעם שרײַבער פון די שורות, און פאַר זיי אַלע האָט באַדער געהאַט אַ גוט וואָרט און אַ מאָל אַ בייז וואָרט.

זײַן אייביקער אַנטיפּאָד אין לעמבערג איז געווען משה פראָסטיג — דער ציוניסטישער זשורנאַליסט, וואָס איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם נײַעם לעמבערגער טאָגבלאַט און האָט אַפילו אויך אַרויסגעגעבן קאַלענדאַרן. פראָסטיג איז צווישן די צוויי וועלט־מלחמות יונג געשטאָרבן. אין זײַן צער פלעגט אים באַדער רופן — אין די קאַמפּיאָרן זײַנע — „משה פראָסטאַק". עס זענען אין דעם אויך אַרײַנגעמישט געווען ענינים פון ציוניסטישער פּאָליטיק, מחמת באַדער איז געווען דאָס וואָס מען רופט אין דער פּאָליטיק אַ „ווילדער", געווען אַ ציוניסט, אָבער זיך נישט געוואָלט דיסציפּלינירן. און עס האָט אָנגעהויבן צו גיין אַלץ ערגער און ערגער און קינדער אין שטוב זענען געווען, און פּרנסה זייער קנאַפּ און אין איין שיינעם זומערדיקן זונטיק האָט באַדער גערופן עטלעכע פרײַנד זײַנע אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק און אויך מיך, און ער האָט

לאַנג זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן און ער האָט זיך צעװײנט און געזאָגט, אַז ער פֿאָרט אַװעק קײן אַמעריקע און מיר זאָלן האַלטן סוד. און ער איז אַװעק. עס איז געװען 1912. דעמאָלט איז דאָס װאָס איז שפּעטער געװאָרן דאָס גרעסטע גליק פֿאַר אַ ייִדן — געװען אין גאַליציע די גרעסטע שאַנד ממש. עס איז געװען אין 64סטן — יאָ, אַזױ! — יאָר פֿון מלכות פֿראַנץ־יאָזעף קיר״ה, און די ייִדן פֿון גאַליציע האָבן דעמאָלט געמײנט, אַז זײ זיצן אױפֿן שטאַרקסטן פֿעלדז פֿון גאָטס ערד. און מיט באַדערס אַװעקפֿאָרן, און באַלד מיט דער ערשטער װעלט־מלחמה — האָט זיך געענדיקט די ערשטע, די שענסטע תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין גאַליציע.

און אָט איז 1934, ניו־יאָרק, קאַפֿע „ראָיאַל", באַדער פֿראַװועט, אָבער בײַ אַ קלײן טישל. איך קום אַרײַן און ער דערקענט מיך מאָמענטאַל, און נעמט מיך אַרום און איז פֿול מיט סענטימענט: װאָס מאַכט איר מײלעך ראַװיטש, ער רעדט נאָך אַלץ גאַליציאַניש, נאָך אַלץ אַ ביסל מיטן כאַראַקטעריסטישן קראָקעװער זינג־זאַנג. און די יאָרן גײען און עס איז שױן 1952, און װידער אַ װיזיט אין אַ ניו־יאָרקער קאַפֿע, באַדער פֿראַװועט נאָך אַלץ, דער קרײַז נאָך קלענער, נעבן אים זײַן צװײטע פֿרױ, די שרײַבערין שײנע רחל סימקאָף. אַבי מען זעט זיך... זאָגט דער װעטעראַן פֿון די ייִדישע שרײַבערס. ער איז שױן היפּשלעך געבױגן, זײַן אונטערשטע ליפּ הענגט אַ ביסל אַראָפּ, אָבער נאָך אַלץ איז אַ פֿריש און קלוג װערטל פֿאַראַן אױף איר פֿאַר יעדן.

1953

יעקב באָטאָשאַנסקי

געבוירן אין קיליע, אַ שטעטל אין בעסאַראַביע, אין יאָר 1895. אין 1923 געקומען קיין אַרגענטינע. אַ סך געררײַזט. אַ צענדליק מאָל אין ניו־יאָרק, דאָס גלײַכן אין ארץ־ישראל. געשטאָרבן אויף אַ לעקציעס־טור אין דרום־אַפריקע דעם 26סטן אָקטאָבער 1964. געבראַכט צו קבר־ישראל אין בוענאָס־אײַרעס.

באַקומען די בשורה, אַז יעקב באָטאָשאַנסקי איז געשטאָרבן און די ערשטע רעאַקציע איז געווען אַן אויסגעשריי, אַז עס איז געשען אַ זאַך, וואָס איז אין גאַנצן נישט מעגלעך — ווײַל דאָס לעבן אַליין קען דאָך נישט שטאַרבן, ווײַל אויב עמעץ פון די שרײַבערס פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור איז געווען דורכויס סתירה פון שטאַרבן, דורכויס לעבן — איז עס געווען יעקב באָטאָשאַנסקי.

— געווען ? איז דאָס מעגלעך ?

כאָטש אין יאָרן איז קיין גרויסער חילוק נישט געווען צווישן באָטאָשאַנסקין און מיר — אין גאַנצן — דער גרעסטער חילוק. און פּאָרט איז געשען דאָס אומלאָגישסטע און דער בעל־ייִאוש שרײַבט אַ הספד איבער דעם בעל־בטחון.

איך געדענק בשום־אופן נישט ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, אָדער געלייענט דעם נאָמען יעקב באָטאָשאַנסקי — נאָר זיכער איז, אַז פון דעמאָלט אָן האָב איך דעם נאָמען שוין באַגעגנט כּסדר און אָן אויפהער געלייענט, וואָס אונטער, אָדער איבער דעם נאָמען איז געווען געשריבן. און עס איז געווען אַ ניאַגאַראַ פון ווערטער און מחשבות און מעשיות אין אַלע פאָרמען, וואָס עס קען די ליטעראַרישע קונסט.

איך געדענק אָבער יאָ ווו און ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּנים־אל־פּנים: באָטאָשאַנסקי און איך.

דאָס איז געווען אין יאָר 1938. איך בין דעמאָלט — נאָך אָפּוווינען צוויי יאָר אין אויסטראַליע — געקומען דורך דעם פּאַציפישן אָקעאַן קיין אַרגענטינע. אַז מען קומט אָן קיין אַרגענטינע אויף דעם געוויינטלעכן וועג דורך דעם אַטלאַנטיק — שטעלט מען זיך אָפּ אין אורוגוואַי, אין מאָנטעווידעאָ, און דאָ קומען אָפּט קרובים און פרײַנד אַנטקעגן דעם נײַ־געקומענעם. אָבער אַז מען קומט אָן פון פּאַציפיק — קומט מען דורך טשילע און מענדאָסאָ און עס איז פאָלג מיך אַ גאַנג.

באָטאָשאַנסקי האָט מיר אָבער אַ מאָל אין אַ בריוו געהאַט צוגעזאָגט

צו פֿאָרן אַנטקעגן חבריש, אויב איך וועל קומען אין זײַן מדינה. און אין אַרגענטינע האָט באַטאָשאַנסקי ממש געקעניגט מיט זײַן וואָרט און גאַנצער געשטאַלט. נו, קום איך מיט דער באַן פֿון מענדאָסאַ אין דער ריכטונג פֿון בוענאָס־אײַרעס. און אַ פּאָר סטאַנציעס פֿאַר דער אַרגענטינישער עיר־הבירה זע איך שפּאַנען אַ יונגן מאַן — נישט צו הויך — מיט אַ שוואַרצער שעוועליורע און צעשמייכלטע אויגן און ער קוקט די פּאַסאַזשירן אין די פּנימער. ער זוכט משמעות עמעצן, וואָס ער קען אים נישט. איז דער זוכער אַ שפּאַניער, אַן אונגאַר, אַן איטאַליענער — אפֿשר גאָר אַ ייִד. אָבער איידער וואָס־ווען צעשרײַט זיך לוסטיק דער זוכער: — דאָס זענט איר דאָך — איז וואָס זשע שווײַגט איר?! און איין מינוט שפּעטער זענען מיר שוין טיף אַרײַנגעוויקלט אין אַ שמועס וועגן אַלע לעצטע נײַעסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אונדזער ביידנס לײַב און לעבן.

איך ווייס נישט צי איז דאָ נאָך איין ייִדישער שרײַבער, וואָס איז אַזוי באַהאַוונט געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי עס איז געווען באַטאָשאַנסקי. זײַנע אומצאָליקע רעצענזיעס — מסתּמא ציילן זיי עטלעכע טויזנט — זענען געווען אַ נחת פֿאַר דעם רעצענזירטן מחבר און אַ לערונג פֿאַר דעם לייענער. דאָ האָט באַטאָשאַנסקין צוגעדינט אַ פֿענאָמענאַלער זכּרון. עס איז געווען ממש אַ מין פֿעסטונג פֿון זכּרון, פֿון געדענקען, עפּעס אַזוי ווי די געדיכטע האָר וואָלטן דאָ געדינט ווי אַ וואַנט, אַז גאָרנישט זאָל אַנטלויפֿן, וואָס איז אַרײַן אין דעם דאָזיקן מוח.

אָט אַזוי האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט באַטאָשאַנסקין — און פֿון דעמאָלט אָן אַ סך מאָל — אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאָל, אין מדינת־ישׂראל.

זײַענדיק אין אַרגענטינע האָב איך אַ מאָל אַ פּאָר וואָכן געוווינט בײַ אים. די פֿרוי — די באַקאַנטע אַקטריסע מרים לערער — איז גראָד געהאַט אָפּגעפֿאָרן אויף דאַטשע און באַטאָשאַנסקי — דער אייביקער גאַסטפֿרײַנדלעכער — האָט מיך פֿאַרבעטן צו וווינען די צײַט בײַ אים, עס זאָל אונדז ביידן זײַן ווייניקער סקוטשנע. און אפֿשר האָט ער גאָר געוואָלט, אַז זײַן חבר זאָל זען פֿון דער נאָענט ווי אַזוי עס אַרבעט די וואָרט־ און געדאַנק־פֿאַבריק יעקב באַטאָשאַנסקי.

ער איז געווען אַ שטאַרקער פֿרי־אויפֿשטייער, אָבער ממש מיט דעם קריי פֿון אַ האָן. איך בין אויך קיין שפּעט־שלאָפֿער, אָבער איידער איך האָב מיך אַרומגעוואָשן האָט שוין באַטאָשאַנסקי דרײַ מאָל געשיקט די הויז־באַדינע־רין מיט אַלערליי אַרטיקלען און נאָטיצן אין דער רעדאַקציע. די דאָזיקע באַדינערין האָט געהאַט דרײַ פֿונקציעס: קאָכן, ראַמען און טראָגן די באַ־שריבענע פּאַפּירן פֿון איר באַלעבאָס אין דער רעדאַקציע.

אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען און צוגעקומען צום חברס שרײַבטיש פֿלעגט באַטאָשאַנסקי לאַכנדיק זאָגן: דאָס הייסט געשריבן? דאָס איז נאָך גאָרנישט,

דאָס פּרוּוו איך אויס די פּעדער, ווי דער חזן זײַן שטים איידער ער גייט צו צום עמוד. דאָס זענען ביז איצט געווען נאָטיצן אונטער אַלערליי פּסעוודאָנימען — יאַנקעלע גיבאַלעס, שימעלע סאָראָקער, ציגנעטאַנג — דער אַרטיקל אונטערן אמתן נאָמען קומט ערשט איצט. אָט די אונטערגעשריבענע אַרטיקלען פלעגט באָטאָשאַנסקי שרײַבן מיט גרויס ערנסט און געפיל פון זײַן שליחות — אָבער אָן אַ פּלאַן... ער איז געווען אַן אימפּראָוויזאַטאָר סײַ ווי אַ שרײַבער און נאָך מער ווי אַן אָראַטאָר. ער פלעגט זיך אַרײַנשרײַבן אין זײַן טעמע — אַזוי ווי אַ באַן, איידער זי צעפאָרט זיך אויף אַ רעכטן אמת. נאָר אַז זי צעפאָרט זיך, גייט אַלץ גלאַט און קלאָר ביז דער סטאַנציע — ביז דעם פינאַל. און דער פינאַל איז אַלע מאָל דער עיקר און דער סך־הכּל.

אַזוי פלעגט אויך באָטאָשאַנסקי זיך שטעלן רעדן. פאַרמאַכן די אויגן, פאַרשטעלן זיי מיט די קליינע, ווײַסע כּלי־קודש־הענט, מכּלומרשט פאַרשטעלן זיי פאַר דער שײַן פון לאָמפּן. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ מינוט פון התבודדות מיט אייגענעם געדאַנק, געפיל און אויך זכרון. און באַלד איז געקומען אַן אַנעקדאָט, צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון עולם. און אַבי דער עולם איז געווען שטיל האָט זיך שוין באָטאָשאַנסקי פּאַוואָליע אַרײַנגערעדט אין זײַן טעמע און לאַנגזאַם געצילט צום פינאַל, וואָס איז אים אײַנגעפאַלן בשעת דעם רעדן. און זעלטן, זעלטן איז אים אַ רעדע נישט געלונגען. אַזוי איז אים זעלטן אויך אַן אַרטיקל, אָדער אַ שרײַבערישער פּאָרטרעט, אָדער אַ רעצענזיע, נישט געראָטן. ער האָט ליב געהאַט זײַנע טעמעס, ער האָט נישט געשריבן סתּם.

ער האָט אויך ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן. אָפט מאָל אַפילו צו שאַרף. אַ מאָל זענען אויך זײַנע פּאָלעמישע שפּילקעס געווען מיט ווידער־העקעלעך, וואָס דער אַטאַקירטער קען נישט לײַכט אַרויסציִען צוריק. באָטאָשאַנסקי האָט געקענט זײַן אין כּעס, אָבער קיין מאָל נישט אין שׂינאה צו אַ חבר. ער האָט געקענט זיך ברוגזן, אָבער נאָך מער זיך איבערבעטן.

ווי יעדער דורכויס אַרטיסטישער מענטש האָט אויך באָטאָשאַנסקי געהאַט זײַנע מאָדנע געווּנג. ער האָט אײַנגעטיילט זײַן מעת־לעת — לשם מער אים אויסצונוצן, מחמת די שטראָמען פון ענערגיע אין זײַן גאַנצן מהות — אין צוויי טעג און אין צוויי נעכט... זײַנע צוויי נעכט פון מעת־לעת זענען געווען פון איינס ביז פיר פאַר טאָג און פון איינס ביז פיר נאָך מיטאָג... פרעגט נישט קיין קשיות, אַזוי האָט ער זיך געפירט. אפשר איז דאָס דער סוד פון זײַן גוואַלדיקן שעפערישן כּמות.

איין מאָל איז באָטאָשאַנסקי בשעת זײַן וויזיט אין מאָנטרעאָל צו מיר אַרײַנגעקומען פּונקט איינס בײַ טאָג און זאָגט מיר: — גיט מיר עפּעס אַן אָרט אויף צושפּאַרן זיך. — נו, בכבוד גדול! און ער האָט זיך צוגעשפּאַרט און אײַנגעשלאָפן ווי אַ שטיין. עס גייט אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי און

דער „צוגעשפּאַרטער" איז נישט וואָך. איך הייב אָן שטיל צו רופן דעם שלעפער בײַם נאָמען, באַלד העכער, עס העלפט גאָרנישט. איך טראַכט: אפשר רופן אַ דאָקטאָר. און אַזוי איז געוואָרן זייגער פיר — באַטאַשאַנסקי גיט זיך פּלוצלינג אַ וועק איבער... איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט שרעק.

ער איז געווען פול מיט וואַכזאַמקייט פון זען און הערן און אָבסערווירן, ער האָט פּונקט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, ווי דאָס לעבן אים. אָבער דאָס וואַכע הערן איז אים אין די לעצטע יאָרן פאַרשטערט געוואָרן. ער האָט כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט צו הערן — באַטאַשאַנסקי. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע בעסטע דאָקטוירים, נישט געהאָלפן זײַן קוראַזש דורכצומאַכן אַלערליי אָפּעראַציעס ער האָט מוראדיק דערפון געליטן. מסתמא האָט עס אויך נישט פאַרלענגערט זײַן לעבן.

ער האָט איבערגעלאָזן פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס וויברירן מיט לעבן און מיט אַלעמאַליקער ווערטיקייט פאַר דער פאַרשטענדעניש פון יידישן וועלט־לעבן און דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. אָט זענען אַ פּאָר טיטלען: „פאַר־טרעטן פון יידישע שרײַבער"; „די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַ־ליסט" — אַן אויטאָביאָגראַפיע אין אַ ברייטער ראַם פון יידישן לעבן, אין בע־סאַראַביע; אַ גרויסער ראָמאַן מיטן נאָמען: „מיר ווילן לעבן"; ממש געשיכט־לעכע אויטענטישע רעפּאָרטאַזשן אין צוויי בענד „בראשית פון מדינת־ישראל"; אַ קורץ־געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור „מאַמע יידיש"; אַ ווערק מיטן וווּנדערלעך צוגעפּאַסטן נאָמען „פשט" — פירושים אויף יידישע ביכער — — און נאָך אַ שורה דראַמעס און אַלערליי אַנדערע קלענערע ביכער — און דערצו אַ ניאַגאַראַ מיט טויזנטער אַרטיקלען, וואָס וועלן מסתמא אַ מאָל אָפּגעקליבן ווערן און אַרײַן אין ביכער.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד: באַטאַשאַנסקי איז מײַן גאַסט אַ פּאָר טעג און נעכט אין מאָנטרעאָל. איין מאָל, אַרום דרײַ בײַ נאַכט, הער איך ווי אין אַ דערבײַיִקן צימער זינגט מען אויף אַ קול אַ יידיש פאָלקסליד און עס ברענט די עלעקטרע. שטיי איך אויף און איך זע ווי מײַן וווּנדערלעכער לעבנס־לוסטיקער חבר זיצט זיך בײַם טיש און זינגט זיך צו צו דער שרײַבאַרבעט.

באַטאַשאַנסקי האָט אַלע מאָל געהאַט אַ פאָלקסליד, וואָס ער האָט זיך לעצטנס אויסגעלערנט — דאָס פלעגט ער כסדר צוזינגען זיך. איך האָב נאַטיר־לעך דעם גוטן חבר נישט איבערגעריסן זײַן נאַכטקאָנצערט און צו מאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ טעמע אויף צו פאַרלאַכן אונדזערע אומעטיקע געמיטער.

און אַז איך האַלט שוין בײַ אומעט — לאָמיר ציטירן פון באַטאַשאַנסקיס לעצטן בריוו. אין דעם דאָזיקן בריוו, געשריבן פון ניו־יאָרק, פאַרגאַנגענעם

יאָר 1964, דערציילט ער מיר אַ טראַגיקאָמישע באַגעגעניש מיט אַן עלטערן חבר, וואָס ער האָט שטאַרק חבריש איבערגעלעבט. פאַרענדיקט האָט ער די מעשׂה מיט אַ טיפן זיפץ: אוי קאָמישע מאַדאַם טראַגעדיע אונדזערע...

ער האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויפן דרך־המלך פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור אונדזערער — מיט דעם אַרגענטינער צווײַג פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער אינטעגרירט און אידענטיפיצירט.

1964

נחום באָמזע

געבוירן אין יאָר 1906 אין סאַסאָוו, גאַליציע. געוווינט אין לעמבערג, אין וואַרשע. אין די יאָרן פון דריטן חורבן — אין רוסלאַנד. שפּעטער: פּוילן, שוועדן, פראַנקרײַך. זינט 1948 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 14טן מײַ 1954.

„נחום באָמזע״ און „שטילקייט״ — זענען אין מײַן נשמה און אין מײַן פאָרשטעלונג וועגן אים און לויט מײַן דערפאַרונג מיט אים געווען איין וואָרט. אַ קלײנער עפּיזאָד: יאָר 1928, לעמבערג. עס פאָרמירט זיך אַ נײַע ליטעראַרישע גרופּע „צושטײַער״. אין איר: באָמזע, אַשענדאָרף, שודריך, בערגער, שנאַפּער, רחל אויערבאַך און אַנד׳. די גרופּע פּאָדערט מיך אַרויס, ווי אַן עלטערן חבר, צו באַטײליקן זיך אין זײערן אַ ליטעראַרישן אָוונט. דוד קעניגסבערג — אַן ערך אין מײַנע יאָרן — איז אויך מיט זיי. ייִדיש־ליטעראַריש פּוילן צעצווײַגט זיך: אין צענטער — וואַרשע, צו מערב — לאָדזשער גרופּע, צו צפון־מיזרח — יונג־ווילנע, אין דרום — לעמבערגער „צושטײַער״. און עס איז זייער פריילעך אויפן האַרצן. אַלע טומלען. מען קריגט זיך אויך צו ביסלעך. די עלטערע חברים באַרויִקן. און נאָר אײנער לײענט זײַנע לידער, ווען מען דאַרף און שווײַגט: נחום באָמזע. נאָכן אָוונט זיצט מען אין אַ באַקאַנטן לעמבערגער קאַפעהויז, וואָס הייסט „וואַרשאַוואַ״, אַלע טומלען, איבערשרײַען זיך, און נאָר אײנער וואַרפט דאָ און דאָרט אַרײַן אַ וואָרט. און שווײַגט. נחום באָמזע. מען צעזעגנט זיך. פאַר טאָג דאַרף איך אָפּפאָרן. איך זאָג אַן די חברים זהיר וזהיר, אַז קיינער זאָל נישט קומען צו דער באַן.

פאַר טאָג. די באַן דאַרף באַלד אָפּגיין. איך גיי דורך די טונקעלע אונטער־ערדישע קאָרידאָרן פון דער סטאַנציע מיט מײַן פּעקל. פּלוצלינג רירט מיך עמעץ אָן בײַם אַקסל און נעמט בײַ מיר שטיל אַרויס דאָס פּעקל פון האַנט — נחום באָמזע. ער איז דאָך געקומען. ער איז נישט קיין חונף. קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט אין זײַן לעבן. נאָר גראָד ער איז געקומען. אים איז אײנזאַם און ער איז אַ דיכטער אין יעדער מינוט פון זײַן לעבן, אין יעדן צאָל פון זײַן שלאַנקן, הויכן גוף, און אים איז אַ ביסל וויניקער אײנזאַם אין דער געזעל־שאַפט פון חברים־דיכטערס, איז ער געקומען, און זײַן אײדל געשניצט, לענג־לעך פּנים איז אײביקער טרויער און עס שוועבט איבער דעם אַ ווײַטער, זײער ווײַטער שמייכל, אפשר בלויז אַן אָפּשײַן פון אַ שמייכל פון הײנעס אַן איראָניש ליד...

אין יעדער ליטעראַטור פון דער וועלט איז אַלע מאָל דאָ איין דיכטער,

וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט איבערדיכטן פֿון דער כינעזישער ליריק. לרוב נישט פֿון אָריגינאַל. און אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט אָט די ראָלע גענומען אויף זיך — נחום באָמזע. און ער איז פֿון גאָט געבענטשט און געשיקט דערצו — ווײַל אויך ער, ווי די כינעזישע אורליריקער מיט לי־טאַי־פּע בראש, האָט געזוכט אויף דעם דינסטן אויפֿן און דעם שטילסטן אויפֿן אויסצודריקן דאָס אַלץ־אַרומנעמיקסטע. דעם צימצום פֿון דער גאַנצער וועלט. חוץ דעם, וואָס זײַנע אייגענע לידער זענען געשטאַנען אונטער אַ שטאַרקער השפּעה פֿון דער כינעזישער ליריק, האָט ער צווישן זײַנע זעקס דינע לידער־זאַמלונגען איינס אין גאַנצן געווידמעט דער כינעזישער ליריק־איבערדיכטונג און אין יעדער בוך זײַנעם כאָטש עטלעכע אַזעלכע לידער.

אין יאָר 1935, ווען די וועלט האָט שוין געזאָטן ווי אַ ווולקאַן מיט קומענדיקער עקספּלאָזיע, און דער ווײַטער מיזרח האָט שוין געציטערט מיט דער אָנונג פֿון „פּערל־האַרבאָר", בין איך געווען אין דער שייַנער שטאָט פּעקין מיט די גלײַכע גאַסן, ווי אויסגעווירעט. זע איך: גייט זיך אין אַ שטילן, זוניקן פֿאַרנאַכט אַ כינעזישער מאַנדאַרין, אַ בלויע, לאַנג־זײַדענע זשופּיצע, אַ בלויע יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ מיט אַ רויט קנעפּעלע אויף איר שפּיץ און ער טראָגט זיך אַ מעשן פֿויגלשטײַגל, און דאָס שטײַגל איז פֿאַרדעקט האַלב מיט אַ רויט־זײַדן טוך, און ער טענצלט אונטער און מורמלט עפּעס און איז פֿאַרטראָגן אין אַ פֿרעמדער וועלט. פֿרעג איך מיך פֿונאַנדער בײַ מײַן באַגלייטער. זאָגט ער מיר, אַז דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלער כינעזישער אינטעליגענט און ער גייט איצט צו זײַן דאַמע אויף אַ פֿאַרנאַכט־באַזוך, אויף אַ גרין טעפּעלע טיי מיט אַ פּאָעטישן שמועס. האָב איך דעמאָלט מײַן באַגלייטער אין איבערמוט געזאָגט: — און איך ווייס אַפֿילו ווי ער הייסט, ער הייסט נאָ־כום באָמ־זע... האָב איך סילאַביזירט לויטן שטייגער פֿון די כינעזישע נעמען... יאָ, ער איז געווען וווּנדערלעך, אונדזער נחום באָמזע, מיט זײַן כּוח צו זײַן נאָר דיכטער, אין אַ וועלט וואָס האָט געזאָטן מיט האַרטער פּראָזע, ווי אַ ווולקאַן מיט שפּיציקע שטיינערבלאָקן.

עס וואָלט אפשר נישט גוט געווען, ווען אונדזער ליטעראַטור וואָלט באַשטאַנען פֿון לויטער אַזעלכע דיכטערישע עקסקלוזיוויסטן ווי באָמזע, אָבער עס איז אַזוי דערהויבן, וואָס מיר האָבן אים געהאַט און האָבן אים אייגנטלעך שוין אייביק. ווײַל די אייביקייט געדויערט אַן אייביקייט און דאָס לעבן איז אַ ווונק און וווּנדער בלויז מיט אָפֿענע אויגן. און אַלע זענען מיר דאָך אין אמתן טויט.

עטלעכע טעג פֿאַר זײַן טויט האָט ער געביטערט אין אַ בריוו צום שרײַבער פֿון די שורות: עס איז אַזוי דושנע אין אונדזער ליטעראַטור... עס קומט מיר פֿאָר, אַז אונדזערע דיכטערס הײַנט צו טאָג זענען אין אַ געיעג נאָך

מיסיאָנערישקייט און אײנער װיל דעם אַנדערן איבערצײַגן אין זײַן גרעסערער דאָזע ייִדישקייט. און װעמען װיל מען דאָ איבערצײַגן? מיך? אײַך?... איך האָב מורא, אַז אונדזערע אָפּיציעלע קולטורניקעס װעלן שוין באַלד פֿאַרמײַדן צו דרוקן לידער װעגן זונפֿאַרגאַנג, אָדער װעגן אַ בוים... אָן דער צושריפֿט: זונפֿאַרגאַנג און אונדזער המשך... בײַ אונדז עקסיסטירן שוין נישט קיין ביכער, נאָר ספרים. אַלץ איז הייליק, הייליק... אָבער דער שרײַבער פֿון די שורות האָט גאָר טיף פֿאַרשטאַנען דעם אײדעלן מאַנדאַרין פֿון דער אײדלסטער ליריק אין אונדזער פּילפּאַרביקער און פּילקלאַנגיקער דיכטונג און האָט אין אַ בריװ אַרומגענומען דעם ייִנגערן חבר און אים דערצײלט װי ער איז ממש פֿאַרכּישופֿט מיט שװנסטן טרויער פֿון דעם דיכטערס פֿיר לידער אין אַפּריל־נומער „צוקונפֿט״. דאָס ערשטע פֿון די פֿיר הײבט זיך אָן:

מיט אַ שמאָלער סטעזשקע דורך דעם אָװנטליכט
שפּאַן איך אַלץ נענטער צום נאַכטיקן טויער.
די שאָטנס קילן מײַנע טריט. דורך דעם לבֿנה־האָרן
בלאָזט גאָט אין מיר אַרײַן זײַן טרויער.

די פֿיר לידער זענען געװען געװידמעט דעם אָנדענק פֿון מאַני לײבן. אין מיטן צוגרײטן צום דרוק דעם עזבֿון פֿון מאַני לײבן איז נחום באַמזע אַװעק אין גאַנצן אין נאַכטיקן טויער.

משה באַסין

געבוירן 1889 אין אַ שטעטל אין מאָהילעווער גובערניע. אין אַמעריקע זינט 1907. געשטאָרבן אין ברוקלין 10טן יולי 1963.

פּראָזע־שרײַבערס שווימען צו די ברעגעס פון דער אייביקייט — יעדער איז אַן אייגן שיפל. פּאָעטן שווימען צו די ברעגעס פון דער אייביקייט אין גרויסע שותּפות־שיפן, מיני־תּיבות, ווו יעדער פּאָעט האָט זײַן אייגענע קאַמער, לויט דער מאָס פון זײַן טאַלאַנט — און די דאָזיקע תּיבות רופן זיך — — אַנטאָלאָגיעס. נאָר אַפילו די וועלט־באַרימטע מבול־תּיבה האָט זיך נישט אויפגעבויט מיט גאָטס הענט און נאָר לויט גאָטס געבאָט. און פּאַקטיש געבויט האָט זי נח, דער צדיק. אויך אַנטאָלאָגיעס שטעלן זיך נישט צוזאַמען פון זיך אַליין לויטן געבאָט פון דער געטלעכער אייביקייט און נײַערט אַנטאָלאָגיסטן טוען עס. און דער גרויסער אַנטאַלאָגיסט פון דער ייִדישער פּאָעזיע איז געווען משה באַסין.

שוין אין יאָר 1917, צו זײַנע 28 יאָר, האָט ער איבערראַשט די ייִדישע וועלט־ליטעראַטור מיט זײַן צוויי־בענדיקער אַנטאָלאָגיע, וואָס האָט זיך גערופן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי „פינפהונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע". מען האָט געשטוינט: פינף הונדערט?! אָבער די אַנטאָלאָגיע האָט באַוויזן: פינף הונדערט!

טאָפּלט איז געווען משה באַסינס קרבן צו שטאַנד צו ברענגען דעם דאָזיקן ליטעראַרישן אַנטאָלאָגיע־נס. טוענדיק אַזאַ אַרבעט, וואָס בײַ די אומות־העולם טוען עס גאַנצע קאָמיטעטן, האָט ער גלײַכצײַטיק געאַרבעט אין פּאַבריק, — און טוענדיק די דאָזיקע זשמודנע אַרבעט פון זאַמלען (ער האָט געהאַט אַ געבענטשטן עצה־געבער — בער באָראָכאָוו ז"ל), פּאָרשן און אָפּקלײַבן און... ציטערן פאַר באַוווּלטע חברים... האָט ער דערווײַל פּאַרנאַכלעסיקט זײַן אייגענע פּאָעטישע אַרבעט, מחמת ער איז גאָר אַ האַר־ציקער דיכטער אַליין געווען. און זײַנע לידער האָבן אַ פּאָלקסטימלעכע מתיקות אין זיך, זענען אין אַ פּערפעקטער פּאָרעם און יעדעס זאָגט עפּעס און זאָגט קלאָר. אָט אַזוי הייבט ער אָן זײַן בעל־שם־טוב־סעריע — פון די שענסטע אויף דער טעמע פון טעמעס אין דער ייִדישער ליריק:

גאָט, איך וויל זיך אויסריידן פאַר דיר
מיט גאָר דער בענקעניש פון אַלע מײַנע גלידער!
גאָט, איך וויל זיך אויסזינגען פאַר דיר
מיט גאָר דער לײַטערונג פון אַלע מײַנע לידער!——

אָבער שטאָט זיך אַליין אויסצוזינגען, האָט גאָר באַסין מיט זײַנע אַנטאָ־לאָגיעס געהאָלפן דער גרויסער ייִדישער דיכטערשאַפט „זיך אויסצוזינגען מיט גאָר דער לײַטערונג פון אַלע לידער". וואָרעם אַנטאָלאָגיעס זענען לײַטערונג.

און אין 1940 האָט משה באַסין איבערראַשט די ייִדישע ליטעראַטור מיט נאָך אַ נס־אַנטאָלאָגיע אויף 600 גרויסע זײַטן „אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע". דאָ האָט ער אַרײַנגענומען 31 פּאָעטן — און יעדער סובסטאַנציעל רעפּרע־זענטירט. בײדע די אַנטאָלאָגיעס זענען הײַנט צו טאָג סטאַנדאַרטווערק, וואָס האָבן געשאַפֿן — אויף זײער שטײגער — געשיכטע אין גאַנג, אָדער פּלי פון ייִדישן ליד.

נאָך אײן מאָל, אין יאָר 1954, האָט באַסין צונויפגעשטעלט אַ קלײנע אַנטאָלאָגיע „ייִדישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון". דערשינען בלויז אין אַ מימעאָגראַפירטער פאָרעם. אויך קינדערלידער האָט באַסין געשריבן — און ממש קלאַסישע.

װײניק זיך געטראָפן מיט באַסינען פּנים־אל־פּנים. אַ מאָל דאָ און אַ מאָל דאָרט, אַ מאָל אַפילו אַ האַלבן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט אין זײַן ברוקלינער הײם — מיט די ווענט מיט ביכער און אַנטאָלאָגיעס פון אויבן אַראָפּ. נאָר די סאַמע ערשטע באַגעגעניש אונדזערע האָט זיך אײַנגעקריצט:

1933 — דאָס ערשטע מאָל אין ניו־יאָרק. אַ געזעלשאַפט אין דער הײם פון זישאָ לאַנדוי. אַלע — קאָלעגעס. פּאָעטן, פּראָזאַיקערס. די מײנסטע קען איך שוין און דערקען. אײנער אַן אומבאַקאַנטער, מיט אַ פּנים וואָס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, אָבער עס איז פול מיט חברשאַפט און ליבשאַפט און אַרויפקוקן צו אײנעם, גײט צו און גיט אַ מורמל אַ נאָמען. „זײער אָנגענעם"... אָבער דעם נאָמען האָב איך פאַרהערט. —— אין דער געזעלשאַפט פעלט מיר: באַסין — ווײַל אויך איך האַלט אַ וועלט פון אַנטאָלאָגיעס. ענדלעך גײ איך צו דווקא צו דעם דערווײַל פאַר מיר נאָמענלאָזן אין אָט דער געזעל־שאַפט:

— קענט איר מיר אפשר זאָגן צי דאָ געפינט זיך אויך מ. באַסין?

— אַוודאי קען איך — און איר דאַרפט אים גאָרנישט ווײַט זוכן. אָט איז ער: איך אַליין! ——

אַ באַגעגעניש, אַ סימבאָל פאַר דעם גאַנצן מהות פון משה באַסין.

און אָט בלעטער איך — מיט טרויער — די בריוו, וואָס באַסין און איך האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן איבערגעביטן — און איך לײען דאָרט וועגן דער גרויסער זעקסבענדיקער אַנטאָלאָגיע — פּראָזע און פּאָעזיע — וואָס באַסין

האָט שוין פּאַרטיק און זיצט בײַם ברעג־ים פֿון ייִדישן ליטעראַרישן אומעט און... וואַרט אויף אַ פֿאַרלעגער.

אם אין אני לי — מי לי? טאַקע אמת, אָבער באַסינס אַנטאָלאָגיעס געהערן דאָך דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. וועט אים אפֿשר באַשערט זײַן אויך דער לעצטער, גרעסטער תּיקון זײַנער, נחת אויף יענער־וועלט פֿון תּיקון אויף דער־וועלט.

1963

ד״ר בן־צבי באַראַטאָוו (פּאַוועל ברענער)

געבוירן אַרום 1875 אין אַ שטעטל אין פּאָלטאַווער גובער־ניע. דאָקטאָר מעדיצין. ביז 1922 רוסישער אַקטיאָר. זינט דעמאָלט — ייִדישער. רײַזעס אין רוסלאַנד, אייראָפּע, אַמעריקע, דרום און צפון. וווינט שטענדיק אין אַמעריקע. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס דעם 23סטן נאָוועמבער 1951.

אַ ריז, אַ שמשון הגיבור איז ער לויטן אויסזען — בן־צבי באַראַטאָוו. נישט גענוג, וואָס ער איז העכער פון אַלעמען, קוקט סײַ ווי אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, קוקט ער נאָך אַחוץ דעם גלאַט אַזוי אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ. אָבער נישט פון שטאָלץ — ער קען דאָס נישט. אַדרבא, ער איז זייער צוגעלאָזן מיט מענטשן. פרײַנדלעך ווי נאָר אַ רוסקאַיאַ־דושאַ קען זײַן פרײַנדלעך, אויב זי צעפרײַנדלט זיך. שווערע, גרויסע אויגן האָט ער, שיינע, בלוי־גרינע, קלאַסישע פּנים־שטריכן. אויב שמשון הגיבור וואָלט געהאַט קינדער וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז אַ דירעקט אייניקל פון שמשון הגיבור. אַז מען קוקט אויף בן־צבי באַראַטאָוו, פאַרשטייט מען די ווילדע, געמיינע שטיק פון דער אייפערזיכטיקער דלילה.

ביז 1922 איז באַראַטאָוו געווען אַ רוסישער אַקטיאָר, וואָס האָט געמאַכט אַ שיינע קאַריערע, אָבער משמעות נישט אײַנגענומען קיין וועלטן. ער איז אָבער פון דער רוסישער בינע נישט אַנטלאָפן און זיך גענומען פּרוּוון זײַן מזל בײַ דער ייִדישער בינע. די אומשטענדן האָבן אַלץ געטון. פּשוט די אומשטענדן. ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אייראָפּע נאָך דער מלחמה, געקומען קיין ווין, באַקענט זיך מיט דעם גענַיאַל־שטימיקן יצחק דײַטש, וואָס האָט זיך דווקא אײַנגעשפּאַרט נישט צו זײַן קיין זינגער, נאָר אַן אַקטיאָר פון בעסערן זשאַנער און האָט אין ווין געגרינדעט די „פרײַע ייִדישע פאָלקס־בינע״ און יצחק דײַטש האָט באַראַטאָוון מגייר געווען קינסטלעריש.

איבער ייִדיש־ווין — עס איז געווען אין יאָר 1921 — האָט זיך פונאַנדער־געטראָגן אַ לעגענדע, אַז עפּעס איינער, מען ווייסט נישט ווער דאָס איז, מען זאָגט, אַז אַן אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָר, וואָס קערט זיך אום צום ייִדישן פאָלק, וועט שפּילן אין גאָרדינס פּיעסע „דער אומבאַקאַנטער״. אַ טאָפּלטע סענסאַציע. דאָס בינעלע פון דער „פרײַער פאָלקס־בינע״ אין אַ הויף־בנין אין דער אונטערער אויגאַרטען־שטראַסע אין ווין איז געווען אַזוי קליין און אַזוי נידעריק, אַז מען האָט בוכשטעבלעך דעם קאָפּ פון דעם אומבאַקאַנטן אין דעם „אומבאַקאַנטן״ בײַם שפּילן נישט געזען. ווי אַ זשיראַף אין אַ שטײַג האָט

ער אויסגעזען אויף אָט דער בינע. אַ סך ווערטער דאַרף מען אין דער ראָלע נישט רעדן. נאָר פון די עטלעכע ווערטער, וואָס מען האָט יאָ געהערט, האָט מען באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער געהיימעניששפּולער פּראָפעסאָר איז אויף יעדן פאַל אַ רוסישער פּראָפעסאָר. דער אַקצענט האָט דאָס קלאָר געמאַכט. דאָס שפּיל האָט שטאַרק אויסגענומען, נישט דאָס לשון, נאַטירלעך, נאָר דאָס שפּיל, וואָס איז אַזוי גוט געווען, אַז עס איז אַזש נישט געווען קיין שפּיל, נאָר ממש לעבן. באַראָטאָוו האָט בײַם שפּיל אין די צוגעפּאַסטע מאָמענטן געווייַנט מיט אַזעלכע גרויסע, וואַרעמע טרערן, אַז מען האָט דאָס דײַטלעך געזען, כאָטש די בינע איז אַזוי שלעכט באַלויכטן געווען. דערפֿאַר איז אָבער דאָס אוידיטאָ־ריום מיט די הונדערט און פופציק פּלעצער געווען אַזוי נאָענט, אַז די טונקל־קייט האָט נישט אויסגעמאַכט.

צו ערשט איז דער אומבאַקאַנטער אויפגעטראָטן אונטער דרײַ שטערנדלעך, שפּעטער אונטער דעם נאָמען בן־צבי און שפּעטער אונטער דעם נאָמען בן־צבי באַראָטאָוו און בײַ דעם איז עס געבליבן. חוץ דער בינע האָט מען אים געקענט אַלס דאָקטאָר באַראָטאָוו. דאָקטאָר־טיטלען זענען בכלל אויף דער בינע אַ זעלטנקייט — אויף דער ייִדישער בינע אַ נס־מן־השמים. נאָר אַ וועלט־מלחמה און אַ וועלט־רעוואָלוציע האָבן געקענט גורם זײַן דערצו.

זינט דעמאָלט פלעג איך באַראָטאָוון זען אין אומצאָליקע ראָלעס אין אַ סך מדינות אין דרײַ טיילן פון דער וועלט. ייִדישקייט האָט דורכגעדרונגען זײַן נשמה, נישט אָבער זײַן צונג. עס איז געבליבן די צונג פון אַ גר מיט דער כאַראַקטעריסטישער אַקצענטירונג פון ייִדיש מאַמע־לשון. איז אונטערגעקומען אַ צוגעפּאַסטע ראָלע, איז באַראָטאָוו געשווומען אין איר, איז קיין גלײַכן צו אים נישט געווען, איז דאָס אָבער געווען אַן עכט ייִדישע ראָלע, איז די ראָלע אַרומגעשווומען אויף אים פון אויבן ווי אויסגעבאָרגטע צו גרויסע קליידער. (כאָטש בײַ באַראָטאָוון איז דווקא דער פאַרגלײַך נישט אויפן פּלאַץ, ווײַל איך שטעל מיר גאָרנישט פאָר אַ צו גרויס קלייד צוזאַמען מיט אים).

דאָס איז געווען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט. באַראָטאָוו דאַרף געבן דעם לעצטן נומער, אַ דיאַלאָג פון אַן אַלט ווערנדיקן שוישפּילער מיט דעם סופלאָר. עס ווערט שפּעט. מיר מיינען, אַז ער וועט מער נישט קומען, שפּעט פאַרענדיקט דאָס שפּיל אין ווײַטן קאַמינסקי־טעאַטער. דער עולם איז שוין דרײַ־פערטל צעגאַנגען. נאָר באַראָטאָוו האַלט דאָך זײַן וואָרט און קומט. אין זאַל איז כמעט ליידיק, האַלב פינצטער, פּונקט די ריכטיקע שטימונג פאַר דעם דיאַלאָג. און ער שפּילט אים אָפּ מײַסטערהאַפט. עס איז זײַן עלעמענט און זײַן זשאַנער געווען. ער האָט ליב געהאַט אָט דעם סענטימענט, וואָס איז שוין געווען אין דרײַ־פערטל־פינצטערן בין־השמשות אין אייראָפּע און איז שוין אין גאַנצן אויסגעגאַנגען אין באַראָטאָווס רוסלאַנד.

באַראַטאָווס דערשײַנונג אויף דער ייִדישער בינע איז געווען און געבליבן אַ גרויס געשעעניש, אָבער נישט געוואָרן קיין טעאַטער־געשיכטע. ער איז נישט געשווומען דורך דער ייִדישער דראַמאַטישער ליטעראַטור, נישט געזוכט זײַנע געשטאַלטן אַליין, נאָר אָנגעטון יענע ראָלעס, וואָס טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן אים אונטערגעטראָגן. זעלבשטענדיק איז ער געווען אין איבערגעזעצטע פּיעסעס. אָבער איבערזעצונגען מאַכן זעלטן טעאַטער־געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק. נישט נאָר האָט גאָט די מענטשן בלויז מיט איין הויט באַשאַפֿן, נאָר אָט די איינע הויט האָט ער באַשאַפֿן אַזוי, אַז קוים קריכט מען פֿעסט אין איר אַרײַן, קען מען שוין קיין מאָל פֿון איר מער נישט אַרויסקריכן: און באַראַטאָוו שטעקט פֿעסט, גאָר פֿעסט אין דער הויט פֿון אַ רוסישן אַקטיאָר.

1940

בער באָראָכאָוו

געבוירן אין אַן אוקראַיִניש שטעטל, 1881. אויסגעוואַקסן אין פּאָלטאַווע. 1913־1914 — ווין. 1915־1917 — ניו־יאָרק. 1917 — צוריק אין רוסלאַנד. געשטאָרבן אין קיִעוו, 4טן דעצעמבער 1917. 1963 — זײַן געביין געבראַכט קיין מדינת־ישראל.

נישט וועגן דעם פּאָליטיקער, דעם טעאָרעטיקער פון דעם פּועלי־ציוניזם בער באָראָכאָוו װעלן מ י ר דאָ שרײַבן. אויך נישט וועגן דעם יסוד־לייגער פון דער פאָרשונג פון ייִדיש־לשון — באָראָכאָוו. און נײַערט וועגן דעם מענטש בער באָראָכאָוו, וואָס האָט אין די 36 יאָר לעבן אויפגעטאָן מער — ווי אַנדערע אין כאָטש 2 מאָל די יאָרן באָראָכאָווס. דעם סוד דערצו קען מען געפינען אין דער פּערזענלעכקייט בער באָראָכאָוו. דאָס איז נישט געווען אַ מענטש — דאָס איז געווען אַ מלאך.

פּערזענלעך געקענט האָב איך אים אין ווין אין די יאָרן 1913־1914. געווען בין איך אַפילו דער סעקרעטאַר פון דעם בירנבוים־יובל־קאָמיטעט, ווו באָראָ־כאָוו איז געווען פאָרזיצער. די אויפגאַבע פון דעם קאָמיטעט איז געווען צו פאַרזיכערן דעם גרויסן ייִדישן דענקער ד״ר נתן בירנבוים, צו זײַן יובל־יאָר (1863־1913) מיט אַן אײַזערנעם פאָנד פון 50 טויזנט מאַרק — אַן אייביקע פּרנסה, און ער זאָל קענען לעבן און שאַפן זײַנע טעאָריעס. וואָס פון דער פאַנטאַזיע איז געוואָרן — קענט איר זיך גרינגלעך פאָרשטעלן. אָבער באָראָכאָוו האָט אין דעם פּלאַן געגלייבט בלב־ונפש.

אָט שטייט ער מיר פאַר די אויגן — באָראָכאָוו — כאָטש איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1914, צוריק מיט 54 יאָר. און דעם דאָזיקן גאַנצן מאמר האָב איך געשריבן אין יאָר 1937: אַ הויכלעכער, אַן אָפן פּנים, אַ גוטער שמייכל ליגט אַלע מאָל אויסגעגאָסן אויפן פּנים, וואָס צייכנט זיך מיט גאָרנישט אויס. סײַדן — די ברילן פון אַ קורצזיכטיקן. די גוטסקייט אַליין. מילך. אַגב האָט ער אַלע מאָל געהאַט מיט זיך אין דער טעקע אַ קליין פלעשעלע מילך. ער האָט געליטן פון דער לונגענקרענק און זײַן זאָרגעוודיקע פרוי האָט אים אַלע מאָל מיטגעגעבן אַ פלעשעלע מילך. טאָמער האָט ער געדאַרפט עפּעס אַרויסנעמען פון דער טעקע, האָט ער אַלע מאָל צו ערשט אַרויסגעשטעלט די מילכפלעשלעך, אויך די נעכטיקע, די נישט־אויסגעטרונקענע, זויער־געוואָרענע.

ער האָט געאַרבעט 24 שעה אין מעת־לעת. זיבן טעג אין דער וואָך. אַזוי ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאײַלט. אינטויִציע? מסתמא. די אייביקע טענה, וואָס ער האָט געהאַט צו דער וועלט, איז געווען: פאַר וואָס האָבן די וואָכן באַר

זיבן טעג. און צום ייִדישן פֿאָלק: פֿאַר וואָס זענען נישט אַלע ייִדן פּועלי־ציון — עס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַז דאָס איז דער איינציקער ייִדישער אמת.

אויף באַראַכאָווס טיר אין דער געגנט פֿון אָרעמלעכן 18טן ווינער באַצירק איז כּסדר געהאָנגען אַ צעטל אין דרײַ לשונות: נישטאָ אין דער היים; ניכט צו האַוזע; ניעטו דאָמאַ. די אויפֿשריפֿט איז געווען אַדרעסירט צו צופּעליקע נודניקעס, די שטענדיקע נודניקעס האָבן געוווּסט דעם אמת — אָנגעקלאַפּט און געווען אַנגעלייגטע געסט.

באַראַכאָוו איז זייער זעלטן אַרויס פֿון שטוב. סײַדן אויף אַ זיצונג, אָדער אין אַ ביבליאָטעק. אַז די שטענדיקע נודניקעס זענען אויך געוואָרן צו חוצפּהדיק — איז צו דער אויפֿשריפֿט צוגעקומען נאָך אַ וואָרט: טאַקע (טאַקע נישטאָ אין דער היים). אָבער ווידער האָבן אַלע געסט באַלד אַנטדעקט, אַז אויך דער „טאַקע" שטימט נישט מיט דעם אמת. און געלאָפֿן איז מען אַזוי צו באַראַכאָוון — ווײַל עס איז געווען אינטערעסאַנט און אויך נוצלעך. זיך אַליין האָט ער נישט געקענט העלפֿן — אָבער אַנדערע — מיטן גאַנצן האַרץ.

אין באַראַכאָווס אַרבעטס־צימער איז מען נישט אַרײַנגעקומען, נאָר ממש אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קאַסטן פֿול מיט ביכער. זיי זענען געפֿאַלן אין קאָפּ אַרײַן און מען איז אויף זיי ממש געטראָטן. און יעדעס בוך האָט געהאַט דאָ וואָס צו דערציילן. דאָ זענען נישט געווען קיין ביכער סתּם. און באַראַכאָוו האָט געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן אַלע די ביכער.

און אָט איז דאָס יאָר 1914. אין די ערשטע טעג פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה — און די שטאָט איז ווין. די ערשטע טעג פֿון חודש אויגוסט. ווין האָט אַלע מאָל ליב געהאַט מיליטערישע פּאַראַדעס און דאָ גרייט זיך עפּעס גאָר אַ גראַנדיעזע מיליטער־פּאַראַדע. איין קלייניקייט — אַ וועלט־מלחמה און דערצו די ערשטע. די שטאָט איז אַרומגעכאַפּט פֿון עפּעס אַ מיסטעריעזן הפקר. עס איז הייס. אַ הייסער סוף־זומערטאָג. ווין איז אַרויס אין די גאַסן שפּאַצירן. דאָ און דאָרט אַ געקלאַפּער פֿון זעלנערישן מאַרש־שריט. מיליטערישע אָרקעס־טערס שפּילן. רעגימענטן מאַרשירן צום מיזרח־וואָקזאַל און פֿון דאָרט אין לאַנגע באַנען — צום פֿראָנט. צו דער גרויסער פּאַראַדע. און צווישן דעם עולם אויף די גאַסן — מײַן פֿרײַנד א. מ. פֿוקס — דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּראָזאַיִקער — און איך. אויך מיר זענען הפקרדיק פֿריילעך. דערווײַל גייען די פּאַראַדנע מונדירטע רעגימענטן אַהין — צום שלאַכטפֿעלד. אין קאַרגע עטלעכע וואָכן אַרום וועט מען זיי פֿירן אין בלוטנדיקע רויטע קרייץ־וועגענער — צוריק.

און אָט זעען מיר אויף יענער זײַט גאַס — געווען איז עס דער האַרבסטיק־פֿאַרביק צעבליטער שאָטנרינג — אַן אײַנגעבויגענע געשטאַלט פֿון אַ הויכלעכן מאַן מיט אַ שווערן טשעמאָדאַן. איז עס נישט צו מאָל באַראַכאָוו? יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. און ער וואַרט דאָ אויף אַ טראַמוואַי. און אָט זענען מיר שוין נעבן

אים. מיר ווילן אים העלפן טראָגן דעם פּאַק. ער לאָזט נישט. באָראָכאָוו איז אומעטיק — שטאַרק אומעטיק. ער פּאָרט מאָרגן אַוועק קיין איטאַליע. ער הוסט אונטער נאָך יעדע פּאָר ווערטער. זײַן שטים איז מיד און מאָדנע שאַרף. כּמעט בייז. אין אָט דעם טשעמאָדאַן פֿירט ער אַוועק דעם וויכטיקסטן פֿראַגמענט פֿון זײַן אַרכיוו צו דער געשיכטע פֿון אַלט־ייִדיש, צו אַ חבר. ער קען דעם אַרכיוו נישט נעמען מיט זיך. יאָרן אַרבעט זענען דאָ אין אָט דעם פּאַק. און וואָס פֿאַר אַ זשמודנע אַרבעט. ווער ווייסט ווּ דאָס אַלץ וועט אַהינקומען. אָט די פּאַפּירן זענען דאָך ווינקלשטיינער פֿון דעם היכל פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדיש לשון.

און אָט איז דאָס יאָר 1919. די וועלט־מלחמה איז פֿאַרענדיקט. באָראָכאָוו שוין צוויי יאָר אינעם אַרכיוו פֿון דער אייביקייט... איך האָב עפּעס צו באַזאָרגן אין איינעם פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע לאָקאַלן מכּוח מײַן אָפּפֿאָרן קיין וואַרשע. נעבן מיר אין קאָרידאָר פֿון דעם לאָקאַל — עטלעכע אָפֿענע, הפקרדיקע קאַסטנס פֿול מיט ביכער און נאָטיצהעפֿטן. די קאַסטנס זענען געווען פֿון באָראָכאָווס ביבליאָטעק און אַרכיוו. ווער עס וויל נאָר — זוך און נעם... גענומען האָב איך דאָ גאָרנישט און נאָר געבעטן דעם סעקרעטאַר פֿון דעם לאָקאַל, ער זאָל זיך מרחם זײַן אויף באָראָכאָווס אַרכיוו. עטלעכע טעג שפּעטער זענען די קאַסטנס דאָ מער נישט געווען. מסתּמא האָבן זיי געפֿונען דעם פּאַסיקן אָפּהיט־אָרט. דער גאַנצער ענין מיט די קאַסטנס איז אָבער אַ פּאַסיקע דערגאַנצונג צום פּענ־פּראָפֿיל פֿון דער למד־וואָוו־געשטאַלט באָראָכאָווס. אַפֿילו די לענג פֿון זײַנע לעבנס־יאָרן — 36 — זענען מרמז.

בשעת איך שרײַב די לעצטע פּאָר שורות פֿון דעם פּענפּראָפֿיל ליגט פֿאַר מיר באַסינס גרויסע ערשטע ייִדיש־אַנטאָלאָגיע : 500 יאָר ייִדישע פּאָעזיע — ניו־יאָרק 1917, מיט עטלעכע צענדליק בלעטער באָראָכאָווס ביבליאָגראַפֿישע הערות. נאָר אומענדלעכע ליבע און טיפֿסטער וויסן האָבן דאָס געקענט באַווײַזן. און עס איז דאָך אַ דורכויס פּיאָנערישע אַרבעט פֿון א. ביז ת.

און נאָך איין צוריקבליק צו דער באַגעגעניש אויפֿן ווינער שאָטנרינג אין אויגוסט 1914. פֿאַרטיפֿטע אין שמועס האָבן מיר פֿאַרגעסן דעם טראַמוויַי. אָבער ער איז אָנגעלאָפֿן און דער אייביק האַרציקער באָראָכאָוו האָט אַפֿילו קיין צײַט נישט געהאַט אונדז די האַנט צו דערלאַנגען. ער האָט נאָר נאָך באַוויזן אין דער לעצטער סעקונדע זיך אַרײַנצופּאַקן אין טראַמוויַי, צוזאַמען מיט זײַן טשעמאָדאַן פֿול מיט וויסן און סבלנות, און אַוועק צו די דרײַ יאָר לעבן, וואָס זענען אים נאָך געבליבן.

איצט רוט אין דער אייביקייט זײַן געביין אין דעם לאַנד פֿון זײַנע חלומות און נאַציאָנאַלע טעאָריעס און איז אַקטיוו אין דער אייביקייט דאָס ווערק פֿון דעם פּיאָנער פֿון דער ייִדיש־ביבליאָגראַפֿיע.

1967

מיכאל מאַקסימיליאַן באָרוויטש

געבוירן 11טן אָקטאָבער 1911 אין קראָקע, גאַליציע. 1942 אינטערנירט אין יאַנאָווער טויטלאַגער. אַנטלאָפן. פּאַרטיזאַנער. זינט 1947 אין פּאַריז.

ער איז אַן אײגענער, אַן אונדזעריקער, אַ שטאָלצער און זעלבסט־באַוווּסטער ייִד, מיכאַל מאַקסימיליאַן באָרוכאָוויטש, וואָס האָט אַ ביסל מקצר געווען זײַן משפּחה־נאָמען, אַרויסגענומען צוויי טראָפּן, און געבליבן באָרוויטש. אָבער ער וואָלט פּאָרט נישט געבליבן אונדזערער — ווען נישט די שטורעמווינטן, וואָלט אָט דער פאַרפלויגענער פויגל געבליבן אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ער איז שוין אין איר געווען אײַנגעגעסטיקט גאַנץ שטאַרק מיט לשון און טאַלאַנט און סביבה.

ערגעץ ווו פליסט אין זײַנע אָדערן, אויב נישט דאָס בלוט, איז כאָטש דער גײַסט פון דעם פּויליש־ייִדישן קאַוואַלעריע־גענעראַל פון די צײַטן פון דער פּאָוסטאַניע בערעק יאָסעלעוויטש.

באָרוויטש איז אַ פּוילישער אָפיציר לויט דעם גאַנצן מהות, מער ראָמאַנטיש ווי מיליטאַנטיש, מער סאַרקאַסטיש ווי סאַרדאָניש. אַ הויכלעכער, אַ שלאַנקער, אַ לענגלעך פּנים, שאַרפע שטריכן, און ער רעדט געשליפן און שאַרפלעך. אַזאַ פּנים וואָס איז לחלוטין נישט ייִדיש, אָבער פּאָרט דערקענט מען באַלד, אַז עס באַלאַנגט צו אַ ייִדן. מען דערציילט, אַז באָרוויטש האָט אַ מאָל געהאַט שוועריקייטן צו באַקומען אַ וויזע — קיין פראַנקרײַך, דאַכט זיך — ווײַל ער האָט נישט געקענט גאַראַנטירן פאַר זײַן צוריקפאָרן צו דער געגעבענער צײַט, און קיין גאַראַנטירער איז אויפן אָרט ניט געווען, האָט זיך באָרוויטש אויפגעשטעלט און געזאָגט: — איך גיב מײַן אָפיצעריש ערנוואָרט! און עס איז מאָמענטאַן אָנגענומען געוואָרן. און באָרוויטש האָט עס נאַטירלעך אָפגעהיטן צו דער רגע.

נאָך איידער מיר האָבן זיך געקענט איז געווען בײַ אונדז אַ פאַרבינדונג צוליב זײַנע ביכער פון די נאַצי־יאָרן. געשריבענע אין פּויליש — דעמאָלט. אָט די ביכער זענען אי דאָקומענט און אי ליטעראַטור און דאָס מאַכט זיי גאָר באַזונדערס ווערטפול. באָרוויטש איז אַ דיכטער פון ראַנג און אַ צונויפגעשטעלטער פון אַנטאָלאָגיעס פון אַנטי־נאַצי־לידער. ער איז פון די, וואָס זענען „דאָרט" געווען — און נאָך ווי געווען. נאָר זײַן מוט און זײַן קאַלטבלוטיקייט און זײַן אינטעלעקט האָבן אים אונדז פון „דאָרט" געראַטעוועט און מיט דעם זײַנע ווערק, וואָס ער האָט שוין נאָך דער באַפרײַונג געשריבן אַ סך. איך האָב מיטן גאַנצן האַרץ און מיט אַל מײַן בעסטן ווילן אַ פּאָר פון באָרוויטשעס לידער איבערגעטראָגן אויף מאַמע־לשון.

מיר זענען לאַנדסלײַט און עפּעס אַ לכתחילהדיק פּאַרשטײן זיך איז דאָ צווישן אונדז און אַפּילו, ווען עס מאַכט זיך אַן אומשטימיקייט אין געוויסע פֿראַגעס — אויף דער חברהשאַפֿט וואַרפֿט עס נישט קיין שאָטן. באַרוויטש איז געווען אַ קאַפּיטאַן אין דער אַרמיי, אַ סך שלאַכטן מיטגעמאַכט — אָפֿן און אונטערערד און איך האָב קוים געענדיקט אַן אָפֿיצירן־שולע און קוים באַוויזן איין מאָל פֿאַרווונדיקט צו ווערן — מער פֿון פּחד, ווי פֿון מוט. באַרוויטש האַלט פֿון מידת־הדין און איך פֿון מידת־הרחמים. שטילערהייט מיין איך, אַז אויך ער איז בלויז אַ „יִדישער גזלן״.

מיר האָבן זיך געטראָפֿן אין ניו־יאָרק, אויף דעם קולטור־קאָנגרעס אין יאָר 1948. מערערע מאָל אין פּאַריז. באַרוויטש וואָלט שוין געקענט צוריק אָננעמען זײַן נאָמען באַרוכאָוויטש, ווײַל ער האָט זיך אויסגעלערנט יִדיש — בעסער אין שריפֿט ווי אין גערעדטן וואָרט — און ער שרײַבט שוין זײַנע ווערק נאָר אין יִדיש. ער איז אַזוי שטאָלץ מיט אָט דער דערגרייכונג זײַנער, אַז מען קען פֿון אים קיין וואָרט פּויליש נישט אַרויסבאַקומען מער. ער איז אַן אַהין־אָדער אַהער־מענטש. כאַראַקטער.

באַרוויטש איז שוין יאָרן אַ פּאַריזער. ער פּאַסט דאָ אַהער. עפּעס פֿון דעם מין פֿון דער אייביקער „עמיגראַציע״ פֿון אינטעלעקטואַלן איז דאָ אין זײַן מהות. זיצן מיר זאַלבע דריט שעהען אין אַ פּאַריזער קאַפֿע און די שעהען פֿליסן אַזוי גרינג — כאָטש אָנגעלאָדן מיט אַזעלכע שווערע טעמעס. באַרוויטש דערציילט, ער האָט אַזוי פֿיל צו דערציילן, אַז עס וועט סטאַיען אויף דעקאַדעס יאָרן און פֿאָליצעס ביכער. ער דערציילט, דערציילט, צינדט איין ציגאַרעט אין אַנדערן און בינדט איין מעשה אין דער אַנדערער. מעשיות וועגן בערג מיט אַש און אויך אין אַש־טעלער איז דערווײַל אויפגעוואַקסן אַ בערגעלע.

אָבער וויפֿל קען דען אויסהאַלטן אַ מענטש — — בעט איך באַרוויטשן: פֿירט מיך אין אַ מוזעום — אײַער באַליבטסט מוזעום. און ער פֿירט מיך אין מוזעום פֿון אויגוסט ראָדען — הונדערטער וואַריאַנטן פֿון איין און דעם זעלבן מאָטיוו: מענטש וואָס וויל ווערן מער — וויל ווערן באַפֿליגלט — אַרויס, אַרויס פֿון אינסטינקט, וואָס ציט אַראָפּ צו ווייניקער. שעהען וואַנדערן מיר דאָ פֿון שטיין צו שטיין, נעכטן, הײַנט און אייביקייט. מענטש — — אַזוי איז ער.

1959

מנחם באָריישאָ

געבוירן 26סטן יאַנואַר 1888 אין בריסק. וואַרשע, אַמעריקע.
רײַזעס: פוילן, רוסלאַנד. געשטאָרבן 12טן פעברואַר 1949.

אַ נאָמען אַ שיינער, אַ נאָמען ווי אַ בלום און קלאַנגיק ווי אַ סאָלאָגראַם... מע־נאַ־כעם. און די לידער וואָס ער האָט געשריבן האָבן געהאַט אַזעלכע ראָמאַנטישע נעמען: שוואַרצע רויזן. און דערצו האָט מען איבער דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור דערציילט, אַז מנחם איז דער שענסטער יידישער שרײַבער, דער פאַרמלחמהדיקער פרץ מאַרקיש... און מען האָט דערציילט, אַז אַלע וואַרשעווער מיידלעך לויפן אים נאָך, און ער איז אַ געבילדעטער און ער רעדט זייער שיין פויליש. האָט זיך אויך געלייגט אויפן שׂכל פאַר וואָס די מיידלעך פון וואַרשע — פון דער פּשיבישעווסקי־צײַט לויפן אים נאָך.

מנחם גאָלדבערג האָט זיך צו ערשט אַראָפּגענומען דעם טאַטנס נאָמען און שפּעטער האָט ער זיך צוגעלייגט דער מאַמעס פאַמיליע־נאָמען — און אין דער ליטעראַטור וועט ער פאַרבלײַבן ווי מנחם באָריישאָ ווײַל זײַנע הויפּטווערק האָט ער אונטער דעם נאָמען פאַרעפנטלעכט, נאָר צווישן שרײַבער פון זײַן דור וועט ער שוין אַלע מאָל הייסן מנחם — אָן גאָלדבערג און אָן באָריישאָ.

מנחמס ברידער זענען, אָדער זענען געווען, זשורנאַליסטן און כלל־טוערס און דערצו העפטיקע, אַגרעסיווע יידן, יידן מיט אַ סך שׂונאים, און דאָס האָט אַלע מאָל געוואָרפן אַ שאָטן אויף דעם שטילן און זייער עסטעטישן אין דער אויסערלעכער האַלטונג און אויסדרוק — מנחמען. אַ מאָל וואַרפט אַ ברודער אויף אַ ברודער אַן אָפּשײַן און אַ מאָל אַ שאָטן. מיר גלייבן דאָך אַלע נישט אין אַבסאָלוטן אַטאַוויזם און מיר קענען זיך אויך אין גאַנצן פון דעם נישט באַפרײַען.

מנחם איז איינער פון די זעלטענע עפּאָפּעע־שרײַבערס אין דער יידישער ליטעראַטור. „זאַוול רימער" און איצט גייט „בלוט און ביר", וואָס איך בין זיכער, אַז אין דער לעצטער רעדאַקציע און ווען עס וועט פאַרטיק זײַן, וועט עס דער דיכטער מנחם פון דער טראַדיציע פון די שוואַרצע רויזן אָנרופן מיט אַ מער עסטעטישן נאָמען.

איך האָב אַ מאָל אין דער וואַרשעווער ,פאָלקסצײַטונג' אויסגעשריבן ליטעראַרישע לייענער־קאָנקורסן אויף דער טעמע: ווער זענען מײַנע צען באַליבטסטע העלדן פון דער יידישער ליטעראַטור און ווער זענען מײַנע צען באַליבטסטע ביכער. איןַביידע קאָנקורסן איז צווישן די ערשטע צען העלדן און ערשטע צען ביכער געווען דער נאָמען „זאַוול רימער". דאָס איז אַ מדרגה.

דיכטער שאַפֿן די געשטאַלטן און די ביכער, און די קריטיקערס זאָגן דעם עולם וועלכע ביכער זענען די בעסטע און וועלכע געשטאַלטן דאַרפֿן בלײַבן — נאָר דער עולם הערט סײַ די קריטיקערס און סײַ די דיכטערס ווי דעם פּאַריאָריקן שניי און באַשטימט וועלכע ביכער און וועלכע געשטאַלטן בלײַבן. און דער עולם האָט באַשטימט, אַז זאַוול רימער בלײַבט. דער עולם האָט דאָס באַשטימט מיט מער ענטוזיאַזם ווי די קריטיקערס האָבן עס געטון. עס איז דאָס איינציקע ייִדישע, אין פּאָעטישער פֿאָרעם, טאָקע ווי אַ ריכטיקער עפּאָס, געשריבענער עפּאָס, וואָס האָט אַזאַ אָפּקלאַנג געהאַט בײַ די לייענערס.

אויף אַ ליטעראַרישער יוגנט־אונטערנעמונג אין ניו־יאָרק זיץ איך צוזאַמען מיט מנחמען. עס איז געווען אין אַ גרויסן, שיינעם קינסטלערישן זאַל ערגעץ נישט ווײַט פֿון אַ ייִדישן געגנט. צווישן די רעדנערס און אויספֿירערס פֿון דעם אָוונט זענען געווען די זין פֿון אָפּאַטאָשו און לייוויק. אָבער אויך די זאַל־באַדינונג איז אויסגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם יונגוואַרג, וואָס איז גראָד פּרײַ געווען פֿון דער בינע. מיט אַ גאָלדענעם שמייכל אויף די ליפּן, אויף דעם גאָלדיק־רויזיקן פּנים, און מיט אַ ציכטיקן ייִדיש אין מויל שוועבט צו צו אונדז אַ יונג מיידל און לייגט פֿאַר פּראָגראַמען.

מיר ווערט אי אַזוי גוט, אי אַזוי אומעטיק אויף דעם געמיט. פֿאַר מײַנע אויגן זע איך אַ ריזיק ציפּערבלאַט און די ווײַזערס זענען שוין אָפּגעלאָפֿן העכער האַלב און די צײַט גייט נישט צוריק, קיין מאָל נישט.

דאָס גאָלדיק־רויזיקע קינד מיט דעם שמייכל אויף די ליפּן און מיט די ייִדישע ווערטער אין זיי פּרעגט: איר וועט אפֿשר נעמען אַ פּראָגראַם — —

איך נעם און זי שוועבט אַוועק. אַ חלום פֿון יוגנט און פֿון דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש אין אַמעריקע...

— וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעך קינד און וואָס פֿאַר אַ גאָלדיקער ייִדיש.

— דאָס איז מײַן טאָכטער — ענטפֿערט שטיל און שמייכלט מיט ליבע מנחם באָריישאָ, דער ראָמאַנטישער בחור פֿון די וואַרשעווער גאַסן פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער פּרץ־תּקופֿה, דער דיכטער פֿון די שוואַרצע רויזן און אַ גאָלד־רויזיקער טאָכטער.

אַ דיכטער וואָס האָט זײַן פֿאָרעם געפֿונען, זײַן אייגענע אין זײַן ליטעראַטור, און די פֿאָרעם מיט זײַן אייגענעם אינהאַלט אָנגעפֿילט — און האָט דערצו אַזאַ טאָכטער — מעג רויִק אויף אַ רגע אַרויסנעמען די אַמעריקאַנער פּיפּקע פֿון מויל און אַ זאָג טון מיט אַ שמייכל: מײַן טאָכטער...

1939/1940

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

געבוירן אין יאָר 1892 אין פּומפּיאַן, קאָוונער ליטע. אין יאָר 1911 געקומען קיין אַמעריקע. אַוועק פון דער וועלט דעם 22סטן סעפּטעמבער 1962.

איך ווייס נישט פאַר וואָס, — אפשר צוליב דעם לאַנגן נאָמען: בנימין יעקב ביאַלאָסטאָצקי — נײַן טראָפּן, און אפשר צוליב דעם ווײַל איך האָב געוווּסט, אַז ב.י.ב. איז אַ זון פון אַ מגיד, נאָר איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער איז אַ שווערער און אַ הויכער ייִד. נאָר אָט איז 1934, ניו־יאָרק, אין דער רעדאַקציִע פון „פאָרווערטס", איך בין דאָס ערשטע מאָל און דעם ערשטן טאָג אין אַמעריקע און עס רעדט צו מיר זייער חבריש און זייער האַרציק, אַ נישט צו הויכער, זייער יוגנטלעכער, זייער שוואַרץ־חנעוודיקער יונגער מאַן, מיט בלאַנקע, גרויסע, אַליין שמייכלענדיקע אויגנגלעזער, מיט בלאַנקע ציין און איך באַמערק, אַז זיי זענען שיטערלעך צעשטעלט, און איך האָב געלערנט פון מײַן מאַמען, אַז מענטשן מיט אַזעלכע ציין האָבן מזל צו מענטשן — און איך טראַכט מיך, אַז אויך מענטשן האָבן מזל צו זיי, וואָרעם דער יונגער מאַן רעדט צו מיר אַזוי האַרציק, צום האַרציקסטן פון אַלע באַגעגנטע אין מײַן ערשטן ניו־יאָרקער טאָג. דער יונגער מאַן קען מיך — ווײַזט אויס. דערפאַר האָט ער זײַן נאָמען נישט געזאָגט. נאָר ווער איז ער? פרעגן פּאַסט נישט. און איך נוץ אויס די ערשטע סטראַטעגישע געלעגנהייט און איך כאַפּ אַ פרעג בײַ אַ זײַטיקן: ווער איז דער יונגער מאַן? ביאַלאָסטאָצקי. און דאָ איז מיר ערשט גוט געוואָרן אויפן געמיט — און געוואָרן אַלע מאָל זינט דעמאָלט, ווען נאָר מיר באַגעגנען זיך. עס גייט נאָך אי דער נחת פון דער אָנגענעמער אַנטוישונג און אי דער ערשטער רושם. און דאָס אָנגענעמסטע איז — וואָס אַזוי איז ער צו אַלעמען, ביאַלאָסטאָצקי. ער האָט ליב די געזעל־שאַפט פון חברים און האָט ליב צו דערציילן אַ מעשה — מגידיש און מיט אַ דינעם ניגון זאַפּראַוועט, און ער האָט ליב צו זינגען אַ ליד אויך בצוותא און אויך אייגענע לידער און ער האָט עטלעכע אַזעלכע זינגלידער געשריבן — און זיי זענען ממש זינגעוודיקע פּערל אין אונדזער אומעטיקער ליריק.

אָפּגעוווען אַ פּאָר טעג אין ניו־יאָרק אין 1934 — דאַרף מען דאָך זײַן בײַ דער פרײַהייט־סטאַטוע. און אַליין גיין קען איך נישט, צו דער סטאַטוע דאַרף מען פאָרן מיט קאָמפּליצירטע סאַבוועיס און שפּעטער מיט אַ שיפל און קיינעם גלוסט זיך נישט מיטצומאַכן די לאַנגווײַליקע רײַזע. אָבער אָט איז ביאַלאָסטאָצקי — ער וועט עס טאָן, בכבוד־גדול. ווי אַ מענטש, וואָס נעמט זאַכן זייער ערנסט, האָב איך געוואָלט באַזוכן די פרײַהייט־סטאַטוע מיט אַ

פאַרטראַכטן און מיט וועלטשמערץ־פאַרקנייטשטן שטערן. אָבער ביאַלאָסטאָצקי האָט מײַנע שטערנקנייטשן כּסדר פאַרטריבן מיט אַ וויץ און אַ וויץ און נאָך אַ וויץ. נאָר אָט איז געענדיקט די רײַזע און איך בין אַ נאַכט אין ביאַלאָסטאָצקיס היים. און נאָך אַן איבערראַשונג: די אָריגינעלע ליטעראַטור־עסייִסטין פּעסיע כּהנא איז גאָר ביאַלאָסטאָצקיס פרוי, און שוואַרץ־חנעוודיקע מיידעלעך, וואָס רעדן ייִדיש ווי אַ וואַסער — זײַנע טעכטער.

אין ביאַלאָסטאָצקיס נשמה און שרײַבערישער אינערלעכער לאַבאָראַטאָריע ווױנען צוויי: דער ליריש־סאָציאַלער דיכטער און דער אָריגינעלער עסייִסט, וואָס בײַ אים ווױנען נאָך צוויי סובלאָקאַטאָרן — אַ מעשׂה־דערציילער און אַ זשורנאַליסט, וואָס קען די מלאכה. אָבער ב. י. ב. אַליין האָט מער ווי אַלץ ליב דעם ראשית אונו. דעם דאָזיקן געביט פון זײַן שאַפן פאַרטיידיקט ער ווי אַ טיגערין אירע קליינע. ער האָט ליב צו דערציילן: איין מאָל, ווען איך האָב אויסגעפירט אין „פאָרווערטס" די פּאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון צונויפשטעלן די ערשטע זײַטן, איז צו מיר אַרײַן דער רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן און גענומען שטעלן איבעריקע שאלות וועגן מײַנס אַ ליד. ער פאַרשטייט עס נישט. האָב איך מיך אויפגעשטעלט און גאַנץ שטרענג געזאָגט: אָבער די בײַעס פון דער ערשטער זײַט האָט איר הײַנט אַלע קלאָר און דײַטלעך פאַרשטאַנען? יאָ! אויב אַזוי האָב איך מיט אײַך הײַנט מער גאָרנישט וועגן וואָס צו רעדן. און זינט דעמאָלט האָט אים קאַהאַן מער נישט געטשעפּעט, ווײַל ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר שרײַבערס מיט אַ חוט־השדרה, ווי ער אַליין איז געווען.

און יאָרן זענען געגאַנגען און באַגעגענישן אַלערליי מיט ביאַלאָסטאָצקין אַ סך. און איין מאָל, אין די יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה צוויי, איז ער גאָר געווען אַ לעקטאָר אין אַ פאָלקסבילדונג־פּראָיעקט, וואָס איך האָב אָנגעפירט אין מאָנטרעאָל. אַ וואָך לאַנג בין איך געווען זײַן פּרינציפּאַל... גערעדט האָט ער וועגן דער אגדה, זײַן ספּעציאַליטעט. און די וואָך שײַנט אַרויס פון דעם אומעט פון יענע יאָרן — אַליין אַ מעשׂה פאַר זיך. און י. י. סיגאַל האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און אָונטן זענען דעמאָלט אַוועק — צעזונגענע און באַשפּרענקלטע מיט גוטמוטיקן חברישן קיבוץ.

אין איינעם פון יענע אָוונטן האָט אַ מאָל ביאַלאָסטאָצקי אַ זונג געטאָן עטלעכע לידער — און עס איז געווען אַ נחת צו הערן — באַזונדערס זײַנע אייגענע קינדערלידער. און ער האָט עס געזונגען מיט שוווּנג — ווי אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן — און ער האָט גענומען דיריגירן און די גאַנצע געזעלשאַפט אין שטוב פאַרוואַנדלט אין זײַן כאָר — מיט י. י. סיגאַל אַליין אַלס ערשטן כאָריסט. נאָך קלינגט דער ניגון אין האַרצן און אויך ביאַלאָסטאָצקיס וואַרעמע, לעבנספריידיקע שטים, אונטערגעהאַלטן מיט סיגאַלס מוזיקאַלישן קול:

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו, —
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשׂהלע,
אַ ציגעלע אַ ווײַסעלע,
דאָס וואָלקנדל ביסטו — —

זײַנע לידער פון כמעט אַ האַלב יאָרהונדערט האָט ביאַלאָסטאָצקי צונויפּגענומען אין אַ באַנד מיט דעם גוט־ייִדישן טיטל (עס דערמאָנט „אַ גראָשן צו אַ גראָשן") „ליד צו ליד". זײַנע עסייען — אין אַ זאַמלונג „חלום און וואָר". זײַנע אַגדות און פאָלקלאָר־זאַמלונגען און אויסטײַטשונגען — אין די ביכער „פון גלות בבל ביז רוים" און „די משלים פון דובנער מגיד". ווער נאָך איז אַזוי באַרופן געווען צו זאַמלען און טײַטשן די דאָזיקע משלים, ווי דער זון פון דעם פּאָסוואָלער־גראָדנער מגיד, וואָס איז אַליין מיט זײַנע אומצאָליקע כאַראַקטעריסטישע ליטעראַרישע רעדעס געווען דער ליטעראַרישער מגיד אונדזערער. וואָס פאַר אַ נחת איז געווען צו הערן זײַנע וואַרעמע, פאַרטיפטע און דאָך לײַכטע און הומאָרפולע ליטעראַרישע דרשות.

זאָל עס דערמאָנט ווערן: ביאַלאָסטאָצקי האָט אין זײַן ליטעראַרישער אומדערמידלעכקייט, און ער האָט צו זײַנע זיבעציק אויסגעזען אַ פערציקיאָריקער, אויך אַ סך רעדאַגירט. צ"א דאָס 700־זײַטיקע דוד עדעלשטאַט־געדענקבוך. ער האָט אויך רעדאַגירט צײַטשריפטן — און יאָרן לאַנג בשותּפות מיט ז. ווײַנפּערן דעם זשורנאַל „אויפקום". ווײַנפּער און ביאַלאָסטאָצקי זענען אויך אין כאַראַקטער געווען אַ ביסל ענלעך. ווײַנפּער האָט אין די יאָרן פון בלאַנדזשען — 1939—1948 — פאַרבלאָנדזשעט אויף לינקס. ביאַלאָסטאָצקי איז געבליבן אויסגעהאַלטן. און דאָך האָט ער אָנגעהאַלטן חברישע באַציִונגען מיט אַ גאַנצער ריי פאַרבלאָנדזשעטע, און דאָס — מיט אַזוי פיל הומאַנער ווערדע, אַז זײַן פּאָזיציע אין „פאָרווערטס" האָט זיך צוליב דעם קיין מאָל נישט קיין וואַקל געטאָן. אויף ווײַנפּערס לוויה — יאַנואַר 1957 — האָט ביאַלאָסטאָצקי געמאַכט דעם הספּד אין נאָמען פון פּען־קלוב און געזאָגט — נאַטירלעך — דאָס וואָס אים איז געווען אויפן האַרצן, צי די אײַנאָרדנערס פון דער לוויה האָבן עס געוואָלט הערן אָדער נישט. אָבער דעם חבר לעצט־באַגלייט האָט ער. גערעדט מיט אַ מגידישן ניגון — יעדעס וואָרט אַ טרער.

1959 — מאָנטרעאָל. ביאַלאָסטאָצקי — גאַסטרעדנער אין אַרבעטער־רינג. דער אָרטיקער שרײַבער־פאַראיין נוצט אויס די געלעגנהייט, אָרדנט אײַן אַ שבת־נאָכמיטאָג, אַ חברים־באַגעגעניש מיט דעם גאַסט. מען רעדט מעניני דיומא. ייִדישע שול־ענינים — ביאַלאָסטאָצקי איז נישט נאָר אַ לערער, נאָר

אויך געווען דער מיטגרינדער פון די וועלטלעכע ייִדיש־שולעס אין אַמעריקע, — מען רעדט וועגן דעם מצב פון ייִדיש. ביאַלאָסטאָצקי הערט, הערט און צום סוף ענטפערט ער און עס מאַכט אַ טיפן רושם: „איך ווייס דאָס אַלץ בעסער פון אײַך, אָבער איך ווייס אויך, אַז דאָס שטעלן שאלות ברענגט ייִאושדיקע ענטפערס, אָבער דאָס טאָן, טאָן, טאָן ברענגט מונטערע רעזולטאַטן — האָב איך אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג — שוין פופציק יאָר... און איך ראַט אײַך אַלע צו טאָן דאָס זעלבע".

זאָלן די דאָזיקע ציטערטע ווערטער זײַן בנימין יעקב ביאַלאָסטאָצקיס צוואה. זײַן ירושה איז אַן אָנזעעוודיקע און אַ בלײַבנדיקע, אַ וואַרעם־ייִדישע און אַ הומאַנע. ווי זשיטלאָווסקי האָט געלערנט: וואָס מער ייִד — אַלץ מער מענטש.

1962

פישל בימקאָ

געבוירן אין קעלץ, אין יאָר 1890. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1921. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 8טן אַפּריל 1965.

זײַן כאַראַקטעריסטישער פּויליש־ייִדישער נאָמען — פישל בימקאָ — איז מיר שוין לאַנג באַקאַנט געווען, נאָך איידער איך האָב פּאַרווינט אויף אַנ־דערטהאַלבן יאָרצענדליקער אין וואַרשע. ער אַליין האָט שוין דעמאָלט געווינט און געאַרבעט אין אַ שאָפּ אין אַמעריקע. בײַ טאָג האָט ער געאַרבעט יאָרן לאַנג אין אַ פאַבריק, און בײַ נאַכט פלעגט ער באַזוכן די דערפאָלגרײַכע אויפפירונגען פון זײַנע דראַמעס און טראַגעדיעס אין די בעסטע ייִדישע טעאַטערן. ער האָט דערפון קיין צימעס נישט געמאַכט און קיינעם ניט געמאַכט קיין מענטליק דערפאַר. ער האָט אַלץ גענומען אין לעבן פשוט און פּראָסט, אַ מאָל אַפילו מער פּראָסט ווי פשוט. ער האָט געהאַט אַ ציל פאַר די אויגן. מסתמא האָט ער שטילערהייט געקליבן אַ קניפּל, כדי סוף־כל־סוף אין גאַנצן זיך קענען ווידמען דער ליטעראַרישער אַרבעט. אָבער קיינעם נישט דאַרפן פאַלן צו לאַסט. און ער האָט עס אויסגעפירט. אַ צוויי טוץ יאָרן פאַר זײַן אַוועקגאַנג איז ער געווען אַ רײַכער מאַן, אַ באַלעבאָס פון הײַזער. דערפאָלג אין לעבן האָט ער געהאַט זייער אַ סך — פישל בימקאָ — אָבער גליק זייער ווייניק. וועגן בימקאָס פּאַר־מעגן מעג מען רעדן אָפן און פרײַ — מחמת ער האָט אויך געהאַט אַ ברייטע און אָפענע האַנט.

אַ מיטל־הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַ קײַלעכדיק פּנים, אויגן, וואָס קוקן איינעם אַלע מאָל גלײַך אין בליק אַרײַן, נישט אין די אויגן נאָר טאַקע אין בליק אַרײַן. און רעדן רעדט ער אַלע מאָל זייער האַרציק און קורץ, אָפּגעהאַקט; רעפּליקעס אין אַ דראַמע. ער איז דורך און דורך אַ דראַמאַטורג. ער קוקט אויך אַזוי אויפן לעבן בכלל, דורך זײַנע ווערק, זײַנע דראַמעס און טראַגעדיעס. ער זעט דאָס לעבן מיט זײַנע צערן און פריידן און מיט זײַנע פּלאָנטערנישן. ער קוקט אויך אין זײַנע ווערק, אויך אַזוי אין זײַנע נאַטוראַליסטישע פּראָזע־שריפטן, דעם לעבן פּנים־אל־פּנים. פּראָבלעמען אינטערעסירן אים ווייניקער. ער גריבלט זיך נישט. דאָס לעבן גייט פאָרויס. דאָס צוריקבליקן און אַנאַליזירן פירט נישט אין ערגעץ.

נאַטירלעך זענען דאָ פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס אין זײַנע דראַמעס — „רעקרוטן", „גנבים", „פאַרבאָרגענע כוחות" — בימקאָ באַהאַלט זיי נישט, אָבער ער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי. דאָס קאָכיקע, רוישיקע, לעבעדיקע לעבן האָט נישט קיין צײַט אויף דעם. דאָס לעבן איז אַ שטראָם אין פרילינג. און מען לעבט בלויז איין מאָל. עס איז נישט הפקר. בימקאָס דראַמעס זענען דורכ־

געזאָפּט מיט ייִדישער מאָראַל. אַ מאָל אַל רחום וחנון און אַ מאָל אַל נקמות. ווי מען פאַרדינט זיך. אָבער יש דין ויש דיין. ער האָט אַזוי אַ טאַקע ליב צו רעדן וועגן זײַנע ווערק. און אַז ער רעדט, רעדט ער נישט נאָר מיט דעם פּויליש־ייִדישן דיאַלעקט, נאָר בפירוש מיט דעם ספּעציעלן קעלצער דיאַלעקט, זײַן שטעטל. אַפילו נאָך כּמעט אַ האַלב יאָרהונדערט אָפּווינען אין אַמעריקע — אָט אַזוי. ער איז אַלע מאָל עכט.

אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן איז בימקאָ געקומען מיט דער משפּחה קײַן פּוילן אויף אַ שטיק צײַט, דאָ צוזוגרייטן אַ זיבן־בענדיקע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק. אָפּט געקומען קיין וואַרשע. און — ווי פריִער געזאָגט — דערפאַלג האָט ער געהאַט אַ סך אין לעבן — גליק אויפן שפּיץ מעסער. פון זײַנע דרײַ קינדער האָט ער אין פּוילן אַ קינד אָוועקגעלייגט אין דער היימישער ערד, שוין דאָס צווייטע. (אין אַ ווידמונג צום ווײַב, זײַן לאַניען, האָט ער אַ מאָל געשריבן: „לאַניען — וואָס האָט געבוירן דרײַ קינדער און צוויי אָפּגעגעבן דער ערד צוריק״).

אין יענער צײַט איז מען אים אַ מאָל באַפאַלן און צעשלאָגן, שיר נישט דערהרגעט. מיט יאָרן שפּעטער איז לאַניע אין ניו־יאָרק אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע; אַן אייניקל האָט ער געהאַט — פאַרמישפּט דורך דער נאַטור (אַ „בלויבלוט־קינד״). ער — בימקאָ — איז מיט מיר אַ מאָל געגאַנגען אין תּל־אביב אויף אַ באַלעבטער גאַס. פּלוצלינג שטעלט ער מיך אָפּ און קוקט אויף מיר:

— ראַוויטש — לאָזט מיך איצט אויסשרײַען מײַן צער. איך האָב אַן אייניקל, אַ לאַכטיק קינדאַלע, אַ מלאך — אָבער דאָס קינדאַלע ווייסט נישט, אַז עס איז פאַרמישפּט. עס מוז שטאַרבן קינדווײַז. פריִער אָדער שפּעטער...

אַז איך האָב אים, בימקאָן, אַ צײַט שפּעטער געזען, האָט ער מיר נאָר געזאָגט איין וואָרט: „שוין!״. איך האָב געוווּסט וואָס שוין...

געשריבן האָט ער דראַמעס, טראַגעדיעס, דערציילונגען, ראָמאַנען, קאָ־מעדיעס, אַפילו סימבאָליש־מיסטישע דראַמעס־פּאָעמעס, אין פערזן אַפילו — אָבער זײַן לעבן איז געווען אַ טראַגעדיע אין אַזוי פיל אַקטן, וויפל יאָרן אין זײַן לעבן.

געוויינטלעך שרײַבערס נעמען פּרעמיעס, אָבער בימקאָ, אין זײַן אָפּענער האַנט־האַרציקייט, האָט גאָר געטיילט אַ גאַנצע שורה ליטעראַרישע פּרעמיעס זײַנע חברים. אַלע אויפן נאָמען פון לאַניע בימקאָ. און אויך דאָס איז אין זײַן שטייגער און כאַראַקטער, און דעריבער האָבן מיר דעם פּרט דאָ מוסיף געווען.

1965

הרב אַברהם ביק

געבוירן 1913 אין קאַמאַרין, מינסקער גובערניע. 1926 געקומען קיין אַמעריקע. געוווינט 4 יאָר אין ארץ־ישׂראל, דאָרט באַקומען סמיכה פון הרב קוק. — וווינט פּערמאַנענט אין ירושלים.

דער יונגער, שלאַנקער, שאַרף־פּנימדיקער הרב אַברהם ביק איז אַ נײַעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נישט נאָר גלאַט אַ נײַעס — עס איז אַ נײַער ענין. און אַן ענין, וואָס האָט געפעלט. אַ מין בריק — דאָס גראַמט זיך אגב מיט זײַן נאָמען — וואָס די פרומע לײַט קענען איבער איר גיין אין לאַנד פון אַפּיקורסות און צוריקקומען גאַנצע און די אפּיקורסים ווידער קענען אַרײַנגיין אין דער שיינער מדינה פון פרומקייט און קענען בשלום צוריקקומען.

אָט אַזאַ בריק האָט געפעלט, האָט זי הרב אַברהם ביק געשאַפן.

ווי ס׳רוב רבנים אין אַמעריקע, טראָגט ער נישט קיין בגדי רבנות און ראַזירט זיך מסתמא מיט אַ פּראָשעק אָדער, גאַנץ פּשוט, בײַ אַ פריזיער, ווי יעדער שטערבלעכער. אַז מען וואָלט מיר אים געוויזן און געפרעגט: וואָס איז דער מענטש? אַז ער איז אַ רב אין אַ קליינער ברוקלינער קאָנגרעגיישן העט הינטערן שטאָט, ווו ניו־יאָרק הערט שוין אויף צו זײַן און ווערט שוין קאַונטרי, וואָלט איך נישט געטראָפן מסתמא, נאָר געזאָגט וואָלט איך, אַז זײַן פּנים וואָלט געווען אַ פײַנער מאָדעל פאַר אַ מאָלער, וואָס וויל מאָלן אַן אַסקעטישן מיטל־עלטערישן גלח, וואָס שפּילט מיט דינע פינגער אויף אַ גיטאַרע און זינגט אַ געטלעך ליבעסליד בײַ דער שײַן פון דער לבנה. און דאָס וואָס זײַן פּנים האָט אויך אויסגעשפּראָכענע ייִדישע כאַראַקטער־שטריכן, דאָס וואָלט נישט געווען קיין שטער פאַר אָט דעם בילד פון מיטל־עלטער.

הרב ביק האָט זיך אײַנגעשפּאַרט צו דערווײַזן דורך אומצאָליקע אויספאַר־שונגען, אַז סאָציאַליזם מיט ציין און נעגל, מיטן קלאַסנקאַמף אַפילו און מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און מיט דער דיאַלעקטיק און מיטן אינטערנאַציאָנאַליזם, מיט האַק און פּאַק, איז שוין דאָ געווען אין די ספרים פון די רבנים פון אַ מאָל און פון דער נײַצײַט. אָפט איבערראַשט ער מיט זײַנע אַנטדעקונגען און פירט דורך זײַן געדאַנק קלאָר און דײַטלעך. אָפט איז דער מאַטעריאַל צו שווער און צו געדיכט אין זײַנע הענט און ער קען זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן, בלײַבט אַ טאַנדעטנע שטיקל אַרבעט. אָפט אָבער לאָזט זיך דער מאַטע־ריאַל אין דער טעזע נישט אַרײַנקוועטשן בשום־אופן. מאַרקס בלײַבט מאַרקס און הרב אַזוי און אַזוי, בלײַבט הרב אַזוי און אַזוי — קיין ברידער אין גײַסט קענען זיי נישט ווערן מיט דער הילף פון הרב ביק.

הרב ביק חברט זיך גערן מיט יידישע שרײַבערס. ער געפינט אין זיי די אויפמערקזאַמסטע צוהערערס און גוטע תלמידים. דער גאַנצער ענין איז עפּעס נײַ. ווען עס וואָלט געווען מער צײַט אין אַמעריקע און די יידישע שרײַבערס וואָלטן נישט געווען אַזוי ביזי ווי זיי זענען, וואָלט הרב ביק זיכער געהאַט גמרא־קלאַסן פאַר יידישע שרײַבערס. און נישט איינעם וואָלט עס גאַנץ פײַן צו נוץ געקומען (נישט צו לעצט אויך מיר — לי הקטן). אָבער אַזוי ווי קיין קלאַסן מאַכן זיך נישט, נו קומט מען זיך אַזוי צוזאַמען פון צײַט צו צײַט בײַם הרב ביק אויף אַ פּשטל און אויף אַ דערינערונג פון די גוטע חדר־יאָרן.

די גאַנצע הײַזקע אין עק ברוקלין, ווו הרב ביק וווינט, פירט אײַך באַלד אַרײַן אין דער ריכטיקער שטימונג. די מזוזות אויף אַלע טירן, די מיזרח־ס אויף די ווענט, די אַלערליי פּושקעס צוגענאָגלטע צו די ווענטלעך פון די עטאַ־זשערקעס און שאַפעס, און די ספרים־אַלמערס אָנגעפּראָפּטע מיט ספרים אין בית־המדרשדיקער אומאָרדענונג, און די היימישע קיכלעך מיט בראָנפן, דער כיבוד, וואָס די רביצן דערלאַנגט די געסט, אַלץ איז פול מיט אַלט־היימישקייט. אַן אמתע רבישע שטוב. און דאָ וווינט זיך גאָר דער יונגעינקער רב, וואָס פאַר אַ שרײַבער איז ער צו יונג, פאַר אַ רב איז ער נאָך יינגער — וואָס סאָציאַליזירט די פעלדער פון דער יידישער רעליגיע און פאַררעליגיע־זעוועט די פעלדער פון סאָציאַליזם.

צוליב זײַן יונגשאַפט איז הרב ביק נאָך פול מיט אַמביציע און האָט אַפילו ליב שרײַבערישן כבוד אויך. האָט ליב אַ רעצענזיע און האָט באַזונדערן מזל געהאַט מיט זײַן בוך „קעמפער און היטער”. אַט דאָס ביכל האָט צוליב דער איבערראַשנדיקער נײַקייט פון דער טעמאַטיק אַרויסגערופן בערג מיט רעצענזיעס. נישט איין יידישער פּאָעט האָט מקנא געווען דעם דערפּאָלגרײַכן רב. קוים איז פאַראַנען אַ שטיקל פּלאַץ אין אַ יידישער צײַטונג אויף אַ רעצענזיע, נעמט עס גאָר צו אַ רב.

אין געביט פון שרײַבערישן סטיל און לאָגישן אויסבוי פון די טענזן האָט הרב ביק נאָך דעם שפּיץ־באַרג פון זײַן שרײַבערישער קאַריערע נישט דערגרייכט. פון וועמען ער האָט רבנישע סמיכה ווייסן מיר, נישט פון קיין קלענערן ווי פון הרב קוק. שרײַבערישע סמיכות האָט ער שוין אויך באַקומען פון אַלערליי יידישע וואָרטפירערס, און ער באַקומט זיי אַלע מאָל מער און מער, ווײַל ער איז פול מיט אַמביציע, און ער זעט, אַז זײַן שיטה האָט געטראָפן פרוכפּערדיקן גרונט.

אַ מאָל זענען מיר געווען געסט בײַם הרב ביק. ב. ריווקין, מנחם באָריישאָ און מײַן עם־האָרצישע ווייניקייט. די יידן זענען ווילללערנערס, האָבן זיי זיך באַלד גענומען קאָכן וועגן ענינים, וואָס איך האָב באַלד בײַם ערשטן וואָרט

נישט פֿאַרשטאַנען. דערפֿאַר אָבער האָב איך געקענט אָבסערווירן און זיך מאַכן געדאַנקען וועגן דעם גאַנצן ענין. און איך האָב מיר געטראַכט, אַז עס איז שוין טאַקע הויכע צײַט פֿונאַנדערצופֿראַלן אונדזערע אַלטע ספֿרים־אַלמערס, אָפּצושטויבן די ספֿרים און פֿונאַנדערפֿענען זיי ברייט פֿאַר אונדזער נײַער ייִדישער וועלט, אַז זיי זאָלן זיך ווידער פֿונאַנדערשײַנען מיט זייער גאַנץ פֿאַרבאָרגן ליכט. — אָט דאָס טויזנטפֿאַך צעאַקערטע פֿעלד איז פֿאַר גרויסע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק ווידער קרקע־בתולה געוואָרן און מען דאַרף ווידער אַקערן אויף ס'נײַ. הרב ביק איז אויף אַ גוטן וועג. און נאָך בעסער איז דאָס, וואָס ער מוסרט נישט, ער רופֿט נישט אין שול אַרײַן, ער עפֿנט נאָר ספֿר נאָך ספֿר און ווײַזט: זעט, וואָס פֿאַר אַ ליכט עס שטראַלט פֿון דעם...

1939

ד״ר שלמה ביקל

געבוירן אין יאָר 1896 אין אוסטיעטשקאָ (מיזרח־גאַליציע). גימנאַזיע אין קאָלאָמיי. 1919 טשערנאָוויץ. 1922 בוקאַ־רעסט. זינט 1939 — ניו־יאָרק. 1915 ־ 1918 אָפיציר אין דער עסטרײַכישער אַרמיי. 16 יאָר אין בוקאַרעסט, אַדוואָקאַט לויט דער פּראָפעסיע. אין ניו־יאָרק — שטענדיקער מיט־אַרבעטער אין „טאָג—מאָרגן—זשורנאַל״. געשטאָרבן 3טן סעפטעמבער 1969.

אין דער אַלגעמײנער וועלט־ליטעראַטור איז די דאָזיקע פּראָבלעם, וועגן וועלכער עס ווילט זיך דאָ ווײַטער זאָגן אַ גענויען וואָרט — נישטאָ. און די פּראָבלעם איז אַ צענטער־פּראָבלעם, עס האָט כּמעט אַ שײַכות צו געאָגראַפיע. אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור באַגעגנט מען די דאָזיקע צענטער־פּראָבלעם אויף טריט און שריט, כּמעט בײַ יעדן שרײַבער.

שוין די קלאַסיקערס אונדזערע: מענדעלע — אַ ליטוואַק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דרום־רוסלאַנד, שלום־עליכם — אַן אוקראַיִנער, וואָס האָט זײַנע יאָרן פאַרענדיקט אין אַמעריקע און האָט אַפילו באַוויזן שוין געניאַל אויפצוכאַפּן אַמעריקאַניש־יידישן שטייגער. און פּרץ — אַ פּוילישער, שוין אָן געאָגראַפישע פּראָבלעמען, דערפאַר אָבער יחוס־פּלאָנטערבישן; עס איז אים כּסדר געפעלן די מעשה, אַז ער שטאַמט גאָר פון ספרדישע יידן. דעריבער איז ער טאַקע טעמאַטיש מער אינטעגרירט מיט יידישער צײַט ווי מיט פּויליש־יידישן לאַנדשטייגער.

אַנטקעגן וואָס דאָס אַלץ איז צו רייד געקומען? אַנטקעגן דעם ד״ר שלמה ביקל. זײַן איז ער אַ גאַליציאַנער, אַ מיזרח־גאַליציאַנער, וואָס דאָס איז עפּעס אַנדערש ווי מערב־גאַליציאַנער. איבער דעם קליינעם לענדעלע בוקאָווינע, וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען „פעלקער־בריק״, איז ד״ר שלמה ביקל אַריבער קיין רומעניע. דאָרט האָט ער זיך אינטעגרירט ליטעראַריש און איז מיט דער צײַט (ער האָט אין רומעניע געוווינט גאַנצע 16 יאָר — 1922־1939 — און דאָרט זיך פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטור) געוואָרן ד ע ר ליטעראַרישער קריטיקער פון אָט דעם צווײַג פון דעם עץ־הדעת והחיים פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. אָבער נאָך דעם ווי שלמה ביקל איז שוין געווען אינטע־גרירט מיט דעם יידיש־ליטעראַרישן רומעניע איז ער אַריבער קיין אַמעריקע און דאָ זיך נישט ווייניקער אינטעגרירט מיט דעם דאָזיקן שטאַמצווײַג. האָט געשריבן פונדאַמענטאַלע אַרבעטן וועגן אַמעריקאַנער יידישע וואָרט־מײַסטערס.

ביקל איז אָבער געטרײַ געבליבן זײַן רומענישקייט. זײַן בוך „רומעניע״ — העכער 400 זײַטן — איז אַן עדות. גאָט האָט ביקלען צוגעדינט. ער האָט אים אי גרינג און אי שווער געמאַכט צו זײַן דער „שמואל ניגער פון רומע־ניע״. גרינג — ווײַל ער האָט אין יענעם לאַנד אַראָפּגעשיקט אַזעלכע גרויסע טאַלאַנטן ווי אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן און נאָך און נאָך. שווער — ווײַל צו זאָגן אַנדערש און בײַ וועגן אַזעלכע געשווירענע, גאָט־געבענטשטע שרײַבערס דאַרף מען טאַקע קענען.

אַז מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּנים־אל־פּנים — ד״ר ביקל און מײַן ווייניקייט — איז דעמאָלט געווען דאָס יאָר 1939, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די שטאָט — ניו־יאָרק, אין אַ קאַפע, אַרום די ייִדישע רעדאַקציעס אויף איסט־בראָדוויי. איך האָב מיך אַ ביסל געשראָקן פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש, מחמת ערשט מיט פיר יאָר פריִער איז פאָרגעקומען אַ ביקל־ראַוויטש פעדער־מלחמה, וואָס איר קאַזוס בעללי איז געווען דער קלאַסיקער פון רומענישן צווײַג פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור, דער געניאַלער משלים־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג. ביקל האָט אויף מײַנע פאַר פאַרזיכטיקע קריטישע באַמערקונגען וועגן שטיינבאַרגן געענטפערט שטאַרק אַגרעסיוו: אַ נאַקעטער ענטפער דעם מחבר פון די נאַקעטע לידער... זענען אָבער ייִדישע שרײַבערס אויך ייִדישע גזלנים. און אונדזער באַגעגעניש — פריַינדלעך ביז גאָר. ביקל — דעמאָלט אין די פריִע פערציקער. שלאַנק און עלעגאַנט און פול מיט ווינער מאַנירן, ער איז דאָך אויך אַ בוקאָווינער.

איך קוק אויף ביקלס פּנים און איך באַוווּנדער די כאַראַקטעריסטישע מאַנגאַליש־יאַפּאַנישע שטריכן און איך טראַכט מיר, אַז די מעשׂה מיט די כּוזרים פון פאַר אַרום טויזנט יאָרן איז שוין גאָרנישט קיין מעשׂה. ביקל ווייסט, אַז יעדער וואָס באַגעגנט אים דאָס ערשטע מאָל האָט אָט אָ די געדאַנקען. באַפרײַט ער מיך פון אַן אומדרײַסטער באַמערקונג און ער דער־ציילט מיר אַליין מיט אַ געלעכטער, אַז אין גימנאַזיע האָט מען אים גערופן „יאַפּאַנטשיק״ און — ווי באַוווּסט זענען ראַסן־מישונגען קרובֿים מיט אַלערליי טאַלאַנטן... איך באַשטעטיק עס גערן, ווײַל ביקל איז טאַקע אַן אויסנאַמלעך טאַלאַנטירטער עסייִסט. נישט אומזיסט איז ער דער מחבר־צונויפשטעלער פון אַן אַנטאָלאָגיע: די ייִדישע עסיי.

אַ סך מאָל האָב איך געהערט ביקלען רעדן בײַ אַלערליי געלעגנהייטן, בײַ סתּם ליטעראַרישע אָוונטן, בײַ יובלען, בײַ באַנקעטן און אויך — אַ אומעט אונדזערער — עטלעכע מאָל בײַ לוויות. אויך בײַ ה. לייוויקס לוויה. אַן אומצאָל ביקלס עסייען געלייענט, עטלעכע ביכער זײַנע רעצענזירט. זײַנע רעדעס זענען עסייען, זײַנע עסייען — האָבן אָפט מאָל די כאַראַקטער־שטריכן פון רעדעס. און איך זאָג עס נישט חלילה לגנאי. איך זאָג עס לשבֿח. אין דעם

זינען האָט ביקל עטלעכע פּראָגנאָזן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דער פּרינץ צווישן זיי איז יצחק לייבוש פּרץ. אויך זײַנע עסייען זענען פּלאַמיקע רעדעס, פּונקט ווי זײַנע רעדעס זענען געווען אימפּראָוויזירטע עסייען.

וואָס עסייִסטיק איז? איך וועל פּרוּוון דעפינירן־פאָרמולירן: עס איז פּובליציסטיק אָנגעטאָן אין בגדי יום־טוב. זאַכלעכקייט דערלאַנגט אויף אַ זילבערנער טאַץ. אַ מאָל אַפּילו איבערגעדעקט מיט אַ זײַדן געשטריקט טישטעכל.

אַלץ האָט סיבות. אַלע געוויקסן האָבן ערגעץ וואָרצלען. מען דאַרף יעדן פענאָמען גענויער אַנאַליזירן און אויף דעם אופן בעסער פאַרשטיין. ד״ר שלמה ביקל איז נישט נאָר אַ טאַלאַנטירטער שרײַבער־ליטעראַט — ער איז אויך מסתּמא געווען אַ טאַלאַנטירטער אַדוואָקאַט. זײַענדיק שוין לאַנג־לאַנג אַ שרײַבער־פּראָפעסיאָנאַל — וואָלט ער זיך מסתּמא אַזוי לאַנג נישט געהאַלטן בײַ דער אַדוואָקאַטור — אויב ער וואָלט דעם פאַך נישט ליב געהאַט, נישט געהאַט דערצו אײַנגעבוירענע טאַלאַנטן.

דער מכשיר פון דעם אַדוואָקאַט איז דאָס עלאָקווענט גערעדטע וואָרט און דער מכשיר פון דעם עסייִסט איז דאָס עלאָקווענט געשריבענע וואָרט (אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן). און אַזוי האָבן אין דעם פאַל דערגאַנצט: דער אַדוואָקאַט דעם שרײַבער און דער שרײַבער דעם אַדוואָקאַט.

אויך אין דעם זינען האָט ביקל אַ פּראָגאָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער נאָר אויף דעם איינעם געביט — פון עסיי. מיר האָבן דעם גרויסן נאָמען שוין פריִער דערמאָנט.

1969

יצחק בלום

געבוירן אין טשעכאַנאָוויץ, גראָדנער גובערניע, אין יאָר 1887. אין אַמעריקע זינט 1905. געשטאָרבן אין מיאַמי, 11טן אויגוסט 1965.

נישט צו הויך געוואַקסן, דערפֿאַר אָבער פֿויעריש פֿעסט. אַ ייִד מיט כּוח, וואָס טרעט פֿעסט אויף דער ערד און ווייסט ווו עס פֿירט אים זײַן וועג. אַ סלאַוויש פּנים, וואָס מען דערקענט באַלד, אַז עס באַלאַנגט צו ייִדן. צום ייִדישן פּאָעט און שרײַבער פֿון סענטימענטאַלע לעבנס־סקיצן פֿון אַמעריקאַניש־ייִדישן לעבן יצחק בלום. זײַן אמתער נאָמען איז אויך געווען אַ פֿויערישער: „קריוואָנאָגי״, אָבער ער האָט אים איבערגעביטן לחלוטין, מען זאָל באַלד דערקענען, אַז דער טרעגער פֿון דעם נאָמען איז אַ פּאָעט, וואָס האָט ליב די נאַטור און די שיינקייט.

אויב אַ פּאָעט דאַרף זײַן נאַיִוו — איז די גאַנצע פּאָעטישע נאַיִווקייט געווען קאָנצענטרירט אין יצחק בלומען. אָבער דאָס איז געווען אַזאַ מין אײַנגעשפּאַרטע נאַיִווקייט, וואָס לאָזט זיך נישט שפּײַען אין קאַשע. קיין פּרנסה האָט ער טאַקע נישט געצויגן פֿון זײַן שרײַבערישער אַרבעט, אָדער כּמעט נישט, אָבער דאָס האָט אים גאַנץ ווייניק געאַרט, ער האָט געהאַט גענוג כּוח — יצחק בלום — צו אַרבעטן אין שעפּער, אָדער גאָר האַלטן אַ קליינעם רעסטאָראַן. ניין, אַ פּרנסה־פּאַך איז עס נישט געווען — יעדנפֿאַלס פֿאַר בלומען — אָבער מענטשן דאַרפֿן זיך באַציִען מיט ווערדע און דרך־ארץ צו אַ שרײַבער. בלום איז דערויף כּסדר באַשטאַנען. אין איינעם פֿון זײַנע לידער שרײַבט ער מיט געבענטשטער נאַיִווקייט מחמת גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַ באַשיידענעם פּאָעטישן טאַלאַנט:

כ׳בין געבוירן אין לידער, זיי זענען מײַן רײַכקייט, מײַן גאָלד, מײַן געלט,
מיט זיי און אין זיי, אויסלעבן וועל איך מײַן לעבן, מײַן וועלט;
און אַז אַלט וועל איך זײַן און פֿון לעבן אַ מידער,
וועל איך אַלץ נאָך לייענען און שרײַבן לידער, לידער...

קנאַפּ פֿאַרן אויסברוך פֿון דער ייִדיש־גורלדיקער צווייטער וועלט־מלחמה האָט יצחק בלום באַזוכט זײַן היימשטעטל און די היים־נסיעה באַשריבן אין אַ בוך „אַ שטעטעלע אין פּוילן״. אַ מוראדיקע טראַגישע נסיעה. דאָס שטעטל האָט אין דעם אַמעריקאַנער געזוכט אַ רעטונגס־שטרוי ערב דעם מבול, און דער „אַמעריקאַנער״ האָט אין דעם זינקענדיקן שטעטל געזוכט אַ רעטונג פֿון

אַמעריקאַנישן אומעט, פון אײנעם, וואָס איז נאָך אַ דריטל יאָרהונדערט נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען קײן אַמעריקע.

יצחק בלום איז אײן זײַנע עלטערע יאָרן געװען אײנער פון די דער־פּאַלגרײַכסטע לאחדים־פּאַרקויפערס פון זײַנע נישט צו צאָלרײַכע ביכער. אים וואָלט זיכער געפּאַסט דער טיטל־צוגאָב צו זײַן נאָמען: יצחק בלום־מוכר ספרים...

אָט בלעטער איך אין מײַן אַרכיװ און איך געפין אַ בריװ פון בלומען פון יאָר 1948, װו ער זאָגט מיר אָן, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט אויף מײַן אַדרעס אַ „פּאָר" ביכער — געװען זענען עס הונדערט... און די טעג קומט ער אַלײן. און ער איז געקומען און ער האָט מעטאָדיש — גאַס־אײַן און גאַס־אויס — פּאַרשפּרײט זײַנע ביכער. ער האָט עס געטאָן מיט אַזוי פיל װערדע און ערנסט, אַז קײנער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט. אַדרבא — מען האָט געצאָלט מערערע מאָל דעם געפּאָדערטן מקח. פּאַרקויפנדיק אַ בוך האָט בלום געשטעלט אַ באַדינג: איר מוזט דאָס בוך לײענען! און מען האָט לרוב געפּאָלגט און נישט געהאַט חרטה, מחמת בלום שרײַבט אַזוי, אַז דער פּאָלקסמענטש פּאַר־שטײט יעדעס וואָרט. אַז בלום האָט נאָך עטלעכע װאָכן פּאַרלאָזט די שטאָט מאָנטרעאָל איז בײַ הונדערט ייִדישע אירע געבליבן דער רושם, אַז ער איז אײנער פון די בעסטע און קלאָרסטע שרײַבערס בײַ ייִדן, און יצחק בלום האָט מיר — בײַם געזעגענען — געזאָגט, אַז מאָנטרעאָל איז די בעסטע ליטע־ראַרישע ייִדישע שטאָט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

און לאָמיר טאַקע — אין נאָזוון יצחק בלום־סטיל — פּאַרענדיקן די שורות פון דעם אינטימען פּענפּראָפּיל מיט זײַן אײגן ליד:

נישטאָ מער דער דיכטער,\
ס׳איז לײדיק דאָס אָרט —\
ס׳ליד אויסגעגאַנגען —\
פּאַרשטומט איז דאָס װאָרט — — —\
דער שרײַבטיש פּאַראָבלט,\
שטײט שטום בײַ דער װאַנט;\
די פּען ליגט פּאַריתומט —\
און װאַרט אויף דער האַנט...

1965

ברוך בענדערסקי

געבוירן 1878 אין דאָרף רעמאַנקעוויץ, בעסאַראַביע. זון פון ערדאַרבעטערס. פון 1894 אין אַרגענטינע. באַזעצט אין ייקאַ־קאָלאָניע זאַנענפעלד. געשטאָרבן 30סטן אַפּריל 1953.

אויף דער שוועל פון אַ ייִדישער דאָרפישער שטוב, אויף דער איינציקער ברייט־דאָרפישער גאַס אין דער קאָלאָניע זאַנענפעלד אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס אין אַרגענטינע, אין אַ זוניקן שבת־פּרימאָרגן — שטייט אַ גרויער מאַן מיט אַ פּנים פון אַן ענגלישן ים־אָפיציר, רוי פון ווינט און פון ווילדער זון, אָבער מיט אַ קינדיש מילדן אויסדרוק און ער רעדט מיט מיר —

פיר און פערציק יאָר זענען שוין אַריבער זינט איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן באַטרעטן די שוועל פון דעם גאָרטנדל אין וועלכן די שטוב שטייט. פיר און פערציק יאָר זענען נישט איין טאָג...

דאָס איז ברוך בענדערסקי, איינער פון די געציילטע און פײַנסטע ייִדישע שרײַבערס אין אַרגענטינע, אַן אמתער קאָלאָניסט און נישט ווייניקער אַן אמתער שרײַבער.

איך זיץ אין ברוך בענדערסקיס אַרבעט־שטוב. אַלץ איז אין אָרעמער אָבער אין מוסטערגילטיקער אָרדענונג. יעדעס בוך אויף זײַן פּלאַץ און קיין בוך איז נישט צופעליק. יעדעס בוך איז איבערגעלייענט און אַ סך, אַ סך פון די ביכער זענען אַ סך מאָל געלייענט געוואָרן אין די לאַנגע דאָרפישע נעכט פאַר דער פאַרזאַמלטער משפחה. און סימנים דערפון זענען געבליבן. אַלע מיטגלידער פון בענדערסקיס משפחה זענען גרויסע ענטוזיאַסטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איך זיץ אין דער שטילער שטוב, וואָס איר פענצטער גייט אַרויס אין גאָרטנדל און דאָס גאָרטנדל צו דער איינציקער גאַס פון דער קאָלאָניע פון אַלטן שטייגער, אַ דורכויס ייִדישע גאַס. אין פענצטער באַווײַזט זיך פּלוצעם בענדערסקיס פּנים מיט אַן אויסדרוק פון גרויסער פאַראינטע־רעסירטקייט.

— קומט גיך, גיך, וועט איר עפּעס זען.

און ער כאַפּט מיך אַן בײַ דער האַנט און ער פירט מיך און ער הייסט מיר גיין אויף די שפּיץ־פינגער און זײַן זייער שטיל. און ער פירט מיך צו צו אַ צווײַגל פון אַ נידעריק ביימל און ער באַווײַזט מיר ווי אַ היישעריק־פאָרמיקער אָבער זייער מאָגערער גרינער זשוק האַלט אין צוויי פאָדערשטע פיסלעך אַ פליגעלע און ווי ער פרעסט עס אַרום, אָט ווי איינער כאַפּט אַ מאָל אַ פּולקעלע צום אַרומקייען. פאַרטיק געוואָרן, אָפּגעווישט זיך דאָס פיסקל, פאַרלייגט די פאָדערפיסלעך און עס זעצט זיך בענטשן און זומט שטיל, און איידער עס איז

נאָך פאַרטיק געוואָרן מיט דעם בענטשן גיט עס אַ פלי אויף אַ פאָר בלעטער ווײַטער, אויף דעם שלאָפבלעטל און הייבט אָן צו דרימלען.

בענדערסקי קלערט דאָס מיר אויף דעם גאַנצן מיניאַטורן גרויזאַמען נאַטוראַקט אויף דעם דאָזיקן ײִדישלעכן אופן. אויף דעם אופן פאַסט ער אויף די נאַטור אין זײַנע אײַנציקמיניקע דערציילונגען, וואָס זענען פונקט אַזוי זעלטן שיין ווי זיי זענען ווייניק, קוים איין ביכעלע אויסגעפילט.

איך קוק אויף דעם גרינעם זשוקל און קוק אויף דעם פײַנעם פּנים פון אַ מילדן ענגלישן ים־אָפּיציר און איך טראַכט מיר:

— פון גאָט געבענטשט, אי אַלס קאַלאָניסט אי אַלס ײִדישער שרײַבער.

איך האָב בשעת־מעשׂה געהאַט דאָס געפיל, אַז איך וועל געבן אַ לויף אַרײַן אין בענדערסקיס שטוב און איך וועל פשוט מאַכן אַ רעגולערן סקאַנדאַל דעם דאָזיקן ײִדן, איך וועל קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש, טראַסקען מיט די טירן און מאַכן גוואַלדן. אָנכאַפּן בײַ די לאַצן:

— פאַר וואָס, פרעג איך אײַך, און מיט וועלכן רעכט האָט איר נישט אויפגעשריבן ביז איצט אַ דרײַ פיר ראָמאַנען און אַ פאָר הונדערט נאָוועלעס פון דעם ײִדישן לעבן אין דער רעם פון אָט דער ווילד־שיינער אַרגענטינער נאַטור? פאַר וואָס?

און בענדערסקי נעמט דערציילן דרך־אגבדיק, ווי אַזוי ער איז אין דעם לאַנד געקומען מיט אַ טיפוס און ווי אַזוי מען האָט אים אַ באַוווסטלאָזן, מיט 40 גראַד היץ, דורכגעטראָגן אַ געאָרעמטן, מיט נאָכשלעפנדיקע פיס, פאַר די האָפן־־באַאַמטע.

שטאָט צו מאַכן סקאַנדאַלן פרעג איך שוין איצט פשוט פאַרצווייפלט:

— און אַזאַ און טויזנט ענלעכע גוואַלדיקע איבערלעבונגען, סימבאָלישע אַקטן, האָט איר ביז איצט אַפילו נישט געפּרוּווט צו פאַראייביקן אין אײַערע ווערק? איר האָט גאָר קיין מאָל זיך נישט פאַרטראַכט וועגן דעם אויפצו־שרײַבן אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן?

עס איז געווען אַ טאָג פון דערהויבענער דאָרפישער ײִדישער רו, דער מעת־לעת אין בענדערסקיס קאָלאָניסטישער היים און אַ טאָג פון ליטעראַ־ריש־ײִדישן צער פאַר דעם חוב וואָס בענדערסקי איז ביז איצט שולדיק דער ײִדישער ליטעראַטור. איך לעב איבער די זאַכן זייער פערזענלעך.

אין דער הערלעכער שטאָט פּאַראַנאַ האָב איך נאָך איין מאָל באַגעגנט בענדערסקין. אַרומגעגאַנגען מיט אים אין אַ גאָרטן און געשעפּט נחת פון זײַנע מענדעלע מוכר־ספֿרימדיקע באַמערקונגען וועגן חיות און עופֿות.

— מען דאַרף זיך ווידער אַ נעם טון צו דער פען, האָט ער מיך באַרויִקט בײַם געזעגענען.

— די פּען איז ווי די אמתע ליבע — האָב איך מיט דעם גאַנצן האַרץ געדריקט די קאָלאָניסטישע און שרײַבערישע האַנט פון דעם עלטערן חבר — עס איז קיין מאָל נישט צו שפּעט מיט איר. איר אַלס קאָלאָניסט טאָרט נישט בלײַבן שולדיק אײַער שרײַבערישן חוב און איר אַלס שרײַבער טאָרט נישט בלײַבן שולדיק אײַער קאָלאָניסטישן חוב. איר פאַרשטייט מיך דאָך?

דער חבר איז געבליבן אויפן פעסטן ברעג פון טײַך פּאַראַנאַ און מיך האָט די שיף געטראָגן אויף די גלאַטע וואַסערן פון דעם גוואַלדיקן טײַך אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

1938

יצחק בערלינער

געבוירן אין יאָר 1899 אין לאָדזש. 1922 אויסגעוואַנדערט קיין מעקסיקע. געשטאָרבן סוף יאַנואַר 1957 אין מעקסיקע.

מיט משה בראָדערזאָן ז״ל בראָש — דעם גרויסן קינסטלער פון קליינ־געווידיק־שפּילעווידיקן פּאָעטישן וואָרט — האָבן אַ סך ייִדישע דיכטערס פון לאָדזש געהאַט אַ טענדענץ צו דעם מין פּאָעזיע. אינהאַלט — אַוודאי. אָבער אויך פאָרעם שפּילט אַ נישט קלענערע ראָלע און דאָ און דאָרט אַפילו אַ גרעסערע, וואָס דאָס איז שוין אַ מאָל צום שאָדן פון דער גאַנצקייט פון אַ דיכטערישער שאַפונג. יצחק בערלינער איז אין דעם זינען פון פאָרעם געשטאַנען אונטער דער דײַטלעכער השפעה פון משה בראָדערזאָן, זײַן בן־עיר, נײַן יאָר עלטער פון אים. אין דער פאָרעם איז אַוודאי בראָדערזאָן געווען גרינג־ און זינג־נאַטירלעכער, קינסטלערישער. דערפאַר איז בערלינער געווען אין סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אינהאַלט שווער־ און מער־נאַטירלעכער. און דערפאַר אָפט מאָל איבערצײַגנדיקער.

אָבער אין אָט דעם פענפאָרטרעט האָבן מיר נישט די כוונה צו געבן פאָרשונג און קריטיק פון בערלינערס ליד און בײַערט אַ פענפאָרטרעט פון דער פערזענלעכקייט פון דעם טײַערן חבר פון יאָרן דורך בריוו און אַ גאַנץ יאָר — 1940—1941 — אין פערזענלעכע באַגעגענישן, טאַקע אין מעקסיקע, ווו בערלינער האָט אָפּגעלעבט 35 יאָר פון זײַן לעבן. אין אָט דעם יאָר פלעגן מיר זיך — חוץ אין אַנדערע טעג צופעליק — באַגעגענען יעדן מיטוואָך אין דער פרי און אַרומוואַנדערן איבער דער עקזאָטישער מיליאָנען־שטאָט מעקסיקע. בערלינער האָט די שטאָט געקענט ווי זײַנע צען פינגער און ליב געהאַט ווי ס׳לעבן. פאַר נאַכט, נאָך אַזאַ מיטוואָך־וואַנדערונג פלעגן מיר קומען צו בערלינערן אַהיים און אָפּעסן אַ מעקסיקאַנישן נאַכטמאָל מיט טאָרטיאַס, די באַרימטע מעקסיקאַנישע מצות פון דעם אָרעמען פאָלק.

די מאָלצײַטן פלעגט צוגרייטן נחמהלע, בערלינערס קליינע חנעווידיקע פרוי, די געטרײַע באַגלייטערין זײַנע, וואָס פלעגט נישט איין מאָל אַרויסשיקן איר מאַן פון דעם שיכגעשעפט צום לידערטיש און אויך צו די עקזאָטישע שפּאַצירן. ווי וווּנדערלעך פלעגט זי, ממש מיט לײַב־און־לעבן — גוף און נשמה — אַרויפקוקן צום הויכן מאַן אירן. אין אים האָט זי געזען זײַן לידער־שליחות און אין זיך די שליחות צו דערמעגלעכן דורך איר ארבעט יענע לידער־שליחות.

זי — נחמהלע — איז עס אויך געווען, וואָס האָט כמעט אַ יאָרצענדליק לאַנג, נאָך יצחקס שווערער לונגען־אָפּעראַציע, חודש־אײַן און חודש־אויס,

זײַן טײַער לעבן ממש געריסן פֿון די ציין פֿון מלאך־המוות — ביז דער טויזנט־אויגיקער האָט מנצח געווען.

יצחק בערלינער האָט געשטאַמט פֿון אַ צאָלרײַכער אַרבעטער־משפּחה מיט עטלעכערליי קינדער. זיי זענען פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט און וועגן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע ברידער און האַלב־ברידער, שוועסטער און האַלב־שוועסטער האָט בערלינער זייער ווייניק געוווּסט — פֿלעגט ער מיר דערציילן. ער האָט קוים געוווּסט ווו זיי וווינען. אַנדערע זענען שוין געווען טיפֿע זקנים, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַן. איין מאָל האָט ער זײַנע אַ האַלב־שוועסטער אין לאָדזש אויף דער גאַס פּשוט נישט דערקענט, ווען זי האָט אים אָפּגעשטעלט. ער האָט זי שוין אַ האַלב טוץ יאָרן דעמאָלט נישט געהאַט געזען.

זײַן פֿאָטער איז געווען אַ למדן, אָבער אַ פּשוטער בעל־מלאכה, נאָר דערפֿאַר ווײַל ער האָט ליב געהאַט די פּראַצע. איין מאָל האָבן מיר מיט בערלינערן אויסגערעכנט, אַז ווען זײַן פֿאָטער וואָלט נאָך געלעבט, און בערלינער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק, וואָלט זײַן פֿאָטער שוין געווען הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלט. יצחק האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט, און עפּעס אַזוי ווי פֿון זיך אַליין האָבן מיר אויפֿגעמישט דעם חומש און געלייענט דאָרט די מעשׂה פֿון אונדזער ערשטן יצחק און זײַן אַלטן טאַטן... סתּם אַזוי. און אַז מיר האָבן געענדיקט לייענען האָט זיך בערלינער מיט זײַן וווּנדערלעכער תּמימות אָנגערופֿן: און איך גלייב, אַז די אַלע מעשׂיות זענען וואָרט אין וואָרט אמת. בערלינער איז געווען אַ וווּנדערלעכער מאמין.

אַ הויכער איז ער געווען און אין זײַנע ייִנגערע יאָרן אַ טונקל־בלאָנדער. אַ קאָפּ געדיכטע און גלאַטע האָר. אַן אָדלערנאָז. טיפֿע, פֿאַרשאָטנטע, אָריענטאַלישע, טונקל־בלוי־גרינע אויגן, אַ פּראָטאָטיפּ פֿון דער העלער קאַווקאַזישער ראַסע. ווייסט גאָט מיט וועמען זײַנע זיידעס און באָבעס האָבן זיך געמישט.

אַ שטילער איז ער געווען אין אַ געזעלשאַפֿט, בערלינער. ער שווײַגט, נאָר פּלוצלינג צעעפֿנט ער שווײַגנדיק זײַנע גרויסע אויגן דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם און קוקט, קוקט מיט אַזוי פֿיל ליבע. ער איז נישט וויציק און נישט שאַרף אין זײַנע רייד, האָט ער ליב צו שווײַגן און צו הערן. און אָט הייבט מען אָן צו זינגען לידער אין דער געזעלשאַפֿט און פּלוצלינג זינגט אַרויס פֿון דעם קליינעם כאָר אַ באַס, שאַליאַפּין וואָלט זיך נישט פֿאַרשעמט. די וואָס קענען אים — ווייסן שוין. פֿאַר מיר איז עס דאָס ערשטע מאָל געווען אַן איבערראַשונג, ווי אַ דונער. אויך פּרץ מאַרקיש האָט געהאַט אַ באַס, אָבער נישט צו פֿאַרגלײַכן מיט בערלינערן. און ער איז בכלל געווען אַ גוטער זינגער, דער עיקר פֿון מעקסיקאַנישע פֿאָלקסלידער.

באַלד מיט דער ערשטער כוואַליע פון ייִדישע אימיגראַנטן־אשכּנזים (ספרדים זענען שוין דאָרט פריִער געווען) איז בערלינער קיין מעקסיקע געקומען. דאָ האָט ער מיטגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס און אײַז־קאַלטס און אָקריפּ־הייס. ווען ער וואָלט געווען אַ פּראָזע־שרײַבער וואָלטן זײַנע ראָמאַנען געווען גרויסע סענסאַציעס לויט דעם אינהאַלט. ער איז אָבער געווען בלויז אַ פּאָעט. יאָרן לאַנג האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט איבער מעקסיקאַנישע שטעטלעך און דערפער, מיט אַ שטעכמעסער און אַ רעוואָלווער הינטערן גאַרטל, ווי דער מינהג־מדינה דאָרטן — און האָט באַזאָרגט מיט קאַטוילישע הייליקע בילדער און מכשירים די מעקסיקאַנישע פּויערים.

בערלינער האָט בדרך־כּלל פּײַנט געהאַט צו דערציילן מעשׂיות, אָבער אַז ער האָט זיך שוין אַ מאָל צערעדט וועגן זײַנע מעקסיקאַנישע איבערלעבונגען — פלעגן זיך די האָר קאַפּויער שטעלן פאַר שרעק בײַ די צוהערערס. אָבער ער אַליין האָט די אַלע זאַכן דערציילט מיט אַ שמייכל. פלעגט מען זיך װוּנדערן, נאָך מער ווײַל די אויטענטישקייט פון די מעשׂיות איז געווען ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן: ווי האָסטו גאָר געקענט לעבן בלײַבן נאָך דעם אַלעמען? — איך בין אַ מוטיקער פון דער נאַטור... פלעגט ער ענטפערן מיט תּמימות. עטלעכע מאָל האָט ער מיטגעמאַכט עכטע מעקסיקאַנישע געשלעגן — סאַפּאַראַנטאָס. אַ פּאָר מאָל האָט מען אויף אים געשאָסן, אָבער אַזוי ווי ער האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן מוט — האָט מען פאַר אים געהאַט דרך־ארץ און אים ליב געהאַט. אין מעקסיקע האָט מען פּײַנט מענטשן, וואָס האָבן מוראָ פאַרן טויט. צוויי מאָל ווערסטו נישט שטאַרבן, איין מאָל נישט אויסמײַדן.

צו בערלינערס לידער־זאַמלונג „שטאָט פון פּאַלאַצן" (אַזוי הייסט מעקסיקע־סיטי בײַם פּראָסטן דאָרטיקן פאָלק) האָט דער וועלט־באַרימטער דיעגאָ ריוועראַ געמאַכט אילוסטראַציעס. אין בערלינערס שטוב הענגען פאָטאָגראַפיעס פון־אים מיט־דעם מאָלער צוזאַמען. זעט אויס אויף די בילדער דער הויכער פּאָעט נעבן דעם מאָלער, דעם ריז, ווי אַ ייִנגל נעבן אַ דערוואַקסענעם. דאָס צייכענען די בילדער צו בערלינערס לידערבוך האָט בײַ דיעגאָ ריוועראַן געדויערט יאָרן. ער האָט עס אָפּגעלייגט פון איין „מאַניאַנאַ" צום צווייטן. (מאַניאַנאַ הייסט מאָרגן). מעקסיקאַנישער נוסח. נאָר אין איין שיינעם פאַרטאָג איז ער פאַרפאָרן צו בערלינערן מיט אַן אויטאָ און אין בלויע „אָוועראָלס": — קום, הײַנט וועל איך דיר באַמאָלן דײַן בוך. זענען זיי פאַרפאָרן צו דער אָרעם־געגנט „טעפּיטאַ" און ווו נאָר דער דיכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוויזן מיטן פינגער האָט דער גאַוניאַלער מאָלער געמאָלן. און אָט אַזוי זענען די ליניעס פון דעם גרעסטן מאָלער פון מעקסיקעס „באַלוט" — טעפּיטאַ, פאַרבונדן געוואָרן מיט די גראַמען פון ריטמען און סטראָפן פון דעם

דיכטער, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין לאָדזשער „טעפּיטאַ“־געגנט, וואָס האָט געהייסן באַלוט... פּאָלג מיך אַ גאַנג.

ווען איך בין געווען אין מעקסיקע האָבן די בערלינערס געווױנט און געהאַנדלט מיט שיך אין דער אָרעמער געגנט טאַקובאַ. שפּעטער — האָט מיר בערלינער געשריבן — האָט מען זיך אַרויסגעצויגן אין אַ קליין אייגן פּאַלאַצל אין אַ נײַעם ווינגעגנט. נישט ווײַט פון טאַקובאַ איז געווען אַן אוראַלטער בוים — אַרומגערינגלט מיט שטאַכעטן, אַ בוים מיט אַ לעגענדע: נעבן אָט דעם בוים איז אַ מאָל, מיט פיר הונדערט יאָר צוריק, געשלאָפן דער קאָנקווויסטאַדאָר פון מעקסיקע קאָרטעז. דעמאָלט איז אים געגאַנגען ביטער און ער האָט זיך באַהאַלטן פאַר דער נקמה פון די אַצטעקן. האָט ער זיך אַזוי צעוויינט, אַז זײַנע טרערן זענען שוין אַפילו אָן זאַלץ געווען — און דערפאַר קען דער בוים קיין מאָל נישט שטאַרבן... בערלינער האָט מיר דערציילט, אַז אויך ער האָט דאָ נישט איין מאָל געוויינט ביז די טרערן זענען אָן זאַלץ געבליבן — איבער דעם אומגליק פון אונדזער פאָלק.

אַז איך בין אין מעקסיקע געווען איז נאָך בערלינערס טאָכטער געווען אַ קינד כּמעט, דער טאַטע אויסן אויג, און דער זון נאָך אַ קליין ייִנגל — די מאַמע אויסן אויג. איצט — איז דער זון שוין לאַנג אַ דאָקטאָר און די טאָכטער לאַנג שוין חתונה געהאַט און צווישן די אָבלים זענען אויך שוין דאָ עטלעכע אייניקלעך — און דער ייִדישער בוים שפּרייט זיך ווײַטער און ווײַטער.

עד מתי? — הייסט איינס פון די לידערביכער פון יצחק בערלינער. און דער ענטפער איז אין לײַד און אין פרייד: עד לעדי עד — ביז אייביק.

לוי בערמאַן

געבוירן 1895 אין דער ליטע. 1915 אַמעריקע. געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן אין יוני 1960.

ערגעץ אַרום 1910, ווען די גאָלדשוימיקע כוואַליעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון דער פּרץ־צײַט זענען געשטיגן צום העכסטן, אין דער צײַט, ווען פּרץ איז נישט געגנוג געווען און מען האָט געזוכט נאָך איינעם... איז אַ מאָל דערשינען אַן אַרטיקל פון בעל־מחשבות אין „פרײַנד", אַן אַרטיקל מיט דעם אָנזאָג, אַז ער האָט אים געפּאַקט... דעם נביא — — נאָר ער איז נאָך אַ קנאָספּ, ער דאַרף זיך ערשט פונאַנדערבליִען, פונאַנדערנעמען די בלעטלעך. דער דאָזיקער קומענדיקער נביא האָט געהייסן לוי בערמאַן. ער איז דעמאָלט געווען כמעט נאָך אַ בר־מיצווה־ייִנגל און די פּאָעמע, וואָס בעל־מחשבות האָט גע־לייענט איז נישט געווען געדרוקט, נאָר בלויז געשריבן מיט דער האַנט.

בעל־מחשבות האָט בכלל געהאַט אַ טבע אַרויסצופאָרן נאַשפּיץ מיט זײַן קריטיק — נאָר טאָמער האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ נישט גאַנץ זיכערן וועג — פלעגט ער מיט דעם זעלבן פײַף פאַרקירעווען אויף צוריק... אַזוי האָט ער אויך מיט אַ צײַט שפּעטער פאַרקירעוועט מיט בערמאַנען. השיבנו נאַזאַד. האָט עס געווירקט אויף דעם בלי ספק טאַלאַנטירטן יונגן דיכטער צום שלעכטן? האָט עס בכלל אויף אים געווירקט? שטאַרק געווירקט? אונדז דאַכט זיך, אַז יאָ. בערמאַן איז געבליבן אַ מאָדנע געשטאַלט אין דער ייִדישער ליריק. ערשטנס שרײַבט ער כמעט נישט — צווייטנס דרוקט ער זייער זעלטן דאָס וואָס ער שרײַבט. און דערצו איז פון איין ליד, אָדער פּאָעמע צו דער אַנדערער אַזאַ מין שפּרײַז, אַז דער קאָנטאַקט פאַרלירט זיך.

איך האָב געוווּסט, אַז בערמאַן שטעקט ערגעץ אין אַמעריקע — אָבער אַמעריקע איז גרויס. אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1934 געזען און געהערט שווײַגן אין משך פון אַ פּאָר שעה אין אַ חברישער מסיבה, איז קלאָר געוואָרן דער צוזאַמענהאַנג פון דער קרויענוג פון אַ בר־מיצווה־ייִנגל מיט דעם הײַנטיקן בערמאַן.

אַ פּעכשוואַרצער איז ער, בערמאַן, גרויסע אויגן האָט ער, געדיכטע שוואַרצע האָר, אַ פעסט געבויטער, איבער מיטל־הויך, ער איז אַ גוטער און איז אַ וועגעטאַריער. און ער שווײַגט. נאָר טאָמער זאָגט ער אַרויס אַ פּאָר ווערטער, פאַרשטייט מען באַלד אַז ער שווײַגט נישט צוליב ענִיוות. ער זאָגט זיך אַ מאָל שטילערהייט אַרויס אַזעלכע זאַכן, אַזעלכע לעסטערונגען אויף אָנגענומענע און אַפילו גרויסע ייִדישע שרײַבערס, אַז מען מוז זײַן פון אײַזן דאָס צו פאַרשווײַגן. טאָמער רעאַגירט מען צו שטאַרק — פאַרשטעלט זיך

בערמאַן מיט דער קאָנסטיטוציע פון אַמעריקע... ס'איז אַ פרײַ לאַנד און יעדער קען טראַכטן וואָס ער וויל און זאָגן וואָס ער טראַכט... גערעכט איז ער.

אַז איך בין אַ מאָל צוגעשטאַנען, אַז בערמאַן זאָל מיר ווײַזן זײַנע בײַע מאַנוסקריפּטן, האָט ער געענטפערט זייער מיסטעריעז: איך בין אַזוי ווי אַ שטאָט, אַ באַלאַגערטע — קיינער ווייסט נישט מײַנע סודות... און לידער זענען דאָך סודות, לידער דאַרף מען גאָר בכלל נישט דרוקן און אַפילו נישט לייענען פאַר קיינעם — — גערעכט איז ער, אָבער אַ שיין פּנים וואָלטן מיר געהאַט, ווען אַלע וואָלטן געווען בערמאַניסטן. ייִדישע לידער העלפט עס סײַ ווי נישט, אַפילו ווען מען דרוקט זיי און מען הענגט אויף אויף יעדן ליד אַ גלעקל.

אויף דעם רוישיקן יוניען־סקווער, אין סאַמע האַרץ פון ניו־יאָרק, זענען שטיין געבליבן אַ פּאָר אַלטע צוויי־שטאָקיקע הײַזער, וואָס וואַרטן אויף דעם הײַזער־מלאך־המוות. אין איינעם אַזאַ הויז וווינט בערמאַן מיט זײַן פרוי, אַ מאָלערין פון טשודאַטשנע ניו־יאָרקער אונטערוועלט־טיפּן. אין דעם הויז זענען די קרומע טרעפּ פון האָלץ, און אין די שטיבער זענען קרום די פּאָד־לאָגעס, און עס האַלטן זיך קוים די פענצטער אין די ראַמען און עס איז דאָרט כּסדר שטימונג פון דער מיט נײַנצנטן יאָרהונדערט — נאָר דורך די פענצטער רעוועט ניו־יאָרק, רײַסן זיך וואָלקן־קראַצערס אין די הימלען און אין דער נאַכט בליצט עס מיטן ווידערשײַן פון טויזנט בלינצלליכטער אין אַלע זיבן קאָלירן.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און באַשווערונגען האָב איך דאָך אַ מאָל אַרויסגעקריגן אַ פּאָר מאַנוסקריפּטן פון בערמאַנס נײַע לידער. אויף טשור־דאַטשנע טעמעס זענען זיי געשריבן, זענען פול מיט עפּעס אַזאַ מין מאָדנער און אומפאַרפעלשטער נאַטור, אַז דאָס קלינגט אַזש אַ ביסל מאָדנע און טשודאַטשנע. אַ מאָדנע ליטעראַטור האָבן מיר — דער וואָס האָט געדאַרפט שווײַגן רעדט צו פיל, און דער וואָס האָט געדאַרפט רעדן שווײַגט צו פיל — נישט באַשערט קיין נחת.

1939

חבר בערנאַרד

געבוירן אין שעדלעץ אין יאָר 1889. פֿון יאָר 1907 אין וואַרשע. יאָרן אין רוסלאַנד. 1939—1945 אין וואַרשעווער אונטערגרונט. זינט 1946 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 7טן דעצעמבער 1959. פֿולער נאָמען: בערל גאָלדשטיין.

אַז מיר האָבן דאָ אויבן געשריבן „חבר בערנאַרד" און נישט „בערנאַרד (בערל) גאָלדשטיין", איז דאָס געשען נישט מיט דער כּוונה אונטערצושטרײַכן די שטרענגע פּאַרטייִישקייט פֿון דעם, וואָס מיר צייכענען דאָ זײַן פּראָפֿיל. אין דעם פֿאַל איז די טײַטש פֿון דעם וואָרט „חבר" טאַקע חבר אין רייִנסטן באַטײַט פֿון דעם באַגריף. אַז מען זאָגט „חבר" און מען מיינט פּאַרטיי־חבר, האָט דאָס וואָרט אַ נאָכקלאַנג: דיסציפּלין, שטרענגקייט. אָבער אַז מען זאָגט „חבר" און מען מיינט בין־אדם־לחברו, האָט דאָס וואָרט אַ מילדן בת־קול פֿון ליבשאַפֿט און אײַנזעעניש און געטרײַשאַפֿט, אַפֿילו אויב יענער איז אַ ביסל אַנדערש, מחמת יעדער מענטש מוז זײַן אַ ביסל אַנדערש. דאָס איז דאָך טאַקע דאָס מענטשלעכע אין אים. חבר בערנאַרד איז טאַקע געווען פֿון זײַן פֿריִער יוגנט אָן פֿול מיט „געטרײַשאַפֿט אָן גרענעצן צום בונד" — ווי עס זינגט זיך אין דעם הימען, אָבער ער האָט געהאַט אין זיך נאָך עפּעס, וואָס האָט אָט די געטרײַשאַפֿט נישט פֿאַרראַטן, נאָר זי אַ ביסל פֿאַרטיפֿערט און אַ סך דערהויבן.

ער האָט געהאַט אַ טיפּיש פּנים פֿון אַ פּוילישן בעל־מלאכה אַ באַלעבאָס. און אַז עס איז אים אין געטאָ אין אונטערגרונט אויסגעקומען צו פֿאַרלאָזן זיך צוליב קאָנספּיראַציע „זאַמאַשיסטע" — ווי דאָס רופֿט זיך אין פּויליש — וואָנצעס און באַקנבאַרדן — איז חבר בערנאַרד פֿיזיש אַרײַנגעשוווּמען אין זײַן עלעמענט. און נישט נאָר האָט אַ דײַטש נישט געקענט דערקענען זײַן ייִדישקייט, נאָר אַפֿילו נישט קיין „שמאַלצאָווניק", אַ מענטשלעכער שפּיר־הונט פֿון דער פּוילישער אונטערוועלט, וואָס זײַן אויפֿגאַבע איז געווען אַרויס־צוניוכען ייִדן. און בערנאַרד פֿלעגט לאַכנדיק דערציילן, אַז אַפֿילו ער אַליין, אַז ער האָט אין יענע צײַטן אַ קוק געטון אין שפּיגל — האָט ער געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז פֿון דער וואַנט גייט אים אַנטקעגן אַ פּאַליאַק.

פֿיזיש — אַ מישונג פֿון ייִד און גוי, אָבער אויך גײַסטיק איז אין חבר בערנאַרד געווען אַ מאָדנע מישונג פֿון שטאָל און בלײַ. אומבייגזאַמקייט, ווו אומבייגזאַמקייט איז נייטיק געווען און בייגעוודיקייט ווו דאָס מענטש־לעכע געפֿיל האָט עס דיקטירט. האָט מען געזאָגט „חבר בערנאַרד" אין וואַר־שע — האָט מען באַלד געזען אים ווי דעם „הערשט" פֿון דער בונדישער

„באָיוווקע״ (אָדער: מיליץ, ווי דאָס האָט אָפיציעל געהייסן), מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן איבער די אויגן היטל, און אונטערן היטל אַ ווייך אויסבעטעכץ צוליב דערוואָרטע קלעפּ, און אין דער האַנט אַ שפּאַציר־שטעקן, צוויי צאָל די גרעב, שטאַרק גענוג עלעפּאַנטן מיט אים צו פּאַשען. אָט אַזוי האָט מען אים געזען גיין אויף די ערשט־מײַ־דעמאָנסטראַציעס — היטנדיק ממש מיט זײַן אייגן לעבן די פּענער פון דער פּאַרטיי און אירע ערשטע פירערס. אָבער די וואָס האָבן אים גענטער געקענט, אַז זיי האָבן געהערט דעם נאָמען „חבר בערנאַרד״, האָבן זיי זיך דערמאָנט די אומצאָליקע מעשׂיות פון גוטע מעשׂים, מענטשלעכע מעשׂים זײַנע.

בערנאַרדס אויפגאַבע איז נישט געווען צו רעדן און אַוודאי נישט צו שרײַבן, כאָטש ער האָט באַלאַנגט צו די העכסטע אינסטאַנצן פון דער מעכ־טיקער בונדישער פּאַרטיי אין פּוילן, זײַן אויפגאַבע איז געווען צו פּאַרוואַנ־דלען די גערעדטע און געשריבענע ווערטער פון אַנדערע — אין מעשׂים, מענטשלעכע מעשׂים. בערנאַרדס לעבן איז דורך אים — מיט דער הילף פון סעקרעטאַרן — באַשריבן געוואָרן אין צוויי ביכער: „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״ (איבערגעזעצט אין פינף שפּראַכן), „20 יאָר אין וואַרשעווער בונד, 1919—1939״ — וואָס איז דערשינען קנאַפּ פאַר זײַן טויט.

עס געדענק זיך: אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 איז געווען אַ בן־בית אַן אייביק רעוואָלטירנדיקער בונדיסט באַקאַנט אַלס: קלמן קאַמאַשנמאַכער. וויפל קאַמאַשן ער האָט אין זײַן יונג לעבן געשטעפּט ווייס איך נישט. ער האָט געהאַט אַ הויקער, געווען הויט און ביין אַלע מאָל און אים האָט גאָר געצויגן צו ליטעראַטור און קונסט. ער האָט אַ סך געלייענט און אַלץ קריטיקירט. ער איז עס געווען יענער אַרבעטער, וואָס האָט אַ מאָל פּרצן דערלאַנגט איראָניש אַ סידור, נאָך דעם ווי פּרץ האָט אויפגעשריבן זײַן מאמר וועגן דער שיינקייט פון תפילות. און נישט געקוקט אויף זײַן אייביקער איראָניע האָט אים עולם אין ליטעראַטן־פאַראיין ליב געהאַט און זיך צוגעהערט צו אים. אַ מאָלער האָט אַ מאָל אויף אַ בײַשטידל פון אַ פענצטער אויף טלאָמאַצקע 13 אָנגעצייכנט אַ פּאָרטרעט פון קלמנען. אַז קלמן איז געשטאָרבן האָט מען אָט די צופעליקע צייכענונג באַדעקט מיט דיקן גלאָז און דאָס איז געבליבן קלמנס מצבה ביז דער פאַראיין האָט פאַרלאָזט טלאָ־מאַצקע 13.

און אַז קלמן איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און טובערקולאָז און מען איז דערפון געוואָר געוואָרן — איז ווער צו אים געגאַנגען אין זײַן וויסט קעמערל אים צו נעמען אין שפּיטאָל? חבר בערנאַרד! נישט געקוקט אויף דער טאָפּלטער טויטגעפאַר זיך צו אים צו דערנענטערן — האָט בערנאַרד געהיטן און באַזוכט קלמנען אין שפּיטאָל ביז יענער האָט אויסגעהויכט זײַן

שיינע און קראַנקע נשמה. צופעליק איז מען פון דער טאַט געוואָר געוואָרן אויף טלאָמאַצקע 13. אַז חבר בערנאַרד איז אַרײַנגעקומען איז אים פרץ מאַרקיש אַנטקעגנגעלאָפן און האָט אים אַרומגענומען און געקושט. בערנאַרד האָט זיך גערויטלט און געשמייכלט און געזאָגט מאַרקישן: — קושט מיך נישט, איר וועט זיך נאָך אָנגעמען מיט קלמנס קרענק... אָבער אויך מאַרקיש האָט ליב געהאַט ליב צו האָבן און ער האָט געשריגן איצט אויף זײַן שטייגער: — די היץ פון אײַער חברישקייט האָט פאַרברענט אַלע באַקטעריעס. אין אײַער נאָענט איז מען זיכער נישט נאָר פון פוילישע כוליגאַנעס, נאָר אויך פון טיפוס־באַצילן.

ווי אָפט מיר האָבן זיך באַגעגנט — לעצטנס אין ניו־יאָרק — האָט בער־נאַרד קיין מאָל נישט דערציילט וועגן זיך, און נאָר זיך אויסגעפרעגט אויף מיר, אויף מײַן זון, מחמת מײַן זון יאָסל און זײַן זון יאַנעק זענען געווען שול־חברים און פרײַנד.

יחזקאל בראָנשטײן

געבוירן אין נאָוואָסעלעץ, בעסאַראַביע, אין 1897. 1913 געקומען אין קאַנאַדע. 1918 אין לאָס־אַנדזשעלעס. גע־שטאָרבן 25סטן דעצעמבער 1968.

די צווייט־גרעסטע ייִדישע קהילה אין גאָר דער וועלט — נאָך ניו־יאָרק — איז אין לאָס־אַנדזשעלעס בײַם ברעג פון שטילן אָקעאַן. צוויי און אַ האַלב מיליאָנען קעגן אַ האַלבן מיליאָן. אַ גרויסשטאָט מיט אַלע מעלות. און אויב עס איז נאָך אין די שטאָטן פאַראַנען אַ שטאָט מיט אַ ביסל רו און שטימונג — איז עס לאָס־אַנדזשעלעס. נישט אומזיסט האָט זיך אַ האַלבער מיליאָן אירע פון אחינו בני־ישׂראל אַהין פאַרקליבן. און ממילא זענען דאָרט פאַראַנען אַ ביסל ייִדישע שרײַבערס. און אַפילו אַזעלכע פון דער ליטעראַרישער מיזרח־וואַנט. למשל — פרץ הירשביין, ה. רויזנבלאַט. זיי זענען שוין ביידע אויפן עולם־אמת.

נישט אַלע באַדײַטיקע ייִדישע שרײַבערס אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען שוין אין אייביקן אַהין. אָבער איך וויל זיי נישט אויסרעכענען — טאָמער פאַרגעס איך וועמען. און דאָרט ווו עס איז דאָ אַ גרופּירונג פון שרײַבערס־קינסטלערס מוז אויך זײַן קינאה. קינאה ברענגט אַרויס רכילות. און ייִדן זענען אומעטום און בײַ אַלע באַדינגונגען און אויף אַלע געביטן „ייִדישע גזלנים". און יאָ, און דער עיקר — קינאה באַשאַפט טשודאַקעס. און טשודאַקעס זענען די צען בטלנים — אָן וועלכע עס קען, לויט ווי עס לערנט די משנה — נישט זײַן אַ גרויסע ייִדישע קהילה. און יחזקאל בראָנשטיין איז געווען איינער פון דעם מנין בטלנים אין לאָס־אַנדזשעלעס. און איך זאָג די אַלע ווערטער דאָ פריִער אין ליבשאַפט און הויכשאַצונג פון דעם נאָר וואָס אויף אַ טראַגישן אופן געשטאָרבענעם אַלץ־שרײַבער יחזקאל בראָנשטיין. ער איז איבערגעפאָרן געוואָרן דורך אַן אויטאָ.

מיט דרײַצן בוך־פּאָזיציעס איז בראָנשטיין פאַרטראָטן אין דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור. און אין אָט די דרײַצן ביכער איז, מסתמא אויף 2 טויזנט זײַטן, דאָ אַל דאָס גוטס: לידער, עסייען, רעצענזיעס, אַלערליי מעדיטאַציעס, זכרונות, מיניאַטור־פּראָפילן פון ייִדישע פּערזענלעכקייטן. אַז מען שמועסט — „אַלץ־שרײַבער".

בראָנשטיין איז געווען אַלע מאָל איינזאַם. דאָס איז געקומען צום אויס־דרוק אין זײַנע אומצאָליקע בריוו. און די בריוו פלעגן ממש זידן מיט הייסער ליבשאַפט צו ייִדישע שרײַבערס. אַ מאָדנע שריפט האָט ער געהאַט, אַ שפּי־ציקע, אַזוי ווי די ציינדלעך פון אַן אַלטמאָדישן פּרעסאײַזן. און געשריבן

האָבן זיך בײַ אים די שורות האַלב־קײַלעכדיק. ער פֿלעגט זיך אַלע מאָל אײַלן בײַם שרײַבן. אַמאָליקע משׂכּילים האָבן געהאַט אַן ענלעכע שריפֿט. פֿרויד וואָלט דאָס מסתּמא אויסגעפּשטלט. אָבער מיר װעלן נאָר דערמאָנען די דאָזיקע בראָנשטײן־טבֿע.

לויט אונדזער מײַן זענען חלילה נישטאָ קײן צװײטראַנגיקע שרײַבערס; עס זענען נאָר דאָ באַרימטע און װײניקער באַרימטע שרײַבערס. אָבער אַלע — דער עיקר אין דער ייִדישער ליטעראַטור — גײען פּאַראַלעל צו אַן אומ־באַקאַנטן ציל. און אַזױ אויך בראָנשטײן אין זײַנע הונדערטער כאַראַקטע־ריסטיקעס פֿון ייִדישע שרײַבערס — און טאַקע לרובֿ די װײניקער באַרימטע. אָבער אײן מאָל פֿאַלט אים גאָר אײַן און ער שרײַבט אַ גאַנצע סעריע לידער צו לײװיקן. דער באַרימטסטער צװישן די באַרימטע. ליבע צו לײװיקן איז בראָנשטײנס רעליגיע. אים מעסט ער נישט מיט ערדישע מאָסן — בײַערט מיט הימלישע. און אָט שרײַבט ער גאָר אַ סעריע פֿון 20 לידער װעגן ייִדישע פּאָעטן. און אָט שרײַבט ער גאָר אַ סעריע לידער װעגן ליטעראַרישע פֿאָרמען.

טשיקאָװע זענען בראָנשטײנס רעצענזיעס װעגן נײַע ביכער פֿון ייִדישע פּאָעטן. זײ באַשטײען פֿון אָפּשאַצנדיקע באַמערקונגען װעגן דעם רעצענזירטן בוך און אַן אומצאָל ציטאַטן. לרובֿ אַ סך מער ציטירטע שורות, װי אַלײן געשריבענע. דאָס איז גאָר אַן אָריגינעלער אײַנפֿיר. און אפֿשר אַ דורכױס באַרעכטיקטער.

און לאָמיר זיך איצטער אומקערן צו בראָנשטײנס ממש תּאװה צום בריװ־שרײַבן. אין אָט די בריװ האָט ער זיך אױסגעלעבט. אין אַ בריװ קען מען זיך גרינגער אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. ער האָט אײביק געקרענקט און אײביק געהאַט טענות — צו אַלץ און אַלעמען. עפּעס איז אים כּסדר נאָכגע־גאַנגען אַ טראַװמאַטישע איבערלעבונג. (אין ד ע ם פֿאַל איז פֿרויד גערעכט). ער האָט דאָך אַװעקגעגעבן אַזױ פֿיל ליבע דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שאַפֿערס און אַזױ װײניק באַקומען צוריק. דאָס איז גיכער געװען אַן אײַנרעדעניש. אָבער אַן אײַנרעדעניש — זאָגט דאָס פֿאָלק —— (איר װײסט שױן װאָס...). אַזױ איז אויך אין אַ געװיסער מאָס געװען מיט דעם געזונט. דעם בעסטן — און אין דעם פֿאַל טראַגישן סימן האָבן מיר, אַז דער מלאך־המװת האָט אים אַלײן נישט געקענט בײַקומען — און נאָר מיט דער הילף פֿון אַ װילד געװאָרענעם אױטאָמאָביל.

אין יאָר 1958 בין איך געװען זעקס װאָכן אין לאָס־אַנדזשעלעס. און מיט יחזקאל בראָנשטײנען האָב איך קאָרעספּאָנדירט עטלעכע יאָרצענדליקער. אָבער אין אַלע די זעקס װאָכן האָב איך בראָנשטײנען געזען נאָר אײן מאָל. און אויך דאָס אײנע מאָל מיט טענות — טענות צו אַלעמען.

בראַנשטיינס פּיזיש אויסזען, זײַן רו אין רעדן, זײַן געדולדיק צוהערן זיך — זענען געווען אין סתירה צום אינהאַלט פון זײַנע בריוו.

אין דער צווייט־גרעסטער ייִדישער קהילה פון דעם דאָזיקן אומעטיקן פּלאַנעט איז יחזקאל בראַנשטיין געווען דער געטרײַער היטער פון דעם נר־תּמיד פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער היטער איז מער נישטאָ אָבער דער נר־תּמיד ברענט ווײַטער.

יחזקאל בראַנשטיינס מי און מאַטער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איז נישט געגאַנגען לאיבוד.

1968

ירחמיאל בריקס

געבוירן אין יאָר 1912 אין שטעטל וויעזשבניק בײַ לאָדזש.
ניפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק 3טן אָקטאָבער 1974.

ערגעץ ווו אין די געהיימע כּתבים פון הימל, ווו עס זענען פאַרשריבן די מזלות פון יעדן מענטשלעכן באַשעפעניש — זענען דעם דערציילער, פּאָעט, דראַמאַטורג, און בעיקר זכרונות־שרײַבער ירחמיאל בריקס אַ סך יאָרן צוגעזאָגט מצד דער פמליא של־מעלה. אָבער אין דער פמליא האָט מען, ווײַזט אויס, אַנדערש באַשלאָסן. פאַר וואָס? האָט דען ירחמיאל בריקס נאָך נישט דערטרונקען ביזן סאַמע טיפסטן דנאָ דעם כּוס פון מענטשלעכע יסורים? איז דען „אוישוויץ" נישט דער סאַמע טיפסטער דנאָ פון דעם כּוס?

איך געדענק נישט גענוי ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן פּנים־אל־פּנים, ירחמיאל בריקס און איך. קאָרעספּאָנדירט האָבן מיר נישט צו אָפט און נישט צו זעלטן. נישט געקוקט אויף דער שאַרף פון זײַנע איבער־לעבונגען איז ער פון דער נאַטור געווען אַ מילדער פרײַנד, פאַרנומען מיט דער גאַנצער נשמה מיט צוויי אידעאַלן: געבן דאָס שענצטע און בעסטע זײַנע צוויי טעכטער און נישט לאָזן פאַרגעסן ווערן, וואָס ער — און מיט אים מיליאָנען קרבנות פון וועלט־חורבן זענען אויסגעשטאַנען.

אין ניו־יאָרק האָט זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אַ היפּשע צאָל פון די דורך אַ נס געראַטעוועטע אײַנגעאָרדנט. בעיקר יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ סך קרובים אין אַמעריקע. און צווישן זיי ירחמיאל בריקס. ער האָט גוט געדענקט די פּאָר ווערטער פון פּרקי אָבות: אם אין אני לי — מי לי — ואם לא עכשו אימתי. קיין למדן איז בריקס גראָד נישט געווען. אָבער דאָס וואָס אַ ייִדישער מענטש דאַרף וויסן, האָט ער אַלע מאָל געוווּסט אין דער ריכטיקער צײַט און אויף דעם ריכטיקן אָרט.

אויב עס איז נייטיק אַ באַגעגעניש מיט פלוני — און דער פלוני איז אַ פּאַרשוין אָדער פּערזענלעכקייט — האָט בריקס אים אויפגעזוכט און צוגע־שטעלט צו דעם בריקס־קאָמיטעט.

ער פלעגט צוגיין צו אַ מענטש מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט אַ שמייכל אויף פרײַנדלעכן פּנים — און מיט אַזאַ זיכערקייט ווי ער וואָלט דעם פלוני געקענט שוין יאָרן.

הינטער אים און זײַן לעבנס — ביז דעמאָלט — יונגע יאָרן איז געווען אַ קייט פון יסורים, אָבער זײַן פּנים האָט עס נישט געוויזן. אַדרבא. ער שמייכלט גאָר. מען באַוווּנדערט זײַן גלײַכוואָג.

ער האָט צוויי אידעאַלן, מיר חזרן איבער: ער וויל זײַנע נישט־דערגאַנ־

גענע און נישט־דערלעבטע יוגנט־יאָרן איבערגעבן זײַנע טעכטערלעך — און דאָ צעגייט זיך ממש אַ זיסער שמייכל אויף זײַן פּנים: האָט איר שוין אַ מאָל געזען מײַנע טעכטערלעך? — פרעגט ער. און אײדער איך ענטפער — נעמט ער שוין אַרויס זײַן קעשענע־טײַסטערל און נעמט פון דאָרט אַרויס צוויי פּאָטאָס פון צוויי מיידעלעך און ער קוקט דאָ אויף מײַן פּנים און דאָ אויף די פּאָטאָס און ער וואַרפט אַרויס צווישן די צוויי בליקן אַ וואָרט — דאָס קלענטסטע און גליקלעכסטע: „נו?”. און איך ענטפער: דאָס זענען די שענצטע צוויי קינדער וואָס איך האָב אין מײַן לעבן געזען. ירחמיאל בריקס נעמט מיך אַרום און קושט מיך.

— נו, איצט פאַרשטייט איר שוין פאַר וואָס איך וואָלט געדאַרפט ווערן אַ שטיקל עושר אין דער דאָזיקער בייזער וועלט. נחת פון קינדער איז אַ גרויסער ענין.

ער טוט וואָס ער קען און וויפל די כּוחות סטײַען. געטאָ־יאָרן ציילן דרײַפאַכיק. ער שרײַבט נישט צו פיל. ער באַמיט זיך דער וועלטס רציחות לגבי ייִדן צו שילדערן דורך יחידישע געשטאַלטן. מאַסן־רציחות צו באַשרײַבן — דערגייען זיי נישט צום ציל. ווער עס האָט געראַטעוועט אַ יחיד — דער האָט געראַטעוועט אַ וועלט. געראַטעוועט פון פאַרגעסן ווערן. קדושים פאַר־געסענע זענען ווי קרבנות צוויי מאָל דערהרגעטע. בריקס זאָגט די דאָזיקע ווערטער אַרויס מיט טרערן וואָס שטיקן.

אַ גרויזאַמער פּאַראַדאָקס: ער האָט דורך און מיט הומאָרעסקעס געשיל־דערט גרויזאַמקייטן. די דאָזיקע דערציילונג זײַנע רופט זיך „אַ קאַץ אין געטאָ”. זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ ריי לשונות. זי איז פילמירט געוואָרן און געשטעלט אין טעאַטער איבער דער גאָרער וועלט.

און ווידער דער פּרקי־אָבות: אויב דו אליין וועסט נישט זאָרגן פאַר זיך, ווער דען? און אומצאָל שרײַבערס האָבן גוטס, ניין, דאָס בעסטע געשריבן וועגן די קנאַפּע ווערק אין פּראָזע און אין פּאָעזיע. אָבער דאָס איז נישט צו לײַכט אָנגעקומען. הינטער יעדן אַזאַ חורבן־מאמר איז געשטאַנען דער מחבר און געמאָנט און דערמאָנט. און נישט נאָר שרײַבערס האָבן געשריבן — אויך באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי עלאַנאָר רוזוועלט, די פרוי פון אַמעריקאַנישן פּרעזידענט.

און נישט נאָר מענטשלעכע געשטאַלטן — אויך אַ קאַץ — „אַ קאַץ אין געטאָ”. ירחמיאל בריקסעס פּאָפּולערסטע טראַגי־הומאָרעסקע... אויב מען קען די צוויי ווערטער אינטעגרירן. בריקס האָט געקענט.

און איצט איז דער פּאַראַדאָקסאַלער שרײַבער און מאָנער פון גערעכטיקייט און פון דער טײַוולאָנישער רציחהדיקער וועלט אַנטשוויגן געוואָרן. 62 יאָר

זענען דאָך בײַ די הײַנטיקע מעגלעכקייטן פֿון דער מעדיצין ממש אַ קינדער־עלטער.

און איידער איך נעם צוזאַמען די צײַטונגס־אויסשניטן וועגן ירחמיאל בריקס און זײַנע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער און צענדליקער בריוו, שטעל איך מיך באַזונדערס אָפּ אויף די בילדער פֿון זײַן פּנים. אַ פּנים מיט רו און גוטס־קייט, גוטסקייט מיט שמייכל און שמייכל מיט אַ בליק פֿון אויבן אַראָפּ... ווײַל דו ביסט אין אוישוויץ נישט געווען — און איך יאָ. אַ גוטע אייביקייט דיר — חבר ירחמיאל!

ד״ר ישׂראל מאיר ברענדער

געבוירן אין סטאַניסלע 1888 — געשטאָרבן אין בערלין 1927.

סטאַניסלע אין מיזרח־גאַליציע איז אַ שיינע שטאָט און אַ מאָל האָט זי געהאַט אַ שיינע ליפּאָווע־גאַס, וואָס האָט געפירט צום שיינעם פּאַרק אויף דעם נאָמען פון דער שיינער עסטרײַכישער קייזערין עליזאַבעט, וואָס איז געווען אַן ענטוזיאַסטין פון היינריך היינע, וואָס האָט שיר נישט איר קרוין אײַנגעשטעלט צוליב דעם און איז סוף־כּל־סוף זייער ראָמאַנטיש אין דער שווײַץ אַן אַ פּאַרוואָס דערמאָרדעט געוואָרן.

אין אָט דעם פּאַרק איז אין 1908 אַרומגעגאַנגען אַ הויכער בחור מיט אַ ברייטער פּעלערינע, ווי פּרץ, אין אַ הוט ווי אַ לאַססאַ־וואָרפער פון מעקסיקע, און אַ קראַוואַט ווי אַן עראָפּלאַן, באַדעקט מיט קרעפּע און אַ פּאָר וואָנצעס ווי קייזער ווילהעלם. דאָס איז געווען דער יידישער פּאָעט פון סטאַניסלע, דער ערשטער, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן געזען — ישראל מאיר ברענדער. ער האָט חוץ די קייזער ווילהעלם־וואָנצעס געהאַט גרויסע פּאַרשאָטנטע, סעמיטישע אויגן, ווי אַ הירש. (איך מיין די סעמיטישע הירשן, מיט וועלכע מען באַצירט אָרון־קודשן — פּאַרשטייט זיך, און נישט די אַרישע הירשן פון די וועלדער).

אויף איך האָב שוין דעמאָלט געשריבן לידער — נאָר אַ פּעלערינע, אַ הוט, אַ קראַוואַט און וואָנצעס, ווי ברענדער, האָב איך נאָך נישט געטראָגן, ווײַל איך בין דעמאָלט אַלט געווען ערשט פופצן יאָר.

איין מאָל האָט מיך ברענדער אײַנגעלאַדן צו זיך. זײַנע עלטערן זענען געווען הערינג־הורטאָווניקעס און אין זײַן שטוב איז אַלע מאָל געשטאַנען אַ ווײַסער גערוך פון דעם דאָזיקן נישט־וועגעטאַרישן מאכל. עס איז געווען אַ סטאַניסלעווער זומער־פּאַרנאַכט. אין העכסטן ווינקל פון דער שטוב איז געשטאַנען אַ צאַרטער און לעצטער שטראַל זון. ברענדער האָט פּאָזירט און האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער זאָפע און דעקלאַמירט דאָס דעמאָלט ערשט נישט לאַנג אָפּגעדרוקטע ליד זײַנס:

> קום צו מיר דעמאָלט, ווען ס׳לאָזט זיך דער טאָג אויס,
> און אין מערב באַווײַזט זיך די זון —

עס איז נישט געווען קיין סוד אין וועמען ברענדער איז דעמאָלט פאַרליבט געווען, און כאָטש דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון פּאָעזיע, ווייס איך היינט אַז ברענדערס געליבטע האָט בעסערע לידער פאַרדינט.

אין 1909 אָדער 1910 האָט ברענדער אַרויסגעגעבן ביכער מיט לידער און

מיט פּראָזע אין קראָקע, ביכער מיט טיטלען, ווי פּעלערינעס צעפּלאַטערטע. און מיט ווילדע צייכענונגען פון אַ גוטן מאָלער מאַרקאָוויטש (אויך שוין טויט) אויף די שער־בלעטער. און דעמאָלט איז אויך אַרויס אַ זאַמלונג מיט דעם נאָמען: „יונג־גאַליצישער אַלמאַנאַך". אַ רעצענזיע וועגן דעם דאָזיקן אַלמאַנאַך, וואָס ברענדער האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין אַ קראָקעווער ייִדישן וואָכנבלאַט האָט דאָס געזאָלט ווערן מײַן אַזוי גערופענער ערשטער שריט אין דער געדרוקטער ייִדישער ליטעראַטור, וואָרעם געשריבן האָב איך שוין ביז דעמאָלט נישט ווייניקער ווי דרײַ הונדערט לידער.

נאָך איין מאָל האָב איך ברענדערן באַגעגנט אין דער צײַט פון דער מלחמה. ער איז נישט גענומען געוואָרן צו מיליטער, ווייל ווי גרויס און מעכטיק ער איז געווען, אַזוי קראַנק איז ער געווען. פון דער לידערקרענק האָט ער זיך שוין דעמאָלט אַפילו אויסגעהיילט. אַז ער איז געווען אויך אַ דאָקטאָר דאַרף מען דאָך נישט צוגעבן, ער איז דאָך געווען אַ גאַליציאַנער. צו נײַן און דרײַסיק יאָר איז ער געשטאָרבן — און מיט אים אַ שטיק ראָמאַנטיק פון דעם גאַליציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ משה לייב האַלפּערן, אַ משה נאַדיר.

אַהרן נ. בר־כּהן

געבוירן 1886 אין רוסלאַנד, געשטאָרבן 1934 אין מעלבאָרן אויסטראַליע.

אויף דעם ייִדישן בית־עולם אין מעלבאָרן איז דאָ אַ פּריש קבר מיט אַ פּלאַכן שטיין דערויף, מיט אַ גאָרנישט זאָגנדיקן נוסח אין העברעיִש, דאָס קבר פון דעם, וועמען אַ וועלטטייל אַ גאַנצער, אויסטראַליע, וועט אַ מאָל מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנען, אויב דאָרט וועט זײַן אַ מאָל אויך אַ צווײַג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עס איז דאָס קבר פון אַהרן נ. בר־כּהן, אַ מענטש מיט זייער אַ בייז פּנים, אַ נישט ייִדישס, אַ שטרענגס און אַ שיינס. דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט אַזוי פיל געשריבן, אַז ווען זײַנע ווערק וואָלטן אָפּגעדרוקט געוואָרן, וואָלט ער כּמותדיק געשטעלט אין שאָטן אַלע פּרוכפּערדיקע ייִדישע שרײַבערס — אײַנשליסנדיק שלום אַשן.

וווּנדערלעך איז געווען די אָרדענונג פון די מאַנוסקריפּטן און וווּנדער־לעך איז געווען די שריפט פון דעם שרײַבער און הויך זײַן אינטעלעקט און אומפאַרגלײַכלעך זײַן בילדונג און אומבויגזאַם און קאָמפּראָמיסלאָז זײַן ערנצט צו קולטור, און ער איז גרייט געווען פאַר זײַנע אידעאַלן צו לײַדן אַלע עינויים — און עס איז אים נישט פאַרשפּאָרט געבליבן גאָרנישט, נאָר טאַלאַנט צום שרײַבן, ליטעראַרישן טאַלאַנט האָט ער געהאַט זייער ווייניק. און אפשר האָט ער געהאַט טאַלאַנט, נאָר די אומענדלעכע איינזאַמקייט פון אַ פּיאָנער פון דער ייִדישער קולטור אין דעם ווײַטסטן ווינקל פון דער וועלט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן האָט נישט צוגעלאָזט צו קיין שום אַנטוויקלונג, ער האָט נאָר געמוזט געבן, געבן — און צו נעמען איז נישט געווען פון וועמען. ער האָט געמוזט דערציִען, אויסגעבן די גאַנצע וואַרעמקייט אויף אָנצוהאַלטן אַ סביבה, איז שוין פאַר זיך גאָרנישט געבליבן. אפשר.

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אויסטראַליע אין יאָר 1933, האָב איך דאָרט געפונען אַ קרײַז, וואָס האָט מיך גוט געקענט און נישט בלויז געהאַט צו זאָגן וועגן מיר אַ פּאָר סקאַרבאָווע ווערטער, נאָר טאַקע עפּעס אין תּוך. פאַר מיר איז די זאַך געווען אומפאַרשטענדלעך. סײַדן כּישוף.... עס איז געווען דער כּישוף פון דעם מענטשן, דער אײַנפלוס פון בר־כּהן, וואָס האָט אַזוי ערנסט גענומען די ליטעראַטור, ווי דאָס לעבן, און נאָך ערנסטער.

ערגעץ אַ מאָל האָט ער עפּעס געדרוקט, עפּעס אין ייִדיש און עפּעס אין העברעיִש. און אַלץ איבעריקע האָט ער געקניפּט און געבונדן און געאָרדנט און געגרייט צום פּײַער־טויט פון די הענט פון זײַנע יורשים נאָך זײַן טויט, פּונקט ווי דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז געווען איין גרייטן זיך צום פּלוצלינגן

טויט מיט אַ געפּלאַצט האַרץ. איך האָב אין די כּתבֿים בײַ בר־כּהנס לעבן אַרײַנגעקוקט און קיין מאָל נישט געקענט פֿאַרשטיין דעם דיסאַנאַנס צווישן דעם מענטש און זײַן ווערק... אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש. און דאָך זענען אפֿשר דעם פֿײַער איבערגעענטפֿערט געוואָרן ווערטפֿולע, אינטימע ווידויס פֿון אַן אײנזאַמען מענטש, אַ פּיאָנער פֿון דער ייִדישער נשמה אויף אַ ווײַטן וועלטטייל.

דאָס איז געווען אַ נאַכט פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן דאָס ערשטע מאָל פֿון אויס־טראַליע. עס האָט געמבולט. בר־כּהן איז אַרײַנגעלאָפֿן זיך געזעגענען, ער וועט צו מאָרגנס נישט קענען זײַן בײַם באַן — לעקציעס. ער איז אַוועק מיט די ווערטער: ווונדערלעך, אָט קוקט אַן אויג אין אַן אויג, ליגט אַ האַנט אין אַ האַנט — און צווישן זיי איז דער טויט. איר וועט דאָך שוין קיין מאָל מער נישט קומען אַהער און איך וועל קיין מאָל נישט פֿאָרן אין אײַערע מקומות. — און ער איז אַוועק. איך האָב נאָכגעקוקט דער מאָגערער לערערישער פּלייצע אין דינעם רעגן־מאַנטל אין שײַן פֿון די לאַמטערנס, שטייענדיק אויף דער שוועל פֿון דער שטוב — ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן, אויסגעמישט זיך מיט נאַכט, רעגן און — טויט.

איך בין נאָך יאָ צוריקגעקומען אין יענע מקומות, אָבער מער ווי דאָס קבֿר אהרן בר־כּהנס נישט געטראָפֿן.

1937

נח יצחק גאָטליב

געבוירן אין קאָוונע אין יאָר 1903. זינט 1930 אין מאָנט־רעאָל. אַוועק פון דער וועלט דעם 31סטן יולי 1967.

ווען מיר וואָלטן נאָך געלעבט אין שפּעטן מיטל־עלטער, אין דער צײַט פון די „שפּילמענער", וואָלט נח יצחק גאָטליב מסתּמא אַרומגעפאָרן פון געטאָ צו געטאָ, יישוב צו יישוב, וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין די יידישע טאַווערנעס (אַזוי האָבן זיך דעמאָלט גערופן יידישע גאַסטהײַזער) און וואָלט אין די אָוונטן פאָרגעלייענט זײַנע שירים און אַזוי אַרום אויסגעשלאָגן זײַן בידנע פּרנסה. אָבער מיר לעבן דאָך אין מיטן פון 20סטן יאָרהונדערט, — שרײַבט גאָטליב דער דיכטער, דער פּייטן, לירישע לידער און מעשׂיות אין ליד — און די טעמעס זענען אייביקע: ליבע, בענקשאַפט, נאַטור, נויט, אָרעמקייט, און סוף־כּל־סוף אויך טויט. און ער שרײַבט די לידער אין אַן אויסגעהאַלטענעם, קלאַסישן ריטעם. ער קאַרגט נישט קיין גראַמען און אַסאָנאַנסן, ער וויל נישט זײַן דער־פינדעריש און אָריגינעל, ער איז אָריגינעל טאַקע מיט זײַן פּרינציפּיעלן נישט וועלן זײַן אָריגינעל.

מסתּמא האָט גאָטליב — ווי יעדער דיכטער — וועגן זיך אַליין אַ וויזיע, אַז ער איז אַ גילגול פון אַן אַמאָליקן „שפּילמאַן", אַזיסט וואָלט ער נישט אויפגעשריבן אַ מאָל אָט די דאָזיקע שורות — אָט זענען זיי אין זייער טיפן אומעט, דיכטערישן אומעט:

אין אַ נאַכט פון ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווײַטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואָגלט אום אַ פּייטן.
זעקל אויפן אַקסל, אין דער האַנט אַ שטעקן:
שנייִיק ציִען פעלדער, שנייִיק פירן וועגן.
זילבער פון לבֿנה איבער היגלען — טאָלן:
מענטשן שלאָפן לאַנג שוין, אײַנגעהילט אין חלום...

אָט אַזוי האָט גאָטליב געשריבן, אָט אַזוי — אויפריכטיק, אמתדיק און האַרציק האָט ער צונויפגעקליבן אַ טוץ לידערביכער. און עס איז גוט, וואָס מיר האָבן אים אין דער יידישער ליריק, וואָס נעמט אײַן וועלטן אין דער טיף, אין דער הייך און אין דער ברייט. אַ שטילער דיכטער, וועמעס ווייגעשריי איז קיין מאָל נישט העכער פון אַ שטילן קרעכץ, אַזוי שטיל ווי אַ שטיל ליד דאַרף זײַן. ער דערמאָנט אונדז, אַז חוץ עקסטראַוואַגאַנצן זענען נאָך דאָ אויף גאָטס וועלטן אַזעלכע פּשוטע, אוראַלטע זאַכן ווי פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער, טאָג און נאַכט — דער עיקר פאַרנאַכט... בין־השמשות... און

בענקשאַפט נאָך אַמאָליקער היים אין דער אָרעמער ליטע מיט אירע אָרעמע, טאַטע־מאַמעדיקע שבתים און יום־טובים. גאָטליב איז אַ ליטוואַק. און ער קולטיווירט דעם ליטווישן לאַנדסמאַן אין זיך. אַפילו אין דעם אַקצענט פון זײַן רעדן כאַפּט זיך בײַ אים אַרײַן דער סמך אויפן אָרט פון דער שין. ער איז נישט קיין הויכער — איך וואָלט אַפילו געזאָגט: שוין גאָרנישט קיין הויכער. אָבער צוגעפּאַסט פּאַר זײַן גאַנצן מהות. ער האָט ערנסטע, דײַטלעכע, כאָטש מיניאַטורע פּנים־שטריכן, דערפאַר אָבער אַ שטאַרק הויכן לומדישן שטערן. און ער איז טאַקע אַ למדן, אַ גוטער קענער פון די ליטעראַטורן בײַ ייִדן, אַ גוטער קענער פון לשון־קודש און היפּשלעך באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור. און וואָס שייך ייִדישער ליטעראַטור — איינער פון די סבלנות־דיקסטע לייענערס און קענערס. שייך צו זאָגן „אַ גייענדיקער לעקסיקאָן”. אין דעם פאַל איז עס ממש צו ווייניק. טאָמער עפּעס אַ פראַגע — אַ קלונג אויפן טעלעפאָן צו גאָטליבן און דער ענטפער איז שוין גרייט. און אָט אַזוי — טראָגנדיק דעם עול פון דיכטערישער פּרינציפּיעלער אָרעמקייט טאָג־אײַן און טאָג־אויס בײַם שרײַבטיש — און מיט דער געטרײַער חברישקייט פון זײַן לעבנס־באַגלייטערין רעיה — האָט נח יצחק גאָטליב זײַן שטיל און באַשיידן און ערלעך אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַ היפּשער טייל פון גאָטליבס פּאָעמעס זענען סענטימענטאַלע דערמאָנונגען פון זײַנע יאָרן אַלס קולטור־אָנפירער פון חלוצישע יוגנט־גרופּעס. די יונגע לײַט פון אָט די גרופּעס געפינען זיך ס׳רוב אין אויסגעחלומטן לאַנד. אָבער גאָטליב אַליין — אַזוי האָט געוואָלט גורל און מזל — איז געבליבן בײַם ראָמאַנטישן חלום אין גלות... ער האָט אַפילו ווי אַ באַזוכער קיין מאָל דאָס הייליקע לאַנד נישט געזען. און אויך דאָס איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פּייטן פון אַמאָליקן שטייגער. דער חלום איז דאָך אין דער אמתן די ממשות — ווײַל די ממשות — ווער ווייסט עס נישט — איז אַלע מאָל ווייניקער שיין ווי דאָס חלום־בילד.

נ. י. גאָטליב האָט געהאַט אַ ברודער — דער טיפער פּאָעט יעקב גאָטליב — 1911 ־ 1945 — האָט ער מיט ברידערלעכער ליבע און הייליקייט אָפּגעשפּאָרט פון אייגענער אָרעמקייט און אים געגעבן אַ תיקון אין אַ שיינעם באַנד „געקליבענע לידער” (מאָנטרעאָל 1959). גאָטליב שרײַבט אויך זינט צענד־ליקער יאָרן אין „קענעדער אָדלער” קליינע דערציילונגען פון וואָכעדיקן ייִדישן פאָלקסלעבן, אָבער אָט די דערציילונגען האָט ער קיין מאָל אין ביכער נישט געזאַמלט. —— און איצט איז ער שוין אויף דער אמתער וועלט — דער וועלט פון אַבסאָלוטן יושר. און טאָמער זענען אים עוולות געשען אויף דער וועלט פון שקר — וועט אים די וועלט פון אמת פאַרגיטיקן...

חנא גאָטעספעלד

געבוירן אין יאָר 1890 אין סקאַלע, גאַליציע. 1908 געקומען קיין אַמעריקע. געשטאָרבן דעם 28סטן יאַנואַר 1964 אין ניו־יאָרק.

ער איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע שרײַבערישע לעבן זײַנס מיט אַ שמייכל — חנא גאָטעספעלד — דער גאַליציאַנער לויט דער געבורט און לויטן געמיט, און נישט אומזיסט האָט ער אַ גאָר גרויסן טייל פון זײַנע הומאָרעסקעס געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים: טוביה שמייכל. „טוביה" האָט ער זיך גערופן צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, כּדי מיט דעם אָנצורירן די פּאָלע פון שלום־עליכמס טוביה דעם מילכיקן און זיך צו שטויבן אין זײַן שטויב, ווי דאָס רעדט זיך אין די רבנישע מליצות; און צווייטנס, כּדי מיט דעם אָנצודײַטן, אַז ער האָט ליב די גוטסקייט, און טאָמער פּאַרטשעפּעט ער וועמען עס איז מיט זײַן שרײַבן — מיינט ער נישט אים שלעכטס צו טון און נײַערט אַ ביסל צו שטיפן. אונטערן נאָמען „דאָס שטיף־קינד" האָט ער יאָרן לאַנג געפירט די הומאָריסטישע אָפּטיילונג אין „פאָרווערטס". (נישט דאָס „שטיפקינד" נײַערט דאָס „שטיף־קינד").

נישט קיין הויכער, אַ קײַלעכדיקלעך פּנים, ברילן פון אַ קורצזיכטיקן, אַ באַלעבאַטישער יונגער־מאַן. און כאָטש דאָס פּנים איז נישט סעמיטיש און נישט באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש — דערקענט מען באַלד, אַז ער איז אַ גאַליציאַנער ייִד. לויט וואָס דערקענסטו עס תּיכּף? לויט דעם כאַראַקטעריס־טישן שמייכל, וואָס קוקט דיך אָן דורכדרינגלעך, ווי ער וואָלט באַלד געדאַרפט אַרויס מיט עפּעס אַ טענה צו דיר. אָבער חלילה! ער פאָרשט דיך נאָר צי קען ער געפינען עפּעס קאָמישס אין דיר כּדי גוטמוטיק אַ קיבעץ צו טון. אָדער, צי ביסטו כאָטש גרייט אויסצוהערן עפּעס אַן אַנעקדאָט, אַ הומאָריסטישן עפּיזאָד. ער נודיעט נישט חלילה מיט זײַנע מעשׂיות. ער „וואָרפט" זיי אַרײַן אַזוי זיך — כּלאחר־יד.

מסתּמא האָט חנא גאָטעספעלד געהאַט נישט ווייניק ליטעראַרישע אַמבי־ציעס — אַזיסט וואָלט ער נישט אָנגעשריבן אַ היפּשע צאָל ווערק. „אָנגע־שריבן" איז דאָ אפשר נישט אויפן פּלאַץ. געשריבן האָט ער דאָך אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אין „פאָרווערטס" פיל טויזנטער זאַכן און זאַכעלעך. דאָ פּאַסט זיך צו זאָגן: איבערגעקליבן און אַרויסגעגעבן אין טאָוולען פון ביכער. דאָס סאַמע ווערטפולסטע פון זײַנע ביכער איז דאָס 600 זײַטן אַנט־האַלטנדיקע זכרונות־בוך, וואָס רופט זיך: וואָס איך געדענק פון מײַן לעבן. צײַטונגען זענען אי אַ גליק און אי אַן אומגליק. מען קען זיך אין דער

איצטיקער תקופה דאָס לעבן גאַרנישט פאַרשטעלן אָן ציַיטונגען — כאָטש אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל אַ צייַטונגסשטרייַק זעט מען ערשט, אַז דאָס לעבן שטעלט זיך נישט אָפּ, כאָטש צייַטונגען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. יאָ, אַ גליק יענען זיי — וויַיל אָן זיי איז נאָך ערגער. אָבער אַן אומגליק זענען זיי, וויַיל ביַים לייענער נעמען זיי צו קרישטאָלענע בעכערס מיט צייַט און צעשפּליטערן און צעשפּריצן זיי אין אַבסאָלוטן ניוועץ. און ביַים שרייַבער טוען זיי דאָס זעלבע מיט פולע בעכערס טיַיערן טאַלאַנט. און פאַרט איז עס אַ גוט געפיל פאַר אַ שרייַבער צו וויסן — און חנא גאָטעספעלד האָט עס אַ האַלבן יאָרהונדערט געוווסט — אַז ער אַליין קוויקט זיך מיט זייַנעם אַ הומאָריסטישן איַינפאַל אין דער צייַטונג און תוך כדי דיבור קוויקן זיך דערמיט אַ פאָר צענדליק טויזנט און אַ מאָל אַפילו אַ פאָר הונדערט טויזנט אירע, וואָס דאַרפן דעם דאָזיקן שמייכל אָדער גאָר דעם געלעכטער אַזוי ווי אַ רפואה.

צו קענען פאַרבינדן צייַטונג מיט אייביקייט — דאַרף מען זייַן נישט בלויז אַ טאַלאַנטירטער און נייַערט אַ געניאַלער שרייַבער. דערצו דאַרף מען זייַן אַ שלום־עליכם.

און פאַרט — ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ נאָרמאַלע ליטעראַטור, וואָלט זיך געפונען אַ פאַרלעגער, וואָס וואָלט באַשטימט אַ רעדאַקטאָר, וואָס זאָל דורכ־לייענען אַלץ, וואָס חנא גאָטעספעלד האָט געשריבן און אַרויסזיפּן פון דאָרט אַ זעקס בענד מיט מחיהדיקע הומאָרעסקעס מיט אַ בלייַבנדיקן ווערט. אין איין ווענס וואָלט דאָס שוין געווען אַ בילד פון ייִדישן מאַסן־לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן פון דער גרויסער אימיגראַציע — געזען אין אַ לאַכנדיקן שפּיגל.

אָבער גאָטעספעלד איז נישט נאָר געווען אַ שרייַבער פון הומאָרעסקעס. ער איז אויך געווען אַ שרייַבער פון קאָמעדיעס. אַנדערע האָבן געהאַט די גרעסטע דערפאָלגן אויף דער ייִדישער בינע איבער גאָר דער וועלט: „געוואַלד, ווען שטאַרבט ער?!" — „פּרנסה" — „רייַכע קבצנים", א"א.

אַ מאָל האָט מיר חנא גאָטעספעלד געגעבן צו פאַרשטיין דעם סוד פון זייַן דערפאָלג ווי אַ קאָמעדיע־שרייַבער. ער האָט מסביר געווען: דער עיקר איז דער שמייכל און טאַקע אַן אמתער און נישט קיין געמאַכטער. האָט אַ זאַך דערפאָלג — שמייכלט מען ממילא. און האָט זי נישט קיין דערפאָלג דאַרף מען דאָך אַוודאי שמייכלען. און נאָך עפּעס: אויב דו טוסט עפּעס און עס גייט דיר אין לעבן — גייט דיר נישט אין לעבן... און אויב עס גייט דיר נישט אין לעבן — גייט דיר אין לעבן... אָט דאָס איז דער גאַנצער סוד...

געגנוי׳ צעקייט דעם סוד האָב איך אפילו נישט, אָבער — אַזוי ווי אויך איך בין אַ גאַליציאַנער, און גאַליציאַנער פאַרשטייען זיך אויפן ווונק — האָב איך געשמייכלט און אַפילו געלאַכט און זיך געמאַכט, אַז איך האָב געכאַפּט

דעם סוד. חנא גאָטעספעלד איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט אַ חבר געהאָלפן צום וועג פון דערפאָלג...

צוליב עפּעס אַ סיבה האָט ער מיך גערן געהאַט. און — — צו מײַן שטוינונג האָט זיך עס אַרויסגעוויזן, אַז ער לייענט גאָר פּאָעזיע און קען אַפּילו אַ היפּש ביסל פון מײַנע כּתבים. אפשר דערפאַר ווײַל זיי זענען אָן אַ שמייכל. אַ מענטש האָט ליב קאָנטראַסטן.

און לאָמיר פאַרענדיקן מיט אַן אַנעקדאָט דעם דאָזיקן פּענפּראָפיל פון אַ ייִדישן הומאָריסט.

געווען איז עס סעפּטעמבער 1939, ווען עס זענען געקומען די ערשטע מוראדיקע בשורות פון פּוילן, באַגעגן איך אויף איסט־בראָדוויי נעבן „פאָר־ווערטס״־בנין חנא גאָטעספעלדן. גיט ער מיך אַ נעם אונטער דער האַנט און צווינגט מיך ממש צו גיין מיט אים אַ ביסל שפּאַצירן. גיי איך: הייבט ער מיר אָן צו דערציילן וועגן דעם דערפאָלג פון זײַנע קאָמעדיעס אין ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע. און ער שטראַלט ממש. און ער דערציילט מיר ווי אַזוי מען האָט אים אפילו געצאָלט סאַנטיעמעס און ער האָט דאָס געלט געדאַרפט האָבן ווײַל ער האָט דעמאָלט געמאַכט זײַן היימרײַזע אין גאַליציאַנער שטעטל און די קרובים האָבן אים אויסגעליידיקט אַלע קעשענעס.

הער איך און עס וווּנדערט מיך אַ ביסל, וואָס פּונקט אין די מוראדיקע טעג דערציילט ער מיר די פריילעכע מעשׂיות. און אָט וויל איך אַ קוק טון אויף אים מיט אַ טענה און איך טראַכט מיר: אַ הומאָריסט בלײַבט אַ הומאָריסט... און אָט גיב איך אַ קוק אויף זײַן פּנים און איך זע, אַז ער וויינט גאָר שטילערהייט — —

איצט וויינען שטילערהייט זײַנע הומאָרעסקעס און זײַנע לאַנגיאָריקע לייענערס נאָך זייער באַליבטן חבר־באַגלייטער־שרײַבער.

1964

הערמאַן גאָלד

געבוירן 1888 אין בריסק. זינט 1905 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 17טן מײַ 1953.

הערמאַן גאָלד, אײנער פון די פּײַנפּילנדיקע קאָמפּליצירטע און װײניק פאַרשטענדלעכע ניו־יאָרקער ייִדישע פּאָעטן איז אויסערלעך דער אָריגינעלסטער פון זײ אַלע. אַ צעשויבערטער קאָפּ שטײענדיקע ברוינע האָר, װי אַ גוט, הויך בערשטל, װאָס איז אַ סך געניצט געװאָרן, דערצו אַ צעשויבערטע און נישט צו לאַנגע ברוינע באָרד, װאָס צעפּאָרט זיך אין אַלע זײַטן פּנים, דערצו טאַקע דאָס פּנים, דאָס זײער ייִדישע און זײער מוזשיקװאַטע — לויט דער שטימונג פון הערמאַן גאָלדן, דערצו די קלײדער, װאָס זענען באַװוסטזיניק אָדער אומבאַװוסטזיניק אָפּגעלאָזן, דערפאַר אָבער אַלע מאָל, אָן אויסנאַם.

דער טעם פון הערמאַן גאָלדס באָרד, אײנער פון די לעצטע אין ייִדישן ניו־יאָרק, אַזוי װי די לעצטע פּאָר דראָזשקעס אַרום דעם צענטראַלן פּאַרק אין ניו־יאָרק, איז נאָר אים אַלײן באַקאַנט. טײל זאָגן, אַז דאָס טראָגט ער צוליב דעם װײַל עס קומט אַזוי אויס ביליקער און הערמאַן גאָלד האָט ליב ביליקײט, הגם ער איז נישט אײנער פון די אָרעמסטע ייִדישע פּאָעטן אין ניו־יאָרק. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס טראָגט ער — זעלבסטפאַרשטענדלעך — װײַל ער איז אַ פּאָעט. אַנדערע װידער מײנען, אַז דאָס טראָגט ער דערפאַר װײַל ער מוז זיך אַרײַנפּאַסן אין סטיל פון זײַן פאַך אויסער פּאָעזיע — ער איז אַ גוט־באַקאַנטער הענדלער פון ביכער־אַנטיקן. און אַ געגאָלטער ביכער־אַנטיקװאַר קען נישט קײן מאָל נעמען פאַר אַ בוך־אַנטיק אַ דאָלאַר, דאָרט װו אַ בערדיקער אַנטיקװאַר קען לײַכט נעמען צען. און הערמאַן גאָלד האָט ליב די מעגלעכקײט צו נעמען צען דאָלאַר שטאָט אײנעם.

הינטער דעם װאַלד פון זײַן באָרד איז דאָ אַ װעלט מיט פּראַקטישקײט. די לעגענדע זאָגט — און צו הערמאַן גאָלדן איז דאָ אַ באַציִונג און מען לאָזט אים די לעגענדע, מען רײַסט זי פון אים נישט אַראָפּ װי פון אַנדערע פּאָעטן — אַז די באָרד האָט ער זיך געלאָזן װאַקסן נאָך אַ שאַרפן װאָרטאַױסטױש מיט דעם זון זײַנעם װאָס האָט נישט געװאָלט דעם פאָטער נאָכגעבן אין הילכות ייִדישקײט. האָט דער פאָטער להכעיס דעם זון גענומען די גאַנצע ייִדישקײט אויף זיך, נאָך מיט דרײַ באָרדשמיצן אַריבער....

װי די זאַך זאָל נישט זײַן — דער אָריגינעלסטער פון די ייִדישע פּאָעטן אין ניו־יאָרק

אַלעמען זאָגט ער דו — נאָר אָפּט מאָל באַלײדיקט ער זיך טיף און שמערצלעך, אַז מען זאָגט אים דו... ער מאַכט פון זיך אַלײן אַש און בלאָטע, נעמט

אָן סענטן מכּלומרשט אויף אַ שפּאַס און נעמט זיי טאַקע צו — נאָר אַז מען רירט אים אָן דעם כּבֿוד טראָגט ער שטיל אַוועק אַ צער, און ער וועט עס דיר דערמאָנען נאָך אין צען יאָרן אַרום.

מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז רײַך, האָט אַ הויז פֿון זײַן ביכער־האַנדל. מען זעט נישט קיין מאָל קיין גראָשן אַרום אים און פֿון אים — און ווידער זאָגט די לעגענדע, אַז שטילערהייט קען הערמאַן גאָלד צוטראָגן אַ חבֿר אַ מאָל אַ גאַנצן פּופּציקער־דאָלאַר און פֿאַרגעסן און בעטן פֿאַרגעסן. ווער עס פֿאַר־שפּרייט די דאָזיקע לעגענדעס ווייס איך נישט, אפֿשר גאָלד אַליין... נאָר פֿאַר וואָס לייקנט זיי קיינער נישט אָפּ?

הערמאַן גאָלד גיט פֿון צײַט צו צײַט אַרויס פּאַמפֿלעטן אויף קאַרטלעך מיט לידער און טענות, אָבער ער פֿאַרשיקט זיי נישט. אַ מאָל האָט ער אַזאַ פּאָלעמיש קאַרטל קעגן מיר אַרויסגעגעבן, אָבער ער האָט עס מיר ערשט געגעבן אין צען יאָרן אַרום אין ניו־יאָרק. קיין זשורנאַליסט איז ער זיכער נישט. און אפֿשר האָט ער געוואָרט ביז זײַן אייגן ווערק וועט באַקומען אַן אַנטי־קוואָרישן ווערט, דעמאָלט האָט עס ערשט באַקומען אַ טעם בײַ אים.

גאָלד דרוקט זייער ווייניק זײַן פּאָעזיע, מען זעט זי כּמעט נישט, אָבער ער געהערט צו דער ייִדישער פּאָעטנשאַפֿט אין ניו־יאָרק. אגבֿ קומט ער יעדן טאָג אין קאַפֿע „ראָיאַל”, אין דעם שרײַבער־קאַפֿע. פּלוצלינג האָט ער זיך געמאַכט אַ מאָדע צו רעדן מיט גראַמען. און אַז מען רעדט מיט גראַמען ווערן די גראַמען שיטער און דאָס לשון און די געדאַנקען ווערן געדיכט פֿאַרפּלאָנ־טערט... אָבער דאָס אַרט נישט הערמאַן גאָלדן, ער איז דאָך סײַ ווי נישט אויסן די געדאַנקען הינטער די גראַמען, נאָר די גראַמען הינטער די געדאַנקען. ווי דער גוטער שאָכשפּילער שפּילט גלײַכצײַטיק מיט צען פּאַרטנערן, אַזוי גראַמט זיך הערמאַן גאָלד דורך אָפּט גלײַכצײַטיק מיט צען פּאָעטן און ער באַזיגט און מאַכט מיד אַלעמען. דעם לעצטן גראַם זאָגט ער. דאָס מאַכט אים שפּאַס.

פֿאַר וואָס האָב איך אַזוי פֿיל גערעדט וועגן הערמאַן גאָלדן דעם פֿאַרשווין — און וועגן הערמאַן גאָלדס לידער גאָרנישט? ווײַל אָריגינעלע פּאָעזיע האָבן מיר אַ סך און אָריגינעלע פּאָעטן ווייניק. און בײַ הערמאַן גאָלדן איז בולטער די פּאָעטישע פּערזאָן ווי דאָס פּאָעטישע ווערק.

די לעצטע באַמערקונג וועט ווײַ טון. זיכער. זי וויל דאָס. פּאָעטן מיט טאַלאַנט דאַרף מען דערמאָנען זייער פֿליכט פֿון צײַט צו צײַט.

1938

פּינחס גאָלדהאָר

גערבוירן אין לאָדזש 1901. זינט 1927 אין אויסטראַליע. דאָרט געשטאָרבן 25סטן יאַנואַר 1947.

דער ערשטער ייִדישער טאַלאַנטפולער בעלעטריסט אין אויסטראַליע. דער מיטגרינדער און ערשטער רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער וואָכנצײַטונג אויף דעם פינפטן קאָנטינענט.

אין דער צײַט פון דער גרויסער כאַליאַסטרע אין פּוילן האָט אויך פּינחס גאָלדהאָר געכאַליאַסטרעוועט און געשריבן אַזעלכע לידער, וואָס ער קען הײַנט בשום־אופן אַליין נישט פאַרשטיין. ער פאַרשטייט זיי נישט טאָפּלט, ערשטנס פאַרשטייט ער נישט ווי אַזוי ער האָט דאָס געקענט שרײַבן און צווייטנס פאַרשטייט ער נישט, וואָס ער האָט געוואָלט.

אָבער דאָס איז געווען די שאָל און איצט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסשיילן דער קערן. דער געזונטער קערן פון אַ יונגן בעלעטריסט, וואָס ווייסט וואָס ער ווויל, ער וויל געבן אויף אַ פּשוטן אופן פּשוטע בילדער פון דעם לעבן פון די ייִדן פון דעם פינפטן קאָנטינענט פון דער שיינער וועלט.

מיט לאַנדשאַפטן איז אַזוי ווי מיט מענטשן. אַז מען זעט זיי דאָס ערשטע מאָל איז אָדער מען האָט זיי באַלד פײַנט, אָדער מען גיט זיך באַלד אַ כאַפּ צו און מען באַקומט זיי פײַנט ערשט אין אַ טאָג אַרום. דאָס איז די ערשטע רעאַקציע. דאָס איז אַ גוטע רעאַקציע און אַ גוטער סימן, אַז דער פּראָצעס פון פאַרשטיין האָט זיך אָנגעהויבן. פּונקט ווי די נשמה הייבט אָן אין אַזאַ פאַל לאַנגזאַם צו צעקײַען דעם מענטש, אַזוי הייבט אויך אָן די נשמה לאַנגזאַם צו צעקײַען די לאַנדשאַפט.

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין אויסטראַליע האָט נאָך בײַ גאָלדהאָרנען אויסטראַליע געטרעשטשעט אונטער די ציין, ער האָט נאָך נישט געהאַט צעקײַט, איז דורכגעגאַנגען דורך אַ פּעריאָד פון שווײַגן. אַז איך בין צום צווייטן מאָל דאָרט געווען איז שוין אין דער ייִדישער ליטעראַטור צוגעקומען נאָך איין לאַנדשאַפט און טאַקע אַ קינסטלערישע — די אויסטראַ־לישע. ער האָט שוין צעקײַט און איז שוין גרייט געווען צו שרײַבן אויף טיש און אויף בענק. זענען שוין געפאַלן פון די פינגער אַפּיר פײַנע הומאָרעסקעס און פײַנע שילדערונגען פון אַקלימאַטיזירונגס־פּראָצעס אין דעם נײַעם ווײַטן לאַנד. פאַראַנען בײַ אים צווישן אַנדערע אַ הומאָרעסקע „נישטאָ אַ גאָט אויף דער וועלט" — איז טאַקע נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, וואָס זי, מיט נאָך אַ סך אַנדערע גאָלדהאָרס דערציילונגען, זענען נאָך אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט באַקאַנט.

אַ פֿאַרבער איז ער, אַ כעמישער פֿאַרבער, ער, זײַן ברודער און זײַן טאַטע, און אָפּט פֿלעג איך קומען צו זײ אין פֿאַבריק און אַזוי גײענדיק פֿון אײן קעסל צום צװײטן, יעדער אײנער אָנגעפּילט מיט אַן אַנדער פֿאַרב און אַן אַנדער געשטאַנק, האָבן מיר דורכגעלופּטערט די גאַנצע ײִדישע ליטעראַטור.

מאָדנע איז אונדזער ליטעראַטור: דרײען זיך אַרום אין דער פֿאַרב־פֿאַבריק דרײַ ײִדן מיט פֿאַרביקע שופֿלעס אין די הענט, קריכן פֿון קעסל צו קעסל, רעדן מיט באַסאָװע שטימען, צװישן זײ דרײט זיך אַ פּערטער און ער האַלט נישט קײן שופֿלע אין די הענט, נאָר ער האַלט זיך צו די נאָז און קוקט אַרײַן אין די קעסלען און דערצײלט דעם אינהאַלט פֿון לײװיקס אַ נײַער דראַמע. אַן אױסטערליש ײִדישע ליטעראַרישע סצענע בײַם אױסטראַ־ליש־ײִדישן שרײַבער פּינחס גאָלדהאַר.

פּרנסה איז אַ גוטע זאַך און אַ נוצלעכע זאַך. מען קען נישט זאָגן, אָבער שרײַבערישע טאַלאַנטן דאַרפֿן זוכן אַ פּשרה, און אױב נישט, דאַרפֿן פֿרײַנד צוהעלפֿן צו אַ פּשרה. פֿאַרבן פֿעלכלעך פֿון קראָליקעס אין אױסטראַליע איז אַ גוטע זאַך פֿאַר אַ שרײַבער — ביז צו זײַן 35סטן לעבנסיאָר. שפּעטער דאַרף מען שרײַבן.

1937

אַבא גאָרדין

געבוירן אין מיכאַלישאָק, ווילנער געגנט, אין יאָר 1887. געוווינט אין אַלערליי גרויסשטעט אין רוסלאַנד ביז דעם יאָר 1926. דאַן געקומען קיין אַמעריקע. די לעצטע יאָרן פון זיַין לעבן — אין מדינת־ישׂראַל. געשטאָרבן אין תּל־אביב דעם 21סטן אויגוסט 1964.

אַ נידעריק געוואַקסענער, אַ ברייטביינערדיקער און ברייטפּנימדיקער, אַלע מאָל אַ שמייכלענדיקער, אַלע מאָל גרייט צו דערציילן אַ משל, אַ ווערטל, אַ גמרא, אַן עפּיזאָד פון אייגענעם לעבן — „אַ משל, אַ ווערטל״? — ניין, טויזנט משלים און טויזנט ווערטלעך. עס פעלט נישט פון דעם מין אין דער וועלט און אַבא גאָרדין האַלט דאָס אַלץ אין זיַין זכרון. אַבא גאָרדין האָט נישט סתּם אַ זכרון, ער האָט געהאַט אַ „קאָמפּיוטער״ אַריַינמאָנטירט אין זיַין זכּרון נאָך איידער די דאָזיקע קאַלקולירנדיקע שׂכל־ און געדענק־מאַשין איז באַשאַפן געוואָרן.

אַבא גאָרדין האָט געשריבן און געהאַלטן רעדעס אין פיר לשונות: העברעיִש, יידיש, רוסיש און ענגליש. ער האָט אויך געטראַכט גליַיכציַיטיק אין פיר לשונות — און אויב דאָס איז בדרך־כּלל נישט מעגלעך — ביַי אַבא גאָרדין איז געווען דער יוצא־מן־הכּלל, וואָס באַשטעטיקט דעם כּלל.

זיַין שריַיבערישע קאַריערע האָט אַבא גאָרדין אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זיַין ברודער וואָלף און זיַינע ערשטע ווערק — בשותּפות מיט זיַין ברודער — זענען געווען בעיקר אין העברעיִש און רוסיש און גאָר אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס. קומענדיק קיין אַמעריקע האָט די ברידער־שותּפות אויפגעהערט און שטאָט זיך אָפּצוגעבן מיט דער דערציִונג פון קינדער — האָט זיך אַבא גאָרדין פאַר־מאָסטן צו דערציִען די וועלט. אָבער דער יסוד דערצו איז געלייגט געוואָרן אין אַמאָליקן רוסלאַנד — ווו די ברידער גאָרדין זענען געווען אַקטיוו ווי אַנאַר־כיסטישע טוערס און אַגיטאַטאָרן און שריַיבערס.

נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען אַבא גאָרדינען צו הערן דערציילן זיַינע איבערלעבונגען פון די אַנאַרכיסטישע יאָרן אין רוסלאַנד; און דאָס האָט זיך אַריַינגעצויגן היפּשלעך אין די באָלשעוויסטישע יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד; האָבן זיך האָר און נעגל געשטעלט קאַפּויער ביַים צוהערער, אָבער אַבא גאָרדין האָט כּסדר געשמייכלט דערציילנדיק. עס איז אמת, אַז דאָס איז געווען אַ שמייכל פון טריומף. די איבערלעבונגען דיסטאַנסירן ממש די געשיכטעס וועגן דעם גראַף פון מאָנטע קריסטאָ פון אַלעקסאַנדער דיומאַ.

אין די צענדליקער ציילן די ווערק פון אַבא גאָרדין און אין די פינפהונ־

דערטער די צאָל זײַטן אין די דאָזיקע ווערק. דאָס זענען נישט קיין ביכער, מען האָט דעם אײַנדרוק, אַז דאָס זענען וועלדער מיט ווערטער, וואָרעם אַזוי גיך מען גייט אין זיי אַרײַן, אַזוי גיך פאַרלירט מען די אָריענטאַציע פון די פיר זײַטן און מען הייבט אָן צו בלאָנדזשען. עס איז אָבער טשיקאַווע צו לייענען, ווײַל אַבא גאָרדין האָט אַ גוטן סטיל און ער דערציילט און מעדיטירט בילדעריש. און ער איז פול מיט פאַראַדאָקסאַלע אַפאָריזמען. אָט גיט ער אַ זאָג אין זײַן בוך „זכרונות און חשבונות”: בײַם רבונו־של־עולם זענען טויזנט יאָר ווי איין טאָג, עס איז אָבער אויך מעגלעך אין גאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטע, אַז איין טאָג זאָל האָבן די וואָג פון טויזנט יאָר...

אַלע ליטעראַרישע פאָרמען האָט אַבא גאָרדין גענוצט אין שרײַבן, אַפילו די פאָרעם פון ליד, און דערצו האָט ער געשריבן אונטער אַלערליי פסעוודאָנימען. ער איז געווען אַ מנין שרײַבערס מיט איין פּאָר הענט... און דאָך און פאָרט איז זײַן גאַנץ שרײַבן איין טויזנט־אַרגומענטיקע באַגרינדונג פון אינדיווידואַליזם און אַנאַרכיזם־ניהיליזם. אָט זאָגט ער ערגעץ: איך גלייב, אַז די קאָסמישע יצירה האָט פאַר זיך בלויז איין איינציקן ציל, און דאָס איז אויסצוקריסטאַליזירן דעם יחיד, זײַן ווילן...

עפּעס ווי אַ גרויס פּאַטעטיש אַהיימקומען פון דעם יחיד־קאָסמאָס איז געווען אַבא גאָרדינס באַזעצן זיך סוף־כּל־סוף אין מדינת־ישׂראל און אָנהייבן שרײַבן זייער אַ סך אין עברית. מיר האָבן ניט איין „אַנפאַן־טערריבל” אין אונדזער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור, נאָר אַבא גאָרדין איז געווען מסתּמא דער ראש פון דעם דאָזיקן שבט פון פּרינציפּיעלע בלאָנדזשלינגען. אַ שרײַבער מיט פאַרנעם און אַ העלד פאַר שרײַבערס — אין איין פּערזאָן.

1964

ד״ר איסר גינזבורג

געבוירן געוואָרן אין יאָר 1872 אין רעוועלטאָוו, אַ שטעטל אין קאָוונער געגנט, אין אַמעריקע געקומען אין יאָר 1893, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 12טן אָקטאָבער 1947.

פיר און פופציק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין אַמעריקע, ד״ר איסר גינז־בורג. דאָ האָט ער באַקומען זײַן אויסבילדונג, דאָ צענדליקער יאָרן לאַנג פּראַקטיקירט אַלס דאָקטאָר מעדיצין, און דאָס ענגלישע לשון האָט ער נאַטירלעך געקענט אי קלאַסיש און אי ווי אַ פֿאָלקס־לשון, אָבער ענגליש האָט ער נאָך אַלץ גערעדט מיט דעם טיף ליטווישן דיאַלעקט, ווו אַ סמך איז בײַ אים אויסגעקומען אַ שין — און פאַרקערט. און אַזוי אַוודאי אין ייִדישן לשון. עס איז געווען אַזאַ חנדל בײַ אים. ער האָט בכלל ליב געהאַט אָריגינעלע חנדלעך — כאָטש ער האָט פײַנט געהאַט פּאָזע און נאָך מער האָט ער פײַנט געהאַט כּבוד.

איסר גינזבורג איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם, אַן אויטאָריטעט אויפן געביט פון ייִדישן וויסן, זײַנע ווערק וועגן דער אַנטשטייונג פון קריסטנטום און וועגן די ייִדישע פּאָעטן און דענקערס פון מיטל־עלטער זענען געווען פונדאַמענטאַלע ווערק, געשריבן פאַר פאַלקסמענטשן, וואָס האָבן ליב צו לערנען, כאָטש אַליין פאָרשן קענען זיי נישט און עמעץ מוז זיי העלפן דערצו. איסר גינזבורג האָט עס גערן געטון. ער האָט ליב געהאַט די מלאָכה פון לערנען יענעם. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן שעה׳ן לאַנג אין ליטעראַרישן קאַפע „ראָיאַל״ אויף דער סעקאָנד־עוועניו אין ניו־יאָרק און פראַווען אַ קליינעם טיש.

ער האָט ליב געהאַט — גינזבורג — אַז מען זאָל צוקומען צו אים מיט אַ שאלה און נישט סתם אַזוי. דעמאָלט האָט זיך דאָס שיינע פּנים זײַנס צעשמייכלט, די אַלטע מאָל בליצנדיקע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעבליצט און ער האָט געגומען שעפּן זײַן תּורה און זײַן וויסן פון טיפן ברונעם — עמער נאָך עמער. מערער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט, אַז די וואָס פרעגן — זאָלן זײַן דיכטערס, דערציילערס, בכלל בעלעטריסטן, וואָס דאַרפן אָט דאָס וויסן צו זייער שרײַבן.

גינזבורג האָט אַוודאי אַ מאָל געמוזט שרײַבן לידער, אָדער דערציילונגען אַליין. ער איז געווען אַ טיף קינסטלערישע נאַטור און האָט ליב געהאַט אַ גוט ליד, אַ גוטע, אמת קינסטלערישע דערציילונג ביז גאָר — כאָטש ער פלעגט זיי לייענען מיט אַ ביסל איראָניע, אַרײַנגעשמייכלט אין זײַנע קורץ־געשוירענע

וואָנצעס. זײַנע קאָמפּלימענטן זענען געווען קאַרג — דערפאַר טײַער, מיט גאָלד צו וועגן.

אין די עלטערע יאָרן האָט איסר גינזבורג זיך נישט צו פיל אָפּגעגעבן מיט זײַן מעדיצינישער פּראַקטיק — זאָלן עס ייִנגערע דאָקטוירים טון — ער איז אָבער כּמעט ביזן סוף געבליבן אַן אומזיסטער דאָקטאָר פאַר ייִדישע שרײַבערס. דער עיקר פאַר די וואָס קענען זיך נישט פאַרגינען צו באַצאָלן אַ דאָקטאָר. אומגעבעטן פלעגט ער קומען און נישט נאָר קיין געלט נישט נעמען, נאָר שטילערהייט אַפילו איבערלאָזן אַ פּאָר דאָלאַר אויפן טיש. ער האָט געווינט באַשיידן, געבליבן אין אַלטן ייִדישן געגנט אַרום דער סעקאָנד־עוועניו, זײַן אויסקומען איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען פון זײַנע פּאָפּולער־פילאָסאָפישע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס״, דאָרט איז ער געווען איינער פון די בעסט געלייענטע שרײַבערס.

גינזבורג האָט אַ מאָל געפלעגט שרײַבן אַקטועלע פּעליטאָנען אונטער דעם פּסעוודאָנים „אַ שטעכיקער״. און קען זײַן, אַז דערפאַר האָט מען אים צווישן חברים געקיבעצט מיט דעם צונאָמען „רשע״. וועגן זיך — ווי דאָס איז די טבע פון אַ סך שרײַבערס — פלעגט גינזבורג רעדן זייער וויניק, אָבער טאָמער שוין יאָ — איז נאָר אויף צו באַרימען זיך מיט זײַנע „רישעותן״, זײַנע שאַרפע אַרײַנזאָגעכצן דעם און יענעם. דאָס פלעגט אים אונטערהאַלטן. און ער פלעגט זיך פרייען, און זײַנע קלוגע ייִדישע אויגן האָבן געקוואָלן, אַז מען האָט אויך אים שאַרף אַרײַנגעזאָגט. אָבער טיף ווי טון פלעגט עס אים. אַז מען האָט אים געענטפערט מיט אמתער בייזקייט, מיט שׂינאה — ווײַל ער האָט עס נישט געהאַט. זײַנע „רישעותן״ זענען געווען דיאַלעקטיק, קאָפּ־טישל מיט ישיבה־שטענדער געמישט.

מסביר זײַן, און צוליב דעם וויסן געניי וואָס יענער האָט געוואָלט, צי איז דאָס איינער פון די חז״ל, פון די צײַטן פון דער משנה און פון תּלמוד, אָדער פון דער נײַערער צײַט — דאָס אייז געווען די לײַדנשאַפט פון איסר גינזבורג. און געטון האָט ער עס מיט אַ יוגנטלעכן ברען און זײַן פּנים האָט געהאַט אייביקע יוגנטלעכקייט אין זיך. אַפילו די געדיכטע טשופּרינע אויף זײַן קאָפּ איז עפּעס קיין מאָל נישט ריכטיק גרוי געוואָרן.

אַרויסצובאַקומען פון אים געניי, וואָס ער אַליין וויל איז נישט געווען גרינג. וואָס איז זײַן אייגענע וועלט־באַנעמונג? איין זאַך איז געווען קלאָר, אַז אין קיין שום פּאַרטיי־שילעכל האָט ער נישט קיין „שטאָט״... און קיין פרומער איז ער אויך נישט געווען און אַפילו נישט קיין אַפּיקורס. אין יעדער ריכטונג איז אים אָנגעגאַנגען די עוולה, וואָס זי באַגייט און אויך דאָס גוטס וואָס זי טוט. אין בעסטן פאַל האָט ער באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי ייִד, און אַלס ייִד צו דער פּאַרטיי מענטש.

לאָמיר דאָ דערציילן אַ וואַרשעווער אַנעקדאָט, וואָס האָט אַ שײַכות צו ד״ר איסר גינזבורג. עס האָט געמוזט זײַן אין יאָר 1926. בעתן פֿאַרבײַפֿאָרן פֿון זײַן היימבאַזוך אין דער ליטע ווײַלט ער אַ טאָג־צוויי אין וואַרשע. קיינעם פֿריִער נישט אָנגעזאָגט. אָט איז ער דאָ און אָט וועט ער ווײַטער פֿאָרן. ער וויל בלויז אַ קוק טון אויף דעם „באַרימטן״ וואַרשע. הערש דוד נאָמבערג, וואָס האָט געהאַט אַ סך ענלעכע כאַראַקטער־שטריכן מיט גינזבורגן, איז אויסער זיך פֿון פֿאַרצווייפֿלונג: — ווי קומט מען עס אַזוי אומגעריכט! און דערצו מיט אַזוי ווינציק צײַט. דאַרף פֿאַרקומען עפּעס אַ ליטעראַרישער אָוונט אין גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער, אײַנגעאָרדנט פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין, טלאָמאַצקע 13, און נאָמבערג דאַרף פֿירן דעם פֿאָרזיץ. וויל נאָמבערג איבערקליגן דעם חבר, וואָס איז אַבסאָלוט נישט קיין רודף כּבֿוד, און ער בעט גינזבורגן צו קומען אויף יענעם אָוונט. סתּם אַזוי...

און אָט, פֿאַרן אָנהייב פֿון דער אונטערנעמונג, פֿאַרנאַרט ער אים הינטער דער בינע, און איידער וואָס ווען איז דער פֿאָרהאַנג אָפֿן און זיי שטייען ביידע אויף דער בינע — גינזבורג און נאָמבערג. און נאָמבערג האַלט אַ רעדע וועגן דעם גרויסן גאַסט... נאָר דער גרויסער גאַסט האַלט אין איין רעדן די גאַנצע צײַט צו נאָמבערגן, אַזוי ווי דאָס וואָלט נישט געווען אויף דער בינע, נאָר אין אַ קאַפֿע — און ער בעט זיך אויף אַ קול:

— אָבער נאָמבערג, וואָס ווילט איר פֿון מיר, וואָס האָט איר מיר דאָ אָפּגעטון? איך קען נישט רעדן און וועל נישט רעדן, אַפֿילו נישט קיין איין וואָרט... — הייבן זיי זיך אָן צו אַמפּערן און סוף־כּל־סוף בעט נאָמבערג אַראָפּצולאָזן דעם פֿאָרהאַנג.

זיי זענען ביידע צו קלוג געווען, זענען ביידע נישט ברוגז געוואָרן איינער אויפֿן אַנדערן פֿאַרן אינצידענט. איך געדענק, איך האָב שפּעטער אין זאַל געהערט צוויי אירע זיך דורכרעדן: — וואָס איז דאָרט געשען אויף דער בינע? מיט וועמען האָט זיך דאָס נאָמבערג דאָרט געוועריטלט? — — אַז דאָס איז געווען ד״ר איסר גינזבורג, וואָס זײַנע ביכער זענען שטאַרק געלייענט געוואָרן אין פּוילן, אָפּט אויך דאָ אַרויסגעגעבן — האָט ממש כּמעט קיינער נישט געוווּסט. אַזאַ מין פֿאַרוואַנדלען מכּוח אל הפּועל די ווערטער „הרודף אחר הכּבֿוד — הכּבֿוד בורח ממנו״ — האָב איך, דאַכט זיך, נאָר דעמאָלט, נאָר איין מאָל אין לעבן געזען.

וווּנדערלעך איז געווען די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון ד״ר איסר גינזבורג צו אַ סך ייִדישע שרײַבערס, נאָר צום דערהויבנסטן איז געווען זײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט שלום אַשן. גינזבורג איז געווען פֿאַרליבט אין אַשס קונסט און אַש איז געווען פֿאַרגלייבט אין גינזבורגס טיפֿן וויסן. ער האָט אים ממש געקוקט אין מויל

אַרײַן. און ער האָט שטאַרק געליטן, ווען גינזבורג האָט אים זייער דעצידירט, אָבער אָן בייזקייט, אָפּגעראָטן פון ברענגען דערוויַל צו דער עפנטלעכקייט דעם „מאַן פון נצרת״, און ער האָט עס דאָך געטון. זייער פרײַנדשאַפט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. איין מאָל האָט מיר אַש מיט אַ טיפער אינער־לעכער סאַטיספאַקציע דערציילט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זײַן דערציילונג „ייִדישע אויגן״ — האָט אים איסר גינזבורג געזאָגט: — מיט אָט דער מעשׂה האָסטו אויסגעקויפט די עוולה, וואָס דו האָסט דיך אַזוי געאײַלט מיט פאַרעפנטלעכן דעם „מאַן פון נצרת״. אָט די מעשׂה איז וועגן אַ ייִדיש קינד, וואָס אַ נאַציכע לאָזט עס טויטן און פון די שיינע אויגן פון קינד מאַכט זי זיך מיט אַ כעמישן פאַרשטיינערונגס־פּראָצעס אויערינגען. אַז דאָס בלינדע קינד קומט אין הימל פאַרן כּסא־הכּבֿוד — וויל אים גאָט די אויגן צוריקגעבן — אָבער דאָס קינד וויל נישט מער קיין אויגן — וויל שוין בלינדערהייט אייביק זיצן בײַ די פיס פון גאָט...

— און ווייסט איר, וואָס נאָך ער האָט מיר געזאָגט — האָט אַש צוגעגעבן — אַז די מעשׂה איז פון אַזאַ מדרגה, ווי די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ פון פּרץ.

איך וויל דאָ צוגעבן אַן עפּיזאָד בשם אומרים: הלל ראָגאָף — אין זײַן געדענקוואָרט נאָך איסר גינזבורג — דערציילט, אַז גינזבורג האָט פאַר אים צענדליקער מאָל איבערגעחזרט אַזאַ מעשׂה: איין מאָל, ווען ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און מען האָט אים מיט אַן אַמבולאַנס געמוזט נעמען אין שפּיטאָל, איז פונקט אָנגעקומען שלום אַש. נישט טראַכטנדיק קיין סך איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין אַמבולאַנס און איז שוין אַזוי לאַנג געבליבן אין שפּיטאָל מיט דעם קראַנקן פרײַנד, ווי לאַנג דער דאָקטאָר האָט עס נאָר דערלויבט.

אַז ד״ר גינזבורג איז נישט נאָר אַ קענער פון דער פילאָסאָפיע, נאָר אַ פילאָסאָף אויך אין לעבן — האָבן מיר זיך אַלע איבערצײַגט אין די יאָרן פון זײַן קרענק, וואָס האָט אים אַ האַלב־פּאַראַליזירטן אין גוף, אָבער אַ וואַכן אין גײַסט, געהאַלטן יאָרן צוגעשמידט צום בעט און צו דער איינזאַמקייט, וואָס ער האָט צום פײַנטסטן געהאַט פון אַלץ אין דער וועלט. אייביק געטרײַ בײַ זײַן בעט — זײַן צווייטע פרוי, אַ סך יאָרן ייִנגער פון אים, אָבער פון לאַנגע יאָרן מיט אים, אָנגעזאַפּט מיט זײַן דיסקרעטער חכמה.

גינזבורג האָט אין די יאָרן פון זײַן גרויס געפּרוווט ווערן קיין מאָל זײַן הומאָר נישט פאַרלוירן. באַזוכן פון פרײַנד, ווי דער שטייגער אין דער פאָלק־רײַכסטער און איינזאַמסטער שטאָט אין דער וועלט, זענען געוואָרן אַלץ זעל־טענער. איין מאָל האָט ער זיך מיט אַ ביטערן שמייכל אָנגערופן צו אַ פּאָר פרײַנד, וואָס זענען געזעסן נעבן זײַן בעט: — איַ, קינדערלעך, קינדערלעך,

וואָס האָב איך אַלץ נישט אין מײַן לעבן געקענט! אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט — האָב איך אויסגעפּירט. נאָר איין זאַך קען איך נישט — בײַ מײַן גאַנצער חכמה, איך קען נישט שטאַרבן — כאָטש איך וויל אַזוי שטאַרק...

אין דער גרופּע פרײַנד איז אויך דעמאָלט געווען י. י. זינגער — וואָס מיר אַלע, און אויך ער — האָבן אַזוי געוואָלט ער זאָל לעבן — און וואָס איז פּלוצלינג, כּמעט פיר יאָר פאַר גינזבורגן אַוועק פון דער וועלט. אַזאַ וועלט איז עס — אַזאַ חכמה און לאָגיק אין איר. אָבער דאָס געהערט נישט צום ענין.

1957

מרדכי גינזבורג

געבוירן 1894 אין סלאָנים. יאָרן געווױנט און געלערנט אין ווילנע, לאָדזש, בריסק. פון יאָר 1930 אין מאָנטרעאָל. געשטאָרבן דעם 24סטן פעברואַר 1966.

אַ מענטש מיט אַ געבוירענעם טאַלאַנט צו זשורנאַליזם איז געווען — מרדכי גינזבורג. וואָס דאָס מיינט „געבוירענער זשורנאַליסטישער טאַלאַנט"? דאָס מיינט אַ שרײַבער, וואָס קען שרײַבן וועגן אַלץ און צו יעדער צײַט. וואָס דאַרף נישט האָבן קיין ספּעציפֿישע שטימונגען צו די פּערזאָנען, געשטאַלטן, געשעענישן, סיטואַציעס — וועגן וועלכע ער שרײַבט. ער דאַרף צום שרײַבן האָבן בלויז עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר און אַ פּעדער. און זינט איך האָב גינזבורגן דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין יאָר 1933 אין מאָנטרעאָל, האָב איך מיך קיין מאָל נישט געקענט אָפּוווּנדערן איבער זײַן פּעדער. עס איז געווען אַ קוואַל־פּען, כּמעט אַ פוס די לענג און אַ צאָל די דיק. ער האָט די דאָזיקע „אייביקע" פּעדער אייביק געהאַט מיט זיך. אַ מין כּלי־זין און אַ סימבאָל פון זײַן פּראָפעסיע: זשורנאַליזם.

נישט קיין הויכער — מיט אַ פּנים, וואָס כאָטש עס האָט נישט קיין ספּע־ציעלע סעמיטישע שטריכן — דערקענט מען אָבער באַלד, אַז עס איז אַ ייִדיש פּנים. ער איז דעם וועג פון זײַן לעבן דורכגעגאַנגען אָן עלנבויגנס. און פאָרט איז ער כּסדר אומעטום דאָרט געווען, ווו ער האָט געוואָלט, אָדער געדאַרפט זײַן. איך געדענק נישט אין מאָנטרעאָל אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַסיפה אָן גינזבורגן. ער פלעגט צוגיין גלײַך צום הויפטטיש, אַוועקזעצן זיך בײַ דער זײַט, אויסשפּרייטן עטלעכע בויגנס פּאַפּיר און אַרויסנעמען פון איר באַהעל־טעניש די ריזיקע קוואַל־פּען. דאָס איז שוין אַלע מאָל געווען דער ווונק צום פאָרזיצער, אַז מען קען אָנהייבן דעם מיטינג...

קיין וויכטיקער געדאַנק וועט שוין נישט פאַרלוירן ווערן פאַר דער איי־ביקייט. אַלץ וועט אויף צו מאָרגנס זײַן שוואַרץ־אויף־ווײַס אויף די בלעטער פון „קענעדער אָדלער" אָדער די צען אַנדערע צײַטונגען און צײַטשריפטן אין ייִדיש, ווו מרדכי גינזבורג איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

וואָס האָט נישט מרדכי גינזבורג געקענט און געוווּסט. ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות און יאָרן לאַנג געווען דער רעליגיעזער אָנפירער אין אַ קליינעם, אָרטיקן בית־המדרש. איז שוין קלאָר פאַר וואָס מען האָט אים נישט געזען עפנטלעך אָן אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. אָנגעהויבן שרײַבן האָט ער גאָר אויף רוסיש און מיט לידער. שפּעטער האָט ער יאָרן לאַנג רעדאַגירט וואָכנ־

בלעטער אין אַ גאַנצער רײ גרעסערע ייִדישע פּראָווינצשטעט אין מיזרח־פּוילן. ער האָט אויך פּונקט אַזוי גוט געשריבן העברעיִש װי ייִדיש. גינזבורג איז אַזוי דורכויס געװען אײַנגעטונקען אין ייִדיש װיסן, אַז מען האָט זיך אַלע מאָל געמוזט װוּנדערן איבער זײַן אַלגעמײן װיסן — און באַזונדערס דער באַהאַװנטקייט אין דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור. און בכלל האָט ער אַלץ געװוּסט, אָדער געקענט װיסן אויף צו מאָרגנס, נאָך אַן אָרײַנבליק אין זײַן גרויסער היים־ביבליאָטעק.

גינזבורג האָט געהאַט אַ שװאַכקייט צו לעקסיקאָנען — מעג זײַן אין װעלכן ניט איז לשון און אויף װעלכן ניט איז געביט. ער האָט געהאַט צו דער שװאַכקייט אַ טעאָריע: מײַן דירה איז געראַם, אָבער פּאָרט נישט געגוג גרויס פּאַר כאָטש 200 פּאַליצעס אויף אַלע מײַנע ביכער, אָבער אַ לעקסיקאָן איז אַ צימצום פון אַ פּאָר הונדערט — און אַ מאָל אַפּילו אַ פּאָר טויזנט ביכער... איך בין אַ זשורנאַליסט און אַ זשורנאַליסט מוז אַלץ קענען, װיסן און טאַקע תּיכּף אויפן אָרט. אַ זשורנאַליסט קען נישט אַלײן מצמצם זײַן. עס װעט אַרויסקומען איבער־אַ־יאָר. אָבער אַ לעקסיקאָן, אַן ענציקלאָפּעדיע גיט אײַך אַלץ אין מינוטן.

חוץ שרײַבן װעגן אַלץ האָט גינזבורג אויך געקענט רעדן און אַפילו דרשענען װעגן אַלץ. ער איז אַלע מאָל געװען גוט צוגעגרייט צו דער טעמע פון זײַן רעדע אָדער רעפעראַט. ער איז אין די לעצטע יאָרן געװען דער פּאָרזיצער פון מאָנטרעאָלער פּאַראײן פון ייִדישע שרײַבערס. טאָמער אַ לעקציע, אײַנגעאָרדנט פון פּאַראײן, האָט גינזבורג, נאַטירלעך, געדאַרפט פּאָרשטעלן דעם רעדנער. אײן מאָל האָט ער זיך בײַ דעם דאָזיקן „פּאָרשטעלן" דעם רעדנער אַזוי פּאַררעדט אַז ער האָט אין פּאַרלויף פון אַ שעה אויסגעשעפּט די גאַנצע טעמע פון משה מאַנדעלמאַן, דעם גאַסט־רעדנער. איצט זענען זיי שוין בײדע אויף דער אמתער װעלט, דער װעלט אָן צײַט און אָן שטחים, װוּ מען קען רעדן און הערן אָן צימצום און אָן אַ סוף, װוּ עס זענען קײן שום געשעענישן נישטאָ און מען דאַרף נישט קײן צײַטונגען און נישט קײן זשורנאַליסטן — אפילו מיט געבוירענע זשורנאַליסטישע טאַלאַנטן.

אין הונדערטער — און אפשר טויזנטער אַרטיקלען און אינטערװיוען האָט מרדכי גינזבורג געשריבן װעגן ארץ־ישׂראל און שפּעטער מדינת־ישׂראל. און אַז מען האָט זיך מיט אים צערעדט אַ ביסל אינטימער — פּלעגט דער שמועס באַגלײט װערן מיט אַ זיפץ: װען װעל איך שוין אַ מאָל זען דאָס הייליקע לאַנד מיט די אײגענע אויגן און נישט מיט די אויגן און די װערטער פון אַנדערע, װאָס זענען דאָרט געװען?

און גאָט איז גוט געװען צו מרדכי גינזבורגן און ער האָט ממש פינף

מינוט פּאָר צוועלף פֿון זײַן לעבן גענען מדינת־ישׂראל. ער האָט אין דעם פֿאַל נישט מצמצם געווען און געשריבן וועגן יעדן שריט פֿון דער רײַזע — ממש מיט מאה שערים־ווערטער.

און ווידער אַ שמועס און ווידער אַ זיפֿץ: ווען וועל איך דערלעבן צו זען אַ בינטל פֿון מײַנע וויכטיקסטע אינטערוויוען און באַשרײַבונגען צווישן די טאָוולען פֿון אַ בוך? אפֿשר טאַקע מײַנע הונדערט מאַמרים־רעפּאָרטאַזשן פֿון מדינת־ישׂראל? זאָל כאָטש איין בוך בלײַבן פֿון מיר.

דאָ האָט זיך שוין דעם כּביכולס גוטסקייט אָפּגעשטעלט און גינזבורג האָט דאָס אויסגעחלומטע בוך זײַנס מיט די לעבעדיקע אויגן נישט געזען.

האָבן אָבער מתים צײַט און סבלנות און אין דער אומענדלעכער צײַט וועט אפֿשר מקויים ווערן די לעצטע בקשה פֿון אַ ייִדישן זשורנאַליסט — מרדכי גינזבורג.

1966

שאָול גינזבורג

געבוירן 1866 אין מינסק. מיטגרינדער און רעדאַקטאָר פון „פרײַנד", מיטזאַמלער און אַרויסגעבער „ייִדישע פאָלקס־לידער אין רוסלאַנד". געוווינט לרוב אין פעטערסבורג־פעטראָגראַד־לענינגראַד. נאָך 1930 אויסגעוואַנדערט. געוווינט אַ צײַט לאַנג אין פּאַריז און זינט 1934 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן נאָוועמבער 1940.

צו הייסן מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען איז נישט קיין פּאָזיטיווע זאַך פֿאַר אַ שרײַבער — מיר האָבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור זייער אַ סך גרינבערגס, נישט ווייניקער גאָלדבערגס און אויך אַ היפּש ביסל גינזבורגס. דערבײַ איז בײַם נאָמען גינזבורג נאָך אַן אַנדערער פּלאָנטער: גינזבערג, גינסבערג, גינסבורג — גינזבורג, גינצבערג, גינצבורג — נישט לײַכט זיך צו אָריענטירן, דער עיקר פֿאַר אַ ייִדן פון ייִנגערן דור און דער עיקר פֿאַר אַ גאַליציאַנער ייִדן פון ייִנגערן דור. האָב איך טאַקע אַלע מאָל אַ קאָפּדרייעניש, אַז איך באַגעגן מיך מיט אַ גינזבורג.

כאָטש איך געהער נישט צו די אומפּלײַסיקסטע לייענערס פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור, כאָטש איך האָב אַ גרויסע פּיעטעט צו ייִדישע שרײַבערס — נישט געקוקט אויף עלטער און ראַנג, מוז איך מיך דאָ מודה זײַן, אַז אין פֿאַל שאָול גינזבורג האָב איך היפּש געפּלאָנטערט.

איך האָב געוווּסט, אַז אַ מאָל איז געווען אַ גינזבורג, וואָס איז געווען דער צוזאַמענשטעלער פון דער ערשטער זאַמלונג פון ייִדישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד. די זאַמלונג האָב איך געקענט און פֿאַר אונדז גאַליציאַנער איז די זאַמלונג געווען עפּעס אַ לעגענדאַרישע זאַך. גינזבורגס און מאַרעקס פאָלקס־לידער זענען בײַ אונדז געווען עפּעס אַ מין פאָלקסעפּאָס פון אונדזער ליריק. חוץ דעם האָב איך געוווּסט נאָך פון אַ גינזבורג, דעם מיטגרינדער און רע־דאַקטאָר פון דער צײַטונג „פרײַנד" און אויך אָט דער „פרײַנד" איז פֿאַר אונדז, גאַליציאַנער, געווען אַ לעגענדאַרע זאַך. דאָס איז פֿאַר אונדז געווען מער ווי אַ צײַטונג, דאָס איז געווען די ערשטע צײַטונג אין אמתן ייִדיש געשריבן, און דערצו אַ צײַטונג פון תּלמידי־חכמים און נישט קיין כּניאָקעס, און מיט אָט דער צײַטונג האָב איך — אַלס קליין ייִנגל און גרויסער ייִדישיסט — זיך געקענט באַרימען פֿאַר מײַן זיידן, דעם משׂכּיל בן־משׂכּיל מיט די פֿאַרשאַרצטע פּאות און האַרטן קאַסטאַנטע־צילינדערל אויפֿן קאָפּ. בײַם „פרײַנד" האָט ער מיר שוין נישט געוואַגט צו רעדן וועגן דער „גראָביוּנגיש־קייט פון דעם זשאַרגאָן". און איך האָב אויך געוווּסט און אָפּט געלייענט די

װוּנדערלעכע, װיסנשאַפֿטלעך־עקזאַקטע היסטאָריש־ייִדישע שטודיעס און מאָנאָגראַפֿיעס פֿון רוסלאַנד — אויך פֿון גינזבורג.

פּאָר מיר זענען אָט די דרײַ געװוען דרײַ גינזבורגס, װאָס אײנער — דער ערשטער — איז שוין זיכער לאַנג אויף יענער־װעלט און פּאַרגעסן פּערזענלעך, דער צװײטער איז זיכער ערגעץ געבליבן אין רוסלאַנד און איז שוין הײַנט אַ פֿאַרגעסענער, אוראַלטער זקן, װאָס געדענקט שוין אַלײן נישט װער ער איז... און דער דריטער, דער דריטער איז אַרויסגעשװוּמען פֿון דעם באָלשעװיסטישן טײַך און דערלעבט און דעראַרבעט זײַנע יאָרן אין ניו־יאָרק אַרום דעם „פֿאָרװערטס" און דער „צוקונפֿט". איך האָב אויך געװוּסט, אַז ער איז גרויס גנאָד בײַ אַב. קאַהאַנען צוליב דעם, װאָס ער קען נישט װײניקער רוסיש װי קאַהאַן אַלײן און צוליב דעם װאָס ער שרײַבט אַזױ, אַז עס האָט אַ האַנט און אַ פֿוס און עס קען געפֿעלן װערן דעם ברײטן עולם. כאָטש אין „פֿאָרװערטס" — אויב איך האָב נישט קײן טעות — האָט גינזבורג קײן מאָל קײן „פּיטשור"־אַרטיקלען נישט געשריבן.

אַ מאָל בין איך אַרײַנגעקומען אין דער רעדאַקציע פֿון דער „צוקונפֿט", אויף אַ בענקל מיט אַ באַרג פּאַפּירן איז געזעסן אַן עלטערער ייִד, אַ מאָגערער און נישט קײן צו גרויסער אין װוּקס, סימנים פֿון אַמאָליקער בלאָנדקײט אויפֿן גרויען קאָפּ, שאַרפֿע געזיכטצוגן, זײער אַ קורצזיכטיקער, קוים װאָס ער דערזעט מענטשן, אָבער ער דערקענט יעדן פֿון דער װײַטן און מאָמענטאַן. אײַנגעטענהט האָט דער ייִד מיט יעקב קרעפּליאַקן, דעם שריפֿטשטעלער און סעקרעטאַר פֿון דער „צוקונפֿט". שטעלט קרעפּליאַק מיך פֿאָר. גינזבורג דער־פֿרײט זיך זײער שטאַרק מיט אָט דער נײַער באַקאַנטשאַפֿט. איך האָב מיך געפֿילט אַ ביסל פֿאַרשעמט — װײַל װיפֿל איך האָב נישט געװוּסט און גע־לײענט גינזבורגן, צו פֿיל האָב איך נישט געװוּסט און גענוג האָב איך נישט געלײענט.

פֿון דער רעדאַקציע זענען מיר אַװעק צוזאַמען. אין שטענדיק איבער־געפּאַקטן עלעװײטאָר פֿון „פֿאָרװערטס" האָבן זיך אַלע באַגריסט מיט גינז־בורגן און ער האָט אַלעמען מאָמענטאַן דערקענט און געװוען צו יעדן אויסער־געװײנטלעך פֿרײַנדלעך. אויפֿן קורצן שטיקל װעג פֿון דער רעדאַקציע צו דער סאָבװײ איז מיר נאָר אויף דער שפּיץ צונג געלעגן די פֿראַגע װעגן די אַנדערע צװײ גינזבורגס, װעגן װעלכע ער — שאָול גינזבורג — דער היסטאָ־ריאָגראַף פֿון די ייִדן אין רוסלאַנד מוז דאָך זיכער װיסן... פֿון דער גרויסער פֿאַרלעגנהײט װאָס װאָלט דאָ זיכער געקומען האָט מיך אַרויסגעראַטעװעט די אָנגעקומענע סאָבװײ.

אַ מאָל האָט די „ציקאָ", בײַ װעלכער איך האָב מיטגעאַרבעט אין ניו־יאָרק, אָרגאַניזירט אַ ראַדיאָ־שעה װעגן דער „צוקונפֿט". גינזבורג האָט געדאַרפֿט

רעדן, איז ער אָבער קראַנק געוואָרן און איך האָב געדאַרפט אָפּנעמען זײַן ראַדיאָ־מאַנוסקריפּט אין זײַן אײנשטוביקער היים אויף דער 101טער גאַס אויף מאַנהעטן. דער מאַנוסקריפּט, אַ פּערלדיקער כּתב־יד, איז געווען גרייט. אין דער שטילער היים, פול מיט ביכער און מיט גײַסט פון רוסיש־ייִדישער מתנגדיש־מאָדערנער געלערנטקייט האָט אויף מיר אַ ווײי געטון מיט אַלע דרײַ גינזבורגס אויף אַ מאָל (איך האָב שוין דעמאָלט וועגן מײַן טעות געוווּסט).
אין יענעם טאָג האָב איך פינף מינוט צײַט פאַרן ראַדיאָ געשפּילט די ראָלע פון דעם באַרימטן ייִדישן היסטאָריקער און שריפטשטעלער, ווי דער אויס־רופער האָט אים אַנאָנסירט, שאָול גינזבורג. אויף צו מאָרגנס האָט מיר גינזבורג טעלעפאָניש מיטגעטיילט, אַז איך האָב אויפן ראַדיאָ געשפּילט זײַן ראָלע בעסער ווי ער אַליין וואָלט זי געשפּילט.

איינער פון די פײַנסטע לעבעדיקע דאָקומענטן פון דעם פײַנסטן דאָקו־מענטן־זאַמלער פון דער רוסיש־ייִדישער געשיכטע איז מיט שאָול גינזבורגן אַוועק פון דער וועלט.

יאַנקל גינטער

געבוירן אַרום 1890 אין לאָדזש, אַרום 1925 געקומען קיין אויסטראַליע, געשטאָרבן אין מעלבאָרן דעם 7טן פעברואַר 1948.

זינט יאָרן און יאָרן, זינט יאָרהונדערטער, זינט יאָרטויזנטער אפשר, באַגלייט אונדז אויף אַלע וועגן, אומוועגן — און דער עיקר: אויף אַלע וואַנדערוועגן — דאָס טעאַטער. שפּורן פון טעאַטער־שפּיל זענען דאָך שוין דאָ אין תּנך. ביאַליק האָט גאַנצע טעאָריעס דערויף געבויט. און ווער שמועסט אין מיטל־עלטער. קיין ספק נישט, אַז מיר זענען אויפן געביט פון טעאַטער נישט צוריקגעשטאַנען פון די פעלקער אַרום אונדז. די אָנהייבן פון דער ייִדישער וועלטלעכער ליטעראַטור זענען דאָך בפירוש צו זוכן אין טעאַטער. נאַטירלעך איז דאָ געמיינט אונדזער שפּילמענער־ליטעראַטור. פון איר זענען עטלעכע גרויסע ווערק געבליבן. מיט איר צוזאַמען איז דאָך געווען אַ גרויסע שפּילן־ליטעראַטור. און בלויז רודימענטן פון איר זענען געבליבן אין די יוסף־שפּילן און אין די אסתּר־שפּילן. טעאַטער האָט שוין אַזאַ מזל, עס טראַכט נישט וועגן מאָרגן, סע לעבט דער עיקר מיטן הײַנט און מיטן הײַנט פאַר־שווינדט עס.

טעאַטער לעבט אין פאָלק, מער נאָך אין שטאָטישן פאָלק ווי אין דאָרפס־פאָלק און אונדזער ייִדישע געשיכטע איז שטאָט־ און שטעטל־געשיכטע אַלע מאָל געווען זינט צוויי טויזנט יאָר. עס לעבט דער ווילן צו געניסן טעאַטער און נישט מינדער דער ווילן צו שאַפן טעאַטער. און ווו נאָר ייִדן קומען און לעגערן אַ רגע — דאָרט וואַקסט שוין ווי פון דער ערד אַרויס טעאַטער. און עס איז זיכער קיין צופאַל נישט, וואָס נאָך דער באַפרײַונג פון היטלערן אין יאָר 1945 איז פון דײַטשלאַנד דער ערשטער גרוס פון די לעבן־געבליבענע ייִדן ווי שאַפערס פון קולטורעלע ווערטן געקומען נישט אין דער פאָרעם פון ליטעראַרישע שאַפונגען, נאָר אין דער פאָרעם פון טעאַטער־שפּילן. איך מיין דאָ דאָס באַרימט געוואָרענע בערגען־בעלזענער טעאַטער. נאַטירלעך איז באַלד נאָכגעקומען דער גרוס אין דער ליטעראַרישער פאָרעם אָבער דער טעאַטער־גרוס איז פאָרט דער ערשטער געווען.

דאַכט זיך דער קלענסטער ייִדישער ישוב אין גאָר דער וועלט און אַוודאי דער ווײַטסטער — איז דער אויסטראַלישער ישוב. און אין צווייטן אויסטראַ־לישן ייִדישן אַלמאַנאַך, דערשינען אין יאָר 1942, פאַרנעמט די געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין אויסטראַליע, געשריבן פון חיים ראָזענשטיין, נישט ווייניקער ווי 50 זײַטן. און אין אָט דער געשיכטע פאַרנעמט דער נאָמען יאַנקל

גינטער גאָר אַ חשוב אָרט. אַ ייִד אַ פּשוטער און אַ האָרעפּאַשניק, אַ ריכטיקער לאָדזשער ייִדישער פּאָלקסמענטש, און אַ לאָדזשער ייִדישער פּאָלקסמענטש איז שוין אין איין װעגס אַ זאָקן־מאַכער אױך. און אױך יאַנקל גינטער איז עס געװען. און קײן אױסטראַליע איז ער זיכער געקומען מיט אַ חלום צו בױען אַ שטענדיק ייִדיש טעאַטער, און בױענדיק דערװײַל שטריקן זאָקן צוליב פּרנסה. אין איין האַנט אַ זאָק און אין דער צװייטער אַ טעאַטער־טעקסט. און ער איז שוין נישט דער ערשטער ייִדישער טעאַטער־בעל־חלומות בשעת זײַן קומען קײן אױסטראַליע. פֿאַר אים האָבן שוין ייִדן מיט 30 יאָרן צוריק, נאָך אין 19טן יאָרהונדערט, דעם זעלבן חלום דאָרט געחלומט. און קײן נסים געשען דאָך נישט, נו איז דעם יאַנקל גינטערן באַשערט געװען אַזױ ביזן גיכן סוף זײַנעם שוין דורכגײן די יאָרן — אין איין האַנט אַ זאָק און אין דער אַנדערער אַ טעאַטער־טעקסט.

נישט אַװעק קײן װאָך — בשעת מײַנע יאָרן אין אױסטראַליע — איך זאָל יאַנקל גינטערן ניט זען כאָטש אַ דרײַ מאָל און כאָטש איין מאָל נישט זײַן בײַ אים אין שטוב. און אָט אַזױ פֿאָלקסטימלעך ייִדיש איז אױך די שטוב געװען, מיט זײַן פֿרױ, מיט זײַנע צװיי טעכטערלעך, װאָס זענען, נאַטירלעך, ביידע געװען תּלמידות אין דער ייִדישער שול אין מעלבאָרן.

צו אַלע ייִדישע צרות, און אױך צו אַלע אײגענע צרות האָט יאַנקל גינטער אײן תּרופֿה אַלע מאָל געהאַט: טעאַטער... האָט מען ערגעץ עמעצן געדאַרפֿט העלפֿן אין אַן עת־צרה — אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג. דאַרף מען שיקן געלט אױף יענער זײַט ים — אַ שפּיל. גייט עס שלעכט אין די געשעפֿטן — אַן אױפֿפֿירונג, װעט מען זיך דערװײַל אַ ביסל פֿאַרגעסן. אַפֿילו אין אומגליקספֿאַלן אין דער משפּחה האָט טעאַטער — טרייסט געבראַכט. און שטענדיק אױף אַ מדרגה. אָט דער ייִד מיט דעם אַלע מאָל בלאַסן און מידן פּנים איז דאָך שוין צענדליקער יאָרן געװען װײַט פֿון ייִדישע צענטערן און צו לייענען צו פֿיל איז נישט קײן צײַט געװען און נישט איין מאָל האָב איך באַװוּנדערט זײַן טאַקטיש רעזשיסירן און זײַן קאָרעקט און אָפֿט מאָל גוט און האַרציק שפּילן. קײן מאָל נישט צו שװערע פּיעסעס, אָבער לחלוטין קײן מאָל נישט קײן ביליקע זאַכן. נישט נאָר די בינע איז אים ליב און טײַער געװען, נאָר פּונקט אַזױ אױך די ייִדישע ליטעראַטור, װאָס שטייט הינטער דער בינע און װאָס מען דאַרף זי אָפּהיטן און הייליק האַלטן.

טעאַטער און פֿליאַטקעלעך און קלײנע מחלוקהלעך זענען דאָך — אומעטום אין װעלט — געבונדן מיט זיך, דאָס װייסט דאָך יעדער. און װאָס קלענער דאָס שטעטעלע, אַלץ גרעסער דאָס גיהנומל. און יאַנקל גינטער האָט עס גע־װוּסט. אָבער די זאַכן זענען אים פֿרעמד און איבעריק געװען. ער האָט קײן מאָל נישט געהאַט אין זינען די פּלאַטקע־קנײדלעך, און אַלע מאָל בלױז די רײנע

הגדה פֿון טעאַטער־שפּיל. און צום ליבסטן איז אים געווען יעקב גאָרדין. אים האָט ער נישט נאָר באַנומען, נאָר זיך אויך דורכגענומען מיט די גאָרדין־ראַלעס.

געווען אַן אַלטע פֿראַנצייזישע שיף, וואָס האָט אין די צוואַנציקער יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט זיך געשלעפּט צווישן מאַרסיי און מעלבאָרן און געפֿירט אימיגראַנטן, ביליק ווי אַ טראַמווײַ, און פּאַוואָליע אַזוי. די שיף האָט געהאַט דעם נאָמען „וויל ד׳אַמיען״. אַז יאַנקל גינטער איז אויף אָט דער שיף געפֿאָרן קיין אויסטראַליע האָט ער איר אַ נײַעם נאָמען געגעבן, וואָס האָט געקלונגען זייער ענלעך צו איר אייגענעם, אָבער וואָס ייִדישע פֿאָלקסמענטשן האָבן בעסער געקענט און וואָס האָט יאַנקל גינטערן גופֿא דערמאָנט אין זײַן ליבסטן דראַמאַטורג גאָרדין, ער האָט דער שיף אַ נאָמען געגעבן „דער ווילדער מענטש״, און אַזוי האָט זי שוין כּסדר געהייסן צווישן ייִדן. אויף אָט דעם „ווילדן מענטש״ האָט ער אַליין געבראַכט זײַן טעאַטער־חלום קיין אויסטראַליע און ערלעך און האַרציק אָפּגעשפּילט זײַן ראָלע אין דעם ווײַטסטן און קלענסטן ייִדישן ייִשוב.

1949

ברוך גלאַזמאַן

גענבוירן 1893 אין מאָזיר, ווײַסרוסלאַנד. 1911 אין אַמע־ריקע. 1924 אייראָפּעיִשע רײַזעס. געשטאָרבן 1טן יוני 1945 אין ניו־יאָרק.

נישט קיין הויכער איז ברוך גלאַזמאַן. איידעלע, גלײַכצײַטיק שפּיציקע און גלײַכצײַטיק צוגעפּײַלטע פּנים־שטריכן. גלאַזמאַן איז זייער אַ פּינקטלעכער און ער האָט ליב, אַז אַלע וואָס האָבן מיט אים צו טון זאָלן אויך זײַן זייער פּינקט־לעך. גלאַזמאַן לאָזט אייגעם אויסרעדן זיך ביזן סוף, נאָר בשעת דעם שמועס פאַרגעדענקט ער אַלע אומפּינקטלעכקייטן פון יענעמס רייד און אַז יענער האָט געענדיקט און מיינט, אַז ער האָט געזיגט, ווײַל גלאַזמאַן האָט די גאַנצע צײַט זייער נישט־יִדיש־ליטעראַריש געשוויגן, קומען ערשט אַרויס פּונקט בײַ פּונקט די אומפּינקטלעכקייטן. צו ערשט דער נאָמען: זאָל מען אַרויסרעדן גלאַזמאַן מיט אַ פּתח אָדער מיט אָ קמץ, און אין מיטן נאָמען זאָל מען מער באַטאָנען אַ סמך אָדער אַ זײַען. און שפּעטער גייט ערשט אַוועק אַ גאַנצע סדרה.

הגם אַ רוסישער ייִד און ווי אַ דערוואַקסענער בחור געקומען קיין אַמע־ריקע, האָט גלאַזמאַן זײַן שרײַבערישע קאַריערע אָנגעהויבן אין ענגליש. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען פאַרגעסן, אָבער גלאַזמאַן קען דאָס נישט פאַרגעסן און כאָטש ער וויל דאָס נישט דערמאָנען נישט אין שריפט און נישט אין וואָרט קומט עס אַלע מאָל אַרויס אויפן שפּיץ צונג און אויפן שפּיץ פּעדער. אַלע ווייסן, אַז ער באַהערשט גוט עטלעכע שפּראַכן. ער ווײַל עס נישט דערמאָנען, ער ווייסט, אַז עס איז נישט טאַקטיש זיך גרויס צו האַלטן דערמיט, און דאָך — גלאַזמאַן האָט אָפּט און יאָרן לאַנג נאָך דער מלחמה פאַרבראַכט אין אייראָפּע. געזוכט נאָענטן קאָנטאַקט מיט די ייִדיש־ייִדישע מאַסן פון די אַלטע היימען, אָבער שווער איז עס אייגעם אָנצוקניפּן צוריק דאָס וואָס איז אָפּגעקניפּט געוואָרן דורך אַזאַ מעכטיקן פאַקטאָר ווי דאָס איז אַמעריקאַנישע הויכשול־אויסבילדונג, וואָס איז גענומען געוואָרן פון אייגעם זייער ערנסט, ווי אין די אַמאָליקע צײַטן פון דעם זונאויפגאַנג פון דער השׂכּלה.

גלאַזמאַן איז אַ גריבלער פון דער נאַטור און גריבלערס זענען נישט קיין אָביעקטן פאַר מאַסן־ענטוזיאַזם. איז טאַקע פון דעם גאַנצן ענטוזיאַסטישן אומ־קערן זיך צו די גרויסע ייִדישע מאַסן געבליבן נישט מער ווי נאָך אַ טועץ טעמעס פאַר גריבלערײַ און פאַר די גריבלערישע דערציילונגען, וואָס דאָס איז גלאַז־מאַנס וועג און זשאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. גלאַזמאַן איז אין אַ גע־וויסן זינען — אויף דעם געביט פון דער בעלעטריסטיק בלויז, ווײַל ער פאַר־נעמט זיך נישט מיט זשורנאַליסטישער פּובליציסטיק — דער הערש דוד נאָמ־

בערג פון אַמעריקע. אפשר איז מײַן השערה אַ פֿאַלשע — איך װעל נישט גײן אין דער מלחמה אױף לעבן און טױט פֿאַר איר. אױב עס װאָלט געקומען צו אַזאַ מין מלחמה װאָלט איך בעסער װעלן פֿריִער סטראַטעגיש מיך צוריקציִען. נאָר דאָס געפֿיל און די אינטואיציע האָט מיר די השערה שױן לאַנג דיקטירט.

איך פֿלעג אָפֿט אָבסערווירן די באַגעגענישן פֿון נאָמבערג און גלאַזמאַן אין װאַרשע. זײ האָבן זיך נישט פֿײַנט געהאַט און נישט איבעריקס ליב. האָט אָבער דאָס מזל געװאָלט, אַז װוּ נאָר זײ האָבן זיך געקערט און געװענדט האָבן זיך זײערע נעז באַגעגנט. גלאַזמאַן אַלע מאָל גרײט צו אַ גרינטלעכן שמועס, װאָס איז אַלע מאָל דורכגעטראַכט און אײַנהאַלטפֿול, און נאָמבערג אַלע מאָל אין אײַלעניש, כאָטש ער האָט קײן מאָל גאָרנישט געהאַט צו טון. נאָמבערג האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל רעדן קלאָר און קורץ און מיט ראשי־תּיבֿות און גלאַזמאַן האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט אַ סך גערעכטע און אַלע מאָל זײער לאָגישע מאמרי המסוגרס... פּונקט דאָס פֿאַרקערטע...

אָבער נישט אײן מאָל פֿלעגט מיר נאָמבערג אונטער פֿיר אױגן זאָגן: ער קען גאַנץ פֿאַהן שראַבן, דער גליאַסמאַן, יעדן האָב אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אַ קיק, האָב יעדן געזען, אַז ער שראַבט גאַנץ פֿאַהן.—דאָס איז געװען נאָמבערגס העכסטער קאָמפּלימענט. מער װי כאַפּן אַ קוק אין אַ שרײַבערס װערק האָט ער נישט געהאַט קײן צײַט און מער װי זאָגן, אַז יענער שרײַבט גאַנץ פֿײַן — איז ער נישט געװען ענטוזיאַסטיש גענוג קײן מאָל.

אײן מאָל, געדענק איך — אַ גלאַזמאַן־אָװנט אין װאַרשעװער ליטעראַטן־פֿאַראײן. צוליב סיבות אַ קלײנער עולם געקומען. און מיר כאַליאַסטרעניקעס האָבן הױך געקיבעצט אין אַ שטיבל לעבן דער עסטראַדע. איז אַרײַנגעפֿאַלן נאָמבערג און האָט אונדז אַזױ אױסגעשײגעצט — װי אַ מלמד די חדר־ייִנגלעך. מיר האָבן געשװיגן און זענען דערנאָך מיטן פֿולן ערנסט, װי עס דאַרף צו זײַן, אױפֿגעטראָטן װי די שפּעלעך אײנער נאָכן אַנדערן און גערעדט װאָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן װעגן די הױך קװאַליטאַטיװע, פּסיכאָלאָגישע און שטימונגספֿולע גלאַזמאַן־נאָװעלן.

דאָ אַנומלט האָב איך גלאַזמאַנען באַזוכט אין זײַן ניו־יאָרקער הײם, געזען זײַן צאַרטן, שלאַנקן צען־יאָריקן זון, װאָס שרײַבט שױן לידער אַלײן. צאַרטקײט פֿון יאַקאָב װאַסערמאַנס ראָמאַן „קאַספּער האַוזער” איז דאָ אין אים. איך האָב אָנגעקוקט דאָס שײנע קינד, דערמאָנט זיך װאָרט אין װאָרט דעם אינהאַלט פֿון דער דעפּעשע, װאָס איך האָב ערשט געשיקט צו זײַן טאַטע־מאַמעס חתונה אין לעמבערג און שטיל געװוּנטשן: בעסער װער נישט קײן שרײַבער, קינד. נאָר אױב שױן דװקא יאָ — דעמאָלט מיט בײדע פֿיס אין אײן דור און אין אײן סבֿיבֿה; און מיט דער גאַנצער צונג אין אײן שפּראַך...

1939—40

יעקב גלאַנץ

געבוירן 1902, קאָלאָניע נײַוויטעבסק. רוסישע, אייראָ־פּעיִשע רײַזעס, פון 1925 אין מעסיקע.

שוין אין יאָר 1917 האָט יעקב גלאַנץ אָנגעהויבן דרוקן אין רוסיש זײַנע לידער. ער איז פּרוגס אַ לאַנדסמאַן, איז ער געגאַנגען אין פּרוגס טראַדיציאָנעלע וועגן, נאָר גלאַנץ האָט זיך באַפרײַט פון זײַן רוסיש אין דער יוגנט און אַזוי ווי ער איז צו די 23 יאָר אוועק קיין מעקסיקע, איז טאַקע אויף קיין מאָל ווי־דערזען זיך מיט רוסיש. גלאַנץ איז פול מיט לשון ווי אַ מילגרוים, און פול מיט וואָרטשפּילן, ווערטער אָן וואָרטשפּילן זענען בײַ אים אַן אויסנאַם. אַזוי ווי איינער, וואָס עסט פּאָווידלע מיט אַ פּאָר קרישקעס ברויט באַשאָטן... אַ גליק, וואָס די וואָרטשפּילן גייען גלאַנצן נישט נאָך אין זײַן פּאָעזיע. דאָרט גייט אים אָבער נאָך דער אײַנפלוס פון די רוסישע אימאַזשיניסטן און עקספּרעסיאָניסטן — די פון דעם דרײַעקיקן כאַאָס־פּעריאָד אין דער וועלט־ליטעראַטור פון 1917 ביז 1920. אָבער זעלטענער און זעלטענער ווערט שוין דער אײַנפלוס.

דיכטערס גראַמאַליען זיך שווער אַרויס צו פולקומענקייט, און גלאַנץ איז נישט קיין אויסנאַם. אייגנטלעך, ווען גאָט וואָלט פאַרשטאַנען, וואָס ליטעראַטור דאַרף אויף אַן אמת און ער וואָלט די פּאָעזיע, די געטלעכסטע פון די קונסטן, ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָלט ער געדאַרפט די דיכטערס לאָזן לעבן כאָטש צו 150 יאָר יעדן איינעם. אַז יעדער זאָל זיך קענען גרונטיק אַרויסגראַמאַליען פון אַלע אײַנפלוסן און בלײַבן נאָר ער אַליין, זײַן דיכטונג און זײַן גאָט.

גלאַנץ איז נישט קיין הויכער, זייער אַ גוויִש־בלאָנדער און כאָטש ער איז אַ זון פון קאָלאָניסטן, ייִדישע מוזשיקעס, גייט ער ייִדיש־ישיבהש אײַנגעבויגן, אַזאַ טבע בײַ אים. דערצו טראָגט ער נאָך אַ שטעקן, איך וואָלט אַפילו געזאָגט צוויי טוץ שטעקנס, ווײַל אַזוי פיל ציילט זײַן שטעקן־קאָלעקציע אין זײַן מעקסיקאַנער שטוב. אַפילו קיין ניו־יאָרק איז ער געקומען מיט אַ פאַרביקן מעקסיקאַנישן שטעקן און אַכט מיליאָן מענטשן האָבן אים יעדן טאָג נאָכגעקוקט אויף דער גאַס. גלאַנץ האָט אַ טשופּרינע, אַן אָרעאָל ממש, צעפלויגן ווי אַ ווינטרויז פון האָר איבער זײַן קאָפּ. אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן און מיט אַן עכט ייִדישן אויסדרוק אין פּנים.

ער איז פול מיט נערוון, מיט וויצן, מיט וואָרטשפּילן, גרייט זייער אַ סך לידער צו שרײַבן, און האָט אויך כוח זייער אַ סך אייגענע לידער צו צערײַסן, אויב זיי געפעלן אים נישט, אָדער זיי געפעלן נישט אַ חבר. ער קען פאַרטראָגן קריטיק — איינע פון זײַנע הויפּט־מעלות. לויט מײַן מיינונג האָט יעדער דיכטער געדאַרפט — איידער מען לאָזט אים אַרײַן אין דעם פּאָעטן־צעך — אויס־

שרײַבן אַן אַנקעטע־בויגן. און די ערשטע פראַגע װאָלט געדאַרפט זײַן: צי פאַר־טראָגט ער קריטיק?

יעקב גלאַנץ װײסט און קען אַ סך. האָט אַ זשורנאַליסטישע פעדער און אַ רעדנערישן טאַלאַנט און קען פּאָלעמיזירן און נישט נאָר מיט אַ פעדער, נאָר אין אַן עת־צרה אַפילו מיט אַ שטעקן אויך. אין 1939 האָט מען אים אונדז שיר נישט אָװעקגעלײגט בשעת אַנטיסעמיטישע אומרוען אין מעקסיקע. ער האָט דעמאָלט שרעקלעכס איבערגעלעבט. ער האָט אױפן אָנפאַלער זײנעם אַ שטעקן צעבראָכן און געבליבן בלויז בײַ 23. הײַנט דערציילט מען עס „אין פרײדן", אַזױ צו זאָגן, מישטײנס געזאָגט, אָבער צװײ שעה צו זײַן אײַנגעשלאָסן אין אַ קלײנעם געשעפטל אין דער סיטי אונטער אַ האָגל שטײנער איז נישט קײן ליאַדע איבערלעבונג. טעמפּעראַמענטפול װי ער איז, האָט ער דאָס נאָענטסטע לידערבוך זײַנס אַרױסגעגעבן סימבאָליש אין פאַרלאַג „חורבן". עס זעט אויס װי פּאָזע, אָבער בײַ גלאַנצן זענען די פּאָזע־שטיקלעך נאַטירלעך, זײַן נאַטיר־לעכער טעמפּעראַמענט. לאָמיר האָפן, אַז דאָס נאָענטסטע בוך זײַנס װעט דער־שײַנען אין פאַרלאַג „אױפבױ"...

גלאַנץ האָט אַ פײַנע הײם אין מעקסיקע אין דעם גאָרטנרײַכן שטאָטטײל היפּאָדראָמאָ. אַ סך ביכער אין דער הײם, שײנע בילדער אױף די װענט און אַזױ װי ער האָט זײער אַ מאָלעריש פּנים, װאָס פאַרפירט מאָלערס, לאָזט ער זיך אָפט פון זײ פאַרפירן, האָט ער טאַקע אין זײַן שטוב הענגען פערצן פּאָרטרעטן זײַנע. קומט מען צו אים אין שטוב, איז ער אַלע מאָל באַקראַנצט מיט זײַנע דרײַ טעכ־טער, צװײ בלאָנדע װי ער אַלײן, און אײנע אַ שװאַרץ־חנװודיקע קאָפּיע פון דער מוטער, װאָס איבעראַשט מיט איר װיסן אין אַלגעמײנער און ייִדישער לי־טעראַטור. כאָטש די גלאַנצעס האָבן אַ געשעפט פון טעשלעך און הענטשקעס אין דער סיטי פון מעקסיקע, װאָלטן זײ אָבער געקענט פאַרלײגן אַ פּריװאַט־שפּיטאָל אין אַ בױט, ער איז אַ דענטיסט און זי אַ דאָקטאָרשע מעדיצין. ייִדישע פּרנסה־קאַלאַמבורן אױף דער װײַטער עמיגראַציע.

מיר קומען אָפט צוזאַמען אין מעקסיקע און מיר רעדן אַ סך און כאָטש די װעלט מאַכט סאַלטאָ מאָרטאַלעס אַרום אונדז — מיר רעדן װעגן פּאָעזיע. װאָ־דען, אַנדערע דאגות האָבן מיר? כאָטש פול װי אַ מילגרוים מיט רײד, האָט גלאַנץ דעם גוטן טאַקט צו לאָזן דעם צד שכנגד זיך אויסרעדן. אין אָט די שמועסן באַ־מערק איך אַן ערלעכן װילן צו באַפרײַען זיך פון דער לײַכטקײט. און עס איז אָפט שװערער אַראָפּצװאַרפן פון זיך די מאַסע פון דער לײַכטקײט װי די מאַסע פון דער שװערקײט. צוליב זײַן װיץ פאַלט מען אַ מאָל אַרײַן אין אַ טעות, אַז גלאַנץ האָט אַ נײגונג צו אַ ביסל ציניזם. און אָט איז אַ שטאַרקער קעגן־באַװײַז.

אַ מאָל האָבן מיר גערעדט מיט גלאַנצן, לאַנג, און פאַרט זיך נישט דערעדט. גלאַנץ איז געבליבן אונטערן אײַנדרוק, אַז איך האָב אים שלעכט פאַרשטאַנען,

אָבער ער האָט נישט געפּײַפּט דערויף, צו מאָרגנס האָב איך מיט דער שנעל־שטאָטפּאָסט, כאָטש מיר זענען שכנים, באַקומען פון אים אַ געדיכטן אַכט־זײַטיקן מאַשינבריוו מיט דער פאָרזעצונג פון שמועס. אַ שטאַרקער סימן פון שטאַרקן, לויבווערדיקן ערנסט און אויך לויבווערדיק איז, וואָס כאָטש גלאַנץ האָט דער־פאָלגרײַך געשריבן אין אָנהייב אין רוסיש, איז אים דאָס ייִדישע פאָלק גאָרנישט שולדיק. גלאַנץ האָט די אַמביציע — און אַ ווערטפולע אַמביציע — ווײַטער צו אַרבעטן בײַ זײַן גרויסער פּאָעמע וועגן קריסטאָבאַל קאָלאָן און דערהייבן זי צו זײַן הויפּטווערק. און אויב איר ווילט איז אַ פּאָעמע וועגן דעם אַנטדעקער פון אַמעריקע נישט נאָר גלאַט אַ פּאָעמע — דאָס איז אויך אַ ייִדישע פּאָעמע...

1940

ד״ר רודאָלף גלאַנץ

געבוירן אין ווין 1892, זינט 1938 אין ניו־יאָרק. גע־שטאָרבן 17טן יולי 1978.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ איז אַ וויסנשאַפטסמאַן, ענג פאַרבונדן מיט דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע און שרײַבט היסטאָרישע פאָרשונגס־אַר־בעטן פאַר די אויסגאַבעס פון אינסטיטוט. אים אינטערעסירן צוויי געביטן: די אונטערשטע יידישע שיכטן אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער אין דײַטשלאַנד און דער אַנטיסעמיטיזם און זײַנע סיבות. גאָר אינטערעסאַנט זענען ד״ר רודאָלף גלאַנצעס אַרבעטן וועגן די אונטערשטע יידישע שיכטן. דאָס איז גאָר עפּעס נײַס — און פאַר בעלעטריסטן אַ גאָלדגרוב. געוויינטלעך אינטערעסירט זיך דער געשיכטע־פאָרשער מיט די אייבערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, און אַז עס קומט טאַקע עמעץ און שטודירט די אונטערשטע שיכטן איז טאַקע אינ־טערעסאַנט.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ איז אַ געבוירענער ווינער — אָבער אַזוי ווי קיין גע־בוירענע ווינער זענען פון דור־דורות נישטאָ, איז אויך ער אַ גאַליציאַנער לויט די עלטערנס אָפּשטאַם. לויט דעם פאַך איז ער אַן אַדוואָקאַט. און לויט דער העפ־לעכקייט איז ער אַן אולטראַ־ווינער.

ער איז אַ דיקער און נישט קיין הויכער און האָט אַ קײַלעכדיק פּנים פול מיט קינדישער נאַאיוויטעט, און זייער קליינע הענט, און אַז ער רעדט מיט עמעצן, וואָלט ער וועלן אַז מען זאָל באַלד אויף יעדן וואָרט זײַנעם שווערן, אַז מען גלייבט אים און אַז מען וועט טון וואָס ער וויל און בעט.

ער רעדט נישט — ער רעדט אַרײַן. אין ווין איז ער געווען אַן אַדוואָקאַט און דערפאָלגרײַכער אַדוואָקאַט. אַ דאַנק זײַן ענערגיע איז אַ מינוט איידער היטלער איז אַרײַן קיין ווין דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקציע פאַר דעם אינסטי־טוט. עס איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז היטלער האָט צוגעוואַרט ביז די אַקציע וועט אַדורך בשלום און שפּעטער האָט ער געוואַגט אַרײַנצוגיין אין ווין — ווײַל ער האָט זיך נישט געוואָלט זאַטשעפּען מיט ד״ר רודאָלף גלאַנצן... און ד״ר רודאָלף גלאַנץ האָט שוין שפּעטער פון העפלעכקייט אויך נישט געוואָלט צו פיל זאַטשעפּען מיט היטלערן און איז אַוועק קיין ניו־יאָרק.

ד״ר גלאַנץ רעדט מיט אַ מאָדנער יידישער אויסשפּראַך. אַז מען וויל הערן ווי אַזוי עס האָבן גערעדט די יידן אין די צײַטן פון היינריך הײַנע זאָל מען הערן דאָס יידיש פון ד״ר גלאַנץ. אַז ער שרײַבט, שרײַבט ער מיט גרויסע גלײַכע אותיות, אַזוי ווי ער וואָלט זיי ערשט נעכטן אַוועקגעטראָגן פון דער שולבאַנק און שרײַבט מיט זייער אַ קלאָרן סטיל. אַדוואָקאַטיש.

עס איז אַ נחת צו הערן רעדן ד״ר גלאַנצן װעגן אַנטיסעמיטיזם. ער קען דעם אַנטיסעמיטיזם בעסער װי דער גרעסטער אַנטיסעמיט און ער האָט זיך זײַן טעאָריע װעגן די אַנטשטייונגס־סיבות פון אַנטיסעמיטיזם — ער פירט דאָס צוריק ביז צו דער צײַט פון די פּישוף־מאַכערינס. מײַן מיינונג אָבער איז, אַז די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם זענען גאַנץ פשוט אַנטיסעמיטן... װאָרעם די װעלט קען נישט זײַן אָן אַנטיסעמיטן... דאָס איז דאָך קלאָר װי דער טאָג. אַ מאָל האָב איך דעם דאָקטאָר גלאַנץ אָט די טעאָריע מײַנע קלאָר געמאַכט. ער אָבער האָט מיך אָנגעקוקט דורך די גרויסע קײַלעכדיקע ברילן, און איבער די ברילן און שפּעטער אונטער די ברילן און שפּעטער אין גאַנצן אָן ברילן — און צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז ער װוּנדערט זיך װי אומװיסנשאַפטלעך איך דענק.

איך האָב ליב צו הערן רעדן דעם ד״ר גלאַנץ װעגן אַנטיסעמיטיזם — און װען די צרה װאָלט נישט געװען טאַקע אונדזערע, װאָלט דאָס גאָר געװען אַ נחת. און אין דער אמתן איז דאָך גאָר אַנטיסעמיטיזם איינע פון די פריילעכסטע לערעס. די צרה איז נאָר, װאָס דער גאָר איז אונדזערער.

מיר האָבן אין דער יונגער װיסנשאַפטלעכער ייִדישער ליטעראַטור שוין אַ סך ספּעציאַליסטן און אַ ליאַדע טאָג װעט אונדז אָפּיציעל און עפנטלעך צוקומען נאָך אַ ספּעציאַליסט אויף נאָך איין געביט — אַנטיסעמיטיזם, פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם קאַנדידירט נישט קיין אַנדערער װי דער ד״ר רודאָלף גלאַנץ, װאָס איז איינער פון די געציילטע ייִדישע שרײַבערס, װאָס זענען געבוירן געװאָרן אין װין.

1939—40

משה גליקאָווסקי

געבוירן 1904, אין קאָלנע, לאָמזשער געגנט, פּוילן. רײַזעס: דײַטשלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרײַך. 1921 זיך באַזעצט אין מעקסיקע, פון 1947 אין ניו־יאָרק.

משה גליקאָווסקי, מ. גליקאָ, מאָגליק — לײענענדיק די מעקסיקאַנער ייִדישע צײַטונג „דער וועג״ אַ לענגערע צײַט פאַר מײַן קומען קיין מעקסיקע — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זײַן איינע און די זעלבע פּערזאָן, וואָס שרײַבט אַ סך, איז אַזוי צו זאָגן אַ „זײַל״ פון דער צײַטונג און באַנוצט צוליב דעקאָראַציע און ריטעם מערערע נעמען, כּדי נישט צו ווירקן צו מאָנאָטאָן. איך האָב די אַרטיקלען פון דער אויבן דערמאָנטער נעמען־דרײַאייניקייט אַלע מאָל מיט פאַרגעניגן געלייענט, ווײַל זיי האָבן מיר אַלע מאָל עפּעס געזאָגט. אמת, אַז זיי זענען נישט אַלע מאָל געווען אַזוי גראַדליניק ווי אַ שאָס פון פײַלן־בויגן, גיכער בליציק און זיגזאַגיש — נאָר איך האָב אָט פאַר דעם אײַנדרוק מײַנעם באַשולדיקט מײַן אייגענע אומקענטעניש פון מעקסיקע און אירע זיגזאַגישע פּראָבלעמען (וואָס פאַר אַ לאַנד האָט דען הײַנט צו טאָג נישט קיין זיגזאַגישע פּראָבלעמען?). אַ באַגריף וועגן דער פּערזאָן פון משה גליקאָווסקי האָב איך מיר אַבסאָלוט נישט געשאַפן.

בײַם ערשטן אַרײַנקומען אין דער רעדאַקציע פון „וועג״ אין מעקסיקע האָב איך דעם טרעגער פון דעם דרײַאייניקייט־נאָמען באַגעגנט. נישט קיין צו הויכער, שפּיציקע געזיכטצוגן, ביינערדיק, קוקט דיך אָן מיט אַ שמייכל און אַ ביסל פון דער זײַט, רעדט נישט צו פיל, עלנבויגנס נישט, האָט קיין מאָל נישט קיין צײַט, פאַרשווינדט באַלד פון דער געזעלשאַפט און — געדענקט זיך דאָך. מען פרעגט זיך נאָך אויף אים, ווײַל אָט איז ער געווען און אָט איז ער שוין פאַרשוונדן און מען וואָלט גערן גערעדט מיט אים אַ וואָרט, אויסגעהערט זײַן מיינונג. כאָטש ווייסן ווייסט מען לכתחילה, אַז דאָס וועט זײַן אַ פאַרקערטע מיינונג, אָבער אַ באַגרינדעטע.

גליקאָווסקי דערמאָנט מיר די ערשטע אויסגאַבע פון מײַן שפּינאָזאַ־פּאָעמע, וואָס איז פאַרבונדן מיט די ערשטע שריט פון דער ייִדישער נאָך־דער־ערשטער־מלחמה־ליטעראַטור און פירט צוריק צו פאַרגעסענע צײַטן אין ווין און אין בערלין. דעמאָלט האָט ער, אַלס זיבעצן־יעריק בחורל, אָנגעהויבן זײַן חלום וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען איינס פון די ערשטע מאָדערנע ייִדישע ביכער, וואָס ער האָט געלייענט. אַ צופאַל.

גליקאָווסקי האָט אַן אויפּריכטיקע נייגונג, ריכטיקער אַ לײַדנשאַפט צו מיסטיציזם, און אַ רעאַליסטישן טאַלאַנט צו שרײַבן פײַנע פּראָזע־ליטעראַטור און אַ לאָגישן קאָפּ אויפצובויען גוט קאָנסטרויִרטע אַרטיקלען און אַ קלאָרן, לאַקאָנישן ייִדישן סטיל. אָט אַזעלכע דרײַ — אין גרונט געגנזײַטיק ווידעראַנאַנדיקע פֿעיִקייטן — שטויסן זיך גאַנץ פֿעסט אין אַ שרײַבערס געמיט און שאַפֿן שרײַבערישן „טראָבל" („טראָבל" איז אַ ייִדיש וואָרט, וואָס אויך די ענגלענדער באַנוצן, ווייסט איר דאָך).

אַז איך לייען גליקאָווסקיס לידער — זיי געהערן שוין, אויב איך האָב נישט קיין טעות, צו זײַנע יוגנטזינד — פֿאַרשטיי איך נאָר איין זאַך אין זיי: אַז איך פֿאַרשטיי זיי נישט. איך פֿאַרשטיי זיי פּונקט אַזוי ווייניק ווי מײַנע אייגענע לידער פֿון מײַן ערשטער שרײַבערישער תּקופֿה. אַז איך לייען זײַן פּראָזע, זײַנע דערציילונגען, און דער עיקר די דערציילונגען פֿון דעם מעקסיקאַניש־ייִדישן לעבן, פֿאַרשאַפֿן זיי ערשטנס קינסטלערישע הנאה און צווייטנס גיבן זיי מיר אַ באַגריף מיט זייער פֿאַרביקייט און לאָקאַלן קאָלאָריט, וועגן דעם לאַנגזאַמען אײַנוואָרצלען זיך פֿון דער נײַער ייִדישער אימיגראַציע אין דעם נײַעם און גאַנץ מערקווערדיקן לאַנד, וואָס האָט געזען אַ גאַנץ היפּשע ייִדישע אימיגראַציע־כוואַליע באַלד בײַ דער גרינדונג און די צווייטע ייִדישע אימיגראַציע־כוואַליע ערשט מיט פֿיר הונדערט יאָרן שפּעטער. אַז איך לייען גליקאָווסקיס אַרטיקלען — אָבער וועגן דעם האָב איך שוין פֿריִער אויספֿירלעכער גערעדט.

גליקאָווסקי איז אויסגעבונדן מיט דער מעקסיקאַנישער קולטור, געשיכטע, ליטעראַטור, פּראָבלעמאַטיק, אַ גוטער קענער פֿון דער לאַנדשאַפֿט, ער איז איינער פֿון די מאַקסימום מעקסיקאַניזירטע ייִדישע אימיגראַנטן פֿון דעם לאַנד. אָט לאַדט ער מיך אײַן צו זיך אַהיים און נעמט מיך אין זײַן אייגענעם אויטאָ, אָט איז זײַן קליינע היים־ביבליאָטעק מיט אַ היפּשן צאָל מיסטישע ביכער, אָט זענען זײַנע אייגענע בילדער אויף די ווענט — אַ געמיש פֿון ייִדישער און מעקסיקאַנישער מיסטיק. ער האָט קיין שלימות אויף דעם געביט נישט דערגרייכט, געבליבן בײַ דער מדרגה פֿון יוגנטזינד אַלס מאָלער. אָט איז אַ בילד פֿון זײַן פֿאָטער בײַם לערנען, צי דאַווענען — גליקאָווסקי ווײַזט עס מיר מיט אַ סך פּיִעטעט.

מעקסיקע איז אַ לאַנד פֿון שאַרפֿע קאָנטראַסטן — חוץ די קאָנטראַסטן גופֿא... זאָגן עדות דערויף די לידער פֿון די מעקסיקאַניש־ייִדישע פּאָעטן יעקב גלאַנץ און יצחק בערלינער — און גליקאָווסקי, דער מאַקסימום־מעקסיקאַניזירטער פֿון די ייִדישע שרײַבערס האָט ליב מיט שאַרפֿע ווערטער אָט די קאָנטראַסטן צו ברענגען צו אַ נאָך שאַרפֿערן אויסדרוק. און אין לעבן גייט עס אים אויך אַזוי: אין דער פֿרי איז ער דער נײַעס־רעדאַקטאָר פֿון אַ צײַטונג, נאָך

מיטאָג דער סעקרעטאַר (און אַ פּינקטלעכער סעקרעטאַר, ממש אַ פּעדאַנט) פֿון ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט און אין אָוונט חלומט ער און שרײַבט טשיקאַווע און מאָדנע פּאַרטראַכטע דערציילונגען, וואָס וועלן, אַז זיי וועלן דערשײַנען, זיכער פֿאַרנעמען זייער אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אַן אייבערשט אָרט אין איר מעקסיקאַנישן מיט ווערטיקאַלע, טראָפּיקאַלישע זונשטראַלן שײַמערירנדיקן צווײַג אירן.

1940

טאָדרעס געלער

אַרטיסט־מאָלער. געבוירן 1889 אין וויניצע, רוסלאַנד. 1906 אין אַמעריקע. רײַזעס אין אייראָפּעישן מערב. געשטאָרבן 25סטן פעברואַר 1949.

פּאַראַנען פולשטענדיק ייִדישע פּנימער מיט פולשטענדיק סלאַווישע כאַראַקטער־שטריכן. טאָדרעס געלער, דער ייִדישער, און טאַקע ייִדישער מאָלער פון שיקאַגאָ האָט אַזאַ פּנים. אַ גילגול פון אַ סלאַוויש פּויערל, וואָס האָט זיך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָרן צוריק מגייר געווען און איז געוואָרן אַ בעסערער ייִד ווי אַלע ייִדן. אַ פאַנאַטישער ייִד. טאָדרעס געלער, דער ייִדישער מאָלער פון שיקאַגאָ איז אַ פאַנאַטישער ייִד. אַ פאַנאַטישער ייִד, און אַ מאָדערנער מאָלער — אַ קליין ייִדיש שטעטל אַרײַנגעזעצט אין מיטן האַרץ פון אינדוסטריעלן שיקאַגאָ. ייִדישע פּאַראַדאָקסן — אַז ווויל און ווײ איז צו אונדז.

טאָדרעס געלער געהערט פּונקט אַזוי צו דער ייִדישער מאָלערײַ ווי צו דער ייִדישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. אומצאָליקע ייִדישע ביכער פון אַמעריקע האָט ער באַגלייט מיט זײַנע פּאַרצירונגען. זײַן נאָמען קען איך שוין אַזוי לאַנג, ווי לאַנג איך קען דעם נאָמען מאַני לייב.

שפּאַצירן מיר דאָ אַנומלט אַרום האַלבער נאַכט אויף די רוישיקע גאַסן פון שיקאַגאָ. שפּאַצירן לענג־אויס די הויפּטגאַס. סיגנאַלן שווינדלען פאַר די אויגן, גרין־רויט־געל, רויט־געל־גרין, אויטאָס פליִען אַהין און אַהער לענג־אויס די גאַס מיט אַזאַ שנעלקייט און אַזאַ גלײַכמאָסיקן רעש, ווי עפּעס אַן אומזעעוודיקע האַנט וואָלט כסדר געצויגן אַ „זיפּער“ אַהין און אַהער — זזזיפּפּ אַהין און זזזיפּפּ אַהער, און מען זאָגט מיר טאַקע אַז די גאַס איז טאַקע די מיטן־האַרץ־גאַס פון שיקאַגאָ; דאָס מאַכט נאָך ענלעכער דעם אויטאָ־רויש צום רויש פון אַ זיפּער איבער אַ מלבוש. אַרום און אַרום שטייען וואָלקן־קראַצערס און קוקן אַרײַן מיט נײַגעריקע אויגן, מיט אייניציקע באַלויכטענע פענצטער ערגעץ אַרום זייערע הויכע קעפּ אין דער גאַס אַרײַן. אין מיר הייבט אָן צו זינגען דאָס ליד פון דער גרויסשטאָט און עס ווערט מיר פּלוצלינג אָן אַ פּאַרוואָס זייער פריילעך און די פריילעכקייט טראָגט זיך אַריבער אויף די חברים, די שיקאָגער ייִדישע פּאָעטן מאַטעס דײַטש און שלמה שוואַרץ, און מיט אונדז איז כאַנטשע שוואַרץ, די נאָך ייִנגערע פרוי פון דעם יונגן דיכטער, אָנגעטון אין דער געשמאַקפולער עלעגאַנץ אַליין, מאָדע־מאָדעל 1941 — כאָטש עס איז ערשט אָנהייב 1939 — די שלאַנקייט אַליין איז זי. דערצו שטאַמט זי פון ביאַליסטאָק, וואָס אַ מין שיקאַגאָ פון פּוילן און וווינט אין שיקאַגאָ, וואָס אויב איר האָט אַ סך פאַנטאַזיע קענט איר עס רופן דאָס ביאַליסטאָק פון אַמעריקע. און הענט האָט פרוי שוואַרץ ווי העלדזלעך פון פידלען. און פינגער, פינגער —

ווי עמעץ וואָלט פּלוצעם אונטערגעהאַקט די סטרונעס און זיי וואָלטן אַלע אַ שפּרונג געטאָן און זיך אַ וויקל געטון, אָט אַזעלכע פינגער, — און אָט איז דער לינדבערג־טורעם און ער וואַרפט איבער שיקאַגאָ מיט צוויי רעפּלעקטאָרן ליכט, זיי שנײַדן און שנײַדן די געדיכטע נאַכט איבער שיקאַגאָ, האַקן קרײַץ און קווער אַ גאַנצע נאַכט, האַקן אין שטיק שטיקער. און אָט איז אַ דינער טורעם אין מיטן גאַס, זכר לשריפה־שיקאַגאָ פון פּאָר אַכציק יאָרן, דער וואַסער־טורעם איז עס, דער וואַסער־טורעם פון שטיין, וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס גרויסע פײַער און מען באַרעפלעקטאָרט אים דערפאַר פײַער־רויט יעדע נאַכט, אַזוי ווי די שטאָט וואָלט נאָך אַלץ געברענט אַרום אים. און אָט איז אַ טונקעלער ווינקל, אַ פאַרגעסענער ווינקל, מיט אַ קליין, פאַרגעסן געסל, מיט אַ קליין, פאַרגעסן האַלב־הילצערן הײַזל, אַן איינשטאָקיקס, טונקל. אפשר וווינען דאָרט די לע־גענדאַרע אַל־קאַפּאָנע־פאַרברעכערס פון שיקאַגאָ... אַרום און אַרום די וואָלקן־קראַצערס און דאָס פאַרגעסענע הײַזל צווישן זיי, עפּעס ווי אַ קעצל, וואָס כאַפּט זיך אַ מאָל אַרײַן אין אַ שטאָל צווישן קי — —

— ווער וווינט דאָ? — שרײַ איך אויס.

— טאָדרעס געלער.

און אין אַ מינוט אַרום זענען מיר אַרויס פון שיקאַגאָ און זענען געווען אין דער אַלטער היים אין אונדזער אַלעמענס זיידנס וואַרעם פּרייטיק־צונאַכטיק שטיבעלע, אַ שטיבל אָנגעפּיקעוועט מיט ייִדישקייט פון דער היימיש געקאַלכ־טער סטעליע פון האַלץ ביז צו דער היימישער פּאָדלאָגע פון האָלץ. אַפילו דער דאַך רינט דאָ צו ביסלעך. אַז סטיל — איז סטיל. און די פרוי געלער — אַ שטילע מאַמע, אַ שטילע טויב. אַלץ איז ייִדיש פרײַטיק־צונאַכטיק. פון אַלע ייִדישע און מעקסיקאַנישע און אַמעריקאַנישע בילדער פאַרכאַפּט מיך צום שטאַרקסטן אַ בילד פון קאַסרילעווקע אין ניו־יאָרק. אַ ייִדישער מאַרק מיט אַלעטשקע פּיטשעווקעס און איבער אים — געבראַזג פון די עלעווייטערס, די שטאָל־שטיינערנע גרויע הימל־ליניע פון ניו־יאָרק. ווען איך וואָלט געהאַט טויזנט דאָלאַר וואָלט איך דאָס בילד געקויפט, נאָר אַזוי ווי איך האָב נישט האָבן איך מיך געמוזט באַגנוגענען מיט אויגן־נחת, וואָס איז בײַ מיר אַ טויזנט דאָלאַר ווערט געווען.

אַז מיר זענען אַרויס פון געלערן, האָבן די צוויי רעפּלעקטאָרן אויף דעם לינדבערג־טורעם נאָך אַלץ, ווי אַ גיגאַנטישע שער, געשניטן און געשניטן דעם שוואַרצן לײַוונט פון שיקאַגער נאַכטהימל.

נסים, נישט אמת? אַזאַ מין טאָדרעס געלער, אַזאַ מין שטיק גלאַט־כשרע קינסטלערישע ייִדישקייט אין סאַמע מיט טריפענעם האַרץ פון אַ גיגאַנטישן שיקאַגאָ.

1939

חיהלה גראַבער

געבוירן אין ביאַליסטאָק. פון די ערשטע אַקטריסעס פון דער „הבימה" אין מאָסקווע. זינט 1929 זעלבשטענדיקע קאָנצערטיסטין. קינסטלערישע טורן איבער גאָר דער וועלט. פערמאַנענטע היים אין מאָנטרעאָל. זינט 1968 אין ישראל. געשטאָרבן 9טן דעצעמבער 1978.

אויף נעמען און אויף מעשיות פרעגט מען נישט קיין קשיות. נאָר פאַרט וואָלט צו דער „איידעלער פיגור", ווי עס זינגט זיך ערגעץ אין אַ יידישן ליבע־פאָלקסליד, און צו דעם ספּעציפישן איידעלן טאָן פון געזאַנג און רעציטאַציע פון דער קינסטלערין חיהלע גראַבער — גיכער געפּאַסט דער נאָמען פייגעלע, אָדער ציפּורהלע איידל, אָדער דינער. האָב איך טאָקע ניט געפרעגט קיין קשיא, נאָר פעסטגעשטעלט, אַז בײַ חיהלע גראַבער הייבט זיך אָן די אָריגינעלקייט שוין בײַם נאָמען, און בײַ אַ קינסטלער איז אָריגינעלקייט אַ פונדאַמענטאַלער ענין.

פונקט ווי עס איז כּמעט אוממעגלעך צו דעפינירן דאָס וואָרט „קונסט" — אַזוי איז אויך כּמעט אוממעגלעך צו פאָרמולירן די שליחות פון קינסטלער — אויף וועלכן נישט איז פון די קונסטגעביטן — פּאָעזיע, מאָלערײַ, מוזיק, טאַנץ. און פאָרט פאָרמולירט מען, און לאָמיר עס אויך טאָן: אַ קינסטלער פילט טיף, צום טיפסטן, די נשמה־אייגנאַרטיקייט פון דעם פאָלק, צו וועלכן ער באַלאַנגט, און ער ברענגט אָט די אייגנאַרטיקייט צום אויסדרוק דורך די מיטלען וואָס זענען אים מיט גאָטס בענטשונג געגעבן געוואָרן — אין זײַן גײַסט, זײַן האַרץ, זײַנע הענט, זײַן שטים. שרײַבט ער לידער אָדער פּראָזע, מאָלט ער, זינגט ער, טאַנצט ער אָדער שפּילט ער אויס זײַן געטלעכע שליחות — זײַן אייגענער אָריגינעלער טאָן פאַרשטאַרקט און קאָנצענטרירט דעם אָריגינעלן טאָן פונעם געניוס פון זײַן פאָלק.

און כּדי אָנצונעמען די אַלע נאָר וואָס געזאָגטע ווערטער אויף דעם מיניאַטור־טעאַטערל אין איין פּערזאָן, וואָס זײַן נאָמען איז חיהלע גראַבער, וואָלטן מיר דאָס ווײַטערדיקע געדאַרפט שרײַבן מיט נאָטן און ניט מיט ווערטער. נאָר אַזוי ווי מיר מוזן בלײַבן בײַ ווערטער — וועלן מיר זאָגן אָט אַזוי:

חיהלע גראַבערס זינג־זאַנג־שפּיל האָט אין זיך דעם תּפילה־טאָן פון ליכט־בענטשן, דעם קאָליר פון דער מאַמעס ליכט־באַשטראַלטע, בלייכע הענט, דעם שאָרך פון דעם זײַדענעם, געהייליקטן קלייד, בשעת דעם שבת־פרימאָרגנדיקן גאַנג אין שול אַרײַן, דאָס פאַרבענקטע פּירלייענען פאַר קינדער און אייניקלעך די מעשיות פון צאינה־וראינה, דאָס אומעטיקע געזעגענען זיך מיטן שבת־קודש

בײַם זאָגן די — גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב־תּפילה. — אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ — אין איר טאָן איז אויך דאָ די חסידישע התלהבות, וואָס מאַכט פאַרגעסן אַלע צרות און דאגות פון דער וואָך בײַם רבינס טיש, אָבער עס איז אויך דאָ — ווען די אינטערפּרעטאַציע פאָדערט — דאָס דינע אַריסטאָקראַ־טישע און מתנגדישע קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דעם וועלט־פאַרגעסענעם חסיד. און אין חיהלע גראָבערס הענט איז דאָ אי דאָס השתּפּחות־הנפשדיקע פּאַטשן אין די האַנטפלאַכן מיט חסידישן ברען, און אי דאָס וואַרעמע אַרומנעמען אַ קינד, וואָס זאָל ניט אַנטשלאָפן ווערן, און אַפילו דאָס האַרעווען מיט אַ פּרעס־אײַזן און בענקען נאָך אַ חתן, וואָס דינט ערגעץ בײַם מיליטער. מיט איין וואָרט, דער טאָן און דער זשעסט פון דעם גאַנצן רעגיסטער פון יידישן פאָלקסלעבן אין יידישלעכן שטעטל.

מענטשן וואָס פאַרשטייען נישט דעם באַצווינגענדיקן כּוח פון עכטער קונסט מיינען, אַז כּדי צו ווירקן אויף גרויסע מאַסן מוז זיך דער קינסטלער אַראָפּלאָזן צו זיי; האָב איך אָבער געזען־געהערט חיהלע גראָבערס קאָנצערטן אין זאַלן פאַר טויזנטער צוקוקערס אין וואַרשע, אין בוענאָס־אײַרעס, אין לאָנדאָן — און זי האָט דאָך אין איר פּערלדיק געקליבענעם רעפּערטואַר קיין מאָל זיך נישט אַראָפּגעלאָזט אַפילו אויף איין טרעפּל צום פּובליקום. אַדרבא, זי האָט דאָס פּוב־ליקום אַלע מאָל אויפגעהויבן צען טרעפּ העכער. און דאָס אַלץ צוליב דעם, ווײַל חיהלע גראָבער איז אַ קלוגע אין לעבן און אַזוי אין איר קונסט.

און ווײַל זי איז אַ קלוגע, ווייסט זי, אַז שטים און זשעסט זענען נישט אייביק, אָבער וואָרט איז אייביק — שרײַבט זי אירע זכרונות אונטערן נאָמען: צו דער גרויסער וועלט — און זי גיט זיי אַרויס אין דרוק. און אַזוי וועט בלײַבן איר קונסט אין גראַמאָפאָן־פּלאַטן און איר גאַנצע געשטאַלט און איר אינטע־רעסאַנט לעבן אין ביכער. אַ קלוג יידיש קינסטלעריש לעבן: חיהלע גראָבער.

1968

חיים גראַדע

געבוירן אין יאָר 1910 אין ווילנע, יוגנט אין נאַוואָרעדאָק. יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד. 1948—1946 אין פּאַריז. זינט 1948 אין ניו־יאָרק.

חיים גראַדע איז אַ ראש־ישיבה, אַ באַרימטער ראש־ישיבה פון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט אין דער ליטע, אַ ראש־ישיבה, אַן עוקר הרים — וואָס איז געוואָרן אַ באַרימטער ייִדישער דיכטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — קודם־כּל אין ווילנע און שפּעטער אין אַמעריקע. די נאַטור פון אַן עוקר הרים איז סײַ ווי אין אים געבליבן. נאָר אַזוי ווי ער איז אַ קלוגער — האַלט ער אָט די גײַסטיקע תּאווה אין זיך צוריק. נאָר גיי באַהאַלט אַ פלאַם־פײַער הינטער אַ פּרוכת פון ריטמען און גראַמען און אַפילו דערציילונגען און ראָמאַנען.

חיים גראַדע איז אַ פּערטל טפח קלענער ווי מיטלוווקס. נאָר עס פּאַסט אים. עס גיט אים צו חן, כאָטש ווער וויל עס נישט זײַן כאָטש דרײַ טפחים העכער ווי ער איז. ער איז אַ טונקל־בלאָנדער און האָט אַן אויסגעשטערנטן שטערן און ברוגזע ברעמען און דורכדרינגענדיקע אויגן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ראש־ישיבה, וואָס האָט צו טון כּסדר מיט הונדערטער תּלמידים און יעדער תּלמיד איז אַ וועלט פאַר זיך, ווײַל אַליין זײַן אַן עוקר הרים. גראַדע טראָגט שאַרפע אויגנגלעזער אויף דער נישט־סעמיטישער נאָז און ער קען אָפּט אַ סך שווײַגן אין געזעלשאַפט. נאָר דאָס איז אַזאַ מין שווײַגן, וואָס רעדט, אָבער, מחמת עס האָט נישט ליב צו רעדן סתּם — רוט זיך עס אָפּ. עס האָט צײַט.

אַז חיים גראַדע רעדט, רעדט ער הויך, אַפילו אַ ביסל באַפעלעריש. ער ציילט אַפילו די ווערטער זײַנע, אָבער ער ציילט זיי גאַנץ גיך. אַ גענײטער ציילער. ווייסט דעם ווערט פון די מטבעות, אָבער נישטאָ צו פיל צײַט. מוז מען ציילן גיך.

אַז חיים גראַדע איז נאָך עטלעכע יאָר שרײַבן און דרוקן — צו זײַנע 26 — אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן אייגענעם בוך שירים, איז ער אַרײַן אַזוי, ווי איינער גייט אַרײַן אין דער אייגענער שטוב, צום אייגענעם ווײַב און די אייגענע קינדער, פון וואַנעט ער איז נאָר וואָס אויף אַ רגע אַרויס. ער איז אַרײַן אָן אַ גוט־מאָרגן, ער איז אַרײַן מיט אַ „יאָ!" — אַזוי האָט זיך גערופן די ערשטע לידער־זאַמלונג זײַנע און זי איז אין אַ יאָר אַרום אַרויס אין צווייטער אויפלאַגע. מיט לידערביכער האָט עס אין די מאָדערנע לידערצײַטן בײַ אונדז פּאַסירט נאָר עטלעכע, געציילטע מאָל. חיים גראַדע איז אַ מזלדיקער בײַ אונדז.

אַ סך דיכטער האָבן מוטער־קאָמפּלעקסן בײַ אונדז. און אין וועלכער לי־

טעראַטור דען נישט? דער באַרימטסטער פון די קאָמפּלעקסן בײַ אונדז איז דער מוטער־קאָמפּלעקס פון אונדזער באַרימטסטן — שלום אַש. דאָרט איז ער ווי אַ צעצווײַגטער בוים — מיט יעדן צווײַג אַרײַנגעוואַקסן אין אַ פענצטער פון אַן אַנדער באַרימט ווערק זײַנס. אונדזער גרויסער ה. לייוויק — איז אָריגינעל און זעלטן אויך מיט זײַן פּאַטער־קאָמפּלעקס. און חיים גראַדע האָט דערפירט צו אַ גרויסער קינסטלערישער שלימות זײַן מוטער־קאָמפּלעקס. און עס זענען דאָ באַזונדערע ביאָגראַפישע סיבות דערצו אויך. געווען צווייערלײי קינדער אין דער משפחה און ער — חיים — איז געווען דאָס זאָרגן־קינד פון זײַן מוטער — ווּעלע. צוליב אים האָט זי געלעבט און געליטן און געהאַנדלט אויפן מאַרק און געחלומט פון — — אַ ראש־ישיבה, רב חיים, אַן אָנשפּאַר און אַ שטאָלץ אין די אַלטע יאָרן. און אַז דער זון איז אַוועק אויף די דרכים, אויף וועלכע ער איז אַוועק — האָט זי דאָס אָנגענומען ווי גורל און סײַ ווי געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם.

מיט אַ ליד צו דער מאַמען האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לידערבוך „יאָ‟ און זי איז דאָ אין טיטל פון צוויי ביכער: „דער מאַמעס צוואה‟ — שירים, „דער מאַמעס שבתים‟ — פּראָזע. און זי איז דאָ אין אָפענעם אָדער באַהאַלטענעם אינהאַלט אין כמעט יעדער שאַפונג גראַדעס. איר שטרענג פּנים באַצירט — אין אַ שוואַרץ טיכל אײַנגערעמט — איינס פון גראַדעס ביכער. איר פּנים יאָ און נישט אַן אורבילד פון דעם פּנים פון איר דיכטער־זון. דאָס זעלבע בילד הענגט אין גראַדעס אַרבעטשטוב אין ניו־יאָרק און ער האַלט אין איין קוקן אויף דעם, כאָטש עס איז סײַ ווי דאָ אין אים, ווי דאָס בילד פון יעקב אָבינו איז געווען, לויט אונדזער מסורה, אין האַרץ פון יוסף הצדיק אין אַלע זײַנע יאָרן אין פאַרשײַטן לאַנד מצרים.

אַז חיים גראַדע איז אַרײַן אין אַמעריקע, אין דעם גרעסטן ייִשוב בײַ ייִדן פון אַלע צײַטן, מיט דער גרויסער טראַדיציע פון אַ מאָל און דער גרויסער וואָג פון הײַנט פון דער אַמעריקאַניש־ייִדישער ליטעראַטור, און געווען איז עס אין יאָר 1948 בימי ייִדישן קולטור־קאָנגרעס — איז ער — נאַיווערהייט (אויך אַ ליטוואַק בן־ליטוואַק איז אַ מאָל נאַיוו) אַרײַן מיט אַ שאַרף־קריטישן „ניין‟. אָבער גראַד באַלד האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז מידת־הדין צו דער ייִדישער ליטעראַטור קען מען נישט אָנווענדן אין ערגעץ און קיין מאָל און אַפילו נישט אין דעם גרויס־ייִשוב אַמעריקע. ער האָט עס דאָך געדאַרפט וויסן, ער, חיים גראַדע, מיט דעם מוטער־קאָמפּלעקס, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַליין אַ גרויסע מאַמע און מען מוז זי באַהאַנדלען מיט מידת־הרחמים, ווײַל אויך זי איז אין טיפסטן תוך איין גרויסע שאַל פון מידת־הרחמים איבער אונדז אַלע. און חיים גראַדע האָט זיך באַלד אינטעגרירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אונטערגעשטעלט אַן אַקסל און געוואָרן אייבער פון אירע זײַלן.

אינאַ העקער איז געװען אַ בלאָנד, שלאַנק, חנעװודיק און װעלט־נײַגעריק מײדל, אַ סאַבּרע פון מאָסקװע, אַ טאָכטער פון אַ ייִדישן דאָקטאָר, אויב איך האָב נישט קײן טעות. אינאַ העקער איז געװאָרן חיים גראַדעס צװײטע פרוי. אין תּהום פון דריטן חורבן איז זײַן ערשטע פרוי פאַרשװוּנדן. פאַר אינאַ העקער־גראַדע איז די ייִדישע ליטעראַטור אַן אינטעגראַלער טײל פון דער װעלט־ליטעראַטור — און אַזוי װי זי איז אַ גראַדואירטע פון מאָסקװער גימנאַזיעס און ניו־יאָרקער אוניװערסיטעטן און אַ ספּעציאַליסט פון פאַרגלײַכנדיקער ליטעראַטור־װיסנשאַפט — מעסט זי נאָך אַלץ און װעגט די ייִדישע ליטעראַטור מיט דער מאָס און װאָג פון די װעלט־ליטעראַטורן. גראַדעס דירה איז אָנגעשטאָפּט מיט יקר־המציאותן און סתּם געקליבענע ספרים אײנס אין אײנס, און ער איז אַ בקי אין זײ און איז אין זײ גאַנץ אָפּט טאַקע מעיין. דרײט זיך אינאַטשקאַ — אַזוי רופט זי חײמקע, אַזוי רופט זי אים — איבער אָט די שטובן אַרום, װי אַ פאַרבענקטער פױגל פון אַן אַנדערן װאַלד, אַן אַנדערן װעלטטײל. קען זי גראַדעס װערק — רעדט װעגן זײ און האַלט זײ אין אײן פאַרגלײַכן און צוגלײַכן צו די װערק פון דער װעלט־ליטעראַטור אין װעלכער זי איז אַ בקי, קען זי דאָ און דאָרט די װערק פון גראַדעס חברים.

דאָ אַנמולט האָב איך געהערט אַ לעקציע פון אינאַ העקער־גראַדע אין אַ ניו־יאָרקער קאָלעדזש. אַ פראַנצײזישער העכערער אַנשטאַלט. די לעקציע איז געװען אין ענגליש. אָבער אין דער אױדיטאָריע זענען געװען פראַנצױזן, אױך פאַרביקע. און מײַן פאַנטאַזיע איז געפלױגן: װילנער מאַרק, נאָװאַרעדאָקער ישיבה, מאָסקװע, פּאַריז, ניו־יאָרק — פרעמדע װעלטן, נאָענטע װעלטן, באַגעגענישן, פרעמדע בליקן, װאָס װערן נאָענט, נאָענט און קוקן זיך אָן װי צװײ פײגל, ערגעץ אין די הײכן, איבער די װאָלקנס, װאָס אײנער פליט פון צפון קײן דרום און אײנער פון דרום קײן צפון — און פּלוצלינג פליִען זײ צוזאַמען — װוּנדערלעכע װעלט. סתּם אַזױ. פרעמדע — אַזױ פרעמד, נאָענטע — אַזױ נאָענט. ערגעץ װוּ װאַרט אַ נישט־געשריבן װערק װעגן דער ייִדישער ליטעראַטור אויפן פאָן פון דער װעלט־ליטעראַטור. װי דאָס װערק װעט הײסן — װער װײסט? דער מחבר װעט זײַן אינאַ העקער־גראַדע.

איך װײס נישט װאָס עס איז, אָבער איך האָב אַלע מאָל אַ געפיל, אַז עפּעס מאַכט גראַדען אומרויִק אין דער אָנװעזנהײט פון דעם שרײַבער פון די בלעטער. און עפּעס מאַכט אױך מיך אומרויִק אין זײַן אָנװעזנהײט. װאָס מיך מאַכט אומרויִק אַנט עס מיך: עס זענען טענות, װאָס איך האָב צו אים, זײַן גרױסן ליטעראַרישן כּוח מיט פירנדיקע קװאַליטעטן. און ער איז דאָך אַ מוסרניק, װײסט פון אַחריות פאַר גאָט און פאַר לײַט. און װי אָפט מיר באַגעגענען זיך — קום איך מיט די טענות־מענות אַרױס. אַ דאַנק אָט די טענות־מענות צו גראַדען איז אַנטשטאַנען די פּאָעמע „קרױנונג פון אַ יונגן ייִדישן דיכטער אין אַמעריקע״.

האָבן אָבער טענות־מענות זעלטן װען אױסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקײטן איבערצײַגט. דער ראש־ישיבה, לױט אַ סך אַטריבוטן זײַנע — װיל קײן ראש־ישיבה נישט זײַן. ער װיל בעסער רעקאָנסטרויִרן דעם גאַנצן נעכטן פון דער ליטע, אײדער העלפן אינטעגרירן דעם צעבערעקלטן ייִדישן הײַנט אין אַמעריקע אין נאָמען פון אַ נישט־זיכערער מאָרגנדיקער גאַנצקײט. און אױף דעם װעג גײט ער, מיט זיכערקײט און מיט קלאָרער ניכטערקײט, כאָטש חיים גראַדע האָט ליב צװישן חברים אַ לחיים אױף צו פאַרלײַכטערן דאָס שװערע געמיט פון אונדזער צײַט.

אין אײביק צעשטורעמטן ים פון דער ייִדישער צײַט, געװען איז עס יאַנואַר 1957, אינעם אײביק כװאַליעדיקן ים פון ניו־יאָרקער שטח, זענען אין אַן אָװנט אַ שעה לאַנג געגאַנגען צװײ — דאָס האָט גראַדע מיך באַגלײט צו דער סאָבװעי נאָך אַ באַזוך בײַ אים. אין זכרון פּלאָנטערט זיך מיר בשעתן גאַנג גראַדעס דעקאַדענטיש ליד פון זײַן ערשטן גילגול — „געשטאָרבן איז חײַמל שלמהס" — איך האָב עס מיט אַנטציקונג צענדליקער מאָל פירגעלײענט אין געזעל־שאַפטן, עס איז געװען אין אױסטראַליע אין יאָר 1936. 21 יאָר. הײַנט גײט נעבן מיר מיט פעסטע טריט אײנער פון די גאָט־געבענטשטע רעקאָנסטרוקטאָרן אין װאָרט פון גרױסן ליטװישן ייִדנטום. דער זעלביקער רב חײמל שלמהס — אַ מענטש מיטן כּוח פון אַ ראש־ישיבה, װאָס װיל בעסער זײַן נאָר אַ מחבר פון ספרים.

1958

משה גראַניטשטיין

געבוירן 1897 אין קאָוועל, וואָלין. זינט 1927 אין אַרגענ־טינע. געשטאָרבן 22סטן יוני 1956.

משה גראַניטשטיין איז אויסער די גרענעצן פון אַרגענטינע זייער ווייניק באַקאַנט, הגם ער האָט שוין אַרויסגעגעבן צען, אָדער מער, ייִדישע ביכלעך אויף אַלערליי געביטן פון ליטעראַרישן שאַפן. אַ מאָדנער מענטש — אפשר אַ טשודאַק (דאָס וואָרט „טשודאַק" איז קיין מאָל קיין באַליידיקונג נישט — אין דעם פאַל אַוודאי נישט).

אַ מאָגערער, אַ מיטלוווּקסיקער, אַ שוואַרצער, די אונטערשטע ליפּ אַ ביסל אַרויסגערוקט, ער קוקט אײַנעם אָן מיט אַזאַ אײַנגעשפּאַרטקייט, אַז אָט־אָט וועט ער אים זאָגן דעם גאַנצן אמת אין די אויגן אַרײַן. און ער זאָגט, אַז מען גיט אים נאָר די מינדסטע געלעגנהייט דערצו. ער זאָגט אויך אַלע מאָל, אַז ער אַליין קען אויך הערן דעם גאַנצן אמת אין די אויגן אַרײַן און בלײַבן זייער רויק — אָבער דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי. איך האָב אַ מאָל פּרובירט, האָב איך מיך אָפּגעבריט און האָב שוין מער נישט פּרובירט. אָבער דער ווילן איז שוין אויך צו לויבן; ווי זאָגט דער עוואַנגעליסט: דאָס פלייש איז שוואַך, דער גײַסט איז וויליק. אַנדערע קומען צו דער מדרגה אויך נישט צו.

איך בין איבערצײַגט, אַז אין גראַניטשטיינען איז דאָ אַ קערן פון טאַלאַנט. איך גלייב אַפילו, אַז ער קען פון זיך אַרויסברענגען אַ מאָל אַ באַדײַטנדיק ווערק. נאָר דער קערן איז טיף פאַרבאָרגן, זייער טיף. צען מאָל האָט זיך שוין גראַניטשטיין געשיילט — ביכער אַרויסגעגעבן — און נאָך אַלץ נישט צוגעקו־מען צום ריכטיקן קערן. ער האָט געשריבן עסייען, קריטיק, פּאָפּולערע גע־שיכטע, נאָוועלן, אימפּרעסיעס, דערינערונגען, ער האָט אַפילו געשריבן אַזעלכע זאַכן, וואָס מען קען נישט גענוי באַשטימען צו וועלכער פאָרעם ליטעראַטור זיי געהערן. ער האָט שוין פאַר זײַן שרײַבן געהאַט קאָלטס און וואָרעמס; אין דעם פאַל איז אַפילו „קאָלטס און וואָרעמס" נישט גענוג. בײַ אים דאַרף מען זאָגן: זינדיקס און פרידנדיקס. גראַניטשטיין האַלט אויס די קריטיק מיט אַ מין סטאָי־ציזם (אויסערלעך), וואָס נישט איין פילאָסאָף וואָלט אים געדאַרפט מקנא זײַן. שאָלן און שאָלן — גראַניטשטיין שיילט זיך נאָך אַלץ, דערגראָבט זיך צו זײַן קערן. עס געדויערט שוין אַ ביסל צו לאַנג אַפילו די דאָזיקע גײַסטיקע אויסטו־סצענע... אָבער דער רעזולטאַט וועט קומען.

גראַניטשטיין האָט נישט קיין קינסטלערישע מאָס און קיין טאַקט אין זײַן שרײַבן, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פיל לעבנס־דערפאַרונגען זײַנע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין מיזרח פון אייראָפּע אין סאַמע געדיכטסטן

פֿונקט פֿון ייִדישע אומגליקן, אין וואָלין. ער איז אויך, אויב איך האָב נישט קיין טעות, געווען אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי, פּשוט — מאָביליזירט.

מיט אַ סך יאָרן צוריק, אפֿשר אַרום 1923, האָב איך גראַניטשטיינען דאָס ערשטע מאָל געטראָפֿן אין אַ וואָלינער שטאָט, שפּעטער אין וואַרשע און איצט אין אַרגענטינע. גראַניטשטיין האָט מיר דערמאָנט אונדזערע זייער אַגרעסיווע באַגעגענישן אין פּוילן. ער האָט מיר דערמאָנט זאַכן, וואָס איך האָב שוין פֿאַרגעסן. איך האָב משמעות געטײַטלט אויף דער אינעווייניקסטער פֿלאַך פֿון מײַן האַנט און געשריִען: אַט אַ דאָ װעלן וואַקסן האָר פֿונקט צו דער זעלבער צײַט, ווען פֿון דעם גראַניטשטיין וועט וואַקסן אַ גרין גרעזל פֿון טאַלאַנט... איך געדענק דאָס נישט, אָבער גראַניטשטיין פֿאַרזיכערט, אַז אַזוי איז עס געווען. גרויזאַם געגנוג בין איך דערויף געווען אין יענע יאָרן פֿון שטורעם און דראַנג.

בשעת מײַן פֿאַרווײַלן אין אַרגענטינע האָט מיר משה גראַניטשטיין אַ מאָל פֿאָרגעלייגט צו שרײַבן אַ הקדמה צו זײַנס אַ נײַעם בוך. ער האָט מיר געגעבן די פֿולע פֿרײַהייט צו שרײַבן די הקדמה אַפֿילו אין זין פֿון אונדזער אויפֿגערעגטן געשפּרעך פֿון 1923 אין פּוילן. אָבער אין מיטן פֿון מײַן לייענען זײַן ווערק און אויסהערנדיק עטלעכע טעזעס פֿון מײַן קריטיק, האָט ער זיך צוריקגעצויגן מיט אַזאַ בייזער אַגרעסיווקייט, ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פֿון איינעם, וואָס וויל אים כּיטרע פֿאַרסמען... איך האָב מיך פּשוט דערשראָקן.

נאָך איין, נאָך צוויי ביכערשאַלן און דער גראַניטשטיין־קערן וועט ווערן קלאָר. גראַניטשטיין האָט אַ געוואַלטיקן רבנישן וויסן, ער זאָגט אַליין, אַז צו פֿיל. עס ליגט אויף אים ווי אַן אָנגעבונדענע מאַסע, ווי אַ פֿאַרשלונגענע אומפֿאַרדײַלעכע זאַך. פּשוט, צו פֿיל. וואַרשײַנלעך וועט זײַן דרײַצנט ווערק זײַן אַ רײַף ווערק, וואַרשײַנלעך וועט עס זײַן אַ בעלעטריסטיש איבערגעגעבענע אַליין־איבערלעבונג. זײַן זשאַנער. ער איז אַן אײַנגעשפּאַרטער ביכער־אַרויסגעבער. אַפֿילו ווען מען וועט דאַרפֿן בלויז איין עקזעמפּלאַר דרוקן, וועט ער עס נאָך אַלץ טון, זאָגט ער.

1938

נפתלי גראָס

געבוירן 15טן דעצעמבער 1896 אין קאָלאָמיי. 1913 געקו־מען קײַן אַמעריקע. געשטאָרבן דעם 8טן אַפּריל 1956.

אַזאַ אומעטיק און אין דער זעלבער צײַט מיט אינערלעכן פײַער פלאַ־קערנדיק, שוואַרץ־אויגיק־האָריק ייִדיש פּנים — ווי דאָס פּנים פון דעם דיכ־טער־איבערזעצער־מעשׂה־דערציילער נפתלי גראָס — קען מען נאָך זען נאָר אין די חומש־בילדער פון אפרים משה ליליען, אָדער אין די חומש־מעשׂיות פון שלום אַש. ווי אַזוי האָט ער עפּעס בכלל פאַרבלאָנדזשעט מיט זײַן אָבותדיקער, מידברישער שטילקייט און רו אין דעם טומלדיקסטן ווינקל פון דער ערד — ניו־יאָרק? ער רעדט שטיל, ער שמייכלט זעלטן. אַזוי זענען דאָך אויך די תּנ״ך־געשטאַלטן. זעלטן אַ שמייכל אויף זייערע פּנימער. לעבט ער טאַקע אין ניו־יאָרק — נפתלי גראָס — און ער האָט אַפילו אָנדערטהאַלבן צענדליק יאָר גע־אַרבעט אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, אָבער שרײַבן שרײַבט ער מיטן פּנים געווענדט צום מיזרח און צו פּריִערדיקע יאָרטויזנטער, אָדער כאָטש יאָרהונ־דערטער. אַ מאָל איז דער מיזרח — מיזרח־אייראָפּע, ווען ער באַשרײַבט־באַזינגט היימישע ייִדן פון קאָלאָמיי און די שטעטלעך און דערפער אַרום. און אַ מאָל איז דער מיזרח — דער מיטעלער מיזרח פון די צײַטן פון חומש און תּנ״ך. ער האָט אַפילו געזוכט צונויפצובינדן ביידע ייִדישע מיזרחס אין זײַנע מײַסטערישע איבערזעצונגען פון די פינף מגילות; פון תהילים. האָט יהואָש געשטעלט דעם טראָפּ אויף וויסנשאַפטלעכער עקזאַקטקייט אין זײַנע איבערזע־צונגען — האָט זיך נפתלי גראָס מער קאָנצענטרירט אויף דער פּאָעטישקייט און מוזיקאַלישקייט אין זײַנע תּנ״כישע פאַרייִדישונגען. און אויך אין זײַן זאַמ־לונג פון הונדערטער „מעשׂהלעך און משלים״ — די שענסטע פון דעם מין אין דער ייִדישער ליטעראַטור — זוכט ער זיי סטיליסטיש און אינהאַלטלעך צו־נויפצומישן מיט די תּנ״כישע מעשׂיות און משלים. אַ מין מאָדערנער מדרש.

און לאָמיר אויך דערציילן אַ מעשׂהלע מיט נפתלי גראָס. איין מאָל — און געווען איז עס אין דער מיט פון די צוואָנציקער יאָרן, ווען אין וואַרשע האָט געטומלט די ליטעראַרישע גרופּע מיט דעם נאָמען „כאַליאַסטרע״, באַוויזט זיך פּלוצלינג אין ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקי 13, אַ מילטוווקסיקער יונ־גער־מאַן. און מאַרקיש און איך, אַזוי גיך מיר דערזעען אים, גיבן מיר אים ביידע אַ רוף אויס: אוי, אַ פּנים פון שלמה המלך. עס פעלט נאָר די פּעך־שוואַרצע געקרײַזלטע באָרד... אָבער דאָס איז געווען נפתלי גראָס. ער פאָרט באַזוכן זײַן היימשטאָט און ער וועט דאָ בלײַבן אַ פּאָר וואָכן. צווישן יאָ און ניין האָב איך אים שוין פאַרבעטן אײַנצושטיין בײַ מיר. גראָס איז מסכּים. אָבער

ווי איך פיר אים אַזוי אַרויף אויף די פיל שטאָקן הילצערנע טרעפּ אויף באָוואָ־ליפּקי 46, און ווי איך פיר אים אַרײַן אין מײַן בוידעם־דירה און ווײַז אים אָן איינע פון די קאָמערן מיט דעם דאַכפענצטער: — דאָ וועט איר וווינען — זענען די גרויסע אויגן פון נפתלי גראָס געוואָרן ווי צוויי אָזערעס אין אַ שטערנלאָזער נאַכט, אַזוי טיף און אַזוי אומעטיק. אָבער קיין ברירה איז שוין נישט געווען. איז ער געבליבן וווינען. נאָר כאָטש איך האָב מיך געמיט, און מײַן משפחה האָט זיך געמיט — אַמעריקאַנער באַקוועמלעכקייטן האָבן מיר נישט געקענט געבן. האָט מײַן גאַסט געשוויגן און געליטן און ער איז עפּעס בכלל געווען אַנטוישט פון דעם וואַרשעווער ייִדישן מוראַשניק. און איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ער איז צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַזאַ ערנסט פּנים, ווי משה רבינו איז צוגעגאַנגען צו פּרעהן, און געזאָגט האָט ער מיט אַ טיפער שטים: — מלך, מלך, איר מוזט מיך אַרויסלאָזן פון דאַנעט... און ער האָט אײַנ־געפּאַקט זײַן טשעמאָדאַן און ער איז אַרויס פון מצרים... און איך האָב אים נישט נאָכגעיאָגט, נײַערט געהאָלפן טראָגן די פּעקלעך און אַרײַנטראָגן זיי אין אַ שיינעם האָטעל, ווי עס פּאַסט פּאַר אַן אַמעריקאַנער. — — — ווי אָפט מיר פלעגן זיך דערמאָנען יענע מעשה פון יציאת־בוידעמשטיבל, האָבן מיר געלאַכט אָן אַ שיעור.

אויף דרײַ וועגן איז געגאַנגען נפתלי גראָס צו זײַן אייביקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, געדיכטע, זאַפּטיקע, פאַרביקע, קלאַנגיקע נאַטורלידער האָט ער געשריבן און לידער פון פּשוטע ייִדן, מגושמדיקע ייִדן — נאָר ער, וואָס איז געווען אַ תּלמיד־חכם, האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט, דאָס איז איין וועג זײַנער. און דער צווייטער וועג איז געווען צו זאַמלען און סטיליזירן ייִדישע פאָלקס־מעשׂיות. די לײַדנשאַפט פון איבערדערציילן מעשׂיות האָט ער געירשנט פון זײַן טאַטן, און דער דריטער וועג איז געווען און געבליבן בלויז אַ פּאַרמעסט. צו טון נאָך אַ מאָל — און בעסער, ווי ער האָט געגלייבט אין זײַן דאָרפיש־אײַנגעשפּאַרטער תּמימות — דאָס זעלבע, וואָס עס האָט געטון יהואָש. אָבער אין דעם איז ער געבליבן אין מיטן וועג. מגילות און תּהילים — און אפשר זענען געבליבן ספרים אין כּתב־יד.

איין מאָל — און געווען איז עס אין ניו־יאָרק — גייט נפתלי גראָס מיט מיר. מיר דאַרפן גיין ווײַט און מיר שווײַגן. מיר קענען ביידע די קונץ. עס איז אָנהייב צווייטע וועלט־מלחמה. די זאָרג דריקט ווי אַ שטיין אויפן קאָפּ. און נאָך מער דערפאַר ווײַל מיר האָבן זיך נאָר וואָס איינער פאַרן אַנדערן אַראָפּגערעדט אַ ביסל פון האַרצן. חוץ צרות־רבים האָט גראָס אויך געהאַט אַ טראַגיש משפּחה־לעבן. זײַן געליבטע פרוי — שווער קראַנק. אָפּגערעדט, און מיר גייען און מיר שווײַגן. און עפּעס אַזוי ווי כּלאַחר־יד גיב איך גראָסן אַ פרעג וועגן זײַנע ליטעראַרישע פּלענער. און ער גיט זיך פּלוצלינג אַ צינד אָן

אי מיט התלהבות און אי מיט כּעס — ממש מיט כּעס. מיט התלהבות רעדט ער וועגן זײַן פּלאַן ענדלעך צו געבן אַ ייִדישע איבערזעצונג פון דעם תּנ״ך. און מיט כּעס אויף דעם, אַלס קלאַסיש אָנערקענטן איבערזעצער יהואָש ז״ל, וואָס איז שוין דעמאָלט 13 יאָר געווען אויפן עולם־האמת. פּאָרש איך: אפשר האָט איר געהאַט אַ מאָל אַ צונויפשטויס מיט יהואָשן — ווי אַ זאַך מאַכט זיך. און עס איז שווער צו פאַרגעסן. גראָס ווערט זיך מיט אַלע אברים: חלילה, וחלילה! איך האָב אים ליב געהאַט און איך האָב אים איצט ליב. חלילה! נאָר די איבערזעצונג זײַנע איז אויך חלילה זי צו נעמען אין האַנט אַרײַן... און ער ברענגט מיר ראיות פון אויסנווייניק און זײַנע גרויסע אויגן גליִען מיט אַ מלחמה־פֿײַערל. ממש אַ הייליקע מלחמה... איך קוק אויף מײַן פרײַנד און איך וווּנדער מיך. נאָר אַזוי זענען שוין דיכטער. שווער זיי צו באַנעמען. סײַ ווי וואָלט גוט געווען, ווען נפתלי גראָס וואָלט נישט געקרענקט אויפן האַרץ און די ייִדישע ליטעראַטור וואָלט געהאַט נאָך איין תּנ״ך־איבערזעצונג מיטן טראָפּ אויף פאָלקסטימלעכער מוזיקאַלישקייט פון לשון. געבליבן זענען: מגילות, תּהילים — גם זו לטובה!

מלך גראַפּשטיין

געבוירן פעברואַר 1893 אין אַ שטעטל לעבן אַפּט, פּוילן. 1907 געקומען קיין וואַרשע. 1912 — קיין אַמעריקע, 1913 — קיין קאַנאַדע. געוווינט אין לאָנדאָן, אָנטעריאָ. רײַזעס אין אייראָפּע, מדינת־ישראל. געשטאָרבן דעם 18טן יאַנואַר 1960 אין מיאַמי־ביטש. רוט אין לאָנדאָן, אָנטעריאָ.

פּרץ האָט געבענקט נאָך יוגנט, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער געבענקט. ער האָט אויך געבענקט נאָך זײַן אייגענער, אין אַ היפּשער מאָס פאַרלוירענער יוגנט. און צײַט איז שוין קיין סך נישט געבליבן. האָט פּרץ אויסגעקליבן דעם קירצסטן וועג דערצו — ער האָט אַלע מאָל און צו אַלץ געזוכט דעם לאַנגישסטן און דעם קירצסטן וועג. האָט ער זיך אַליין אָנ־געהויבן אַרומצורינגלען מיט יוגנט. און פּרץ האָט געבענקט נאָך טעאַטער, נאָך אַ גוט ייִדיש טעאַטער, אַזוי גוט און אַזוי מאָדערן און אַזוי נאַציאָנאַל, ווי עס איז געווען דאָס פּוילישע טעאַטער — מיט סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי בראָש. און פּרץ האָט אַרום זיך געשאַפן קרײַזן פון יונגע מענטשן סתּם און פון יונגע קינסטלערס אַוודאי און אַוודאי — און אויך אַזעלכע, וואָס עס ווילט זיך זיי זײַן קינסטלערס — מאָלערס, אַקטיאָרן, שרײַבערס. די געקליבנסטע פון זיי — דער עיקר די מיידלעך, די שיינע פּויליש־ייִדישע מיידלעך — האָבן געקראַנצט אַרום אים ווי די מוזעס און ער האָט זיי אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַנע אייגאַקי־טערס, אין זײַנע גרויסע דראַמעס אַפילו. ער האָט זיי אַרײַנגעחלומט אין זײַנע פּרויען־געשטאַלטן, און די יונגע פּרויען אַרײַנגעחלומט אין די ראָלעס, און אייניקע אַפילו אין דער חלום־ווירקלעכקייט פון טעאַטער־ברעטער. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

און אין דעם קרײַז פון פּרצעס יוגנט איז געווען איינער אַ פּרענדקער און אַ ביסל ווילדלעכער פּריקאַשטשיק אין אַ ווינקעלער אין וואַרשע, מיט אַ גור־טער שטים און מיט נאָך מער פּאַטאָס און ער האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו די בונדישע קרײַזן און זײַן נאָמען איז געווען מלך גראַפּשטיין. און ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אין דעם דאָזיקן יוגנטקרײַז פון פּרצן ביז ער איז אַוועק קיין אַמעריקע און שפּעטער קיין קאַנאַדע. אָבער דער חותם פון די יאָרן אַרום פּרצן האָט זיך אין זײַן נשמה אַזוי אײַנגעקריצט און אײַנגעברענט, ווי אַ זיגל פון רויטן לאַק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זידן.

אַ מענטש פול מיט ענערגיע — האָט מלך גראַפּשטיין, וואָס איז אין אַמע־ריקע געוואָרן מאַקס, זיך גענומען צו אַמעריקע און עס נישט שלעכט געמאַכט.

אַ מבין פֿון זײַדנס — האָט ער אויפֿגעבויט אַ געשעפֿט פֿון זײַדנס, אויף אַלע ייִדן געזאָגט. און אַ צאַלרײַכע משפּחה אַרום אים. און אַלע די יאָרן דאָ און דאָרט, הײַנט און פֿריִער — האָט דער אַלטער זיגל אַ ברי געטון און עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אַמאַטאָרישע פֿאַרשטעלונג אין ייִדיש.

ווײַנען האָט ער געווױנט אין לאָנדאָן, אָבער אין דעם קאַנאַדישן און נישט אין דעם אמתדיקן. נאָר דאָס איז אויך אַ שטעטל פֿון אַ מאה אַלפֿים אירע. דאָ האָט גראַפּשטיין אַרויסגעגעבן אַ ייִדיש־ענגלישע צײַטשריפֿט און דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אין ייִדיש — באַזונדערס צו דערמאָנען אַ בוך פֿון און וועגן שלמה גילבערט — אויך איינעם פֿון פּרץ־קרײַז, וואָס איז געוואָרן אַ טשודנער אַ ביסל ייִדישער שרײַבער און איז געבליבן און אומגעקומען אין וואַרשע אין דריטן חורבן.

אין ענגליש האָט גראַפּשטיין צונויפֿגעשטעלט און אַרויסגעגעבן אַ שלום־עליכם־פּאַנאָראַמע אין גרויסן פֿאָרמאַט, מיט אַ סך טעקסט און נאָך מער בילדער. און אַ קלענערע פּרץ־פּאַנאָראַמע. און עפּעס אַן אומשטילבאַרע בענקשאַפֿט, דער ברי פֿון יענעם זיגל... האָט אים געטריבן מיטצוזײַן אַליין אויף כאָטש יעדן צענטן בלעטל פֿון אָט די פּאַנאָראַמע־אָמניבוסן. האָט מען טענות. מילך ווייסט, אַז די טענות זענען גערעכטע, אָבער קעגן אַ נאַטור קען מען גאָר נישט טון. סײַ ווי זענען עס גוטע אויפֿטוען פֿאַר ייִדיש־פֿרײַנדלעכע גויִים און פֿאַר גוייִש־ליבנדיקע ייִדן. געהערט דאָס אַלץ צו אונדזער סביבה און זי אַקצעפּטירט עס, אַ מאָל מיט אַ שמייכל, אָבער אַלע מאָל מיט לאָיאַלער חברשאַפֿט.

אַז גראַפּשטיין באַווײַזט זיך ווערט אַ וויאַטער — ווי מען פֿלעגט זאָגן אין וואַרשע — ער איז אַ מענטש מיט אַ סך חסידישן ברען און פֿיַעטעט, נאָר אַפֿילו אַז ער איז שטיל פֿאַרהאָרכט, טומלט עס עפּעס. ער איז קיין עין־הרע אַ ייִד אַ שטיקל בעל־גוף מיט אַ סך שטים — אַזוי האָט אים כביכול באַשאַפֿן. אַליין שרײַבט ער זייער ווייניק. ער איז אַ ייִד אַ טוער און אַן אויפֿטוער.

מלך גראַפּשטיין האָט ליב געהאַט בײַ יעדער געלעגנהייט אויסצופּאַקן פֿאַר זײַן מיטשמועסער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. עס איז אים נישט געוווּג געווען צו לעבן מיט אַ ממש איבערמענטשלעכער אינטענסיווקייט דעם הײַנט פֿון זײַן לעבן, וואָס איז אַלע מאָל געווען דראַמאַטיש אָנגעצויגן, נאָר ער האָט ליב געהאַט כּסדר צו לעבן — אַזוי צו זאָגן — אין אַלע דורכגעלעבטע צײַטן זײַנע. גאָר באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט זיך צו רופֿן „מאַרקאָס בונדאָוויעץ". ער האָט אַ מאָל געהערט צום „קליינעם בונד" און — אָט אַזוי — פֿלעגט ער באַהויפּטן — האָט אים גערופֿן אַלע מאָל נישט קיין אַנדערער ווי פּרץ. און פּרצן האָט ער פֿאַרגעטערט. אַז ער האָט זיך אין יאָר 1912 געזעגנט מיט פּרצן אויף צו פֿאָרן קיין אַמעריקע — האָט ער אונדז דערציילט — איז ער געפֿאַלן אויף

די קני און האָט געקושט די הענט פון פּרצן. און — ער האָט עס אַלע מאָל דערציילט מיט גלויבווערדיקן פּאַטאָס.

גראַפשטיין האָט נישט געלעבט פון מדרגה צו מדרגה ווי יעדער מענטש, נאָר ער האָט עקספּלאָדירט פון אויסברוך צו אויסברוך ווי אַ ווולקאַן. און דאָך האָב איך ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו גראַפשטיינען, אויך צו הערן זײַנע רעדעס. אָט די לאַוואַ־רעדעס האָבן אַלע מאָל געהאַט אָן אַ שיעור הייסע עגאָ־צענטרישע לאַווע, אָבער אויך אָפּט מאָל אַ גוט וואָרט, אַן אָריגינעלס אַפילו. איין מאָל האָט ער גערעדט וועגן לייוויקן. און בשעת אַנדערע האָבן גערעדט מיט לאָגיק און זיך געמיט צו זאָגן עפּעס אַנדערשדיקס — האָט גראַפשטיין תּיכף עקספּלאָדירט: לייוויק איז דער כּהן־גדול פון דער ייִדישער ליטעראַטור! — — און אַלע האָבן געפילט, אַז עס איז אַ וואָרט — כאָטש אַזוי פּשוט, דאָך נײַ.

כאָטש באַפרײַנדעט אַ סך יאָרן, האָט דער שרײַבער פון די שורות עפּעס קיין מאָל נישט געהאַט קיין מזל אין די געמיינזאַמע פּראָיעקטן פון די... צוויי מלכס. איין מאָל האָט גראַפשטיין זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ דעפיני־טיווע שול־ און היים־אויסגאַבע פון אַלע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס פון יצחק לייבוש פּרץ. אַ ים אַרבעט איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן, אילוסטראַציעס אַ וואָקאַ־בולאַר, אַ קאָמיטעט פון 25 פּאַכלײַט האָט באַשטימט די דעפיניציע „פאָלקס־טימלעכע געשיכטע" און אויסגעקליבן די העכער פּופציק פּרץ־געשיכטעס פאַר דעם איינעם גרויסן באַנד. נאָר אַז עס איז געקומען צום אַרויסגעבן האָט גראַפ־שטיין רעזיגנירט. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט דאָ פיגורירן נאָר אַלס אַרויסגעבער און ער האָט געוואָלט אויך שרײַבן די הקדמה, זיך אינטעגרירן שרײַבעריש מיט דער אויסגאַבע, ווי ער האָט עס שפּעטער געטון אין זיין שלום־עליכם־פּאַנאָראַמע. אָבער וואָס מען האָט געקענט טון אין ענגליש, איז נישט מעגלעך געווען אין ייִדיש.

און נאָך, און דאָ ערשט נישט לאַנג איז געווען אַן ענלעכער פּאַל: גראַפ־שטיין האָט מיט סענטימענט צו די פּרץ־יאָרן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די דראַמע „מרימל" פון טעאַ אַרצישעווסקאַ, אַן אָפּגעציטערט דראַמאַטיש־פּאָעטיש ווערק פון אַ לעבן. דער שרײַבער פון די שורות האָט אַרײַנגעלייגט אַ סך אַר־בעט אין דער אויסגאַבע און אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק און אין דער דרוק־קערײַ, אויסגעזועצט און אויסגעסדרט. אָבער אין זײַן היפּער־ענטוזיאַזם האָט גראַפשטיין אין דער לעצטער רגע צוגעגעבן אַ צוויי צענדליק „לעצטע פּענדזל־שטריכן"... בילדער אויף בילדער, ממש אַ מאַגאַזין, אויך פּאָרטרעטן פון פּאַר־לעגער און דערצו אַן אָפּן בריוול אין ענגליש צו דער אויטאָרין. און אַז די אויטאָרין האָט די אויסגאַבע דערזען אין פּאַריז, ווו זי וווינט, האָט מען גע־מוזט דאָס בוך אַרויסצי:ען פון ביכערמאַרק און עס איז צו שטאַנד געקומען אַ

װוּנדערלעכע פּראַכט־אױסגאַבע אין פּאַריז אין גאַנצן לױט דעם הערלעכן געשמאַק פון דער אײדעלער דיכטערין, אַ לעצטער הױך פון פּרצעס דראַמאַטישן קרײַז.

האָט דאָס פאַרשאַפט צער אַלעמען. אָבער גראַפשטײן האָט זיך נישט געקענט העלפן. אַזױ איז ער געװען מיט אַלע זײַנע מעלות און חסרונות. ער האָט געלעבט אַ פול לעבן אױף זײַן שטײגער, זײַן סאַנגװינישן שטײגער. צום סוף האָט ער נאָך געשאַפן אַ קולטור־קלוב אין מיאַמי־ביטש אין די שטאַטן, װוּ ער האָט לעצטנס האַלבע יאָרן פאַרבראַכט. דאָרט האָט אים דער טױזנט־אױגיקער באַזיגט. ער — שטאַרקער פון אַלע שטאַרקע.

יהודה־לייב גרוזמאַן

געבוירן 1902 אין יעדינעץ, בעסאַראַביע. געוווינט אין אָדעס, דאָרט געלערנט. זינט 1922 אין אַרגענטינע. רײַזעס: אייראָפּע, אַמעריקע, מדינת־ישראל. געשטאָרבן 13טן יוני 1961 אין בוענאָס־אײַרעס.

דאָס וואָרט „שפּיגל" איז נאָכגעגאַנגען דער ייִדישער ליטעראַטור אויף אירע וועגן און אויף אירע אומוועגן מקדמונים אָן. אַ מוסר־ספר פֿאַר ייִדישע פֿרויען — נאָך טאָקע אין די צײַטן, ווען די ייִדישע ליטעראַטור אונדזערע איז געווען בעיקר אַ מוסר־ליטעראַטור — האָט געהייסן „דער בראַנד־שפּיגל". און אַז עס איז אויפֿגעקומען די פּעריאָדישע ייִדישע פּרעסע זענען אויך אויפֿגעקומען אַלערליי „שפּיגלען" — דער „וועלט־שפּיגל" אין וואַרשע און נאָך און נאָך. אָבער קיין שום שפּיגל האָט נישט אויסגעהאַלטן אַזוי לאַנג און איז קיין מאָל נישט צעבראָכן געוואָרן — ווי „דער שפּיגל", וואָס דער ייִדישער לערער, שרײַבער און זשורנאַליסט יהודה לייב גרוזמאַן — דער ענטוזיאַסטישער בעסאַראַבער ייִד — האָט געגרינדעט אין יאָר 1929 אין בוענאָס־אײַרעס און האָט אים מער נישט אַרויסגעלאָזן פֿון זײַנע הענט — טאָקע ביז די הענט אַליין האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן. „דער שפּיגל" איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַ וואָכנ־שריפֿט. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו דערשײַנען אַ ביסל זעלטענער, שפּע־טער נאָך זעלטענער, — אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט. דאָס אונטערקעפּל: אילוסטרירטער זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. דער זשורנאַל האָט דערצויגן ביזן נומער 588.

נישט קיין הויכער, נישט קיין ספּעציפֿיש־ייִדיש פּנים, נאָר סתם אַ ייִדיש פּנים, אַלע מאָל אי צעשמייכלט און אי עפּעס צעבייזערט און מיט תּרעומות צו דיר און צו יעדן איינעם — אַזוי איז געווען י. ל. גרוזמאַן. ער האָט געקענט אי אַ סך רעדן, און אי געדיכט דערצו, מיט זײַן בעסאַראַבער הברה, און ער האָט אויך געקענט זייער ענטוזיאַסטיש און מיט אַ סך סבלנות הערן. ער האָט ליב געהאַט ייִדישע שרײַבערס און האָט געקענט זיך צוהערן צו זייער וואָרט נישט נאָר מיט התלבות, נאָר אויך ממש מיט הכנעה. ער האָט אָבער פּונקט אַזוי געקענט אומגעדולדיק ווערן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ייִדישע שרײַבערס און באַהאַנדלען זיי מיט דעם פֿאַרקערטן פֿון הכנעה — מיט חוצפּה. און דאָס אַלץ איז אַרויסגעקומען צוליב אַן אינערלעכער נישט־אויסגעלעבטקייט אַלס שרײַ־בער.

גרוזמאַן האָט געהאַט אַ גוטן סטיל, אַ סך דײַטלעכקייט אין שרײַבן, פֿעי־קייט אַרויסצוברענגען אַ געדאַנק קלאָר און אויך שיין. ער האָט פּונקט אַזוי

ווי אַ סך פֿון זײַנע קאָלעגעס, לויט זײַן מאָס — געקענט שרײַבן נישט נאָר אַרטיקלען, נײַערט אויך גאַנצע ביכער, ער האָט אָבער קיין ביכער כּמעט נישט אַרויסגעגעבן און אַלע זײַנע טאַלאַנטן אַרײַנגעבראַקט אין זײַנע אַרטיקלען, וואָס ער האָט נישט צו אָפֿט געשריבן, מחמת ער האָט זיך געדרוקט בלויז אין זײַן „שפּיגל" און זײַן שפּיגל האָט געהאַט אַ טבע צו בלישטשען זייער זעלטן, אין בעסטן פֿאַל שוין איין מאָל אין חודש.

ווי אַלע אײַנגעשפּאַרטע מענטשן, וואָס ווידמען זיך איין אויפֿגאַבע, איז אויך גרוזמאַן איבערצײַגט געווען, אַז דער „שפּיגל" דערפֿילט אַ גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע בײַ ייִדן, אַז ער איז אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק, אַז ער זאָגט אַרויס מיינונגען, וואָס זענען עלול צו רייניקן די לופֿט אויף דער ייִדישער גאַס, ווי אַ פֿרישער, קילער, זומערדיקער רעגן. גרוזמאַן האָט נישט דורכגעלאָזן קיין קײַלעכדיקע דאַטע צו פֿײַערן אַ שטיקל יובל פֿאַר זײַן שפּיגל. און אַזוי ווי יעדעס יאָר קען דאָך קיין קײַלעכדיקע דאַטע נישט זײַן, איז 31 אויך אַ דאַטע. און 32 אַוודאי. ליגט טאַקע פֿאַר מיר אומעטיק און פֿאַריתומט דער לעצטער „שפּיגל", וואָס איז דערשינען אונטער גרוזמאַנס רעדאַקציע. און דער דאָזיקער אומעטיקער לעצטער נומער, וואָס האָט נישט געוווּסט בשעת דערשײַנען, אַז ער איז דער לעצטער אונטער דער האַנט פֿון זײַן באַלעבאָס — רופֿט מיט אַ סך אינערלעכער איבערצײַגונג און פֿײַערלעכקייט צו יום־טובן דעם אַרײַנטריט פֿון „שפּיגל" אין זײַן 32סטן לעבנסיאָר. „בלײַבן שטיין אין מיטן וועג איז די גרעסטע זינד, אָבער פֿאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע און זיך אָפּגעבן אַ שטיקל דין־וחשבון פֿונעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, איז דער חוב פֿון יעדן מענטש, וואָס טוט זײַן אַרבעט בפּרהסיה, לעיני כּול — אַוודאי און אַוודאי".

גרוזמאַן האָט אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן פֿון זײַן אַרבעט געהאַט אַ סך קעגנערס, איך וויל נישט זאָגן, חלילה, שונאים. קעגנערס — יאָ. און קעגנערס זענען זיי געווען, מחמת גרוזמאַן האָט זיי צוליב דער אָדער יענער סיבה שאַרפֿלעך אָנגעגריפֿן מיטן וואָרט. אָבער פֿאַר וואָס ער האָט גראָד זיי אַזוי שאַרפֿלעך אָנגעגריפֿן איז אָפֿט מאָל געווען אַ סוד, אָדער גיכער אַ רעטעניש. אַ רעטעניש אפֿשר פֿאַר אים אַליין. ער איז געווען אַ „ספּילטשיוועך" און אַ ביסל אַ קאַפּריזנער און פּונקט ווי ער האָט נישט אַלע מאָל געוווּסט פֿאַר וואָס ער איז אַן איבערגעטריבענער ענטוזיאַסט פֿון ראובנען, האָט ער אויך נישט אַלע מאָל געוווּסט, פֿאַר וואָס ער איז אַן איבערגעטריבענער אַנטאַגאָניסט פֿון שמעונען.

אַ סך באַרימטע שרײַבערס זענען געשטאַנען אין גוטן קאָנטאַקט מיט גרוזמאַנען און געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פֿון זײַן „שפּיגל" זייערע שריפֿטן אָן שום האָנאָראַר, מחמת דער „שפּיגל" האָט מסתּמא אין די דרײַסיק יאָר פֿון זײַן עקסיסטענץ קיין דרײַסיק פּעזעס האָנאָראַר נישט אויסגעצאָלט. עס געדענקט

זיך, אַז ד״ר א. מוקדוני איז געווען אַן אָפּטער גאַסט אין גרוזמאַנס צײַטשריפֿט, אַזוי אויך דער פּעדאַגאָג אַברהם גאָלאָמבּ, אַזוי אויך דער קריטיקער יהושע ראַפּאָפּאָרט, אַזוי ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג, און — אַחרון, אַחרון — דער גרויסער דיכטער ה. לייוויק. עס געדענקט זיך נישט, אַז דער „שפּיגל״ זאָל האָבן געפֿירט פּאָרנעמיקע קאַמפּן לשם אַ געוויסן ענין, וואָס קיין שום אַנדערע צײַטשריפֿט וואָלט פֿאַר אים נישט געקעמפֿט. עס ווילט זיך אָבער יאָ, מיט אַ סך ליבשאַפֿט צו יהודה לייב גרוזמאַן, דערמאָנען זײַן שטעלונג צו שלום אַשן, בשעת אַזאַ שטעלונג האָט נישט קיין סך צוגעטראָגן צו דער פּאָפּולאַריטעט פֿון אַ שריפֿט. ער האָט זיך נישט „אונטערגעשריבן מיט ביידע הענט״ אונטער אַלץ וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון שלום אַשס פֿעדער, ער איז אָבער געשטאַנען מיט פֿאַרערונג פֿאַר דעם גרויסן מײַסטער און טאַקע וואָס נענטער צו אים, וואָס ווײַטער אַנדערע האָבן זיך פֿון אים אָפּגערוקט. זײַנע באַגעגענישן מיט שלום אַשן, באַשריבענע בשעתו אין „שפּיגל״, זענען שטאַרק באַמערקט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

י. ל. גרוזמאַן האָט דורך רעדאַגירן זאַמלביכער און שרײַבן עסייען אַ סך בײַגעטראָגן צום טיפֿער באַנעמען דאָס וואַרעמע בעסאַראַבישע ייִדנטום און אויך דאָס אַרגענטינער ייִדנטום, וועמען ער האָט אויף זײַן אופֿן באַזונדערס געדינט אין פֿאַרלויף פֿון פֿערציק יאָר.

גוטפֿרײַנדשאַפֿט האָט דעם שרײַבער פֿון די שורות פֿאַרבונדן מיט גרוזמאַנען זינט דעם יאָר 1937, ווען ער האָט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּנים־אל־פּנים אין אַרגענטינע. עס ווילט זיך דאָ פֿאַרצייכענען אַ פֿאַל, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם און וואָס איז אין ערגעץ נישט פֿאַרבאַטירט געוואָרן שוואַרץ אויף ווײַס — אָבער דאַרף ערגעץ ווו פֿאַרנאָטירט ווערן, אַז ער זאָל ווען עס איז געדענקט ווערן:

גרוזמאַנס ערשטע פֿרוי — יונג, שיין, איידל, אינטעליגענט, באַלעזן, ענטוזיאַסטיש, האַרצפֿרײַנדלעך צו ייִדישע שרײַבערס, גאַסטפֿרײַנדלעך און קלוג — איז איין מאָל, נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט, אַהיימגעקומען גאָט־די־נשמה־שולדיק מיט איר מאַן, צוגעגאַנגען צו דער שאַפֿע אויפֿצוהענגען דעם מאַנטל און געפֿאַלן אַ טויטע. אַרום די דרײַסיק — אירע יאָרן, עס איז געווען אין יאָר 1938.

בײַ דער לוויה אַ גאַנץ גרויסער עולם. גרוזמאַן זיצט אויף אַ קבר בעת מען לאָזט אַראָפּ דעם אָרון. ער שווײַגט, ער איז שוין שטום, ער וויינט נישט. אַלע טרערן שוין אויסגעטריקנט. מען רופֿט אים צום קבר. ער דאַרף זאָגן קדיש. ער וויל נישט. ער וועט נישט זאָגן. אָבער פּלוצלינג גיט ער זיך אַ ריס — גייט צו פֿעסט טרעטנדיק צום קבר און זאָגט הויך און דײַטלעך: אל תתגדל ואל תתקדש — — חברים לויפֿן צו, נעמען אים אַרום, לייגן די הענט אויפֿן מויל

פון דעם אָבל, וואָס האָט זיך פֿאַרלוירן אין זײַן צער אָן אַ גרענעץ. — — דער רב גייט צו, מען נעמט איין דעם אָבל, מען בעט אים קומען צו זיך און דאָך זאָגן קדיש — און ער גייט צו דאָס צווייטע מאָל צום קבר און ער זאָגט ווי־דער: אל תתגדל — און ער פֿאַלט אויף דעם בערגעלע ערד... מער האָט מען אים שוין נישט געפּרוּווט באַרויִקן. דער רב האָט קדיש געזאָגט. אין שטילן פֿינצטערן ציטער — ווײַל די נאַכט איז דערווײַל צוגעפֿאַלן — איז מען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

אַ מוראדיקע, איינציקמאָליקע איבערלעבונג מײַנע. איך האָב זי געמוזט ערגעץ־וועגן און ווו דערציילן. אפשר איז די מעשׂה אויך אַ גורם געווען פֿון גרוזמאַנס פּריִען אָפּשייד. — — יאָרן שפּעטער איז ער דאָס צווייטע מאָל גע־ווען פֿאַרבונדן מיט אַ משפּחה. דאָס מאָל זענען אויך געווען קינדער. ער האָט זיי ליב געהאַט אָן אַ גרענעץ, אין יעדן בריוו וועגן זיי געשריבן.

אליעזר גרינבערג

געבוירן אין יאָר 1896 אין ליפּקאַני, בעסאַראַביע. אין אַמעריקע זינט 1913. אַוועק אין דער אייביקייט יוני 1977.

איז ער דער שטילסטער פון די מאָדערנע ייִדישע פּאָעטן אליעזר גרינבערג? איז פאַראַן אַ מאָס צו מעסטן די שטילקייט? אויב עס וואָלט געווען — וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז זיכער איינער פון די שטילסטע פון אונדזערע פּאָעטן. ער זאָגט עס דאָך אַליין אין דעם ליד „מײַן וואָרט״.

ווער עס קומט מיט גוואַלד דאָס וואָרט באַצווינגען,
און ווער עס צערטלט דאָס מיט ליבשאַפט און פאַרטרוי,
ווער ס'האָט ליב אויף הויכן קול צו זינגען —
איך האָב ליב דאָס ליד וואָס פרעפלט ווי פאַרנאַכטיק־בלוי.

אין יאָר 1934, אין פרילינג, איז מיר אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו באַגעגענען זיך מיט אליעזר גרינבערגן אין ניו־יאָרק, אויף דער סעקאָנד־עוועניו. ער איז צוגעקומען, אַ מורמל געטון אַ נאָמען — שטיל, איבערפרעגן האָט נישט געפּאַסט, זענען מיר אַ היפּשע צײַט אַרומגעגאַנגען און גערעדט — וועגן משה לייב האַלפּערנען. אין שמועס בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אָט דער שטילער יונגער מענטש מיט דעם שטילן, נישט אויפפאַלנדיקן פּנים, ווי אַ סך פנימער אין די קרײַזן פון די ייִדישע אינטעלעקטואַלן אין ניו־יאָרק, איז דער צונויפשטעלער און אויפזאַמלער פון דער ליטעראַרישער ירושה פון דעם שטורעם אין וואָרט און געפיל, וואָס איז דעמאָלט מיט אַ יאָר צוריק — נאָך שטורעמען אַנדערטהאַלבן יאָרצענדליקער — פלוצלינג אַרויף אין די סאַמע הימלען. דער נאָמען פון שטורעם — משה לייב. ערשט בײַם געזעגענען זיך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז איך רעד דאָ מיט אליעזר גרינבערגן. אַ דיכטער, וואָס האָט אויף אַן אמת פֿײַנט פּירסום און האָט אויף אַן אמת ליב פּאָעזיע — און פונקט אַזוי די לידער פון חברים, ווי — מסתמא — זײַנע אייגענע. און דאָס איז אַ גרויסע מדרגה. אַ שטילע מדרגה — וואָס חברט זיך אויף אַן אמת מיט קול־דממה־דקה.

אין פאַרלויף פון צענדליקער מאָל זײַן אין ניו־יאָרק, יאָרן דאָרט וווינען, איז מיר אַ סך מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן די היים פון אליעזר און איוואַ גרינבערג. זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער לויט איר פּראָפעסיע. און אַ טרייסט־שוועסטער פון ייִדישע דיכטערינס און דיכטערס, וואָס זוכן אַן אינדזל פון שטילקייט אינעם אייביקן שטורעם פון ניו־יאָרק. דאָ אין דער היים זענען די ווענט — פון אויבן ביז אַראָפּ — פול מיט ביכער, און ווו עס איז צופעליק

געבליבן אַ ליידיק אָרט אין דער ביכערוואַנט — הענגט אַ בילד. און ווּ עס איז צו ווייניק פּלאַץ אויף אַ בילד — איז צונויפגעפּעסטיקט עפּעס אַ קינסטלערישע צאַצקע. דאָ, אַרום אָט די ווענט איז אַ קינסטלערישער תּוהו־ובוהו — לשונות, לענדער, צײַטן און פֿעלקער פֿאַרמישט. גרינבערג איז אַ קענער פֿון דער וועלט־פּאָעזיע, באַזונדערס פֿון דער ענגלישער.

שוין יאָרן ווי אליעזר גרינבערג איז אַ מין פֿאַרבינדונגס־אָפֿיציר צווישן דעם אַלץ מעכטיקער ווערנדיקן סעקטאָר פֿון ענגליש־רעדנדיקע ייִדן אין אַמעריקע און דעם אַלץ עלטער און קלענער ווערנדיקן סעקטאָר פֿון ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן אין דעם לאַנד. ער איז פֿאַרנומען אויף אַזאַ זשורנאַליסטישן פֿאַרבינדונגס־פּאָסטן אין דער מעכטיקסטער אָרגאַניזאַציע פֿון די אַמעריקאַנישע ייִדן, דעם „אַמעריקאַנישן ייִדישן קאָמיטעט". וויפֿל טאַקט דאַרף מען דאָ אויפֿברענגען — צו בלײַבן געטרײַ דעם אייגענעם געוויסן ווי אַ ייִדישער דיכטער און די פֿאָדערונגען פֿון דעם קאָמיטעט, וואָס וויל זײַן נאָך רעאַלער ווי די רעאַליטעט אַליין, אַמעריקאַנישער ווי אַמעריקע, כאָטש אייביק מיט אַן אויפֿגעהויבענעם, שטאָלצן קאָפּ געטרײַ דעם ייִדישן שטאַם. — — מאָדנע, האָב איך מיר געטראַכט, באַזוכנדיק אַ מאָל גרינבערגן אין „אַמ' ייִד' קאָמיטעט", ווי אַזוי עס קומט אָט דעם שטילן, און אין דער שטילקייט אין אַלע זײַנע לידער פֿאַרליבטן, דיכטער אויס כּסדר צו שטיין צווישן שטורעם און רו.

אָבער נישט נאָר צווישן שטורעם און שטילקייט — אויך צווישן פּאָעזיע און פּראָזע, ייִדיש און ענגליש. אָט האָט גרינבערג אַזוי שטילערהייט איבערצײַגט אַ באַקאַנטן ייִדיש־ענגלישן שרײַבער אירווינג האַו, און דערצו אַ גרויסן פֿאַרלעגער אויך, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע — אַן אוצר פֿון מאָדערנער ייִדישער דערציילונג אין ענגליש. יאָרן פֿלעגן ביידע רעדאַקטאָרן — גרינבערג און האַו — זיך באַגעגענען אין אַ שטעטל אויסער ניו־יאָרק אין די סוף־וואָכן־טעג און געגרייט די אַנטאָלאָגיע.

און צום סוף אַן אַנעקדאָט. די גרינבערגס וווינען איצט אין אַ דירה אויף זייער אַ הויכן שטאָק; פֿאַר די פֿענצטער שטראָמען אין אַלע ריכטונגען די מײַלן לאַנגע עוועניוס, שטראָמען און גליצערן מיט מיליאָנען קליינע כוואַליעס — אויטאָמאָבילן צווישן די הויכע הײַזער, ווי צווישן הויכע שטיינערנע דורכגעלויכטענע ברעגעס. שטיי איך אַזוי בײַ אַזאַ פֿענצטער און באַוווּנדער דאָס מאַיעסטעטיש־שטראָמענדיקע בילד. נאָר אָט פֿאַלט דער בליק אויף אַ קליינער עטאַזשערקע בײַם פֿענצטער און אויף דער עטאַזשערקע אפֿשר זיבן טוץ אַלערליי טאַביק־פּײַקעס. קליינע און גרעסערע און הילצערנע און ים־שוימענע און ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ נאָך. אַ קליינער מוזעום פֿון טאַביק־פּײַקעלעך. עפּעס האָב איך געוווּסט, אַז אליעזר, נישט נאָר רויכערט ער פּיפּ־

קעלעך, נײַערט אַז ער האָט אַ שוועריקײט זײ צו זאַמלען אויך, נאָר אַז די לײַדנשאַפט איז אַזוי ווײַט אַוועק — —

קומט אליעזר צו, און מיט זײַן אײביקן שמײכל פול גוטמוט זאָגט ער אַ ביסל פאַרלעגן: — לא על החכמה לבדה יחיה האדם... מען מוז זיך פאַרנעמען מיט אַ „האָבבי״ אויך, אַ נאַרישקײט אויך, נו האָב איך מיר אויסגעקליבן טאַ־ביק־פּײַקעס. אַ שײנע נאַרישקײט — אַדרבא, גיט אַ קוק! און ער ווײַזט מיר מיט ליבשאַפט די פּײַנע, שלאַנקע פאָרמען פון מער־שוימענע פּײַקעלעך, ווי די העלדזער פון מיניאַטורע שוואַנען. און פּיפּקעס נאָך און נאָך.

און פון די פּײַקעס פאַלט ווידער דער בליק אויף די מיט כוואַליעס פון אויטאָס — אין גרינע און רויטע ספּאַזמען פון די קאָנטראָלליכטער — שוי־מענדיק־שווימענדיקע ניו־יאָרקער עוועניוס — און עס פאַלט אײַן, אַז דאָרט, גאָר אויבן, העכער ווי די 102 שטאָק פון דעם „עמפּאַיר־סטעיט״־וואָלקן־קראַ־צער קומט אויך איר צו, פון צײַט צו צײַט, צו דער „האָבבי״, ווי גרינבערג צו זײַנע פּײַקעס און זאָגט צו זיך אַליין: — לא על החכמה לבדה — — און וואָס קען שוין זײַן אַ גרעסערע אומזיניקײט ווי אָט די זאַמלונג פון הונדערט־שטאָ־קיקע שטײנערנע ריזן...

אַ טעלעפאָן־רוף, איוואַ גרינבערג גײט צו. רעדט מיט איר שטיל און קלוג קול און באַרויקט, שטילט אײַן דאָרט אַן אויפגערעגטע שטים, אָבער עס איז נישט גענוג, אויך אליעזר מוז צוגײן און אויך אײַנשטילן, אײַנגלעטן מיט ווערטער אַן אויפגערעגט קול. דאָס האָט אַן אומרויִקער, אײנזאַמער חבר אָנ־גערופן, — צוטוליען זיך כאָטש מיטן טעלעפאָן — פון ערגעץ אַ ווײַטן ווינקל פון דער טומלדיקסטער און אײנזאַמסטער שטאָט אין דער וועלט — צו דעם וואַרעם־חברישן פּאָעטיש־הײמישן געמיט פון די גרינבערגס. כאָטש — וועלכן יידישן פּאָעט איז אַליין נישט אײנזאַם אָט אַ דאָ?

1954

בערל גרינבערג

**געבוירן 1906 אין וואַרשע, זינט 1923 אין אַרגענטינע.
אַוועק פון דער וועלט 4טן אָקטאָבער 1961.**

אַן אמת וואַרשעווער קינד איז בערל גרינבערג. וואָס קען שוין זײַן מער וואַרשעווער ווי אויפגעכאָוועט אין סאַמע... מאָגן פון וואַרשע, אין די באַרימטע וואַרשעווער האַלעס. זײַן מאַמע איז געווען אַ פּאַרקויפערין פון גרינוואַרג אין די האַלעס. און קינדער זענען אין שטוב געווען נישט ווייניק. אַז בערל גרינבערג נעמט דערציילן די איבערלעבונגען פון זײַן קינדהייט — און דערציילן קען ער דאָך, אַן אמתער, אַ געבוירענער בעלעטריסטישער טאַלאַנט איז ער, — דאַרף מען זײַן פון אײַזן נישט צו ווײנען דערבײַ. נעמט אין אַכט די פּאָר דאַטעס, וואָס זענען דאָ אויבן אָנגעגעבן. בײַם אויסברוך פון ערשטן קריג איז ער געווען אַ קינד פון אַכט יאָר און דערצו די האַלעס, וועט איר שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אוצר מיט איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אָט דעם טאַלאַנטפולן קינד. און פינף יאָר נאָך דער מלחמה פאָרט ער שוין אַליין — אַ זעכצן־יעריקער קוים — אַוועק קיין אַרגענטינע. אָט די זעכצן ערשטע יאָרן פון זײַן לעבן מיט אַלע זייערע איבערלעבונגען זענען גענוג צו שפּײַזן אַ שרײַבער אַ לעבן לאַנג.

אָבער אין פאַל גרינבערג איז געשען אַ פענאָמענאַלע זאַך. ער שרײַבט נישט וועגן זײַן קינדהייט. ער שרײַבט נישט וועגן וואַרשע און שרײַבט נישט וועגן די האַלעס, עפּעס אַזוי ווי די קינדהייט וואָלט אין אים קינסטלעריש אויס־געלאָשן געוואָרן. און אפשר איז זי נאָר צײַטווײַליק פאַרטונקלט. זי וועט זיכער מיט טאָפּלטער קראַפט קומען אין אים צוריק. אפשר דרימלט דאָס אין אים דער גרויסער וואַרשעווער יידישער ראָמאַן, וואָס אַ סך, אַ סך יידישע שרײַבערס האָבן שוין געשריבן און נאָך אַלץ נישט דערשריבן. גרינבערג שרײַבט וועגן אַר־גענטינע, דעם אַרגענטינער הפקר־מענטש, דעם אַרגענטינער קלימאַט, די אַר־גענטינער מענטאַליטעט אַזוי גרינטלעך אַסימילירט, אַזוי ווי זײַן קינדהייט וואָלט נישט אַוועק אין די האַלעס פון וואַרשע, נאָר אין דער אַרגענטינער פּאַמפּע און אין די פּײַכטע פאַרשטעט פון בוענאָס־אײַרעס. אין דעם זינען איז ער פּשוט אַ פענאָמען.

אַ קרעפּקער, כאָטש אַ מיטלוווּקסיקער איז ער בערל גרינבערג. אַ סך חוצפּהדיקע פאַרשײַטקייט אין די אַ ביסל גנביש שמייכלענדיקע אויגן, קײַלעכ־דיקע שפּיציקייט אין פּנים. ער איז כסדר פול מיט אָריגינעלע און טשודאַטשנע אײַנפאַלן, ווען ער רעדט מיט אײַך, און אַז איר זענט נישט מסכים מיט איין

טשודאַטשנעם אײַנפֿאַל זײַנעם, האָט ער גרייט צען אַנדערע, און אַז איר זענט מיט קיין איינעם פֿון די אײַנפֿאַלן נישט מסכּים, האָט ער אויך נישט קיין פֿאַריבל אויף אײַך.

בערל גרינבערג איז אַ זעצער אין דער „פּרעסע" פֿון בוענאָס־אײַרעס לויט זײַן ברויטפֿאַך, עפּעס אַ מאָדנע זאַך מיט אים, עפּעס גייט אים נאָך דער שלימזל און לאָזט אים זיך נישט ווי געהעריק אײַנאָרדענען מאַטעריעל. בײַ מיר איז דאָס נאָך איין סימן פֿון עכטער קינסטלערישקייט. אָפֿט פֿלעג איך גרינבערגן באַזוכן אין אַרגענטינע אין זײַן היים, אין די טיפּישע אַרגענטינער הײַזער מיט די „פּאַ־טיאָס". האָט ער אַ ייִנגעלע, איז עס אַ קאָפּיע פֿון טאַטן און אַ שטיפֿער, אַז הײַ־זער קען עס צעטראָגן און פֿון אַלע שפּילעכלעך געפֿעלן אים צום בעסטן די מאַ־נוסקריפּטן פֿון טאַטן. ווו מען זאָל די מאַנוסקריפּטן נישט באַהאַלטן, וועט ער זיי שוין אַרויסגראָבלען און זיך שפּילן מיט זיי. קיין שפּילערײַ איז בײַ אים נישט אַזוי טשיקאַווע ווי דווקא די מאַנוסקריפּטן. פֿאַרבאָטענע פּרוכט שמעקט צום בעסטן און ווײַל מען זאָגט דעם טאַטנס זינדל, דעם שטיפֿער אָן, אַז אַלץ אין שטוב מעג ער רירן, נאָר די מאַנוסקריפּטן נישט, לאָזט ער אַלץ שטיין און נעמט זיך נאָר צו די פּאַר אים ווערטלאָזע פּאַפּירלעך...

אָפֿט פֿלעגט מיר בערל גרינבערג דערציילן פֿון זײַן קינדהייט אין וואַרשע: איין מאָל האָט ער קאָמאַנדעוועט אַזאַ מין שטיקל אַרבעט. אַרויפֿגעפֿירט נאָך דרײַ חברים אויף אַ דאַך פֿון אַ פֿערטן שטאָק, אויסגעזעצט די חברה אויפֿן געזימס מיט די פֿיסלעך אַראָפּ און מיט די הענט איינער אויפֿן אַנדערנס אַקסל, האָט מען לויט אַ קאָמאַנדע איינס, צוויי, דריי און האָפּ, סימולירט, אַז מען שפּרינגט בשותּפֿות אַראָפּ... די גאַס איז אונטן שוואַרץ געוועז. און גרינבערג האָט מיט נחת קאָ־מאַנדירט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — איינס, צוויי, דריי און האָפּ אַראָפּ. די קראָכמאַלנע איז געגאַנגען אויף רעדער. נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט מען זיך אַ וואָך צײַט נישט געטאָרט ווײַזן אויף דער גאַס. — אַ מאָל איז די מאַמע זײַנע ערבֿ יום־כּיפּור צו מיטאָג אַהיימגעקומען, געהייסן פֿאַרמאַכן די אויגן, אַרײַנגע־לייגט בערלען עפּעס אין מויל אַרײַן און געהייסן אויפֿעסן. בערל האָט דערפֿילט טעם גן־עדן, אויפֿגעגעסן און די מאַמע האָט קיין מאָל נישט אויסגעזאָגט וואָס דאָס איז געווען. דעם טעם גן־עדן האָט ער ערשט נאָך אַ מאָל דערשפּירט, ווען ער האָט אין אַרגענטינע דאָס ערשטע מאָל געגעסן אַ באַנאַנע. צוועלף יאָר האָט ער געהאַט דעם מיסטעריעזן טעם אין מויל און ערשט אין אַרגענטינע איז די מיסטעריע אויפֿגעקלערט געוואָרן. אַ מאָדנע איבערלעבונג, זי וועט זיכער זײַן אַ צענטראַלער עפּיזאָד אין גרינבערגס וואַרשעווער דערציילונגען, וואָס ער וועט זיי בלי שום ספֿק אַ מאָל שרײַבן.

וווּנדערלעך און מאָדנע און אויסטערליש זענען די מעשׂיות וואָס גרינבערג

האָט אײַך אַלע מאָל צו דערציילן, װוּנדערלעך, מאָדנע און אויסטערליש זענען די מעשׂיות װאָס ער שרײַבט, די װוּנדערלעכסטע און די שענסטע, װאָס ער האָט ביז איצט געשריבן איז דער „װוּנדערלעכער שפּאַציר". אַ שטרענגער נאַטוראַ־ליסט איז ער — מיט אַ מיסטישן שימער דורכגעלויכטן. אַזוי איז דאָך אויך דאָס לעבן — און אַזוי איז בערל גרינבערגס קינסטלערישע װעלט און אַזוי איז ער אין גאַנצן.

1942

יצחק דויטשער

געבוירן אין יאָר 1907 אין אַ שטעטל בײַ קראָקע. פון יאָר 1924 אין װאַרשע, פון יאָר 1939 אין לאָנדאָן. רײַזעס איבער אייראָפּע, רוסלאַנד, צפון־אַמעריקע. אין דער ענגליש־לייענעדיקער װעלט באַקאַנט װי איזאַק דויטשער. גע־שטאָרבן 21סטן אויגוסט 1967.

אין קראָקע האָט יאָרן לאַנג געװױנט דער שענסטער און גרעסטער ענטו־זיאַסט און ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — אברהם זײַנפעלד. דער מאַן פון חנה — פון הויז אימבער, אַ שװעסטער פון דעם דיכטער שמואל יעקב אימבער, דעם זון פון שמריהו אימבער, דעם ברודער פון נפתלי הערץ אימ־בער, דעם מחבר פון דער התקווה. די זײַנפעלדס זענען אומגעקומען אין ים פון גרויסן אומקום. אין זייער הויז, װאָס איז געװען אַן אינדזל פון גײַסט, גוטסקייט, גאַסטפרײַנדלעכקייט און גלויבן אין מענטשן, האָב איך מיך אַ מאָל — אפשר אין יאָר 1923 — באַקענט מיט אַן ענטוזיאַסטיש בחורל — אינטערן אין ישיבות און עקסטערן אין גימנאַזיעס — װעמען דער שאָטן פון פלאַכע גאַליציאַנער פּאהלעך איז נאָך נישט אַראָפּ פון פּנים — זײַן נאָמען יצחק דויטשער ממשפּחת קראָקעװער מדפּיסים. דאָס פּנים אַ ביסל פּאַרשפּיצט, די אויגן ברוין, די האָר כמעט שװאַרץ, אַ גרויסער שטערן שוין דעמאָלט, און ער האָט אַלץ גע־לייענט — שוין דעמאָלט, און ער רעדט מיט אַ סך ענטוזיאַזם װעגן ביכער — בעלעטריסטישע, עסייִסטישע און אויך װיסנשאַפטלעכע, אָבער ער זאָגט אַרויס שאַרפע מחשבות, אייגענע — שוין דעמאָלט, און ער איז נישט זיכער, צי זאָל ער שרײַבן ייִדיש, אָדער פּויליש — שוין דעמאָלט, װײַל שרײַבן װעט ער. ער רעדט פּונקט אַזוי גוט ייִדיש װי פּויליש. גערנער אַפילו פּויליש.

דער גוטער זײַנפעלד און זײַן נאָך בעסערע — און נאָך האַרציקערע, אויב דאָס איז מעגלעך — חנה פּאַרטראַכטן זיך אַלע מאָל מיט גרויסער זאָרג, אַז דויטשער זאָגט, אַז ער װעט אפשר שרײַבן בעיקר פּויליש. זיי האָבן אין אים שטאַרק געגלייבט און האָבן געװאָלט, אַז אַזאַ כּוח זאָל בלײַבן אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור.

אין יאָר 1924 איז דויטשער געקומען קיין װאַרשע. איך בין שוין דע־מאָלט געװען דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 און מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען. ער פלעגט אויך אָפט קומען צו מיר אַהיים. פרײַנדשאַפטן געשלאָסענע אין זיינפעלדס שטוב זענען געװען אומצערײַסיקע פרײַנדשאַפטן, האָבן געהאַט אין זיך דעם מיסטישן כּישוף פון זיינפעלדס גלויבן אין מענטשן. אָבער יענע יאָרן זענען אין מיזרח פון אייראָפּע נישט געװען יאָרן

פון מיסטישע שטימונגען און נײַערט יאָרן פון קאַטאַקליזמען און איבערשמעלצונגען, פון אָנקומענדיקע נאָך גרעסערע מלחמות, נאָך נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגענע קלענערע. און דויטשער האָט זיך מיט אַלע זײַנע שאַרפקייטן און טאַלאַנטן אַ צי געטון קיין לינקס. זײַן פרנסה־אַרבעט איז געווען — קאָרעקטאָר אין דער ייִדיש־פוילישער צײַטונג „נאַש פשעגלאָנד" און אויך שרײַבן אַלערליי זשורנאַליסטישע לייען־מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער שריפט. זײַן פוילישקענטשאַפט — פערפעקט. זײַנע פעיִקייטן — פון אַלעמען אָנערקענט. איין פגם, לינקשאַפט. לינקשאַפט איז אָבער דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער. בײַ די פאַרמעגלעכע — מאָדע, בײַ די אָרעמע — נויט, בײַ די אינטעלעקטואַלן — דיאַלעקטישער גלויבן.

דויטשערס רעכטע האַנט — אַזוי צו זאָגן — האָט באַלד גענומען רעדאַגירן ייִדישע צײַטשריפטן, „ליטעראַרישע טריבונע" און אַנד. זײַן לינקע האַנט האָט קאָרעגירט די אולטראַ־בורזשואַז־ציוניסטישע אַרטיקלען אין „נאַש פשעגלאָנד", אַז זיי זאָלן אַרויס אָן אַ פגם. באַגעגענישן מיט דויטשערן זענען יעמאָלט געווען געפערלעך צוליב דער „דעפענסיווע" אין לאָקאַל פון טלאָמאַצקע 13. זיי זענען אויך געווען ווייטועענדיק צוליב דויטשערס אַגרעסיווקייט, וואָס האָט זיך אָן אײַנזעעניש אויך אַרײַנגעגעבן אין פערזענלעכער פרײַנדשאַפט.

עס געדענקט זיך אַזאַ מין עפּיזאָד: אין ליטעראַטן־פאַראיין איז אַרײַנגעקומען איינער אַ ביסל אַ מיסטעריעזער שרײַבער (כאָטש ער איז שוין לאַנג אויפן עולם אמת, וויל איך זײַן נאָמען נישט אָנרופן), וואָס האָט זיך שטאַרק געלינקט, אָבער עפּעס האָט עמעץ געוואָרפן אַ וואָרט אויף אים (דאָס איז זייער אָפט פאָרגעקומען אין דער דעמאָלטיקער אַטמאָספער פון שטענדיקער שרעק פאַר דער דעפענסיווע), אַז זײַנע אויגן און אויערן זענען דאָס טאַקע די אויערן פון דער דעפענסיווע. אַזעלכע באַשולדיקונגען זענען דעמאָלט אָפט געווען אויפן סדר־היום. נו, האָב איך געהאַלטן פאַר מײַן חוב מיט הונדערט און איינס באַוואַרעניש און סוד במאה סודות עס פאָרט עמעצן פון „זיי", די לינקע, צו זאָגן. און ווער איז מיר פערזענלעך נענטער און פאַרטרויווערדיקער ווי דויטשער? עס איז דאָך אַ פרײַנדשאַפט פון זיינפעלדס שטוב, אָפט קומט ער אַרויף צו מיר, שפּילט זיך מיט מײַנע קינדער, חברט זיך מיט מײַן ברודער הערץ בערגנער, וואָס האָט דעמאָלט געשטעלט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע שריט. האָב איך עס דויטשערן געזאָגט און געמיינט, אַז דערמיט איז מײַן חוב געטון.

אָבער עס גייט אַוועק אַ טאָג און דויטשער קומט אַרײַן צו מיר אין דער קאַנצעלאַריע, בעט מיך צו פאַרשליסןביידע אַרויסגאַנגטירן, ער איז בלאַס ווי אַ רעוואָלוציאָנער אַ רגע פאַר זײַן אַטענטאַט... און ער זאָגט מיר קורץ און שאַרף: מאָרגן, זייגער נײַן אין אָוונט צו דער סעקונדע דאַרפט איר זײַן אין דער קעלער־וווינונג נומער 4, מוראַנאָווסקע־גאַס נומער אַזוי און אַזוי. דאָרט וועט

איר דאַרפֿן פֿאַר אַ פּאַרטיי־געריכט ברענגען צום פּראָטאָקאָל אײַערע באַשולדיקונגען...

איצט בין איך ווייס געוואָרן ווי יענער רעוואָלוציאָנער, אָבער נאָך בלאַסער, מחמת שוין אַ רגע נאָכן אַטענטאַט... איך האָב ממש אָנגעהויבן צו ציטערן, ויסנדיק וואָס עס הייסט אַזאַ פּאַרוויקלעניש אין יענע צײַטן, אַן ענין וואָס הייבט זיך תּיכּף אָן אין אַ קעלער נאָך איידער וואָס ווען... איך האָב אַפּעלירט צו יאָרנלאַנגער פֿרײַנדשאַפֿט, צום סענטימענט צו דער זיינפעלד־משפּחה, און נאָך צום לעצטן אַרגומענט: איך בין אַ פֿאָטער פֿון קלייע קינדער... דויטשער איז געבליבן האַרט: מאָרגן, זייגער נײַן! איך האָב אָבער פֿאָרט מײַן האָפֿענונג נישט אויפֿגעגעבן, געבעטן דויטשערן פּשוט צו זיצן און שווײַגן אַ פֿערטל שעה און צו קוקן מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן. דער רעזולטאַט איז געווען: דערווײַל זענט איר פֿרײַ... איר דאַרפֿט מאָרגן נישט קומען! — — פֿון דעם נישט מאָרגן — איז געוואָרן קיין מאָל נישט. אַז איך האָב דויטשערן דעם עפּיזאָד אין 1956 אין לאָנדאָן דערמאָנט, האָט ער זיך קוים, קוים געקענט דערמאָנען, אָבער אין מיר איז דער עפּיזאָד געבליבן טיף שטעקן אין דער נשמה. ערגעץ ווו האָב איך געמוזט דערציילן — האָב איך אים דאָ דערציילט אין דעם אינטימען פּענפּראָפֿיל.

עס געדענקט זיך: נאָמבערג האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, נאָמבערג, דער נערוועזער, דער אומגעדולדיקער; און אָט אָרדענען מיר אײַן אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אַ לעקציע, טאַקע פֿון יצחק דויטשער (וואָס האָט שוין ממש ייִנגלווײַז געקענט היפּשלעך ענגליש) וועגן דעם קאָמפּליצירטן און אָריגינעלן ענגלישן וואָרטמײַסטער ג. ק. טשעסטערטאָן. און אָט זיצט נאָמבערג אויף דער לעקציע און ער זיצט זי אויס פֿון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. וווּנדערן מיר זיך: איר האָט געדולד געהאַט? זאָגט נאָמבערג: אַ מענטש, וואָס האָט מיר עפּעס צו זאָגן און ווייסט וואָס ער זאָגט, אַזאַ מענטש האָב איך געדולד אויסצוהערן. דויטשער איז דעמאָלט 19 יאָר אַלט געווען.

עס געדענקט זיך: דאָס יאָר איז 1933. דויטשער איז שוין דעמאָלט נאָך זײַנע אַנטי־סטאַליניסטישע און פּראָ־טראָצקיסטישע רעוואָלוציעס. עס איז 50 יאָר נאָך דעם טויט פֿון קאַרל מאַרקס און דויטשער האַלט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אַ סעריע לעקציעס וועגן מאַרקסן. ער איז 26 יאָר אַלט. נישט נאָר איז געקומען אַן עולם, נישט נאָר איז דער זאַל כּסדר פֿול, נאָר ממש אַן איבערגעלאָף. עס איז דאָ וואָס צו הערן. בעת איינער פֿון די לעקציעס זענען אויך געווען פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס קעגן דויטשערן און כּדי אויסצומײַדן אַ געשלעג האָב איך דויטשערן שטילערהייט אַרויסגעפֿירט דורך אַ הינטערטיר און דער ליטעראַטור־פֿאַראיין האָט אויסגעמיטן דעם חורבן בית־שני... מחמת אין יאָר 1930 איז ער בײַ אַ געלעגנהייט פֿון יצחק נחמן שטיינבערגס אַ לעקציע שוין איין מאָל דעמאָלירט געוואָרן. חורבן בית־ראשון...

די יאָרן גייען, געוווּסט האָב איך, אַז דויטשער איז אין לאָנדאָן. קיין מאָל נישט קאָרעספּאָנדירט מיט אים. ער האָט זיך דאָרט — אין יאָרן פֿון עקאָנאָמישער נויט — געמיט מיטצואַרבעטן אין יידישע צײַטונגען אין לאָנדאָן און אין אַמעריקע. אָבער עס איז נישט געגאַנגען. צו אָריגינעל, צו ראַדיקאַל, צו אינטעלעקטועל. איז קיין עצה נישט געווען — האָט ער שוין געמוזט אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן ווערן אַ וועלט־באַרימטקייט. בראשו ורובו אַרײַנגעטון אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, און נאָך אַלץ טראָצקיסטיש געשטימט, ווערט ער דער אויטאָריטאַטיווער ביאָגראַף פֿון טראָצקין, סטאַלינען, לענינען און בכלל אַן עקספּערט פֿון רוסישע ענינים, אַ מיטאַרבעטער אין די גרעסטע צײַטשריפֿטן אין ענגליש, מיטאַרבעטער פֿון צײַטונגען אין 15 לענדער, לעקטאָר און אויסגעצייכנטער סטיליסט אין ענגליש. ער זאָגט איצט אָפֿט ווען זיך אין שמועסן מיט אַלטע פֿרײַנד פֿון טלאָמאַצקע 13: איך בין געוואָרן אַ תינוק שנשבה בין הגויים...

דאָס יאָר איז 1956. איך בין אין לאָנדאָן אַ צײַט, און עס דערמאָנט זיך דער אַמאָליקער פֿרײַנד פֿון אַן אַמאָליקער וועלט. ער וווינט (אַזוי איז דער דרך פֿון סופֿרים אין ענגלאַנד, און דויטשער איז אַן ענגלענדער געוואָרן לויטן געמיט) ווײַט אויסער דער שטאָט, אין אַ שטעטל אַ פּאָר שעה פֿון לאָנדאָן. די פֿרוי שטאַמט פֿון אַ יידישער משפּחה אין לאָדזש. יידיש קען זי נישט. עס איז דאָ אַ קינד, אַ ייִנגל — דעמאָלט אַ יאָר 6.

זאַלבע צווייט — רחל אײַזענבערג און איך — באַזוכן מיר אים. ער קומט אָפּוואַרטן צו דער באַן און ער פֿרייט זיך ממש ווי אַ קינד מיט אָט דעם באַזוך, וואָס דערמאָנט די ערשטע באַגעגענישן אין קראָקע, שפּעטער וואַרשע — פֿאַרגאַנגענע וועלטן. ער איז יאָ און נישט דער זעלבער אין אויסזען. ער טראָגט אַ קורצע באָרד און וואָנצעס, און די גרויסע ברילן דערצו, און נאַטירלעך, דער גרויסער לומדישער שטערן — און דאָס אַלץ צוזאַמען דערמאָנט אַזוי שטאַרק דאָס פּנים פֿון לעאָן טראָצקי... איז עס בכּוונה? איז עס אינערלעכער מוז?

מיר פֿלעגן אין וואַרשע לרוב — דאָס איז אַזוי געגאַנגען נאָך פֿון קראָקע אָן — רעדן פּויליש און דער גאַנצער נאָכמיטאָג און אָוונט אין ענגלאַנד מיט דויטשערן איז אַדורך אין גאַנצן אין פּויליש. אַגב — צוליב זײַן פֿרוי וואָלט דאָס אַנדערש נישט מעגלעך געווען.

איך האָב געשטעלט די גורלדיקע פֿראַגע: ווו איז אין אײַך פֿאַרשווונדן געוואָרן דער ייִד? איר פֿאַרלייקנט אים דאָך נישט, איז ווו איז ער?

דויטשער האָט אַן ענטפֿער. ער האָט ענטפֿערס אַ סך: איך פֿאַרלייקן קיין מאָל נישט מײַן יידישקייט, אי מײַן ערשטער און אי מײַן צווייטער נאָמען זענען טיפּיש מיזרח־יידיש. מען האָט מיר שוין אין דער יוגנט געעצהט זיי צו בײַטן, איך האָב עס קיין מאָל נישט געוואָלט טון. מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס

גײט מיט ריזנשריט צו אײן־װעלט. די װעלט גײט נישט אַרײַן אין אַ תּקופֿה פֿון קלײנע, נאַציאָנאַלע מלוכות, נאָר זי גײט אין דער אמתן אַרױס פֿון איר, כאָטש לכאורה זעט עס דאָ און דאָרט, דאַן און װען, אױס אַנדערש. ייִד איז נישט מײַן פּראָבלעם — מענטש איז עס יאָ! אױב די װעלט װעט זיך איצט צו שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערן אין קלײנע מלוכות און נאַציעס, װעט זי ממש עקספּלאָדירן. מיר לעבן אין דער אַטאָמצײַט.

— אָבער פֿאָרט, װוּ איז דער ייִד אין אײַך פֿאַרשװוּנדן?

— אַט גיט אַ קוק, מײַנע אױגן האָבן אַ געװיסן קאָליר, אָבער מיך אינטע־רעסירט דאָס נישט, כאָטש עס איז דאָך אינטעגראַל אין מיר. ער האָט עס גע־זאָגט, אָבער מײַן צו שטאַרק פֿאַרװוּנדערטער בליק האָט אָנגעדײַט, אַז ער האָט אפֿשר איבערגעכאַפּט אין דער מאָס זײַן ייִדישע אינדיפֿערענץ — און מיר האָבן װײַטער װעגן דעם נישט גערעדט. אָבער אין מיר איז געבליבן תּיקו...

אין יאָר 1958 האָט דער ייִדישער װעלטקאָנגרעס אין לאָנדאָן אָרגאַניזירט אַ סימפּאָזיום װעגן ייִדישע פּראָבלעמען. דױטשערס טעמע איז געװען: דער נישט־ייִדישער ייִד אין דער מאָדערנער מחשבה. גערעדט האָט ער װעגן שפּינאָזאַ, הײנע, קאַרל מאַרקס, פֿרױד, טראָצקי אאַ״װ, און אַרױסגעבראַכט די אידעע װעגן ייִדן אױף דער גרענעץ צװישן ייִד און מענטש, װאָס זענען פֿון ייִד אַרױס און טאַקע דערגאַנגען צום מענטש... דער רעפֿעראַט האָט אַרױסגערופֿן שאַרפֿע פּאָלעמיק אין דער ייִדישער װעלטפּרעסע. עס איז קלאָר, אַז דער רעפֿעראַט האָט אַ שײַכות צו דױטשערס אײגענעם גאַנג אין לעבן און אינטימסטע אַמבי־ציעס...

און אָט איז האַרבסט 1959. מאָנטרעאָל. גרױסע סענסאַציע אין דער אינטע־לעקטועלער װעלט, באַזונדערס אין דעם אַקאַדעמישן סעקטאָר. דױטשער מאַכט אַ טור איבער קאַנאַדע, רעדט אין די גרעסטע שטעט, אין די אוניװערסיטעט־זאַלן פֿאַרן אַלגעמײנעם פּובליקום און אױך אין די קלאַסן פֿון די סטודענטן װעגן אַקטועלע מיזרח־מערבֿ־פּראָבלעמען, באַזונדערס נאָך דעם באַזוך כרושט־שאָװס אין אַמעריקע. אַלע צײַטונגען זענען פֿול: דער װעלטעקספּערט װעגן רוסלאַנד האָט אַזױ געזאָגט, דער אױטאָריטאַטיװער שרײַבער װעגן סאָװעטן און דעם מערבֿ־בלאָק האָט אַזױ געזאָגט. מען ציטירט, מען אַנאַליזירט, מען דרוקט גרױסע באַריכטן פֿון יעדן װאָרט.

מיר באַגעגענען זיך, רעדן זיך דורך טעלעפֿאָניש, דױטשער איז פֿול מיט ענטוזיאַזם און סענטימענט פֿון דער װידער־באַגעגעניש, אָבער מען צערײַסט אים ממש. און עס איז קלאָר געװאָרן, אַז די גרױסע געזעלשאַפֿטן, װאָס אָרדע־נען אײַן זײַנע אַרױסטריטן האָבן אין זינען דורך זײַנע לעקציעס אױפֿצומונ־טערן די אַמעריקאַנישע און קאַנאַדישע שטודירנדיקע יוגנט זיך צו נעמען אין די הענט אַרײַן, װאָרעם דער װעלטעקספּערט האָט געזאָגט, אַז אין איצטיקן

מאָמענט איז דאָס רוסישע פֿאָלק דאָס פּראָגרעסיװוסטע אויפֿן געביט פֿון ביל־דונג.

דויטשער אַנטשולדיקט זיך ממש מיט טרערן וואָס ער קען נישט געגוג צײַט ווידמען דעם אַלטן פֿרײַנד. מיר רעדן פּויליש — נאָך אַלץ. אָבער ער פֿאַר־ענדיקט אויף לשון־קודש: וואָס זאָל ער טון, אַז ער איז אַ תּינוק שנשבה בין הגויים...

וויפּל וועלטן — צווישן דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם באַגײַסטערטן בחור׳ל אין זײַדענפעלדס שטוב אין קראָקע און דעם פֿולגעפּאַקטן זאַל מיט באַ־גײַסטערטע און פֿאַרהאָרכטע סטודענטן אין דעם גרויסן, סאָלידן, טונקל־שטײ־נערנעם זאַל פֿון דעם מאַקגיל־אוניווערסיטעט אין מאָנטרעאָל.

1960

שמשון דונסקי

געבוירן אין שטעטל יאַשינעווקע, קרײַז ביאַליסטאָק, אין יאָר 1899. זינט 1922 אין מאָנטרעאָל.

דער נאָמען „שמשון" סוגערירט גבורה, הייך. און אין דעם זינען אַנטוישט שמשון דונסקי. זײַן גבורה איז אין טיפן, שטילן ייִדישן וויסן. נישט אומזיסט האָט ער אין זײַנע יונגע יאָרן געלערנט אַזש אין 3 ישיבות. דאָס וויסן, דאָס ייִדישע, האָט ער באַקומען פון מלמדים און זײַן אייגענעם דורשט צו וויסן; אָבער וואָס איז וויסן אָן זיכּרון. דעם דאָזיקן עלעמענט, אויף צו זײַן אַ תּלמיד־חכם, האָט בײַגעטראָגן גאָט. לויט דעם באַגריף פון דעם שרײַבער פון די שורות איז שמשון דונסקי — לויט זײַן גאַנצן אינערלעכן און אויסערלעכן מהות — ממש דער קלאַסישער פּראָטאָטיפּ פון אַ תּלמיד־חכם.

אַ ייִד, וואָס האָט אין זײַנע יונגע יאָרן נישט נאָר אין דרײַ ישיבות, נאָר אַפילו אין קיין איין ישיבה, און אַפילו אין קיין איין חדר נישט געלערנט, פילט זיך אַ ביסל אומזיכערער אין שמשונס געזעלשאַפט. און דאָס רעד איך טאָקע וועגן זיך אַליין... מאַכט זיך אַ מאָל — ווי פאַרזיכטיק מען זאָל נישט זײַן — אַז מע זאָגט עפּעס וואָס שטימט נישט און וואָס ווײַזט אָן, אַז דער זאָגער איז אַ ביסל ווײַט פון צו זײַן אַ תּלמיד־חכם. דער מינהג מצד די מיינסטע תּלמידי־חכמים איז אין אַזעלכע פאַלן צו איראָניזירן, דײַטלעך זיך אַליין שטעלן כאָטש מיט איין טרעפּל העכער. נישט דאָס איז דער דרך פון אונדזער פרײַנד שמשון דונסקי. ער קאָרעגירט דעם גרײַז מיט אַ מאַקסימום מילדקייט, אָט אַזוי ווי גרײַזן וואָלטן געווען אַ מוז־זאַך, און דער שמועס גייט אָן ווײַטער און דער מיטשמועסער איז דאַנקבאַר דעם תּלמיד־חכם פאַר זײַן חברישן טאַקט. און טאַקט איז נישט קיין צו אָפטער גאַסט בײַ די גרויסע קענערס.

נישט צו הויך אין וווקס, שמאָל אין געשטאַלט איז שמשון דונסקי. דין די שטריכן פון זײַן איידל פּנים. וועדליק דער מאָסע פון זײַן ייִדישן וויסן וואָלט זײַן פּנים געדאַרפט זײַן שאַרף־סעמיטיש. עס איז אָבער נישט. עס איז, נו לאָמיר זאָגן: אַלמענטשלעך און גוטמוטיק. מיר קענען זיך שוין כּמעט דרײַסיק יאָר און איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען אַ בייזן, אַפילו נישט קיין אויפגערעגטן און אַפילו דעמאָלט, ווען ער פאַרטיידיקט זײַן אמת אין אַ וויכּוח. און אַזעלכע סיטואַציעס שאַפן זיך אָפט אין דעם קרײַז פון שרײַבערס און לערערס, וואָס דאָס איז נאַטירלעך די סביבה פון שמשון דונסקי.

מיר האָבן זיך דאָ אַנומלט געטראָפן אין אַ געזעלשאַפט און מיר האָבן זיך צופעליק־נישט־צופעליק געזעצט אויף שכנותדיקע שטולן. און עפּעס האָט עמעץ אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן קינדער־ און יוגנט־יאָרן. און נאָך אַזוי פיל יאָרן

אין איין שטאָט און אין איין סביבה, האָב איך געבעטן דונסקין צו דערציילן מיר עפּעס וועגן זײַן קינדהייט און יוגנט. און אָט די מעשׂה דונסקיס איז פּאַר מרי געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. דונסקיס קינדער־ און יוגנט־יאָרן זענען אַוועק אַרום אַ ווינטמיל אין אַ דאָרף. דונסקיס טאַטע־מאַמע, זיידעס און אַפילו עלטער־זיידעס זענען געווען מילנערס. גאָט האָט געלאָזט וואַקסן די תּבֿואות, די פּויערן אין די אַרומיקע דערפער האָבן געאַקערט און געזייט און די מילנער־משפּחה פֿון די דונסקיס האָבן פֿון די תּבֿואות געמאַכט מעל, און ייִדישע בעקערס האָבן געבאַקן ברויט און חלות און קוילעטשן. אין אַזאַ מין ערלעכער מענטשלעכער סביבה איז דורות לאַנג גאָט אויך נאָענט געווען.

אין מיטן דונסקיס דערציילן מיר אָט די מעשׂה פֿון זײַן יוגנט האָט אונדז אַ חבֿר איבערגעריסן — ער וויל מאַכן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. און ער האָט אַ שנעל געטון זײַן אַפּאַראַט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אונדז דער חבֿר צוגעשיקט דאָס בילד: דונסקי און איך. און דאָ האָב איך ערשט דערזען, אַז שמשונס שטערן איז דורכגעאַקערט מיט לאַנגע זאָרגקנייטשן, ייִדישע קנייטשן פֿון דער איצטי־קער, ייִדישער צײַט. כּאָטש — ווי אַ תּלמיד־חכם, ווייסט ער בעסער דעם אָק־סיאָם פֿון דער ייִדישער וועלט־געשיכטע, אַז נצח ישׂראל לא ישקר — — אָבער, וויפֿל איז דער שיעור? מערן זיך קנייטשן אין אַ ייִדיש פּנים.

שמשון דונסקי איז אַ גאָט־געבענטשטער לערער, און די ווערטער דאָ זענען נישט סתּם שאַבלאָנע ווערטער; זיי מיינען עס טאַקע: גאָט־געבענטשט. אַ נחת צו זען אים אין אַ קלאַס, צו זען און הערן. ער איז צענדליקער יאָרן פֿאַר־בונדן מיט די וועלטלעכע ייִדישע פֿאָלקסשולן, אָנגעפֿירט פֿון דעם לערער און תּלמיד־חכם שלמה ווײַסמאַן. אָט די פֿאָלקסשולן, וואָס זענען אין אַ געוויסן זינען אַ מוסטער פֿאַר אַלע וועלטלעכע, גאַנצטאָגיקע שולן בײַ ייִדן איבער גאָר דער וועלט — האָט דונסקי אַלע זײַנע פּעדאַגאָגישע טאַלאַנטן אַוועקגעגעבן. בעיקר אין לערנען ייִדישע געשיכטע.

אָבער עס איז געבליבן אין זײַן נשמה נאָך איין טאַלאַנט, וואָס האָט געזוכט אַ תּיקון, פּונקט אַזאַ תּיקון ווי דער פּעדאַגאָגישער טאַלאַנט האָט אים געפֿונען אין דער שולע.

טאָן מיט די מדרשים דאָס וואָס שׂימחה פּיעטרושקאַ האָט געטון מיט די זעקס בענד פֿון משניות: איבערזעצן און פּאַראַלעלײַכן מיט דעם העברעיִשן טעקסט און אויסטײַטשן. אָבער — און דאָ קומט דער גרויסער חילוק: בשעת די משנה איז קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט — אין אַ געוויסן זינען געזעץ — זענען די מדרשים קוואַלן פֿון רעליגיעזער פֿאַנטאַזיע. די מדרשים בעטן זיך — איבער יאָרהונדערטער אַריבער — איבערגעזעצט און אויסגעטײַטשט צו ווערן אויף מאַמע־לשון.

צו אָט דער אַרבעט איז שמשון דונסקי אַזוי ווי אויסגעקליבן געוואָרן פֿון

דער השגחה. אַז דו לייענסט דונסקיס איבערזעצונגען דאַכט זיך דיר ממש, אַז דו הערסט זײַן קול, אַז נישט נאָר לייענסטו אים, נאָר ער גיט דיר אַ פּריוואַטע לעקציע, ווײַל מער ווי דיר גלוסט זיך באַלערנט ווערן — וויל דונסקי דיך לערנען. דאָס איז זײַן שליחות, זײַן ייִדישע שליחות.

אויף דער טשערנאָוויצער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ 1908 איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צוזענגלעך צו מאַכן די גרויסע ייִדישע קולטור־אוצרות אויף מאַמע־לשון פאַר דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. אין יענע יאָרן האָבן נאָענט צו צען מיליאָן ייִדן גערעדט ייִדיש. די רעזאָלוציע האָט אַרײַנגעטראָגן י. ל. פּרץ. די באַגרינדונג: ייִדיש איז אַ פאָלקס־שפּראַך — און אַ נאַציאָנאַל לשון וועט עס ווערן, ווען די אייביקע ספרים בײַ ייִדן וועלן דורך ייִדיש אָפּן זײַן פאַרן גאַנצן פאָלק. און דערצו די גרויסע ווערטערביכער.

גרינג אָנצונעמען רעזאָלוציעס; אָבער ווער זאָל זיי דורכפירן. און דאָ הייבן זיך אָן די ייִדיש־נסים:

יהואָש זעצט איבער דעם גאַנצן תנ״ך,
שימחה פּיעטרושקאָ — גאַנץ משניות,
נחום סטוטשקאָוו — שאַפט דעם אוצר פון סינאָנימען אין ייִדיש,
מאַקס ווײַנרײַך — שרײַבט אויף די געשיכטע פון ייִדיש־לשון,
שמשון דונסקי האָט זיך פאַרמאַסטן אויף די מדרשים,
יודל מאַרק — אויף דעם גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך.

דונסקי און מאַרק האָבן דערווײַל אַרויסגעגעבן צו 2 כּרכים. און פאַר וואָס די דאָזיקע גרויסווערק זענען נסים? ווײַל יחידים האָבן זיי אויסגעחלומט און אויך געגעבן אַ תּיקון — אָדער אָנגעהויבן צו געבן אַ תּיקון.

און פאַר וואָס שמשון דונסקי באַלאַנגט צו דער דאָזיקער גאַלעריע פון אײַנגעשפּאַרטע בעלי־חלומות צו פאַרוואַנדלען נסים אין רעאַליטעטן? קוקט אַרײַן אין די ערשטע צוויי מדרש־כּרכים געדרוקטערהייט און איר וועט האָבן דעם ענטפער.

1969

זײַנוול דיאַמאַנט

געבוירן 1904 אין אַ שטעטל, לובלינער געגנט. 1928 אין פּאַריז. 1940 אין דײַטשער געפֿאַנגענשאַפֿט. 1942 אַנטלױפֿט ער אין דער שווייץ. זינט 1948 אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 26סטן יוני 1963.

נײַן און פופציק יאָר לעבן אין הײַנטיקע צײַטן פֿון לאַנגלעביקייט איז אוודאי נישט קיין סך, אָבער בלויז צוויי זאַמלונגען דערציילונגען ווי אַ רעזולטאַט פֿון 59 יאָר לעבן בײַ אַ יידישן שרײַבער איז אוודאי און אוודאי נישט קיין סך. און דער עיקר, אַז מען איז אויף אַן אמת אַ טאַלאַנטפולער שרײַבער ווי זײַנוול דיאַמאַנט איז עס געווען. די צוויי זאַמלונגען רופן זיך א. „אונטערן האַקן־קרייץ" און ב. „אויף אַלע ווינטן". דאָס ערשטע בוך איז דערשינען אין יאָר 1946 און דאָס אַנדערע אין יאָר 1957.

„אונטערן האַקן־קרייץ" איז דערשינען באַלד נאָך דעם דריטן חורבן און איז — אין אַ געוויסן זינען — געווען עפּעס נײַעס. עס האָט געהאַט אין זיך יענע סטאָאיִשע רו, און יענע קליינע דאָזע פֿון ביטערן הומאָר, וואָס איז עלול נאָך שטאַרקער אונטערצושטרײַכן און אַקצענטירן די טראַגיק. און אַז דערציילונגען מיט דעם כּולל־דיקן נאָמען „אונטערן האַקן־קרייץ" זענען טראַגישע, דאַרף מען ערשט נישט אויפקלערן.

מיר האָבן זיך אין פּוילן נישט געקענט — זײַנוול דיאַמאַנט און איך. און אפשר האָבן מיר זיך יאָ געקענט — נאָר איך קען מיך נישט דערמאָנען אין דעם. און זײַנוול דיאַמאַנט האָט מיר קיין מאָל נישט געוואָלט דערמאָנען אין דעם. און אפשר האָט ער געהאַט סיבות. אפשר האָב איך אים אַ מאָל נישט גינציק געענטפערט אויף זײַנער אַ צוגעשיקטער דערציילונג, אָדער אַ ליד, אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון דער „פֿאָלקס־צײַטונג". אָט ווי קליין און צימצומדיק די ענטפערס אונטערן נאָמען „בריוו צו איינעם און צו אַלע" זענען געווען, אַזוי וואַנדערן נאָך אַלץ זייערע רעזולטאַטן איבער דער וועלט אַרום שוין פערציק יאָר, אַ מאָל ווי שונאים און אַ מאָל ווי פרײַנד — און אַ מאָל ווי פאַרשוויגענע און האַלב־פאַרגעסענע סודות. און איך בין חושד, אַז אין פאַל דיאַמאַנט איז חל דאָס לעצטע. איז מיר טאַקע גוט יאָ צו געדענקען, אַז מיר איז באַשערט געווען דער ערשטער, אָדער כּמעט דער ערשטער, מיט ענטוזיאַזם צו רעצענזירן זײַן ערשט בוך. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די פרײַנדשאַפט, קודם־כּל אין בריוו און שפעטער פערזענלעך אין ניו־יאָרק. צום סוף האָבן מיר גאָר מיטגעאַרבעט אין דער רעדאַקציע — זאַלבע דריט מיט יעקב פאַטן — פון זאַמלבוך „יידיש", 1961.

מיטלהויך, אַ טיפּיש פּויליש־ייִדיש, וואָרעם־אויגיק... פּראָווינץ־פּנים. זײַער פולע ליפּן, כּמעט נעגראָיִד. נאָר דאָס פּנים בלאָסלעך, געלאָסן, אַפילו הכנעה־דיק. ער האָרכט געדולדיק, ער שרײַבט געדולדיק — סײַ זײַנע בריוו און סײַ זײַנע דערציילונגען. ער האָט אַ פּערלדיקן כּתב און זײַנע בריוו און זײַנע כּתבֿי־יד זענען זייער ענלעך צו די כּתבֿי־יד פון דעם זיידן מענדעלע מוכר־ספרים אַליין.

ער איז ווי פון דער השגחה אַליין צוגעפּאַסט געוואָרן צו זיצן אין אַ ליי־טעראַרישער קאַנצעלאַריע פון אַ בילדונגס־מיניסטעריום און פאַרשן, קאָרעגירן, צוגרייטן מאַנוסקריפּטן צום דרוק. האָט דאָך אונדזער בידנע ייִדיש נישט קיין בילדונגס־מיניסטעריום, איז זײַנוול דיאַמאַנט געזעסן אין דער רעדאַקציע פון דעם לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און האָט געגרייט די ביאָגראַ־פיעס. צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען זײַן אַ פאַרגינער... אויסזוכן דאָס גוטע און מפרסם זײַן און פון צײַט צו צײַט פאַרבייגן דאָס נישט־גוטע. און דיאַמאַנט האָט געהאַט אָט דעם טאַלאַנט. ער האָט דעם זעלבן טאַלאַנט אויך באַוויזן אין זײַנע בעסטע דערציילונגען.

ווי יעדער שטילער, אַ מאָל אַפילו צו שטילער מענטש, האָט דיאַמאַנט אָפּט געהאַט דאָס געפיל, אַז עס געשעען אים עוולות. האָט ער געזוכט חברים אויף אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, אַ מאָל אין אַ בריוו און אַ מאָל פּנים־אל־פּנים. און אַלע מאָל מיט אַן אַרומקוקן זיך פריִער צי מען הערט נישט, אָדער מיט בעטן אין אַ בריוו, אַז מען זאָל אים תּיכּף צערײַסן. און עס איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו דינען דעם גוטן חבר זײַנוול ווי אַ פאַרטרויונגמאַן... בלעטער איך איצט זײַנע בריוו מיט סענטימענט און צער. איך בלעטער און טראַכט: גוט וואָס איך האָב די בריוו ניט צעריסן. אַפילו דאָס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן איז אין זיי אַזוי מילד און מיט אַזוי פיל מיטגעפיל מיט דעם „באַרעדטן”, אַז טאַקע נאָר צווישן ייִדישע גזלנים, און דער עיקר גזלנים־שרײַבערס קען מען אַזוינס אָנ־טרעפן. אַ שטילער מענטש, אַ שטילער שרײַבער, און עס איז אים באַשערט געווען אויפצושטעלן אַן אייגנאַרטיק ווינקל אין דעם פילצימערדיקן הויז פון דער ייִדישער וועלט־ליטעראַטור.

מיט פרייד און שטאָלץ פלעגט מיר זײַנוול אָפּט דערציילן וועגן דעם נחת פון זײַנע געראָטענע זין און זייערע קאַריערעס ווי וויסנשאַפטלערס. מסתּמא האָט אָט דער נחת גרינגער געמאַכט דעם אַזוי פריִען לעצטן בליק אויף דעם עמק־הבכא.

איז דאָס אַ טרייסט. זאָל זי ווערן פאַרצייכנט.

1963

ד״ר צבי דיזנדרוק

געבוירן אין 1891 אין סטרי, געווױנט צענדליקער יאָרן אין ווין, געשטאָרבן אין סינסינעטי 1940.

זײַן העברעיִש־גריכיש־לאַטײַנישע וועלט איז מיר פרעמד געווען — נאָר ער אַליין, ד״ר צבי דיזנדרוק איז מיר נאָענט געווען. ער האָט געשטאַמט פון סטרי, פון אַ גאַליציש־חסידישער גבירישער משפחה. ער האָט אונדז אָפט אין ווין געפלעגט צו דערציילן, אַז אין זײַן משפחה זענען דאָ אַ פּאָר טשודאַקעס. פּאַראַנען אַ שוועסטער, וואָס איז צײַטנווײַז געריִרט פון זינען, פּאָרט אַרײַן קיין לעמבערג, גייט אַרײַן אין די באַנקן און זאָגט, אַז זי איז די שוועסטער פון קייזער פראַנץ־יאָזעף... אַז מען זעט, אַז זי איז פאַרשווונדן דאַרף מען איר נישט נאָכפאָרן, זי וועט שוין אַליין קומען צוריק, אַז זי וועט זיך איבערצײַגן, אַז מען גלייבט איר נישט, אַז זי איז די שוועסטער פון קייזער פראַנץ־יאָזעף. דיזנדרוק האָט אונדז אָפט דערציילט, אַז אויך ער האָט געליטן פון אַ קליינער גרויס־קייט־מאַניע, ער איז אַלע מאָל געווען אַ שריט פאָרויס אין זײַן קאַריערע אין דעם, וואָס ער פלעגט דערציילן זײַנע לאַנדסלײַט און זײַנע קרובים. אַז ער האָט קוים אויסגעטון דאָס בעקעשקעלע און געוואָרן אַן עקסטערן, פלעגט ער שוין דערציילן, אַז ער האָט געמאַכט מאַטורע. און אַז ער האָט געמאַכט מאַטורע קוים, האָט ער דערציילט, אַז ער איז שוין ווײַט אַוואַנסירט אין די אוניווערסי־טעט־שטודיעס, און אַז ער האָט שוין געהאַלטן אַזוי ווײַט פלעגט ער זיך שוין לאָזן רופן דאָקטאָר, און אַז ער איז שוין געווען דאָקטאָר פלעגט ער שוין נישט האָבן קעגן דעם, אַז מען זאָל אים באַטראַכטן פאַר פּראָפעסאָר און אַז ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר, צו ערשט אויף דעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ווין און שפּעטער אין דעם גרויסן טעאָלאָגישן אינסטיטוט אין סינסינעטי — זענען אים שוין די נאַרישקייטן נישט מער געלעגן אין זינען. אָבער האָט ער פרי אָנגע־הויבן צו קרענקען.

ער איז אַ מאָדנער געווען צבי דיזנדרוק. ער איז אין מיטן געדיכט־ייִדישן גאַליציע געבוירן געוואָרן אַ רייַנער העברעער, אַזאַ פאַרצווייטוויזנט־יעריקער, פון יענע, וואָס האָבן זיך אַסימילירט מיט דער העלענישער קולטור... ער איז געווען אַ מין פאַרצווייטויזנט־יעריקער אַסימילאַטאָר... אַפילו „הערשל" האָט ער זיך נישט גערופן, כאָטש ער האָט אַזוי געהייסן, נאָר באַלד זיך גערופן צבי. דערצו האָט ער געהאַט אַ שקאָציש־אַריש פּנים, אַ פאַרריסענע נאָז, אַ בידעריקן שטערן, אַ שקאָצישע רויטקייט אין פּנים, אין די געזונטע און יונגע יאָרן, גלײַכע פּאַסמעס האָר איבערן בידעריקן שטערן אַלע מאָל אַראָפּגעלאָזט, אַלץ שקאָצע־וואַטע, און דערצו אַ פאַרשײַטער שמייכל פון אַ קלוגן שייגץ, וואָס שדכנט זיך

צו ייִדישע מיידלעך. וואָס ער פלעגט רעדן איז פול געווען מיט חכמה און מיט שמייכל און מיט אַ הוסטל, ער האָט אַלע מאָל געשמייכלט מיט אַ מאָדנעם הוסטל. מען האָט אַזש געקענט מיינען, אַז ער איז אַ ציניקער. נאָר ער איז עס נישט געווען. אַדרבא, גאַנץ אומגעריכט איז ער אָפט מאָל געווען מער פּיעטעט־פול ווי די פּראָפעסיאָנעלע מאַנערס און שטראָפּערס אַרום אים. נאָר זײַן פּנים מיט דער פאַררײסענער שפּיציקער נאָז האָט אַלע מאָל געשמייכלט, אַזוי ווי עס וואָלט צו ביסלעך חוזק געמאַכט.

ער האָט קיין מאָל נישט געשריבן קיין ייִדיש, צבי דיזנדרוק, ער איז נישט געווען קיין קענער פון ייִדיש, דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער ענין און ער איז געווען אַ דורכאויסיקער עסטעט. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער שרײַבט נישט קיין ייִדיש, ער וואָלט דאָך געקענט פאַרטאָפּלען דעם נוצן פון זײַן וויסן פאַר זײַן פאָלק, האָט ער פּשוט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים... אַז ער האָט דאָך גאָר געלעבט אין דער וועלט פון די פאַרצווייטויזנט־יעריקע גריכישע עסטעטיקער און פילאָסאָפן, נאָ דיר גאָר פלוצלינג דאָס צוואַנ־ציקסטע יאָרהונדערט. אין זײַן וועלט האָט דאָך ייִדיש נאָך גאָרנישט עקסיסטירט, ערשט פופצן הונדערט יאָר שפּעטער איז עס אויפגעקומען, ער ווייסט נאָך נישט דערפון... אַז ער האָט זיך שוין שטאַרק דערנענטערט צו אונדזערע צײַטן, העכ־סטנס צום פרײַען מיטל־עלטער, אָבער נישט אַ שריט ווײַטער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919 אין ווין. איך בין זייער שווער קראַנק גע־ווען. אַ סך פרײַנד האָבן מיך באַזוכט, גערעדט, געמאַכט טומל, דיסקוטירט, אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט מײַן קרענק, וואָס איז דווקא געווען זייער אַ שווערע. און אָט איז אַרויפגעקומען דיזנדרוק מיך מבקר־חולה זײַן. שטיל, מיטן אייביקן שמייכל, נאָר אַ ביסל טרויעריק און מיט אַ בונט ריזיקע, הויכע, בלענד־ווײַסע נאַרציסן... אַרײַנגעפּאַלן טאַקע ווי אַ יוון אין סוכה. אַ העלענער אין דער צעקאָכטער, רעשיקער ייִדישיסטישער וועלט.

איך האָב געוווסט, אַז דיזנדרוק געפינט זיך אין סינסינעטי, אָבער אַמעריקע איז גרויס און ספּעציעל פאַרן באַזוכן אַ פרײַנד איז שווער. איך האָב געהערט, אַז דיזנדרוק קרענקט, איך האָב אָפט געחלומט וועגן דעם, אַז עס וועט מיר אויסקומען צו זײַן נאָענט פון זײַן שטאָט און איך וועל אַרײַנקומען צו אים מיט אַ בונט ווײַסע נאַרציסן און איך וועל אים דערמאָנען דעם עפּיזאָד פון אונדזער יוגנט.

און פלוצלינג — פאַרבײַ. ווייניק האָבן די צײַטונגען וועגן זײַן טויט געשריבן, אַפילו די ציוניסטיש־העברעיִסטישע. און איך וועל אים שוין די נאַרציסן קיין מאָל נישט קענען אָפּגעבן אין האַנט אַרײַן, סײַדן זיי אַרויפלייגן אויף דעם שווערן שטיין, וואָס ליגט אַזוי מגושם אויף זיינע דינע הענט, וואָס פלעגן אַזוי הערלעך אַרויסצויבערן די העלענישע וועלט צו נײַעם לעבן.

יצחק דײַטש

געבוירן 1884 אין טאָלטשין, אוקראַינע. 1905 אין גאַליציע, 1910 אין ווין. גרינדער פון דער פרײַער ייִדישער פאָלקס־בינע, ווין. רײַזעס איבער דרום־אַמעריקע, אַפריקע. גע־שטאָרבן אין סאַן־פּאָולאָ, בראַזיל, 1934.

זײַן ריכטיקער נאָמען איז געווען יצחק סאָלאָמיאַניק, דײַטש האָט ער זיך גערופן, ווײַל זײַן פאָטער האָט מען אין זײַן שטעטל גערופן „דײַטש” און ווײַל דײַטש האָט געהאַט דאָס גאַנצע לעבן לאַנג אַ דראַנג זיך אויסצומענטשלען, צו ווערן אַ לײַט.

יצחק דײַטש איז געווען איינער פון די מערקווערדיקסטע אַקטיאָרן, וואָס דאָס ייִדישע טעאַטער האָט פאַרמאָגט — נישט אַזוי צוליב זײַן אַקטיאָרישן טאַלאַנט, נאָר צוליב זײַן שטרעבן צו אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער. אַליין אַ שונדאַקטיאָר אין זײַן יוגנט, האָט ער געהאַסט דעם מין טעאַטער — ווי די פּעסט. ער האָט עס אויסגעלאַכט, ער האָט חוזק געמאַכט דערפון, ער וואָלט צום ליבסטן אויף דעם געשאָסן, געוואָרפן באָמבעס, אויפגעהאַנגען די שונדאַקטיאָרן און אַרײַנ־געזעצט אין תּפיסה דאָס שונד־פּובליקום.

יצחק דײַטש איז געווען אַ זינגער, געהאַט אַזאַ מין טענאָר, וואָס האָט געקענט שפּאַלטן הימלען. אָפט פלעגט ער זײַן מײַן גאַסט אין ווין. אַ מאָל האָט מען אים געבעטן אַ זינג טאָן אַ לידל. די שטוב איז געווען נישט גרויס, און אַז דײַטש האָט אַ זונג געטאָן האָט זיך די שטוב אַזוי אָנגעפילט מיט זײַן געזאַנג, אַזוי ווי אַ באַלאָן מיט לופט, עס איז אַזש ענג געוואָרן, צום דערשטיקט ווערן, און איך האָב עפּעס אינסטינקטיוו אויפגעמאַכט דאָס פענצטער, אַזוי פול איז דאָס שטיבל געוואָרן מיט דײַטשס געזאַנג. אויף אָט דעם געביט פון זינגען וואָלט ער געקענט מאַכן די גרעסטע קאַריערע אומעטום, און אַוודאי און אַוודאי אויך בײַ נישט־ייִדן. דאָס האָט מען אָבער אַפילו נישט געטאָרט דערמאָנען אין זײַן קעגנוואָרט, אַז ער זאָל גיין זיך שטופּן צו די גויִים בשעת זײַן אמתע ראָלע האָט ער גאָר געדאַרפט שפּילן — לויט זײַן באַגריף — אין קינסטלערישן ייִדישן טעאַטער. זײַן טאַלאַנט צום זינגען און זײַן מעכטיקע שטים זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ בייזער שאָטן... דער וואָס האָט אים געהערט זינגען און דער וואָס האָט אים געזען שפּילן, האָט אים געעצהט בעסער צו קאָנצענטרירן זיך אויפן זינגען ווי אויפן שפּילן. מער האָט נישט געפעלט. ער האָט דאָס זינגען נישט ליב געהאַט. ער האָט סוף־כּל־סוף פײַנט באַקומען די שטים זײַנע. זי האָט אים דאָך דערמאָנט, אַז ער איז אַ בעסערער זינגער ווי אַ שפּילער און

ער האָט געוואָלט זײַן אַ בעסערער אַקטיאָר ווי אַ זינגער. און די שטים איז אים נאָכגעגאַנגען אין אַלע זײַנע ראָלעס, זײַן פּראָזע האָט געקלונגען שאַרף און דורכדרינגענדיק און פול מיט מעטאַל — און שטופּ אַ פּויער אונטערן בעט, זעען זיך אַרויס די פּאַדקאָוועס, פּאַרדעק אַ זינגער מיט אַ דראַמאַטישער ראָלע, אַז עס זינגט אַרויס פון אים דער העלער טענאָר.

כּמעט איין מענטש אַליין האָט דזשײַטש אין יאָר 1920 געגרינדעט אין ווין אַ קינסטלערישן טעאַטער, צוגעצויגן באַראַטאָוון און דער טעאַטער האָט געהאַט ממש לעגענדאַרע דערפאָלגן. פון אַ קליין בודקעלע אין ייִדישן געגנט האָט מען זיך באַלד אַרויסגעצויגן אין איינעם פון די גרויסע ווינער טעאַטערס און גאַנץ ווין איז געלאָפן אויף בייז וווּנדער. דאָס זענען געווען די בעסטע פּאָר חדשים אין דזשײַטשעס לעבן. מער האָט ער נישט געדאַרפט, ער האָט דערגרייכט. ער האָט אייביק געשמייכלט אין יענער צײַט, דאָס אַ ביסל מעפיסטאָפעלישע פּנים מיט דער שאַרפער און אַ ביסל אויף דער זײַט אויסגעקרימטער נאָז האָט טריומפירט. איצט האָט ער באַזיגט דעם זינגער אין זיך, געשפּילט לויטער בעסערע ראָלעס, רעזשיסירט און איז אַלס ייִד אַרויף אויף דער גרויסער וועלטאַרענע. — אָבער אַזעלכע גליקן געדויערן נישט לאַנג, באַלד מוז דזשײַטש נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און וואַנדערן איבער דער וועלט און נישט אַלע מאָל קען מען שפּילן גוט טעאַטער, נישט אַלע מאָל בכלל שפּילן, מען מוז אָפּשטויבן דעם פּאַרהאַסטן מעכטיקן טענאָר און אַפילו זיך אַ מאָל אַ נעם טון צו חזנות אויך. אין דזשײַטשעס באַגריף די גרעסטע דעגראַדאַציע.

דזשײַטש האָט פײַנט די אַקטיאָרן, וואָס יאָגן זיך נאָך פּאַרדינסטן און גע־האַלטן גוטע. בײַ אים איז רעכט, אַז מען זאָל שפּילן גוט טעאַטער גאָר אָן גע־האַלט. אַז אַקטיאָרן דערוויסן זיך, אַז דזשײַטש איז אין אַ טרופּע, מײַדן זיי די טרופּע אויס ווי אַ טײַוול מײַדט אויס ווײַרויך — וואָרעם, אַז דזשײַטש איז אין אַ טרופּע וועט שוין זײַן אַלץ וואָס דו ווילסט, גוטע ראָלעס, גוטע פּיעסעס, גוטע קריטיק — נאָר קיין פּרנסה וועט שוין נישט זײַן. די אַקטיאָרן האָבן אים ליב פּאַר זײַן טעמפּעראַמענט, פּאַר זײַן באַהעמישקייט, פּאַר זײַן אָפּט אַפילו דיאַבאָלישן, סאַ־טירישן וויץ, פּאַר זײַן קענען אָוועקגעבן פון זיך דאָס לעצטע העמד צו אַ חבר — נאָר זײַן אין איין טרופּע מיט אים — היטן זיי זיך. טרופּעס אַזעלכע צעפאַלן זיך, האַלטן נישט אויס די סעזאָנען, און קיין פּרנסה איז נישטאָ. און נאָך פּאַר עפּעס האָט מען מורא — דער עיקר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן שיינע פרויען — דזשײַטש איז אַ ראָמאַנטישע נאַטור, אַ צעבריכער פון פרויען־הערצער, צעברע־כער פון שטילע פאַמיליע־לעבנס. און פרויען האָבן אים ליב — דווקא פּאַר אַלע די חסרונות וואָס זענען מעלות בײַ פּאַרבענקטע נאַטורן.

דאָס איז געווען אין מאַרץ 1921, בײַ דער לוויה פון מײַן עלטערן ברודער, אַ

זעלבסטמערדער, אין ווין. בײַ דער לוויה זענען געווען נאָר צוויי־דרײַ פרײַנד און אין דער לעצטער רגע איז אָנגעלאָפן דײַטש. טראַגיק, לוויות, האָבן אים צוגעצויגן. ער האָט ליב געהאַט מיטצולײַדן, מיטצוווײנען, צו טרייסטן, מיט־צופילן. די נשמה פון אַ טראַגיקער אין גוף פון לירישן טענאָר. סוף 1938 האָב איך באַזוכט דעם בית־עולם אין סאַן־פּאַולאָ, פּלוצלינג שטיי איך בײַ אַ מצבה און לייען: יצחק סאָלאָמיאַניק — איך האָב געוווּסט, אַז ער איז טויט — און האָב פאַרלוירן די קאָנטראָל און איך האָב מיך צעוויינט, איך האָב אים אָפּגע־געבן זײַנע טרערן פון דער לוויה פון מײַן ברודער...

1939

מתתיהו דײַטש

געבוירן 1894 אין ראַקיטנע, אוקראַינע. ייִנגלווײַז געקו־מען קיין אַמעריקע. געוווינט אין שיקאַגאָ. געשטאָרבן 21סטן פעברואַר 1966.

פון דער ווײַטן וואָלסטו דעם ייִנגלש אויסזעענדיקן מענטש, מיט שאַרפע פּנים־שטריכן, געשאַצט אויף 24 יאָר. פון דער נאָענט זעען זיך שוין אַ סך גרויע האָר און פאַלדן אויפן פּנים און יאָרן פון אַמעריקאַנישער ביטערניש פון איי־ביקן זוכן אַ „דזשאָב". און אַז מען האָט שוין אַ דזשאָב — מאַכט זיך אָפּט „סלעק" און אַז עס איז סלעק איז נישטאָ קיין דאָלאַרן, און אַז עס איז נישטאָ קיין דאָלאַרן אין אַמעריקע, און דער עיקר אין שיקאַגאָ, איז זייער ביטער.

מתתיהו דײַטש — אָדער ווי ער רופט זיך און שרײַבט זיך קורץ „מאַטעס" — איז אַ ייִדישער פּאָעט, און לעצטנס נאָענט פאַרבונדן מיט דער „אינזיך"־גרופּע אין ניו־יאָרק. און פון פאַך איז ער אַן אײַנבינדער. און אײַנבינדערײַ אין אַמעריקע איז אַ לוקסוס־פאַך. נישט ווייניקער לוקסוסדיק ווי דאָס פאַך פון אַ ייִדישן פּאָעט צווישן די ייִדן אין דער גאָלדענער מדינה, וואָס די מייניסטע פון זיי זענען שוין מיט דרײַסיק יאָרן צוריק קיין אַמעריקע געקומען. און דרײַסיק יאָרן מאַכן פון אַ גוטן לייענער פון ייִדיש: אַ באַלעבעסל מיט קינדער וואָס זענען שוין אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים און דאָס לשון אין אייגענעם מויל מישט זיך שוין שטאַרק מיט ענגליש און בכלל האָט מען נישט קיין געדולד מער צו פּאָעזיע — אָט אַ לײַכטע מעשׂה קען מען נאָך לייענען ווי נישט איז. און חוץ אַלעמען קרענקט מען שוין אונטער צו ביסלעך... אָט אַזוי זעט עס אויס מיט לייענערס. אָבער שרײַבערס זענען אײַנגעשפּאַרט, האַלטן זיך פעסט אין דער פּראָפעסיע און וואָס ווייניקער אַקטועל זיי זענען — אַלץ מער האַלטן זיי זיך אין דער פּראָפעסיע.

מאַטעס דײַטש איז אַ וועגעטאַריער און זייער אַ מילדער, כאָטש ער שפּרינגט אַ מאָל אויף אין דער דיסקוסיע מיט אַזאַ אימפּעט, ווי אַ קאָרטן־שפּילער, וואָס פאַרלירט און האָט פּלוצלינג באַמערקט גאַנץ געגנוי ווי זײַן פּאַרטנער רוקט אונטער אַ פאַלשע קאָרט. און אַז ער גיט אַזאַ שפּרונג אויף און דו קוקסט אים בשעת־מעשׂה גלײַך אין פּנים אַרײַן, ווײַל צו שרעקן זיך איז נישטאָ וואָס, דערזעסטו, אַז אויף דעם סאַמע שפּיץ באַרג פון זײַן ווילדן כּעס שמייכלט ער גאָר. שמייכלסטו אויך און די דיסקוסיע איז געענדיקט.

אין דעם וואָס מאַטעס דײַטש, וואָס איז פול מיט מילדקייט און אַ פײַנעם הומאָר אין געשפּרעך, איז אַ פּאָעט, אַן אולטראַ־אינזיכיסט — איז דאָ עפּעס אַ קידער־ווידער. אין דער אמתן וואָלט ער גאָר געדאַרפט שרײַבן פּראָזע —

פּײַנע, מילדע, אימפּרעסיאָניסטישע הומאָרעסקעס מיט אַ לירישן טאָן, לײַכטע אַזעלכע, וואָס לייענען זיך אַליין. אָבער אין דעם שרײַבן ייִדיש אין אַמעריקע איז אָפּט דאָ אַ מין רײַסן זיך מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט — שרײַבט מאַטעס דײַטש אַזוי:

בערג, וועלדער און וואָלקנס,
וואָלקנס אויף וועלדער און בערג,
וועלדער, געוועלדער אויף ווענט און אויף סקאַלעס,
אין ריזיקע שיסלען מיט טײַכן,
מיט הייכן ווי ים־ברעג, צעכוואַליעט לעם שיפּן — —

מיר זענען ביידע וועגעטאַריער, אוראַלטע וועגעטאַריער, ער און איך האָבן שוין אין די נאָענט זעכציק יאָר, וואָס מיר זענען וועגעטאַריער, ביידע צוזאַמען פאַרשפּאָרט דאָס לעבן פון אַ שטאַל מיט אָקסן און אַ זיבן הייף מיט הינער. און אין שיקאַגאָ זענען מיר ביידע פאַרקראָכן אַ מאָל אין די באַרימטע שלאַכטהײַזער. מיר האָבן די גאַנצע צײַט פון דעם בלוטיקן שפּאַציר געשוויגן כמעט. וואָס האָבן מיר דען דאָ געהאַט צו זאָגן. פון צײַט צו צײַט האָט מאַטעס געמאַכט אַ באַמערקונג. דאָ זענען דאָ פול מיט באַנען און עלעקטרישע צענטערס און זייער אָפּט אַן אויפשריפט מיט רויטע אותיות „דענדזשער" — געפאַר הייסט עס. זאָגט מאַטעס דײַטש: איך שטעל מיר פאָר דאָס געמיט פון די קיעלעך נעבעך, ווען מען טרײַבט זיי דאָ אַרײַן און זיי זעען אומעטום די אויפשריפטן — געפאַר און געפאַר — זיי מוזן זיך נעבעך טראַכטן: מיר זענען שוין דאָ אַרײַנגעפאַלן אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ — ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך דאָ אַרויספּלאָנטערן — דענדזשער און דענדזשער — ווער ווייסט — —

1940

אַבֿרהם־משה דילאָן

געבוירן יולי 1882 אין זשעטל. 1912 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן 3טן אָקטאָבער 1934.

אַז אַבֿרהם משה דילאָן איז געשטאָרבן איז ער אַלט געווען צוויי און פופציק יאָר. נישט ער האָט געהאַט דעם באַוווסטזײַן פון זײַנע יאָרן און נישט די נאָענטע אַרום אים און נישט דאָס פּנים זײַנס האָט עס אויסגעזאָגט, כאָטש יוגנטלעך האָט ער, צוליב דעם שווערן לעבן זײַנעם, נישט אויסגעזען.

פאַר דילאָנען איז די גאַנצע וועלט געווען נישט מער ווי אַ מין אַנטאָלאָגיע פון לידער. און אויב עס איז אויף דער וועלט עפּעס געשען — איז עס נאָר געווען דערפאַר, אַז אַ פּאָעט זאָל קענען וועגן דעם שרײַבן אַ ליד. אַז מאַני לייב האָט אָנגעשריבן אַ גוט ליד — האָט אין יענעם טאָג געקענט דערקלערט ווערן אַ נײַע וועלט־מלחמה, פאַר דילאָנען וואָלט נאָך אַלץ די וויכטיקסטע געשעעניש פון יענעם טאָג געבליבן דאָס ליד פון מאַני לייבן.

דילאָן איז געווען אַ גרויסער און אַ צוואָקסענער און אַ בלאָנדער, און אַ פּנים האָט ער געהאַט פון אַ מעל־סוחר. איך ווייס נישט פאַר וואָס פּונקט אַ מעל־סוחר, אפשר רופט זיך דאָ אין מיר אָפּ עפּעס אַ מעל־סוחר פון מײַן אייגן היימשטעטל, וואָס איז ענלעך געווען צו דילאָנען. פון די ליפּן האָט דילאָנען אַלע מאָל אַרויסגעשטעקט אַ פאָדערשטער צאָן. נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן צאָן איז דילאָן געווען אַלע מאָל זייער אַגרעסיוו בנוגע פּרויען — און די פרויען צוליב דעם זעלביקן צאָן אַלע מאָל אין אַן ערנסט געמיינטער פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע אַקעגן דילאָנען. זיי האָבן ערנסט גענומען דילאָנען דעם פּאָעט, ווײַל זיי האָבן געזען, אַז אין דער ליטעראַרישער וועלט נעמט מען אים ערנסט, אָבער דילאָנען דעם דאָן־זשואַן האָבן זיי נישט ערנסט גענומען. אַז דילאָן האָט אַ קוש געטון — און ער האָט געהאַט אַ פּריווילעגיע דאָס צו טון עפנטלעך און נאָר עפנטלעך, דער אָרעמער — האָט עס ווײַ געטון ווי אַ ביס און עס האָט געלאָזן אַ צייכן פון דעם אַרויסשטאַרנדיקן צאָן. דילאָן האָט פון דעם אַלעמען געליטן ווי נאָר אַ פּאָעט קען לײַדן און האָט וועגן דעם געשוויגן ווי נאָר אַ פּאָעט קען שווײַגן.

אַז דילאָן האָט זיך אָוועקגעלייגט אין שפּיטאָל, האָט ער פּונקט געהאַט אָפּגערעדט מיט אַ דאַמע אַ ראַנדעוווּ און ער האָט זיך דעריבער זייער געאײַלט געזונט צו ווערן צום טערמין. אָבער ער איז געשטאָרבן זייער גיך, און אַ טאָג פאַר דעם טערמין פון דעם ראַנדעוווּ — —

וווּנדערלעך פּאָעטיש בײַם לעבן — איז ער אַזוי געבליבן אויך נאָך דעם טויט. געדאַרפט האָבן אַ ראַנדעוווּ שוין נאָך דעם באַזוך פון דעם מלאך־המוות.

די דאַמע איז אויף דעם ראַנדעוווּ נישט געקומען. זי האָט נישט געוווּסט — די בייזוויליקע — אַז אויך דילאָן איז נישט געקומען... ערשט אויף דעם דריטן טאָג איז זי געוואָר געוואָרן, אַז דילאָן איז געשטאָרבן. עס איז שוין געווען נאָך דער לוויה.

אָט די גאַנצע געשעעניש, וואָס איך האָב דאָ דערציילט בפירוש צום גרויסן כּבֿוד פון אַברהם־משה דילאָן, איז איינע פון די שענסטע פּאָעמעס פון זײַן לעבן, וואָס ער האָט זי נאַטירלעך נישט געקענט אױפשרײַבן, ווײַל טויטע פּאָעטן שרײַבן נישט לויט דעם אָנגענומענעם מינהג און דילאָן קען נישט זײַן קיין אויסנאַם.

דילאָן האָט געשריבן זייער אַבסטראַקט. זײַנע לידער קען מען נישט רע־ציטירן, זייער זעלטן לייענען, מאַנכע פון זיי — זינגען. ער האָט זעלטן ווען גע־האַט פּאָעטישע פוענטעס, פּאָעטישע „כאַפּן", זײַן ליד איז געווען כּולו פּאָעזיע, אַזוי ווי אָפּגעשיילט. אָן שאָלעכץ און אָן קערן זענען זײַנע לידער געבוירן געוואָרן בײַ אים. שוין אַ ביסל צו פיל פּאָעטיש זענען זײַנע לידער געווען. איך וואָלט געוואָגט צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַ פּאָעטישער נודיסט. עס פעלט אין אַזאַ פאַל דער רייץ... אָבער אַ פּאָעט איז ער געווען אַ טיפער און אַן עכטער.

אַז דילאָן פלעגט זיך געפינען אין אַ געזעלשאַפט, האָט ער שוין געהיטן, אַז מען זאָל דאָרט נישט רעדן וועגן די אומוויכטיקע זאַכן פון דער וועלט ווי פּאָליטיק, עקאָנאָמיע, פילאָסאָפיע — נאָר מען זאָל רעדן, אין תּוך, וועגן פּאָעזיע און טאַקע וועגן דער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס איז דער תּוך און תּוכן. און טאַקע וועגן די „יונגע" אין אַמעריקע, וואָס איז דער תּוך־תּוך־תּוך.

אַ מאָל זענען מיר מיט דילאָנען אין ניו־יאָרק אַרײַנגעגאַנגען אין אַ קראָם און פרײַנדלעך געבעטן צו דערלויבן אונדז באַנוצן דעם טעלעפאָן. דילאָן האָט גערעדט מיט זישאַ לאַנדוי, מיטגעטיילט אים עפּעס אַ וויכטיקע פּאָעטישע געשעעניש און פּאַרטויבט די גאַנצע קראָם. דער סוחר האָט זיך געוווּנדערט קעגן אַזאַ אויסנוצן זײַן גאַסטפרײַנדלעכקייט. דילאָן האָט דאַן מיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שילד און געזאָגט, אַז דער סוחר מעג זײַן גליקלעך, וואָס ער איז צו אים אַרײַנגעקומען מיט ראַוויטשן און גערעדט האָט ער צו זישאַ לאַנדוי, דער סוחר האָט אַרויסגעזעצט אַ פּאָר אויגן, ער האָט די נעמען צום ערשטן מאָל געהערט, אָבער ער האָט מיט דרך־ארץ זיך באַצויגן צום אומפאַרשטענדלעכן גליק און כּבֿוד, וואָס האָט אים געטראָפן... דילאָן וואָלט אַפילו אַל. קאַפּאָנען איבער־צײַגט, אַז פּאָעזיע איז די וויכטיקסטע זאַך אין דער וועלט. האָט ער גאָט אי־בערצײַגט ?...

סאַלאָמאָן־זלמן דינגאָל

געבוירן 1887 אין ראָגאַטשאָוו. 1908 — לאָנדאָן, 1916 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן 13טן יוני 1961.

פאַראַנען שרײַבערס, וואָס אָריענטירן זיך לכתחילה אויף צײַטונגען. און צײַטונגען זענען דאָך צײַטלעכקייט, פאַרגאַנגלעכקייט. איידער צײַטונגען זע־נען געווען, און דאָס איז אַ קיימאַ לן פון דרײַ הונדערט יאָר, איז די פּראָב־לעם: ביכער־צײַטונגען־שרײַבערס נישט געווען. זינט דעמאָלט האָבן מיר אים. קומען אויף שרײַבערס, ווירקן, באַווירקן, פירן, לאָזן איבער שפּורן, אָפט אויף דורות, אָבער זיי אַליין פאַרשווינדן. עפּעס האָט דאָס אַלץ אַ שײַכות צום ענין פון די ל״ו... אָבער אַנדערש ווי אין דער לעגענדע. מחמת די 36 זענען רואה ואינו נראה בײַם לעבן, אָבער נאָכן טויט ווערן זיי נראה. אין דעם פאַל פון די זשורנאַליסטישע ל״ו — זעט מען זיי שטאַרק בײַם לעבן, זיי פאַר־שווינדן אָבער מיט דעם פאַרשווינדן פון זייער נאָמען פון די שפּאַלטן פון די צײַטונגען — און קיין ביכער אין בלײַבנדיקע טאָוולען זענען נישטאָ.

עס ווילט זיך נישט מגזם זײַן, אַפילו אין אַנבליק פון מלאך־המוות — ווער האָט שוין הײַנט מורא פאַר אים, ווער האָט שוין פּאַר אים דרך־ארץ? — און פאַרט האָבן זיך די שורות, דאָ אויבן, אונטערגערוקט אַליין אונטער די שרײַבנדיקע פינגער, אַז זיי האָבן אויפגעשריבן דעם נאָמען ס. דינגאָל — דעם ייִדישן זשורנאַליסט אין פאַרלויף פון 55 יאָר — און אַלע מאָל אין פירנדיקע צײַטונגען — אַ מאָל־אַ מאָל אין וואַרשע, שפּעטער לאָנדאָן און בעיקר אין ניו־יאָרק. ער האָט אין פאַרלויף פון יאָרן געשריבן אין „הײַנט״, „פאָרווערטס״, „מאָרגן־זשורנאַל״ און „טאָג״. און ער האָט אַלע מאָל די פּראָפעסיע זײַנע גענומען זייער ערנסט. אַ מאָל נעמט זיך צו גרויסער זשורנאַליסטישער ערנסט פון אײַנרעדעניש, אַז מען האַלט טאַקע אין האַנט די בײַטש, און מען פירט דעם וואָגן פון די געשעענישן ווו מען וויל. אָן אַנדערש מאָל נעמט זיך דער דאָזיקער ערנסט פון מורא און געוויסן, אַז אפשר טאַקע פירט מען דעם וואָגן פון די געשעענישן און אויפן וואָגן זיצן דאָך מענטשן — מענטשן, און מען קען זיי חלילה פאַרפירן אין אַ תהום. ווי אָפט מען פלעגט אין חברישע קרײַזן דערמאָנען דעם נאָמען דינגאָל, איז אַלע מאָל מיט דעם שם־תואר: ערנסט. און ערנסט אין זינען פון דער צווייטער דעפיניציע, וואָס איז דאָ פריִער גע־געבן געוואָרן. נישט דער איבערגעטריבענער ערנסט צוליב אַליינגעפיל פון וויכטיקייט, נאָר דער ציטערנדיקער ערנסט, פול מיט אַחריות פאַר מיטפּאַסאַ־זשירן אויף דער געזעלשאַפטלעכער פור.

עס געדענקט זיך אַ סצענע פון פאַר עטלעכע און דרײַסיק יאָר אין וואַרשע.

— זי האָט אַ שײַכות צו טלאָמאַצקע 13, צום „הײַנט", צום „טאָג", צום יאָר 1928 און צו צווײ באַרימטע זשורנאַליסטן א. ס. ליריק און ס. דינגאָל. געװען איז דעמאָלט דינגאָל אויף אַ באַזוך אין װאַרשע, געװען בין איך דעמאָלט דער סעקרעטאַר פון טלאָמאַצקע 13 און געהאַט דעם חברישן חוב, אויב געסט פון אויסלאַנד זענען געקומען, צו באַקענען זײ מיט די ייִדישע רעדאַקציעס און װיכטיקערע קולטור־אינסטיטוציעס. זיצט דינגאָל נעבן מײַן אַרבעטס־טיש און מיר מאַכן אַ פּלאַן װוּ צו גײן מיט אים. קומט צופעליק אַרײַן א. ס. ליריק, כאַפּט זיך, אַז דער פרעמדער איז דינגאָל און שטאַט צוצוגײן נענטער — פאַרשװינדט ער האַסטיק. מיר איז די זאַך עפּעס נישט געפעלן געװאָרן און געװען חשוד. אָבער פונעם אײביק קאַפּריזנעם ליריק קען מען זיך אַלץ ריכטן.

— — גײען מיר, דינגאָל און איך און גײען טאַקע קודם־כּל אין דער רעדאַקציע „הײַנט", װוּ ליריק אַרבעט מיט. און — אַזױ גיך מיר טרעטן אַרײַ־בער די שװעל און עס הײבן אָן אַנטקעגנצוקומען חברים מיט אַ באַגריסונג צום גאַסט — רוקט זיך אַרויס א. ס. ליריק און ער ציטערט ממש פון אויפרעגונג און ער שרײַט: אָט דאָס זענט איר, דער רעדאַקטאָר פון „טאָג"; אַזױ באַ־האַנדלט מען אַ מיטאַרבעטער? געמאַכט אַן אָפּמאַך און מען דרוקט נישט! איך װעל פאָדערן, איך װעל אײַנרײַסן, עס איז אוממאָראַליש, עס איז גזילה — — — און אַז"װ. — — מיר זענען אַלע געבליבן געפּלעפּט. מיר אַלע — חוץ דינגאָלן. מיט דער גאַנצער רויִקײט און דזשענטלמענישקײט װאָס ער האָט זיך מסתּמא אויסגעלערנט אין די יאָרן פון זײַן װױנען אין ענגלאַנד, שטרעקט ער אויס די רעכטע האַנט צום דענערװירטן חבר און מיט אַ שמײכל זאָגט ער: עס איז די מעשׂה מיט שלום־עליכמס געשיכטע מיטן מושבֿ־זקנים און מיטן רב רב יוזיפל פון כּתרילעװקע; דאָרט האָט דער רב געזאָגט „מילא, דער פּאַטש איז פאַר מיר, אָבער װאָס גיט איר פאַרן מושבֿ־זקנים?" — און איך װעל אײַך זאָגן: מילא, דער פּאַטש איז פאַרן „טאָג", מסתּמא איז דאָרט אויך נישט אַזױ געפערלעך די עװלה און מען װעט זי אויסגלײַכן, אָבער מיר װאָס גיט איר? — — האָט ליריק תּיכּף געענטפערט: אײַך גיב איך אַ האַר־ציקן שלום־עליכם! — און עס איז אַװעק אַ פרײַנדשאַפטלעכער שמועס, גאָר און גאָר האַרציק.

אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד איז אָפּגעשפּיגלט דער גאַנצער ס. דינגאָל אָט אַזױ װי ער איז דורכגעגאַנגען אַ האַלבן יאָרהונדערט לאַנג דעם טומלדיקן מאַרק פון דער ייִדישער פּרעסע אין אַמאָליקן רוסיש־פּױלן, אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע.

די זשורנאַליסטישע פּראַפּעסיע — דער עיקר אין אונדזערע יאָרן פון דער צװײטער העלפט פון צװאַנציקסטן יאָרהונדערט — איז שױן אַזאַ, אַז זי איז עלול זיך אַ ביסל און אָפט מאָל אַנצושטעקן מיט דעם ציניזם פון דער צײַט. עס

זענען אָבער אַלע מאָל און אין יעדער רעדאַקציע — און טאַקע אין די ייִדישע רעדאַקציעס — פּאַראַנען יחידים, וואָס קוקן מיט אַן ערנסט אויג און מיט אַ טענה אויף יעדער באַמערקטער קרומקייט און צווינגען שטומערהייט דעם זיך פֿאַרגעסנדיקן חבר צוריק זיך אומצוקערן אויפֿן גלײַכן וועג. איז נישט אין גאַנצן — איז כאָטש אַ ביסל.

אָט די ראָלע פֿון דעם ערנסטן אויג אין דער וועלט פֿון ייִדישן זשורנאַליזם איז — צווישן אַנדערע — אָפֿט מאָל געווען באַוווסטזיניק די ראָלע פֿון ס. דינגאָל. עס איז בעסער געווען, ווען מען האָט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן דערזען זײַן אַלע מאָל ערנסט און אַלע מאָל פֿרײַנדלעך און אָפֿט מאָל שמייכלענדיק פּנים — דאָס כאַראַקטעריסטישע פּנים, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַריסטאָקראַטישס אין זיך, נישט געקוקט דערויף, וואָס דווקא אָט דאָס פּנים איז געווען אַ ביסל אַנטשטעלט צוליב אַ דרײַפֿערטל־פֿעלנדיקן אויערן־לעפּל.

מער ווי וועלכער נישט איז ייִדישער זשורנאַליסט אין אַמעריקע האָט זיך דינגאָל גענומען צום האַרצן די מערכה פֿון ייִדישן לשון. אָבער בשעת אַנדערע — אַז זיי נעמען זיך עפּעס צום האַרצן — גיבן זיך אונטער מיט אַ זיפֿץ, האָט דינגאָל באַשלאָסן ווײניקער צו זיפֿצן און מער צו טאָן. נעמט ייִדיש אַנטלויפֿן אויף די פּלייצעס פֿון אַלטע לײַט דורך דער טיר — וועט מען עס צוריקברענגען אויף די אַקסלען פֿון דער יוגנט דורכן פֿענצטער. אַ פֿאַנטאַסטישער פּלאַן, דעריבער האָבן מיר אים דאָ אַזוי פֿאַנטאַסטיש פֿאָרמולירט.

ס. דינגאָל האָט באַשלאָסן צו טון לטובֿת ייִדיש אין ניו־יאָרק דאָס, וואָס מען טוט לטובֿת אַנדערע לשונות, ווען מען וויל זיי אײַנהאַלטן אין דער אַכט־מיליאָנענדיקער פּילפּעלקער־שטאָט: אין אַזאַ פֿאַל ווערן אין די שטאָטישע שולעס קודם־כּל געגרינדעט תּלמידים־קלובן פֿון דער באַטרעפֿנדיקער שפּראַך און אַז די קלובן נעמען זיך אָן, פֿאַרמערן זיך, ווערט דאָס דאָזיקע לשון — פֿראַנצייזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, עבֿרית און אַז״וו — אײַנגעפֿירט ווי אַן אָפּציעלער, אָבער דאָך פּריוויליקער, צוגאָב־לימוד. אָט אַ די דאָזיקע באַוועגונג האָט דינגאָל אָנגעהויבן אין ניו־יאָרק און טאַקע אין דעם פֿאַל לטובֿת ייִדיש. און די באַוועגונג צעוואַקסט זיך — דערווײַל אין דער פֿאָרעם פֿון תּלמידים־ייִדיש־קלובן. אָפּטימיסטן זאָגן, אַז גאָר בקרובֿ וועט ייִדיש זײַן אַ צוגאָב־לימוד אין אַלע ניו־יאָרקער שולן, וווּ עס איז פֿאַראַנען אַ גרויסע צאָל ייִדישע קינדער, טאַקט און סענטימענט פֿאָדערט, אַז אָט די קלובן זאָלן זיך אָנהייבן צו רופֿן לויט זייער איניציאַטאָר.

אָנהייב 1961 בין איך געווען אין ניו־יאָרק, געטראָפֿן אין רעדאַקציע דינגאָלן — און ווי פֿאַרחידושט בין איך געווען, ווען דינגאָל האָט פֿון שופֿלאָד אַרויסגענומען אַ כּתבֿ־יד פֿון זײַנער אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין

פילאַדעלפיע, אין גרעץ־קאָלעדזש, צו דער געלעגנהייט פון עפענען דאָרט אַ ייִדיש־קאַטעדרע, און אָט אָ די רעדע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ פּאָלע־מיק מיט מײַנעם אַ מאמר אין „קולטור און דערציִונג״־זשורנאַל. דער מאמר האָט זיך גערופן: וועגן דעם איבערמאָרגן פון לשון־ייִדיש. דינגאָל האָט אָפּ־געפרעגט מײַנע טענות און מיט טיפער פאַרגלייבטקייט אין דער איינציקער ווירקעוודיקייט פון זײַן דרך אויף דעם געביט, צוריקגעוויזן מיינע אַרגומענטן.

מסכּים, אָדער נישט מסכּים, מיט דינגאָלן — איז אָבער וואַרעם און גלייַ־בעוודיק געוואָרן אויפן האַרצן פון זײַן אָפּגעציטערטן, טיף ערנסטן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם.

אויב די מערכה פון ייִדיש וועט זיך בקרוב ווידער אַ הייב טון אין דעם גרעסטן ייִדישן וועלטצענטער פון אַלע צײַטן און לענדער — וועט עס אין אַ גרויסער מאָס זײַן צוצושרײַבן ס. דינגאָלן. דאָס וועט זײַן צוואָה פאַרוואַנדלען אין זײַן ירושה. מיט אָט דעם גלויבן איז אים זיכער גרינגער געווען צו פאַר־לאָזן דעם עמק־הבכא.

1961

סאָלאָמאָן דעמביצער

געבוירן 1888 אין קראָקע, געוווינט אין דײַטשלאַנד, זינט 1942 אין אַמעריקע. רײַזעס אין אייראָפּע. געשטאָרבן אין דער שווייץ 1964.

אַזוי פון אַרום 1880 ביז צו דער וועלט־מלחמה האָט עקסיסטירט אין אַלגעמיינעם יידישן וועלטרוים אַ ראַסע, וואָס זי איז שוין הײַנט אויסגעשטאָרבן. דאָס איז געווען די ראַסע פון די גאַליציאַנער יונגע־מאַנטשיקלעך. אַליין זענען זיי גאָרנישט געווען — און דאָס וואָס זיי זענען יאָ געווען, דאָס זענען זיי נאָך נישט. זיי זענען שוין נישט געווען קיין חסידאַקעס־לאַפּסערדאַקעס, אַ סימן — זיי האָבן זיך די פּיאות פאַרקעמט הינטערן אויער. זיי זענען נאָך נישט געווען קיין דײַטשן, אַ סימן — זיי האָבן נישט געטראָגן קיין רעקלעך, נאָר לאַנגע, געהאַקטע איבערציִערס אָן רעקלעך אויפן וועסטל. זיי זענען שוין נישט געווען קיין פרומאַקעס, אַ סימן — זיי האָבן געדאַוונט אין דער היים אין די וואָכנטעג. זיי זענען נאָך נישט געווען קיין אַפּיקורסים, אַ סימן — זיי האָבן נישט געפעלשט אין קיין איין יידישן געבאָט. און זיי האָבן געהאַט האַנטשריפטן, וואָס זיי האָבן כּסדר אײַנגעאַרבעט, שרײַבנדיק אָן אויפהער אויף דעם פּאַפּיר פון די שקאַרמוצלעך און פּאַקפּאַפּירן פון די קראָמען פון זייערע טאַטעס. דאָס פלעגן זיי זיך אונטערשרײַבן, צוגעבן דעם אַדרעס, די גאַס פון דעם שטעטל, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ האַלבער גענעץ. צום סוף פון אַדרעס פלעגן זיי צושרײַבן: גאַליציען, עסטערײַך.

זיי זענען אַלע מאָל געווען זייער דערפינדעריש. אַ פּאָר הונדערט טויזנט זענען זיי דאָך געווען אין צאָל אין גאַנץ גאַליציע. אַ פּאָר הונדערט טויזנט יונגע־מאַנטשיקלעך, — קען מען דאָך אַ וועלט איבערקערן אין ענדלאָזע אָוונטן און טעג. טייל פון זיי זענען געוואָרן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, באַרימטע זשורנאַליסטן, באַקאַנטע משומדים, פירערס פון פּאַרטייען, דעפּוטאַטן אין עסטערײַכישן פּאַרלאַמענט, איינער פון זיי האָט געהאַט אַפילו אַזאַ פאַנטאַזיע, אַז ער איז גאָר געוואָרן משה נאַדיר און איינער פון זיי איז געוואָרן סאָלאָמאָן דעמביצער.

דאָס וואָס ער איז געוואָרן איז געווען אַ גרויסע דערפינדונג. ער איז געוואָרן אַ יידיש־יידישער שרײַבער מיט לאַטײַנישע אותיות — פּאַר גויִים און אַסימילירטע יידן. דאָס איז געווען אַ דערפינדונג, אַ מין ליטעראַרישער פּאַטענט, אַ מין נײַער אופן וואַשן פלעקן מיט אַזאַ מין וואַסערל — און עס האָט אַ געוויסע צײַט געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג. דעמאָלט איז געווען די צײַט נאָך מאָריס ראָזענפעלדס אייראָפּעיִשע דערפאָלגן און סאָלאָמאָן דעמביצער האָט דאָס גוט אונטערגעכאַפּט און געליפערט די זעלבע סחורה שוין אַן אָפּגעשיילטע, גרייט

צום געברויך. מען דאַרף עס ניט איבערזעצן, עס איז ייִדיש און עס איז נישט ייִדיש, עס איז אַ מין מאַנטל, וואָס מען קען אים טראָגן אויף בײדע זײַטן. און וואָס שייך טאַלאַנט קען איך אויך נישט זאָגן, אַז סאָלאָמאָן דעמביצער האָט געהאַט טאַלאַנט און איך קען נישט זאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלאַנט. ער איז מעלאָדיש, זיס, באַנאַל, רחמימדיק, קיין מאָל נישט אָריגינעל, און פאַר גויים איז ער געווען מאַטעריאַל פון ערשטן קוואַל און גלײַך צום נוצן סײַ פאַר סטודענטן פון ייִדישן שטייגער און סײַ פאַר דײַטשע ייִדן, וואָס ווילן האָבן אַ ביסל עכטע „לאַצעלעך" (הלצות).

דעמביצער פלעגט זײַנע טראַנסקריבירטע לידערביכלעך אַרויסגעבן אַליין און זיי אויך לרוב אַליין פאַרשפרייטן אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך. אין דער דײַטשער און אין דער דײַטש־ייִדישער פרעסע האָט מען וועגן אים אַ סך געשריבן ווי וועגן אַ ייִדיש געטאָ־וווּנדערקינד, כאָטש געטאָ־וווּנדערקינדער פלעגן זיך אַרומדרייען אַ סך איבער דעם פאַרמלחמהדיקן דײַטשלאַנד. נאָר יענע האָבן זייער ייִדישקייט פאַרשאַרט וואָס מער און דער האָט עס אָפּירגעשאַרט וואָס מער. אַ דערפינדונג.

איך האָב דעמביצערן אַ סך מאָל געטראָפן, אָבער איך וועל באַשרײַבן אַ באַגעגעניש אין גאַליציע אין דער צײַט פון זײַן גרויסן רום: אַ הויכער יונגער־מאַנטשיק מיט אַ גומי־מאַנטל, בלאָנד און מיט אַ צוויקער אויף דער נאָז, מיט גרויסע וואָנצעס, מיט אַ קליין קאַפּעלױשל און פול מיט טענות, אין די „דאַטשע"־קרײַזן האָט ער געשפילט דאָס נעבעכדיקע געטאָקינד, אין אונדזער דעמאָלטיקן ייִדיש־ליטעראַרישן קרײַזל אין לעמבערג האָט ער געוואָלט שפּילן דעם גרויס־אייראָפּעער מיט אַ צוויקער און אַ רעגן־מאַנטל און אַ גוטן דײַטש אונטער די גראָבע וואָנצעס. אָבער מיר האָבן זיך נישט געלאָזט — ווײַל עס איז שוין דעמאָלט געווען די צײַט פון די „יונגע" אין אַמעריקע און שמואל יעקב אימבער אין גאַליציע — און מיר האָבן זיך נישט געלאָזט. האָט זיך סאָלאָמאָן דעמביצער געגומען זידלען און אַז דאָס האָט אויך נישט גענוצט איז ער אָפּגעצויגן. אָבער אַקטיוו איז ער זייער געווען. ער האָט זײַן פּאַטענט מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסגענוצט ווי לאַנג נאָר עס האָט זיך געלאָזט. אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער נישט אַרײַן, אין אַן אַנטאָלאָגיע זעט מען אים נישט, אין דער דײַטשער אַוודאי נישט. אין דער צײַט פון דער מלחמה איז ער אָפּט אויפגעשוווּמען נאָר אין די סקאַנדינאַווישע לענדער און איצט איז ער אין גאַנצן פאַרשווּנדן. צו מערערע פון זײַנע מעלאָדישע לידלעך איז קאָמפּאָנירט געוואָרן מוזיק און זיי זינגען זיך גאַנץ פײַן. פאַר אַן אויספירלעכער ייִדישער אַנטאָלאָגיע איז ער זיכער אַן אייגנאַרטיקער קאַנדידאַט — אָט דער דיכטער פון דער פאַרשווּנדענער ראַסע פון די שפּיצקעפּלדיקע גאַליציאַנער יונגע־מאַנטשיקלעך.

1938

רייזעלע האַלפּערן
(די אַלמנה נאָך דעם דיכטער משה לייב האַלפּערן)

1. אַ וואָרט פריִער

הײַנט איז עס אַזוי ווי עס איז — נעכטן איז עס אַנדערש געווען. אין אַלע געביטן פון לעבן און אויך אויף דעם געביט פון דער פּאָעזיע. און די פּאָעזיע אַליין איז אויך אַנדערש געווען — האַרציק און אינטים. מיט איין וואָרט: מענטשלעך.

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע — 1749—1832 — דער גרעסטער פּאָעט אין דײַטשן לשון האָט געזאָגט: ווער עס וויל דעם דיכטער פאַרשטיין — מוז אין זײַנע לענדער גיין.

און נישט נאָר אין די לענדער, נײַערט אויך אין זײַנע היימען און אין די היימען פון די, וואָס ווױנען אין אָט די היימען, די משפּחה — די פרײַנד.

און דאָס אַלץ האָט אַ שײַכות צו דעם אינטימען פּענפּראָפיל פון רייזעלע האַלפּערן, איצט שוין ע״ה. פערציק יאָר לאַנג האָט זי געטראָגן דעם שוואַרצן אַלמנה־שלייער נאָך איר מאַן — איינעם פון די גרעסטע דיכטערס בײַ ייִדן אין ייִדישן לשון, משה לייב האַלפּערן.

און איצט איז זי שוין פאַראייביקט ערגעץ דאָרט אויבן אין די הימלען מיט איר מאַן, איר איינציקן פּאָעט פון דער גאַנצער וועלט.

משה לייב איז געבוירן געוואָרן אין זלאָטשעוו, מיזרח־גאַליציע, אין יאָר 1886 און אַוועק פון דער וועלט אין יאָר 1932. אַ טיפער טרויער האָט אַרומגענו־מען די גאַנצע ייִדישע קולטורוועלט, וואָרעם אַ דיכטער איז נאָך דעמאָלט גע־ווען באַליבט און געאַכפּערט.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד: געווען איז עס סוף אויגוסט 1932. זיץ איך בײַ מײַן שרײַבטיש אין דער קאַנצעלאַריע פון „טלאָמאַצקע 13" און חשבון עפּעס. עפנט זיך פּלוצלינג די טיר און עס לויפט אַרײַן אַ שיקיינגל פון דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צײַטונג", ווו איך האָב מיטגעאַרבעט, וואַרפט אַ צעטל אויף מײַן טיש און גיט אַ געשריי: משה לייב האַלפּערן איז געשטאָרבן, שרײַבט אַן אַרטיקל און מאַכט אים פאַרטיק אין אַ שעה אַרום. איך וועל דאָ צוּוואַרטן.

איך האָב שיִער נישט געחלשט — וואָרעם משה לייב האַלפּערן איז פאַר אונדז געווען עפּעס מער ווי אַ פּאָעט.

איך האָב מיך געשטאַרקט און דער אַרטיקל איז געווען פאַרטיק אין צײַט.

משה לייבן האָב איך פּערזענלעך קיין מאָל נישט באַגעגנט — דורכגעשריבן זיך יאָ. אין שפּעטערדיקע יאָרן אָפט באַזוכט אין ניו־יאָרק משה לייב האַל־

פערנס אַלמנה און זייער זון איַיזיק. ער איז היַינט אַ פּראָפעסאָר אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט. רייזעלע האַלפּערן איז געשטאָרבן אין איר 81סטן לעבנסיאָר, מאַרץ 1972.

און אָט איז אַן אינטימער פּענפּראָפּיל פון איר, פון איר היים און פון דעם בן־יחיד איַיזיק, ווי איך פלעג זיי באַזוכן אין ניו־יאָרק. דער דאָזיקער פּענפּראָפּיל איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1938 — אָבער ער איז היַינט פונקט אַזוי אַקטועל — גיבן מיר אים דאָ אין גאַנצן.

און איידער מיר ברענגען דאָ דעם אינטימען פּענפּראָפּיל פון רייזעלע האַלפּערן — לאָמיר זיך פאַרטיפן — האַרץ און נשמה — אין איינעם פון משה לייב האַלפּערנס לידער — שיינקייט און אומעט אַרומגענומען.

2. די זון וועט אַרונטערגיין...

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג,
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין.
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין
צום אומעט, וואָס זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטיין
און וויינט פאַר זיך איינעם אַליין.

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג,
וועט קומען די גאָלדענע פאַווע צו פליִען.
וועט קומען די גאָלדענע פאַווע צו פליִען
און מיטנעמען וועט זי אונדז אַלע אַהין,
אַהין ווו די בענקשאַפט וועט ציִען.

די זון וועט אַרונטערגיין אונטערן באַרג,
וועט קומען די נאַכט און וועט זינגען ליו־ליו.
וועט קומען די נאַכט און וועט זינגען ליו־ליו
אַריבער די אויגן, וואָס פאַלן שוין צו
צו שלאָפן אין אייביקער רו.

3.

אין יאָר 1932 איז משה לייב האַלפּערן פלוצלינג און יונגערהייט געשטאָרבן. אַ ציטער איז דורך דורך דער גאַנצער יידישער שריַיבער־משפחה פון דער וועלט. דער דיכטער פון גענִיאַלן ליד „מעמענטאָ מאָרי" — געדענק אין טויט — האָט באַוויזן, אַז ער מיינט עס ערנסט. ער האָט באַוויזן, אַז זיַינע

לידער זענען נישט סתם קיין לידער — נאָר שטיקער לעבן, זענען די לידער וועגן לעבן און שטיקער טויט זענען זײַנע לידער וועגן טויט — —

איבערגעלאָזן נאָך זיך האָט משה לייב דער פּאָעט — ווי ער האָט זיך אַליין אין די לידער גערופן — אַ צאַרטע, בלאָנדע פרוי און אַ ייִנגל מיטן נאָמען אײַזיק, וואָס איז געווען ווי אַ צאַרטע קינדער־אויסגאַבע פון משה לייבן. פול מיט שײַן איז זיכער געווען דער הויכער, שיינער שטערן פון רייזל האַלפּערן, ווען זי פלעגט אַזוי שטיין און זיך טוליען צו איר געליבטן מאַן און באַליבטן פּאָעט — און פול מיט זאָרג איז געוואָרן און שוין אויף אייביק גע־בליבן דער שיינער, הויכער שטערן פון דער בלאָנדער דיכטער־פרוי — ווען דער דיכטער איז אַוועק אין דער אייביקייט אַרײַן.

וועגן דער ליבע פון רייזל האַלפּערן צו משה לייבן האָב איך מיך אָנגע־הערט אַ סך און וועגן זײַן ליבע פאַר איר — נישט ווייניקער. דורך איר האָט ער ליב געהאַט — דער קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער דיכטער, דער ראַ־פינירטער פון די ראַפינירטסטע — דאָס פּשוטע פאָלק, זײַן פּשוט ייִדיש פאָלק. פאַר איר איז ער געווען די גאַנצע ייִדישע און די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור און פאַר אים איז זי געווען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, דאָס גאַנצע האַרציק־פּשוטע פאָלק פון דער וועלט.

אַז איך האָב זי דערזען דאָס ערשטע מאָל — רייזל האַלפּערן — האָב איך אַ טראַכט געטון: נאָך דעם טויט פון משה לייבן האָט זיכער אונטער דעם הויכן שטערן געעקבערט דער געדאַנק: גאָט — פאַר וואָס האָסטו דײַן פאָלק ישראל נישט באַפוילן דעם אינדישן מינהג, אַז די אַלמנות זאָלן באַלד צוזאַמען מיט זייערע מענער קומען אויף יענער וועלט — — נאָר אַזוי ווי דער מינהג איז בײַ ייִדן נישטאָ איז זי מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אויף דער־וועלט געבליבן, זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ קליינער דירה אין ניו־יאָרק, זיך געווידמעט דער דערציִונג פון זייער פעיִקן זון און דער קאָנסערווירונג פון די בילדער פון משה לייבן. און געמעלן זענען דאָס מאָדנע ביז גאָר — נאָך מער מאָדנע און נישט ווייניקער טאַלאַנטירט ווי די לידער פון משה לייב האַלפּערן.

פונקט ווי ווערלען האָט מיט גאָלד באַמאָלן זײַנע מעבל, אַזוי האָט משה לייב די גאַנצע שטוב זײַנע באַמאָלן מיט מעבל... און אַלץ איז געווען אין עפּעס אַ מאָדנעם ייִדישן סטיל פון ירושלים און קאָרדאָווע און באַגדאַד און ניו־יאָרק און זלאָטשעוו, דער געבורטשטאָט משה לייבס. משה לייבס בילדער וואַרטן נאָך אויף זייער תּיקון. משה לייב האָט געמאָלן זײַנע לידער און אין די לידער האָט ער באַשריבן זײַנע געמעלן...

אַז איך בין אַנומלט אַרײַנגעקומען אין דער שטוב פון רייזל האַלפּערן און איר זון אײַזיק האַלפּערן — האָבן מיר באַלד אין דער ערשטער רגע אָנגע־הויבן צו רעדן וועגן משה לייבן און אַ רגע פאַר דעם גוטע־נאַכט־גרוס געענ־

דיקט צו רעדן וועגן אים. דרײַ רגעס נאָך מײַן זײַן אין דער שטוב האָט שוין רייזל האַלפּערן פֿאַר מיר אָנגעהויבן פֿונאַנדערוויקלען די מאָדנע געמעלן פֿון משה לייב דעם מאָלער־פּאָעט. זי האַלט זיי קאָנסערווירט און געוויקלט, אָט די בילדער, אין אַ סך לײַוונטן און שאַלן און אין אומענדלעכער ליבע. איך בין גע־שטאַנען און באַוווּנדערט די בילדער און געטראַכט כּסדר: וווּנדערלעך האָסטו געמוזט זײַן — משה לייב — און וווּנדערלעך דײַן ליבע און וווּנדערלעך דײַן כּישוף, וואָס האָט געשטראַלט פֿון דיר. זעקס יאָר נאָך דעם טויט פֿון איר מאַן איז דאָך די פֿרוי נישט נאָר נאָך פֿאַרליבט אין איר געליבטן משה לייב מיט דעם פֿלאַם פֿון דער ערשטער און רייַנסטער און הייליקסטער ליבע — נאָר זי איז נאָך אַפֿילו פֿאַרכּישופֿט פֿון אים. און אויך איך בין פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון אָט דעם נר־תּמיד פֿון ליבע. זינט דעם באַזוך בײַ רייזל האַלפּערן מעסט איך אַלע ליבעס פֿון דער וועלט מיט איר ליבע פֿאַר משה לייבן. און זינט דעם באַזוך ווייס איך, אַז ליבע איז נישט נאָר אַזוי שטאַרק ווי דער טויט — נאָר נאָך אַ סך שטאַרקער.

1938

אַלכּסנדר האַרקאַווי

געבוירן 1963 אין נאָוואָרעדאָק. זינט 1882 אין אַמעריקע. אײראָפּעיִשע רײַזעס. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 2טן נאָוועמבער 1939.

מיט דעם נאָמען האַרקאַווי האָב איך מיך קיין מאָל נישט געקענט קיין עצה געבן, קיין מאָל נישט אויף זיכער געוווּסט צי איז דאָס בלויז דער נאָמען „האַרקאַוויס ווערטערביכער", אָדער איז ערגעץ טאַקע דאָ דער אמתער האַרקאַווי. דער נאָמען האַרקאַווי קלינגט אין דער וועלט פון ייִדישן געדרוקטן וואָרט, און דער עיקר אין אַמעריקע, ווי „לאַרוס" אין פראַנקרײַך און „וועבסטער" אין ענגלאַנד.

אַרום 1932 איז האַרקאַווי געווען אין וואַרשע און איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט בלויז אַ פּאַפּירענער ווערטערבוך אָדער פאַרשטויבטער פילאָלאָגישער אַרכיוו, נאָר אַ זייער לעבעדיקער און ענערגישער „יונגער־מאַן" פון אַ יאָר זיבעציק. ער האָט צו יענער צײַט געהאַלטן אַ לעקציע אין ליטעראַטן־פאַראיין און זיך דערצו געהאַלטן זייער טאַקטיש — כאָטש די וואַרשעווער ליטעראַרישע וועלט איז אים קענטיק געווען זייער פרעמד. שוין דעמאָלט איז עס געווען מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט זינט ער האָט זיך מיט דער וועלט צעשיידט. נישט נאָר די מענטשן האָבן זיך לחלוטין געביטן, נאָר אַפילו די הײַזער און די גאַסן האָבן אַ גאַנץ אַנדער פּנים באַקומען.

און דער צופאַל, וואָס פירט מענטשן ווי בלאָנדזשענדיקע שטערן איבער דער ערד אַרום, האָט געוואָלט, אַז דער שם־דבר פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע און מײַן ווייניקייט זאָלן אין 1939 ווווינען אַ לענגערע צײַט אין איין האָטעל אין ניו־יאָרק. זינט דער וואַרשעווער באַגעגעניש איז אין האַרקאַוויס לעבן אַ סך פאָרגעקומען. עס איז געשטאָרבן זײַן פרוי, אַ העלדין פון אַ באַרימטן ייִדנשטאָט־ראָמאַן פון פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט. זי איז געווען אַ נישט־דער־גאַנגענע זעלבסטמערדערין און האַרקאַווי האָט מיט איר חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט אין פּערפעקטער האַרמאָניע אָנדערטהאַלבן דורות לאַנג. אויף דעם ניו־יאָרקער ייִדישן בית־עולם איז דאָ אַ באַשיידן טאָפּל־קבר, וואָס אַ העלפט איז אויסגעפילט און אויף דער אַנדערער העלפט שטייט אויפגעשריבן „אַלכּסנדר האַרקאַווי — 1863 — ..." אַ פּערפעקטער ראָמאַן אין לעבן און אין טויט.

זינט דער וואַרשעווער באַגעגעניש איז אויך האַרקאַווי פאַרשלאַפט געוואָרן און אַ פוס איז אים טיילווײַז פּאַראַליזירט. יעדן טאָג זיצט ער שעהען אין וואַרטצימער פון האָטעל. דאָס ענערגישע, מאָגערע, ביינערדיקע פּנים פול מיט שפּאַנונג, די אויגן פול מיט צער, אין דער האַנט דער שטעקן, אָן וועלכן עס איז אים

שווער זיך צו רירן, און ער וואָרט אויף קאָלעגעס שרײַבערס, וואָס זענען אַלע באַטירלעך ייִנגער פון אים, אַנדערע אַפּילו אַ העלפט פון זײַנע יאָרן, צו כאַפּן אַ שמועס וועגן... ייִדישער פּילאָלאָגיע. אין מײַן באַזוּקייט האָב איך פאַר האַר־קאַווין אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז דאָס פּוילישע וואָרט „מיעשקאַניע״ (וווי־נונג) האָט אַ שײַכות צום העברעיִשן „משכּן״. מער האָט מיר נישט געפעלט. צו מאָרגנס האָט מיר האַרקאַווי געבראַכט אַ טוץ קאַנאַנען באַוויַיזן, אַז איך בין אין טעות, באַוויַיזן, וואָס וואָלטן אַ פּילאָלאָגישע פעסטונג געקענט צעשמעטערן — מיך האָבן זיי פּשוט צעפּלעטשט.

צום צוזאַמענפאַר פון אַמאָפּטייל פון ייִוואָ אין 1939 האָט מען מיר צוגעטיילט דעם כּבוד צו ברענגען האַרקאַווין אין זאַל. ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד. ווידער איז ער געזעסן פאַר אַ גרויס פּובליקום, ווידער האָט מען אים אַפּלאָדירט, ווידער איז ער געווען אויף אַ פאָר שעה אין מיטן פון שטראָם פון ייִדישן קולטור־לעבן אין גרעסטן וועלט־קיבוץ. אַז איך האָב אים אין שפּעטער באַכט אַרײַנגעפירט אין זײַן צימער האָט ער מיט ציטערנדיקער פרייד גע־זאָגט: איך דאַנק אײַך, עס איז געווען איינער פון מײַנע גליקלעכסטע אָוונטן אין דער לעצטער צײַט — — און זײַנע באַקן האָבן יוגנטלעך געגליט. איך האָב גאָרניט געענטפערט, וואָס גיכער פאַרלאָזט די שטוב זײַנע און אין האַלדז האָבן געוומען שטיקן טרערן.

די פאַכלײַט געדענקען האַרקאַווין און וועלן אים אייביק געדענקען, אָבער דאָס פאָלק, דאָס פילמיליאָניקע ייִדישע פאָלק פון אַמעריקע ווייסט נישט, אַז אין אַ ניו־יאָרקער האָטעל לעבט אין ליידן, כאָטש נישט אין נויט, דער וואָס האָט דורות פון אימיגראַנטן געלערנט די לאַנדשפּראַך, געלערנט ווי צו ווערן בירגער, רעדאַגירט די ערשטע ייִדישע צײַטונג אויף דעם מעכטיקן קאָנטינענט. נאָך הײַנט לערנט מען זיך פון האַרקאַוויס ביכלעך ווי אַזוי צו ווערן בירגער, ווי אַזוי אויסצולייגן שווערע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראַך, וואָס האָט קיין פינקטלעכע אויסלייג־כּללים נישט.

די אויגן וואָס האָבן געזען די געשיכטע פון דריי־פערטל יאָרהונדערט ייִדיש־אַמעריקע גיבן מיר איין מאָל אַ ווינק און אַ רוף צו און מיט אַ ווייפּולער שטים (צוליב דעם אייביקן צער פון קראַנקן פוס) דערציילט מיר האַרקאַווי מיט פרייד, אַז בקרוב וועט דערשײַנען זײַנס אַ בוך וועגן דעם שײַכות פון ייִדיש צו ענגליש. עס איז אַ לאַנג אָנגעשריבן ווערק, וואָס איז צוליבן טויט פון דעם פאַרלעגער נישט אַרויס, אָבער איצט איז עס אַרויסגענומען געוואָרן פון אַרכיוו דורך דעם יורש פון פאַרלעגער און קומט אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן. עס וועט זײַן דאָס זייער צוגעפּאַסטע שוואַנענליד פון דעם דערפאָלגרײַכסטן קול־טור־שדכן צווישן ייִדיש און ענגליש. די ענערגישע אויגן ברענען מיט אומגע־

דולד, אַז דאָס װערק זאָל שױן דערשײַנען און װידער זאָלן די װערטער אַלכּסנדר האַרקאַװי, װאָס קלינגען װי אַ בת־קול פֿון אַ שטיק ייִדיש אַלט־אַמעריקע, אַ קלונג טון פּריש און יוגנטלעך אין פֿאַרבינדונג מיט אַ שפּאָגל נײַ װערק. — אין דער עלטער פֿון אַ מענטשן קען מען זײַן יוגנט דערקענען — האָב איך דאָ אַנומלט האַרקאַװין געזאָגט. ער האָט נישט דערהערט און איבערגעפֿרעגט. איך האָב איבערגעחזרט, אָבער עפּעס אַנדערש. האַרקאַװי האָט פֿײַנט דאָס װאָרט „עלטער".

1939

פּרץ הירשבײַן

געבוירן 1880 אין קלעשטשעל, גראָדנער געגנט. זינט 1912 פּיל װעלטרײַזעס, געװױנט אין אַמעריקע. געשטאָרבן 16טן אויגוסט 1948.

פּרץ הירשבײַן האָט זײער אַ מאַרקאַנטן קאָפּ. צװײ שטריכן און דו האָסט שוין אַ צײכענונג, אָדער אַ קאַריקאַטור פֿון אים, אַ לאַנגע, אײדעלע אָדלערנאָז, אַ צוריקגעװאָרפֿענער שטערן, אַ מאַיעסטעטישער קאָפּ האָר, דורכדרינגענדיקער, כאָטש אַלע מאָל זײער מילדער בליק, אַ ביסל מיט פּאָזע. און אַ ביסל מיט פּאָזע װאָס איז געװאָרן נאַטירלעכע געװוינהײט און צװײטע נאַטור, אַלע מאָל זײער צוגעפּאַסט און זײער צוריקגעהאַלטן אָנגעטון, — דאָס איז פּרץ הירשבײַן. און ער גײט זײער גלײַך און אַלע מאָל צוריקגעהאַלטן און לאַנגזאַם און ער רעדט גלײַך און אַלע מאָל צוריקגעהאַלטן און לאַנגזאַם. גאַנצער מענטש. דעם ערשטן טײל האָט געפֿאָרמירט די נאַטור מיט אַ זעלטענער שלימות און דעם צװײטן טײל האָט פֿאָרמירט דער פֿאָרמירטער אַלײן מיט אַ זעלטענער דורכגעטראַכט־קײט, זיך דערקענען און קענען.

פּרץ הירשבײַן פֿאַרמאָגט אומפֿאַרגלײַכלעך אַ סך מער הומאָר און װיץ װי ער גיט סײַ אין גערעדטן װאָרט און סײַ אין געשריבענעם. אַ פּנים, אַז טאַקע פֿאַרמאָגט ער נאָך מער װי הומאָר און װיץ. און עס איז אַ שאָד.

אויב איך בין אויך אַ שטיקל װעלט־פֿאָרער, איז פּרץ הירשבײַן דערפֿאַר פֿאַראַנטװאָרטלעך. איך האָב אים אַ מאָל אַרום דעם יאָר 1929 געזאָגט, אַז איך בענק נאָך דער װעלט, אַז איך שעם מיך פּשוט. אָט װאַרף איך מיך אין מײַנע לידער מיט װעלטן, אָבער אין דער אמתן האָב איך אַפֿילו קײן מאָל דעם ים נישט געזען, און מײַן לעבן לאַנג פֿאָר איך רײַטנדיק אויף בוכהאַלטערישע שטולן און סעקרעטאַרישע בענקלעך.

הירשבײַן האָט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע דורכדרינגענדיקע און זײער מילדע אויגן און האָט מיר געזאָגט מיט זײַן קלאָרער, קלינגענדיקער און אַלע מאָל פֿײַערלעכער שטים:

— מלך ראַװיטש — רוקט אָפּ די שטול, הײבט אײַך אויף און מאַכט אַ װעלטרײַזע.

ער האָט זיך באַלד אַװעקגעזעצט, געהײסן זיך געבן פּאַפּיר און אַ פּען און דער פּיאָנער פֿון די ייִדישע שרײַבערס־װעלטפֿאָרערס האָט געגעבן אַ רעקאָ־מענדאַציע קײן דרום־אַפֿריקע צו דער דאָרטיקער באַקאַנטער ייִדישער קול־טור־טוער־פֿאַמיליע פֿעלדמאַן — אײנעם, װאָס האָט אָקערשט אָפּגערוקט די בוכ־האַלטערישע שטול און װער װײסט, װאָס דאָ קען װײַטער װערן... אָבער די

װוּנדערבאַרע אײדלקײט פֿון פּרץ הירשביין האָט קיין מאָל נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק פֿון „קאָנקורענץ“. און אויב אַזאַ געדאַנק װאָלט אויפֿגעקומען װאָלט דער הערצאָג פֿון אײדלקײט אין אונדזער ליטעראַטור נאָך חבֿרישער געװען, שיר נישט אומנאַטירלעך חבֿריש.

איך האָב געגנומען מײַן ערשטן װעלט־רײַזע־באַגלייט־בריוו און געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, װײַל איך האָב דעמאָלט געמיינט, אַז דאָס איז נישט מער װי אַ װיץ. מײַן װיץ. הירשביין איז געבליבן ערנסט.

— באַהאַלט דעם בריוו, מלך ראַװיטש, — האָט ער געזאָגט. — איר װעט אים דאַרפֿן, איר מוזט אים דאַרפֿן. אַ מענטש דאַרף פֿאָרן איבער דער װעלט — אַ ייִדישער שרײַבער אַװדאי.

זינט דעמאָלט האָט זיך דער געדאַנק פֿון װעלטפֿאָרערײַ װי אַ זלידנע פֿליג אָנגעזעצט אויף מיר. אַ יאָר שפּעטער האָב איך הירשביינס באַגלייטבריוו אָפּ־געגעבן אויף דעם ריכטיקן אַדרעס אין דרום־אַפֿריקע.

װוּ איך קום איז שוין הירשביין פֿריִער געװען דאָרט. איך װעל רעדן מיט זײַן סטיל: זײַנע שפּורן אויף די װעגן פֿון דער װעלט האָבן זאַװערוכעס פֿון דער צײַט פֿאַרװייעט און אָפּגעװישט. אָבער די שפּורן אין די הערצער פֿון די מענטשן זענען געבליבן. אָפֿט קום איך אין ייִדישע ייִשובֿים, װוּ הירשביין איז שוין פֿאַר צװאַנציק יאָרן געװען — אָבער מען רעדט נאָך אַלץ מיט מיר װעגן דער געשעעניש מיט אַזאַ פֿרישקײט, אַז איך האָב דאָס געפֿיל, אַז אָט מיט אַ באַן פֿריִער איז ער אָפּגעפֿאָרן, נאָר אַז מען װײַזט מיר אַ געמיינזאַם בילד — דערקען איך די יאָרן. אָט שטייט דאָ הירשביין צװישן הונדערטער ייִדישע פֿויערן אין אַרגענטינע, ייִנגלשע שיינקייט איז נאָך אין זײַן פּנים — זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז די אַלע בערדיקע האָרעפּאַשניקעס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען לכּבֿוד דעם ייִנגלשן דיכטער? — — דורך די בילדער דערקען איך די יאָרן, װאָס זענען שוין פֿאַרבײַ, נאָר אין די הערצער זענען די שפּורן פֿרישע, נעכטיקע ערשט.

און װוּ הירשביין איז שוין געװען, װעל איך נאָך אַלץ נישט זײַן, אפֿשר קיין מאָל מער נישט. ער איז נישט נאָר דער פּיאָנער, ער האַלט נאָך אַלץ דעם רעקאָרד פֿון ייִדיש־װעלטפֿאָרערײַ.

הירשביינס רײַזע־באַשרײַבונגען זענען דורכויס פּערזענלעכע אימפּרע־סיעס און מעדיטאַציעס אויף דעם פּאָן פֿון לענדער און פֿעלקער. האָט מען דעריבער אָפֿט טענות צו אים: פֿאַר װאָס אַזוי װייניק פֿאַקטן? און אויך איך, זינדיקער, אַז איך האָב הירשביינס רײַזעבילדער צום ערשטן מאָל געלייענט, האָב די זעלביקע טענות געהאַט. נאָר אַז איך האָב זיי געלייענט צום צװייטן מאָל, און טאַקע נאָך דעם װי איך בין אין די באַטרעפֿנדיקע לענדער געװען — האָב איך ערשט רעכט אָפּגעשאַצט זייער אומפֿאַרגלײַכלעכן װערט. נאָך

אַלע זאַכן קען זיך קײן שרײַבער נישט פּאַרמעסטן אין זײַן שרײַבן מיט אַזױ פֿיל פֿאַקטן װיפֿל ס'גיט דאָס מינדסטע סטאַטיסטישע, אָדער געאָגראַפֿישע בוך. פֿאַקטן גיבן איבער די גופֿים פֿון די לענדער און די פֿעלקער, אָבער אָט אַזעלכע מעדיטאַציעס גיבן איבער די נשמות פֿון די לענדער און די פֿעלקער. און װער קען דען װיסן װאָס װיכטיקער איז — גוף אָדער נשמה.

פֿאַראַנען הירשביינס עטלעכע לידער מיט זײַן אײגענער מוזיק. אַזאַ גאַנ־צער מענטש — איז ער אױך מוזיקאַליש, שפּילט לױט דעם זיכּרון אױף אַ קלאַװיר, מאָלט אױך אַקװאַרעלן. און מיט דעם ריטעם פֿון דער שיף אױף דעם ים האָט ער אַ מאָל אױף אַ לאַנגער רײַזע פֿאַרפֿאַסט אַ ליד און אױסגע־זונגען עס אױך מיט זײַן אײגענער מעלאָדיע — „ימים רױשן" הײסט דאָס ליד. און די מעלאָדיע איז אַ פֿאַרבענקטע, קומט ערגעץ פֿון די טיפֿסטע טיפֿן און גײט אין װײַטסטע װײַטן אַװעק. — —

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל געװען אין אױסטראַליע איז שױן (פֿאַר־שטײט זיך) הירשביין דאָרט מיט אַ דרײַצן יאָר פֿריִער געװען. מיר זענען גע־זעסן אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנד, פֿון ענטוזיאַסטן פֿון דער ייִדישער לי־טעראַטור. הירשביין האָט זײערע נשמות אױפֿגעאַקערט און דעם דאָזיקן ענ־טוזיאַזם פֿאַרזײט. ער װעט נישט אױסגײן כּל־זמן די נשמות װעלן נישט אױס־גײן אין זײ. עס איז געװאָרן שפּעט און שפּעטער, פֿאַר טאָג, און מען האָט זיך שױן געדאַרפֿט אױפֿהײבן צום גײן. אײנע פֿון די פֿרױען פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט זיך אױפֿגעהױבן און אַ זינג געטון:

ימים רױשן — —

אַלע האָבן זיך באַלד אָנגעהױבן װי צו אַ הימען און אַ זונג געטון אין כאָר:

ימים רױשן — —

די פֿרײַנד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין װײַטסטן װינקל פֿון דער װעלט האָבן הירשביינס ליד גענוצט װי אַ הימען.

אַ הימען פֿון בענקשאַפֿט, פֿון װאַנדערן, פֿון װײַטקײטן, פֿון בױען נײַע װעלטן, פֿון ליבע צו די אַלטע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער װעלט־ליטע־ראַטור.

איך בין געװען טיף גערירט, מיט אַ ציטערדיקער שטים און מיט אױגן גלאַנצנדיק מיט טרערן פֿון אַנטציקונג האָב איך מיטגעזונגען:

ימים רױשן — אָן אַ ברעג — —

אין יענער רגע האָב איך דערזען, דערבליקט און דורכגעבליקט די װוּנ־דערלעכע געשטאַלט פּרץ הירשביין, װאָס שױן זינט באַלד פֿערציק יאָר שװעבט זי איבער אונדזער ייִדישער װעלט אין אַ װעלט און װעלט־ליטעראַטור.

די געשטאַלט, וואָס זינט הירשביין האָט זי ערגעץ אין קאַנאַדע דערזען און אויף דעם ערשטן בליק פאַרליבט אין דער צאַרטער דיכטערין אסתּר שור־מיאַטשער, איז זי געוואָרן צווייגעשטאַלט — און זינט 1934 איז עס אַ דריַי־אייניקייט, ווייל עמוסל, זייער קינד, איז זינט דעמאָלט מיט זיי.

איך דאַנק דיר, פּרץ הירשביין. דער מאַמען — צו ערשט, וויַיל זי האָט מיך געלערנט גיין איבער דער וועלט. און צווייטנס — דיר, וויַיל דו האָסט מיך געלערנט פאָרן איבער דער וועלט.

1939

אַדאָלף העלד

געבוירן 1885 אין באַריסלעוו. דער פֿאָטער אַ בעקער. זינט 1894 אין אַמעריקע. געשטאָרבן 15טן מײַ 1969.

דער אמתער ייִדישער נאָמען פֿון אַדאָלף העלד איז געווען: עקיבא, אײַנער פֿון די גרעסטע גײַסטיקע און פֿיזישע העלדן אין דער ייִדישער געשיכטע. ווי פּאַטעטיש דאָס וואָלט געקלונגען: „עקיבא העלד". אָבער דער גײַסט פֿון דער צײַט, קודם אין גאַליציע און שפּעטער אין אַמעריקע, האָט געמאַכט פֿון עקיבא — אַדאָלף.

אַדאָלף העלד האָט אָפּגעלעבט זײַנע — פֿון גאָט באַשערטע — נאָענט צו 85 יאָרן — אין עושר און אין כּבֿוד און אין אינערלעכער און אויסערלעכער שלימות. דער אמתער קלאַסישער סאָציאַל־דעמאָקראַט — ייִדישער, פֿאַרשטייט זיך — פֿון די ערשטע יאָרצענדליקער פֿון 20סטן יאָרהונדערט. די ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — מיט די אַדלערס, פֿאָטער און זון, בראָש — אַסימילירטע ביז די שפּיצן פֿינגער, איז געווען דער מוסטער. דער מין סאָציאַליזם האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. זײַן אידעאַל איז געווען אַ לעבן מיט ערלעכער פּראַצע, גוטע פֿאַרדינסטן, גוטע דערציִונג פֿאַר די קינדער און גוטע אויסזיכטן פֿאַר זיי אין אַ לאַנג און גוט לעבן — ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפֿעסאָרן.

דער עיקר־צענטער פֿאַר די דאָזיקע ייִדישע מאַסן איז געווען די ניו־יאָרקער „איסט" — איסט־בראָדוויי 175. דער באַרימטער „פֿאָרווערטס"־בנין, צען שטאָק הויך, מיט אַ גרויסער שילד אין ייִדישע אותיות אויפֿן דאַך: — „פֿאָרווערטס". אין אַמעריקע שעמט מען זיך נישט מיט ייִדישע אותיות... מען שעמט זיך טאַקע נישט, אָבער מען קעכלט נישט ספּעציעל דעם ייִדישן אַלף־בית.

אַרויס פֿון דער אַלטהיימישער אייביקער נויט דורך ערלעכער אַרבעט און אַרויס גײַסטיק פֿון געטאָ דורך בילדונג און עמאַנציפּאַציע. מיט איין וואָרט — פּראָלעטאַרישע השׂכּלה. דאָס איז געווען דער אידעאַל פֿון די גרויסע מאַסן ייִדישע אימיגראַנטן פֿון די אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט — ביז די יאָרן פֿון דעם ערשטן וועלטקריג. אין אָט דער סבֿיבֿה איז אויסגעוואַקסן אַדאָלף העלד. דאָס איז געווען זײַן קריגספֿעלד. דאָ איז ער געווען אין דער היים אין זײַן לאַנג און אויפֿטועריש לעבן.

דער גרויסער פּראָזע־שרײַבער י. י. זינגער, וואָס איז צו זײַנע פּופּציק אָוועק פֿון דער וועלט, האָט געחלומט אָנצושרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן אונטערן נאָמען: „175 איסט־בראָדוויי" — איינער פֿון די דינאַמישע העלדן פֿון דעם ראָמאַן האָט געדאַרפֿט זײַן אַדאָלף העלד.

אַ קלײן־געוואַקסענער, נישט דווקא אַ מאָגערער, איז געווען העלד. שוואַרץ־חנעוודיק, אַלע מאָל שמייכלענדיק און אין דער זעלבער צײַט אַלע מאָל זייער ערנסט איז ער געווען. ער האָט געוווסט, אַז מען קומט נישט צו אים סתם אַזוי, מען קומט צו אים ווײַל מען דאַרף אַ טובה. דאָס האָט אים נישט געאַרט, דאָס האָט אַפילו געשטאַרקט זײַן גלויבן אין זײַן שליחות: טאָן גוטס דעם ברודער־מענטש. זײַנע רעדעס זענען אַלע מאָל געווען קורץ — ווערטערשפּיל האָט אים נישט אינטערעסירט. דער עיקר איז דאָס פאַרוואַנדלען ווערטער אין מעשׂים. ער האָט באַלאַנגט צו צענדליקער ייִדישע הילף־אינ־סטיטוציעס און די מיינסטע פון זיי האָט ער פּראַקטיש אָנגעפירט.

אב. קאַהאַן, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אַ מאַן מיט דיקטאַטאָרישע נייגונגען, האָט ליב געהאַט צו באַפעלן. אַדאָלף העלד האָט באַלאַנגט צו זײַן סוויטע און דיסציפּלינירט געפאָלגט דעם אָנפירער. אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט ער אויפגעהערט צו פאָלגן... „וואָס זענט איר עפּעס איבערגעביטן געוואָרן — העלד?" — פרעגט אים קאַהאַן. העלד האָט גע־ענטפערט אָט אַזוי: „נעכטן איז געווען מײַן פופציקסטער געבוירן־טאָג. ייִדישע מאָראַל פאָדערט טאַקע צו רעספּעקטירן אַן אַלטן, אָבער נעכטן בין איך אַליין געוואָרן אַן אַלטער און באַלאַנג נישט מער צו אײַערע באַיעס, מיסטער קאַהאַן". העלד האָט ליב געהאַט צו דערציילן די מעשׂה — האָב איך זי דאָ איבער־דערציילט פון זײַן כּבֿוד וועגן.

אַדאָלף העלד איז נישט געווען קיין לײַדנשאַפטלעכער רײַזנדער — און פאַרט האָט זיך עס עפּעס פון זיך אַליין געמאַכט, אַז מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַ סך לענדער. קודם־כּל אין גאַליציע, אין לעמבערג, שפּעטער אין ווין, נאָך שפּעטער — אין וואַרשע — ווו העלד האָט עטלעכע יאָר — צווישן די צוויי וועלט־מלחמות — געוווּלט אין שליחות פון אַמעריקאַנישע פילאַנטראָ־פּישע ייִדישע אינסטיטוציעס, נאָך שפּעטער אין ניו־יאָרק, אין קאַנאַדע, און מדינת־ישׂראל. ער איז נישט אַרויסגעפאָרן סתּם, ער איז אומעטום געווען אַקטיוו ווי אַ בין.

אָבער אין דער גאַנצער אַקטיווקייט — כּמעט 24 שעה אין מעת־לעת — האָט ער צײַט געהאַט צו לייענען אַ ליד, אַ דערציילונג, אַן עסיי — און מיט־צוטיילן עס דעם מחבר — מיט אַ גוט וואָרט דערצו.

אַז עמעצער וועט ווען עס איז אויפשרײַבן די ביאָגראַפיע פון אַדאָלף העלד — וועט עס נישט זײַן — ווי מען זאָגט — אַ „קאָלירפולע" ביאָגראַפיע. זי וועט זײַן גרוי ווי די נויט — בעיקר ייִדישע נויט.

אָבער אַ טיפערער, מענטשלעכער, עטישער אַרײַנבליק אין דער דאָזיקער ביאָגראַפישער גרויקייט — וועט באַווײַזן ליכטיקע פאַסן פון פּשוטער חבֿריש־קייט און מענטשלעכער גוטסקייט. אַ גוטסקייט וואָס יאָגט זיך נישט נאָך רע־

קלאַמע — ווײַל רעקלאַמע מעקט אָפּ די ליכטקע פּאָסן — און פּאַרמעקט אַלע קאָלירן.

און לאָמיר צום סוף דערציילן אַן אַדאָלף העלד־עפּיזאָד, וואָס האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון:

דאָס יאָר איז 1945. אַדאָלף העלד געפינט זיך אין מאָנטרעאָל און איך זיץ צווישן עולם אין אַ קליינעם ייִדישן זאַל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. די טעמע איז: הילף פֿאַר די דורך נסים לעבן־געבליבענע ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע. העלד טיילט מיט דעם עולם ווי שווער דאָס קומט אָן.

פּלוצלינג הייבט זיך אויף איינער פֿון פּובליקום און מיט אַן אויפגע־רעגטער שטים שרײַט ער ממש: — אָבער ווו איז יושר, גערעכטיקייט, מאָ־ראַל? זאָל מען אַפּעלירן צום יושר־געפֿיל פֿון דער גאַנצער וועלט.

אַדאָלף העלד ענטפֿערט מיט אַ ממש אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

טײַערער פֿרײַנד — איך וויל אײַך פֿאַרטרויען אַ סוד — נאָך אַ לעבן פֿול מיט פּראַקטיק אויף דעם געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן יושר. עס איז אפֿשר דאָ אַ ביסל יושר בין אָדם לחברו — צווישן יחיד און יחיד, מענטש און מענטש. אָבער אין צונויפֿמענלעבן פֿון מלוכות, פּאַרטייען, גרויסע געזעלשאַפֿטן איז קיין יושר נישטאָ. אפֿשר וועט אַ מאָל זײַן אַזוי — ווען אונדזערע אַמאָליקע יוגנטלעכע חלומות וועלן ווערן אַווירקלעכקייט. אָבער צו דעם איז נאָך ווײַט, ווײַט. איז לאָמיר דערווײַל טון אַ ביסל גוטס לויט אונדזערע מעגלעכקייטן.

און אַדאָלף העלד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צוגעגעבן:

אַזוי איז עס דערווײַל — יאָ, דערווײַל — און לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט אַ מאָל אַנדערש ווערן, אפֿשר וועלן מיר עס נאָך דערלעבן.

אָבער כאָטש ער איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ הויכן עלטער — העלד — האָט ער די דאָזיקע יושר־ווירקלעכקייט נישט דערלעבט. דערווײַל...

1969

ד״ר אַברהם יהושע העשל

געבוירן 1907 אין וואַרשע. געלערנט און געווינט אין ווילנע, בערלין, פראַנקפורט. קנאַפּ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה ווידער אין וואַרשע. 1939 אין לאָנדאָן. 1940 אין סינסינעטי. 1945 — ניו־יאָרק. נפטר געוואָרן 25סטן דעצעמבער 1972.

(זען אויך ב׳ 2 „מײַן לעקסיקאָן״).

צוויי סצענעס:

1925 — וואַרשע. איך זיץ בײַ מײַן שרײַבטיש מיט דער גרויסער גלעזערנער שאָפּלע אויף טלאָמאַצקע 13. שוין שעהען לאַנג ווי איך װענד אָן אַלע מײַנע רעכן־קענטשאַפטן, דערוואָרבן אין אַ צענדליק יאָרן באַנקאַרבעט אין ווין, אויף צונויפצובינדן אָן עק מיט אָן עק פון קאַרגן בודזשעט פון ליטעראַטן־פאַראיין. הינטער דער וואַנט איז דער קלוב און דער גאַנצער טומל פון יידישן צײַטונגס־וועזן און דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן צווישן די צוויי מלחמות. אין מײַן קאַנצעלאַריע איז שטיל און אויפגערוימט. אַלע שטולן אויף זייער פּלאַץ, אַלע פּאַפּירן ליגן גלײַך ווי צוגעקלעפּטע איינס צום אַנדערן. מײַן קאָפּ פאַרזונקען אין די חשבונות. אָבער פּלוצלינג הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז עמעץ איז דאָ אַרײַנגעקומען און קוקט אויף מיר. איך שענק נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. פינף מינוטן פאַרגייען. עס איז פאַרט עמעץ אין צימער. איך הייב אויף די אויגן און דערשרעק מיך אויף אַ רגע. אין ווינקל בײַ דער גרינער טיר שטייט אַ הויך און שלאַנק בחורל, וואַרשעווער חסידישע טראַכט. אַ לאַנג, שוואַרץ בגד, כּמעט ביז דער ערד, קוים וואָס מען זעט די שטיוולעטן אַרויס, אַ קײַלעכדיקע דענקע מיט אַ צום שטערן צוגעקוועטשטן קליינעם דאַשעק — אויפן קאָפּ. אַ שטרענג פּנים און כאָטש ער קוקט אויף מיר זייער מילד און שולדיק, קוקט ער אויך בייזלעך. די אויגן שוואַרצע, טיפע, גרויסע, די הויט ברוינלעך־טונקל, באַהויכט מיטן ערשטן יונגן שפּראָץ פון אַ טונקעלער באָרד. די ליפּן פולע, לײַדנשאַפטלעכע, טונקל־רויטע. עפּעס אַ צוק און אַ דינער גרימאַס אַרום מויל, עפּעס אַזוי ווי קאַפּריזנער פאַרוואורף. כאָטש דאָס פּנים איז נישט צו שטאַרק יידיש, עס איז צו ווייניק קלאַסיש־סעמיטיש — אָט דער צוק מאַכט עס באַלד אי יידיש, אי חסידיש, אי רבניש אַפילו. דער בחורל וווייסט, אַז עס גרייט זיך אַ ליטעראַרישער אַלמאַנאַך — האָט ער געבראַכט עטלעכע לידער.

איך געדענק, באַלד אין ערשטן מאָמענט האָט אַ בליץ געטון אין מײַן

מוח: אַ נײַער שלום אַש... ווײַל אַלץ איז עפּעס ענלעך געווען צו דער סצענע פֿון אַשס אַרײַנקומען אין אונדזער ליטעראַטור — אויך דאָס פּנים פֿון בחורל צום פּנים פֿון יונגן אַש.

1946 — מאָנטרעאָל. פּורים. אין אַ האָטעל־צימער פֿון אַ ניו־יאָרקער גאַסט. אַ באַקאַנטער פֿון װאַרשע. איך באַזוך דעם גאַסט. נאָך אַ פּאָר שעה רעדן — עס איז פּאַר מיטאָג — בעט ער מיך איבער. ער דאַרף לייענען די מגילה. מיר װעלן זיך װידער קענען זען אין אַ שעה אַרום — סײַדן איך װיל בלײַבן. איך בין געבליבן, האָב מיר געבאָרגט דעם הוט פֿון גאַסט, ער האָט אָנגעטון אַ יאַרמלקע און געלייענט די מגילה מיטן טראָפּ און מיט אַ װאַרשעװער אַקצענט און דעם באַװוסטן ניגון, װאָס איך האָב שוין נישט געהערט נאָענט צו אַ האַלבן יאָרהונדערט. אַזוי װי קיין סך זיך פֿאַרטיפֿן און קאָנצענטרירן בײַם הערן די מגילה לייענען דאַרף מען נישט, אַפֿילו װען מען הערט זי בלויז איין מאָל אין פּופֿציק יאָר — האָב איך אָבסערווירט און געטראַכט װעגן גאַסט, װעגן מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט אים מיט 21 יאָר צוריק. אַלץ אין זײַן פּנים איז װי עס דאַרף צו זײַן נאָך 21 יאָר. חוץ דער באָרד, װאָס איז גלאַט ראַזירט מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַטל. אויך דער ציגאַר, דער ברוינער און דופּטיקער, װאָס דער גאַסט רייכערט פֿון צײַט צו צײַט, איז אין רבנישן סטיל, אין רבישן אַפֿילו.

די באַגעגענישן זענען מיט אַברהם יהושע העשל, הײַנט דאָקטאָר און פּראָ־פֿעסאָר אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, מחבר פֿון ייִדיש־פֿילאָ־סאָפֿישע װערק אין עטלעכע שפּראַכן און — און דאָס איז פֿאַר מיר דער עיקר — מחבר פֿון אַ קלאַסישן עסיי אין ייִדיש „די מיזרח־אײראָפּעיִשע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע”, װאָס ער האָט אים געלייענט אויף דער 1945־ייִוואָ־קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק.

װען עמעץ װאָלט אונדז, די רעדאַקטאָרן פֿון די „װאַרשעװער שריפֿטן” אין יאָר 1925, געפֿרעגט אויף אַ האָראָסקאָפּ פֿאַר דעם דאָזיקן ייִנגסטן דיכטער אונדזערן, אַ. העשל, װאָלטן מיר אים אַלערלײ צװעלף מאָל צװעלף מזלות פֿאָרױסגעזאָגט חוץ דעם, אַז גראָד ער װעט זײַן דער דיכטער פֿון אַן עסיי, װאָס איז אין דער אמתן אַ ליד אין פּראָזע, אַ קלאָגליד נאָך דעם ייִדנטום אין מיזרח אין אַלע זײַנע גײַסטיקע לעבנגן און ברייטן און טיפֿן און הייכן.

איך האָב אַברהם יהושע העשלען װייניק אין װאַרשע געקענט, זעלטן און אפֿשר קיין מאָל נישט מיט אים קאָרעספּאָנדירט, נאָר אַ טייל פֿון זײַנע װערק געלייענט. זײַן אײַנגעשפּאַרטע פֿרומקייט האָב איך קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען און אויך נישט מיטגעפֿילט. אָבער גראָד דערפֿאַר װײַל ער איז זײַן לעבן לאַנג געגאַנגען אויף דער גרענעץ־ליניע צװישן די צװײ װעלטן פֿון מיזרח־ייִדנטום, האָט ער זײַן נשמה, זײַן גאַנצע נשמה דערזען.

אַז אַ. י. העשל האָט מעיין געװען אין דעם ערשטן באַנד פֿון דעם דאָזיקן

לעקסיקאָן מײנעם האָט ער מיר געשריבן מיט גרויס אומצופרידנקייט, אַז איך האָב געטון אַ גרויסן פעלער למאַי איך האָב אין די אינטימע פּאָרטרעטן נישט געשריבן וועגן די ווערק פון די שרײַבערס, וואָס איך באַמי זיך צו מאָלן זייער לעבן, זייער פּערזאָן און פּערזענלעכקייט, זייער טאָג, זייער וואָך. איך האָב אין דער טענה געזען אַ סתירה צו העשלס אייגענע רייד אין זײַן קלאַסישן עסיי, וואָס זוכט „די גײַסטיקע סובסטאַנץ אין דער טאָג־טעגלעכקייט״. ער האָט דערזען דעם פּאַטאָס אין כּלל, ער האָט אָבער נישט געוואָלט זען דעם פּאַטאָס אין פּרט און אין יחיד. און אפשר בין איך שולדיק, וואָס כ'האָב נישט געקענט אַרויסברענגען דעם פּאַטאָס אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון די יחידים פון דעם לעקסיקאָן.

פון מײַן יוגנט אָן קעמף איך זיגרײַך אין מיר קעגן רעליגיעזע פאָרמען און אַנטראָפּאָמאָרפישער גאָט־באַנעמונג, וואָס דאָס איז אין תּוך דער וועג פון די פרומע, און ווײַל אַ. י. העשל איז אַ פרומער, אינטערעסירט ער מיך פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן. דאָ אַנומלט האָב איך געלייענט זײַנע פּאָעטישע ליי־דער אין פּראָזע (אין ענגליש) וועגן תּפילה און וועגן גלויבן. און מיט טיפן צער האָב איך געטראַכט, אַז ווען דער גלויבן אין דער תּפילה וואָלט בײַם פּוילישן ייִדנטום נישט אַזוי הויך געשטאַנען, אַפילו בײַ די פּויליש־ייִדישע סאָ־ציאַליסטן... וואָלט אים די אומגעריכטע טראַגעדיע נישט אַזוי טיף און פּלוצ־לינג אַ וואָרף געטון. די פרומע איז געגנוג ווען זיי רעדן זיך אײַן, אַז גאָט הערט זיי. די אומגלייביקע ווילן, אַז גאָט זאָל זיי אויף אָן אמת דערהערן.

1953

אלחנן וואָגלער

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1907. קינדלעכדיקער יתום זינט פריִער קינדהייט. זינט 1925 איינער פון די חשובסטע חברים פון דער דיכטער־גרופּע „יונג־ווילנע". 1941—1945 וואָגל־וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד; 1947—1949 אין פּוילן. 1950 אין פּאַריז. געשטאָרבן דעם 20סטן מאַרץ 1969.

אַלחנן וואָגלער איז אַזאַ דיכטער, וואָס כּמעט קיינער פאַרשטייט אים נישט, אָבער אַלע זענען טיף איבערצײַגט, אַז ער איז כּולו דיכטער. אַפילו אַז ער פּאַזירט — פּאָזירט ער נאָך אַלץ נישט. אַזוי איז עס. ער גייט פאַרבײַ די דאָזיקע וועלט און ער קוקט אויף איר ווי ער וואָלט זי אין גאַנצן נישט פאַרשטאַנען — און ער פאַרשטייט זי טאַקע נישט, אָבער זײַן שמייכל, וואָס איז אויף דער אַנדערער זײַט פון זײַן פּנים, אינעווייניק, האַרט בײַם סאַמע סקעלעט, און וואָס נאָר די, וואָס קוקן טיף אַרײַן אין אַלחנן וואָגלער, קענען דערזען, באַווײַזט קלאָר, אַז ער ווייסט שוין גאָר און פאַרשטייט שוין גאָר די דאָזיקע וועלט.

די וועלט האָט ליב מענטשן, וואָס קענען זיך אַן עצה געבן אין לעבן. דער עיקר האָט די וועלט ליב אַזעלכע דיכטערס. עס איז דער וועלט גרינגער אויפן געוויסן מיט דיכטערס, וואָס קענען זיך אַן עצה געבן. אָבער אַלחנן וואָגלער זאָגט כּסדר דער וועלט, אַז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן און די וועלט איז עס אים מוחל, ווײַל אלחנן וואָגלערן האָבן אַלע ליב. קיינער ווייסט נישט פאַר וואָס. אַהבת־חינם. אַזוי פיל שׂינאת־חינם דאָ אויף דער וועלט, מוז דאָך די זינדיקע וועלט כאָטש איינעם ליב האָבן אהבת־חינם. איז אַלחנן וואָגלער דער גליקלעכער. ער האָט עס גערן, אָבער צו פיל גליק ברענגט עס אים סײַ ווי נישט. ער באַלאַנגט צו יענע מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן שוין אַזוי ביזן סוף. אַלע ווייסן עס און דערפאַר האָט קיינער צו אים קיין טענה נישט.

אַלחנן וואָגלער איז דער איידלסטער קלאַשאַר פון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע. נישט אומזיסט האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז און נישט אומזיסט האָט ער זיך אַזוי פאַרבונדן — פאַרפלאָנטערט מיט אַ פּאַריזערין און זי מיט אים און אין אים, אַז ביידע וועלן שוין אַזוי גיין ביז אייביק ווי די „צוויי בעריאָזעס בײַם טראַקט" — — אַזוי האָט געהייסן די צווייטע זאַמלונג פון וואָגלערס לי־דער. זי איז דערשינען אַזוי נאָענט פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג, אַז זי איז שיר נישט אין גאַנצן פאַרזען געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַוודאי האָב איך דאָ אויסגעזאָגט אַ פּריוואַט־אינטימען פּרט פון אַ דיכטערס לעבן. בײַ אַנדערע דיכטערס טאָר מען עס אפשר נישט. בײַ וואָגלערן — יאָ. זײַן לעבן איז בוך — זײַנע געציילטע דרײַ ביכער זענען זײַן לעבן. איינס. אַז

וואָגלער גייט אויף דער גאַס, איך האָב עס אָפט מאָל אָבסערווירט, גייט ער נישט, ער טראַכט אַ ליד, אַ מאָל שרײַבט ער עס אַפּילו מיט דעם ריטעם פון די טריט.

ווי אַזוי ער זעט אויס? ער זעט אויס ווי אַלחנן וואָגלער. אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין פּאַריז, אין יאָר 1950, איז שוין וואָגלער דאָרט לאַנג געווען. און איך האָב אים זייער געוואָלט זען און ער — מיך. נאָר וואָגלער האָט צוליב עפּעס אַ געהיימער סיבהלאָזער סיבה באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער, אַז מיר זאָלן זיך דאָס מאָל נישט זען. ער האָט פּאָזירט. נאָר אַפּילו אַז ער האָט פּאָזירט — פּאָזירט ער נאָך אַלץ נישט. האָט ער מיר אָפט טעלעפאָנירט און צוגעטראַכט סיבות, און די סיבות זענען אַפּילו געווען אמתע אויך, און מיר האָבן זיך טאַקע נישט געזען.

אַ סך מאָל באַגעגנט האָבן מיר זיך מיט זעקס יאָר שפּעטער אין פּאַריז. איך האָב שוין פריִער אָפט געזען בילדער פון וואָגלערן. אָבער איך האָב נישט געדאַרפט זען זײַנע בילדער. איך האָב אַזוי אויך געגנוי געהאַט אַ דמיון פון זײַן אויסזען און איך בין נישט אַנטוישט געוואָרן. איך האָב נאָר געטראַכט, אַז ער איז אַ סך העכער ווי ער איז. ווילט איר דאָך וויסן ווי אַזוי עס זעט אויס אויף אַן אמת אַלחנן וואָגלער? ער האָט זייער געדיכטע ברעמען און זייער טיפע, טונקעלע און גרויסע אויגן און ער עקספּלואַטירט זייער כּוח צו קוקן אויף דיר מילד־דורכדרינגענדיק און לאַנג־שווײַגנדיק. מענטשן מיט אַזעלכע אויגן און ברעמען האָבן געוויינטלעך אַ מויל און אַ נאָז — געפּאַרעמט מיט אַ טענדענץ צו אַ ביסל ברייטקייט. וואָגלער האָט נאָך אַלץ — צו זײַנע כּמעט פופציק — כּמעט אַ טשופּרינע און נאָך שוואַרץ. ער איז מאָגער און ער רעדט זייער שטיל און כּמעט צו זיך. דאָס איז דאָס שטילסטע רעדן פון יענע מענטשן, וואָס האָבן אויף אַן אמת צו קיינעם קיין טענה נישט און פאָדערן גאָרנישט. אין אין בעסטן פאַל פרעגן זיי מיט נײַגעריקייט פון אַ קינד: וואָס עס הערט זיך מיט דער גערעכטיקייט אויף די ווײַטע שליאַכן פון דער וועלט?

מיט אַ סך ליבשאַפט צו אַלחנן וואָגלערן פלעגט לעאָ פינקעלשטיין ז״ל דערציילן וועגן אים, אַז בשעת ווײַ־וואַנדערונגען פון גרופּעס יידישע שרײַבערס איבערן מיזרח פון אייראָפּע אין דער צײַט פון דריטן חורבן איז אָפט מאָל וואָגלער געקומען צו די חברים, און דער עיקר צו אים, פרעגן אַן עצה, ווו זיך צו ווענדן. האָט מען די עצה געגעבן: גיי דאָרט און דאָרט — — אָבער וואָגלערס ענטפער איז לרוב געווען, אַז דאָרט און דאָרט איז ער שוין געווען — — און געזאָגט האָט ער מיט יענעם וואָגלערישן שמייכל פון יענער, דער אינעווייניקסטער זײַט פון פּנים, וואָס בײַם סאַמע סקעלעט, דעם שמייכל, וואָס ווייסט גאָרנישט און ווייסט אַלץ. ווײַל אַזוי זענען זיי שוין — די עכטע דיכטערס.

איין מאָל האָט מיך וואָגלער געהערט רעדן וועגן שלום אַשן. ער איז מיט מיר שטאַרק מסכּים געווען. נאָך דער לעקציע האָט ער מיר אײַנגערוימט אַ שטילן סוד, אַז די און די אַש־מעשׂה אין מײַן רעפעראַט האָב איך גוט דער־ציילט, אָבער מיט מײַן אייגענעם פינאַל זי ווידער אויסגעמעקט און מיטגע־ריסן אַ שטיק פון דעם גוטן אײַנדרוק פון דעם גאַנצן רעפעראַט צוליב דעם. וואָגלער איז געווען גערעכט און איך האָב אים געדאַנקט מיט אַ קוש און פאָלג זינט דעמאָלט די עצה זײַנע. שטילערהייט קען וואָגלער די סודות פון בין־דיכטער לפּובליקום און ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער געקענט זײַן דערפאָלגרײַך. אָבער ער וויל נישט. צווישן דיכטער און פּובליקום פון הײַנט — קלייבט ער אויס דעם דיכטער פון הײַנט און דאָס פּובליקום פון מאָרגן.

אין דער אייגן־הקדמה צו די „צווײ בעריאָזעס" זאָגט וואָגלער: מיר איז נישט אומעטיק. איך חבר זיך מיט בלױענדיקע עפּלסעדער. איך בין באמת נישט אײנזאַם, ווי עס מיינען מײַנע שופטים, די לייענערס, וואָס האָבן מיך אומגערן צו אײנזאַמקייט פאַרמישפּט...

ווונדערלעך איז וואָגלערס נישט רעדן קיין מאָל קיין בייז וואָרט אויף קיינעם. און גאָלע גוטס אויף זײַנע נאָענטסטע חברים פון „יונג־ווילנע", פון דער ליטעראַרישער משפּחה זײַנער אין דער ליטעראַטור. טאַלאַנטפולע דיכ־טערס קומען לרוב אין גרופּעס אין יעדער ליטעראַטור און אויך אין דער ייִדי־שער. נאָך ווונדערלעכער איז די אייביקע געטרײַשאַפט צו וואָגלערן מצד זײַנע חברים פון „יונג־ווילנע" — צעוואָרפענע הײַנט איבער דער־וועלט — און אויך שוין איבער יענער־וועלט. אָט ווי יונג די גרופּע איז נאָך אין יאָרן.

אַזוי כאַראַקטעריזירט זיך וואָגלער אַליין אין איינער פון זײַנע הקדמות: אַ גרויסע השפּעה האָבן אויף מיר געהאַט די פייגל... בײַ זיי האָב איך גענומען דעם ניגון, אָבער די ווערטער צום ליד זענען, דוכט זיך, מײַנע אייגענע...

ניגון איז אַבסטראַקציע, ניגון פון געזאַנג פון פייגל — אַוודאי, און ווער־טער צו אַזאַ ניגון — קענען זיי זײַן קאָנקרעט? דעריבער איז שווער צו באַ־נעמען וואָגלערן בלויז מיט אַ קאָנקרעטן צוגאַנג צו זײַן ליד:

אַ בלינדער אויף ראָג פון באַרבעס
שפּילט אויף אַ קאַרדעאָן —
דאָס ליכט פון פּאַריזער מעת־לעת
ער צינדט אָן מיט זײַן טאָן.
די אויגן אין אָפענער ווײַט
דורך אַ בריל קוקן שטאַר.
און עס ריזלט פאַרגליווערט די צײַט
אינעם שטיין פון בולוואַר — —

אָבער איין מאָל האָב איך וואָגלערן געהערט רעדן פאַר פּאַריזער ייִדישע פאָלקסמענטשן וועגן דיכטונג בכלל און ייִדישער בפרט. זײַן שטים איז גע־וועז הויך און קלאָר און איך האָב אַנטדעקט, אַז ער איז ממש אַן אָראַטאָר... די געדאַנקען דײַטלעך און אַזוי לאָגיש, אַז דאָס דאַנקבאַרע פּובליקום האָט ממש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און אַז אַלחנן האָט שפּעטער געלייענט זײַנע לידער — זײַנע לידער — האָבן זיי, נישט געקוקט אויף אַלץ — געהאַט האַרציקן קאָנ־טאַקט און אויפריכטיקע אַפּלאָדיסמענטן, ווײַל אַלע זענען געווען איבערצײַגט, אַז פאַר זיי שטייט אַן עכטער דיכטער, וואָס אַפילו ווען ער פאָזירט — פאָזירט ער נאָך אַלץ נישט.

זײַן ניגון קומט טאַקע פון די פייגל פון הימל, אָבער ווען ער קומט אַרײַן אין אַלחנן וואָגלערס זילבערדיקע לידער־סטראָפעס, שטײַגן אויף דער ערד — ווערט ער זײַן אייגענער ניגון אין דער ייִדישער ליריק.

ד״ר לייב וואָלמאַן

געבוירן 1887 אין באַרדיטשעוו. 1916 אין וואַרשע. אויסגע־שטודירט אויף דאָקטאָר מעדיצין. 1921 באַזעצט זיך אין וואַרשע. 1939 געקומען קיין ניו־יאָרק. געשטאָרבן סוף אַפּריל 1971.

אַ מענטש באַשטייט בעיקר פון צוויי עלעמענטן — גוף און נשמה. אויך אַ ייִדיש קינד באַשטייט דער עיקר פון די דאָזיקע עלעמענטן. און גוף און נשמה האָבן אַ טבע פון צײַט צו צײַט צו קרענקען. און אויב קרענקען — דאַרף מען ראַטעווען. די ייִדישע נשמה ראַטעווען די רבנים, די משוררים, די דיכטערס און סתם עטישע פערזענלעכקייטן. מיט דעם ראַטעווען דעם ייִדישן גוף פאַרנעמען זיך די געזעלשאַפטלעכע עסקנים, די פּאָליטיקער און די ייִדישע דאָקטוירים. דאָס איז בדרך־כּלל. עס זענען אָבער פאַראַנען אַזעלכע ייִדן, וואָס פאַרנעמען זיך צו ראַטעווען אי די ייִדישע נשמה און אי דעם ייִדישן גוף.

אָט אַזאַ מין יוצא־מן־הכּלל איז געווען ד״ר לייב, אָדער לעאָן וואָלמאַן. אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקענט רוען, אַפילו איין מינוט אין אַלע 24 שעהען פון מעת־לעת, זיבן טעג אין וואָך. ראַטעווען אַ בן־אָדם און מכּל שכּן אַ ייִדישן מענטש מעג מען דאָך אַפילו אין אַ יום־כּיפּור, וואָס געפאַלט אין אַ שבת.

אין אָט אַ דער סעריע „מײַן לעקסיקאָן״ באַשרײַב איך דאָך בעיקר דעם מענטש און זײַנע מענטשלעכע טוגנטן און נישט דעם תּוכן פון זײַנע ווערק. איך באַשרײַב דאָס פּנים — אויב אַפילו בלויז אין פּראָפיל — אָבער פאַרט דאָס לעבעדיקע פּנים. און כאָטש איך האָב דעם דאָקטאָר וואָלמאַן יאָרן לאַנג געקענט, קען איך נישט אַרויסרופן אין זכּרון זײַן פּנים. עס איז אַלע מאָל געווען אַזוי ווי פאַרזונקען אין דער גרויקייט פון זײַנע טעגלעכע גרויע, מיד־מאַכנדיקע זאָרגן פאַר זײַן פאָלקס נשמה און גוף.

אַז דאָס ראַטעווען דעם ייִדישן גוף האָט דעם דאָקטאָר וואָלמאַן שוין צו שטאַרק מיד געמאַכט, איז ער געקומען ראַטעווען און אויסרוען די אייגענע נשמה אין ניו־יאָרק, אין „ראָיאַל״־קאַפע; און אין וואַרשע אין קלוב פון טלאָ־מאַצקע 13.

און אָט איז אַ מעשה. אָרט: וואַרשע, יאָר: 1933. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַ סטאַזש פון אַ פאַנדזאַמלער פאַר ייִדישע קולטורעלע אינסטיטוציעס און סאָציאַלע ייִדישע געזעלשאַפטן. האָב שוין דעמאָלט געהאַט אין דרום־אַפריקע דורכגעפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר די ייִדישע פאָלקסשולן אין פּוילן. די אָרגאַני־זאַציע האָט געהייסן ציש״אָ — צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע. און סוף 1934 האָב איך געהאַט אַן ענלעכע ייִדישע אָרגאַניזאַציע: וואָס זאָל מיך דעלע־גירן אין די ווײַטע לענדער צו זאַמלען פאָנדן.

דאָקטאָר װאָלמאַן האָט אין יענע יאָרן אָנגעפֿירט מיט צװײ ייִדישע געזונט־אינסטיטוציעס „אָרט" און „אָזע". בײדע די אינסטיטוציעס זענען שױן דעמאָלט געװען זקנים. די ראשי־תּיבֿות פֿון די דערמאָנטע נעמען זענען נאָך געװען פֿון די צאַרישע צײַטן, פֿון דער רוסישער „אָזבוקאַ". דער „אָרט" האָט געפּריידיקט — מאַנועלע אַרבעט פֿון ייִדישן פֿאָלק. ראַטעװען דעם גוף, און די „אָזע" האָט געפּריידיקט — ייִדיש געזונט.

און אָט װער איך געװוירה, אַז װאָלמאַן זוכט מיך. און איך זוך דאָך אים. הקיצור — מיר האָבן זיך ממש צעקושט, און מיר האָבן זיך געפֿונען.

— איך שטױס מיך אָן, אַז איר װילט מיר פֿאַרלײגן אַ שליחות מיט אַ רױטער פֿאַטשײלע פֿאַר אײַערע צװײ אינסטיטוציעס מיט אײן ראשי־תּבֿות: „אָרט"־„אָזע". און איך בעט אײַך טאַקע, דערלעגירט מיך װאָס װײַטער — דאָרט װוּ דער שװאַרצער פֿעפֿער װאַקסט.

— מיר דערלעגירן אײַך אױפֿן װײַטן מיזרח.

קײן אײן מינוט געטראַכט, שרײַ איך ממש: מסכּים!

— „מסכּים", איז טאַקע זײער גוט, ענטפֿערט מיר ד"ר װאָלמאַן, אָבער איר דאַרפֿט ערשט באַקומען אינסטרוקציעס. גײין אין חדר אױף די עלטערע יאָרן. איר װעט זײַן דאָס חדר־ייִנגל און איך — דער מלמד. און איך בין אַ שטרענגער מלמד. איר דאַרפֿט זיך באַקענען מיט אונדזער אַרבעט אױף דעם סאָציאַלן געביט און דעם מעדיצינישן געביט. מיר װילן שטאַרקן דאָס געזונט פֿון די פֿאַראָרעמטע ייִדישע מאַסן — הונדערטער טױזנטער אירע. געאָגראַפֿיש קאָנצענטרירט אױף פּױלן. מיר װילן אױך צוגרײטן די ייִדישע יוגנט אין פּױלן צו פּראָדוקטיװער, מאַנועלער אַרבעט. מיר האָבן אין זינען די ייִדישע מאַסן אין פּױלן װאָס װילן און מוזן עמיגרירן. בעיקר אין די אַמעריקאַנישע לענדער — צפֿון און דרום. אונדזערע װעלט־באַקאַנטע „אָרט"־שולן גרײטן פֿאַכלײַט, האַנטװערקערס אױף אַלערלײ געביטן און אױך פֿאַכלײַט אױפֿן געביט פֿון אַגריקולטור. מיט אײן װאָרט, מיר װילן איבערבױען דאָס ייִדישע פֿאָלק. מיר האָבן אַ פּלאַן.

מיר גײען איצט פֿאַװאָליע און דאָקטאָר װאָלמאַן רעדט װעגן „אָרט"־„אָזע" און זײַן באַגײַסטערונג הײבט זיך העכער און העכער — און אַזױ אױך הײבט זיך זײַן שטים און שטימונג.

און גײענדיק אַזױ זענען מיר דערגאַנגען צום לאָקאַל פֿון דער „אָרט"־„אָזע"־געזעלשאַפֿט. און אָט זענען מיר שױן טאַקע אין דעם ביורא פֿון ד"ר װאָלמאַן. און דאָ ערשט װײַזט מיר װאָלמאַן אַלערלײ באַריכטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, בראָשורן, מאַפּעס און טאַקע באַריכטן פֿון דער אַרבעט פֿון די יאָרן זינט פּױלן איז זעלבשטענדיק.

— די ייִדישע נױט איז גרױס, נאָר אונדזער געװיסן איז קלאָר. מיר טוען

וואָס מיר קענען. מיר פרעגן נישט אויף פּאָליטישע פּאַרטײ־בילעטן. מיר שטיצן ייִדישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל און אַזוי אויך די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. גוף און גײַסט.

הקיצור — אויף עטלעכע וואָכן בין איך געבליבן אַ חדר־ייִנגל בײַ ד״ר לייב וואָלמאַן און ער מײַן מלמד. און די סדרה, וואָס איך האָב געלערנט, איז געווען: ויהי בימי „אָרט״־„אָזע״ — —

אין איין שיינעם טאָג טוט מיר צו וויסן מײַן פרײַנד וואָלמאַן, אַז איך בין שוין אַן אויסגעשטודירטער און ער קען מיך שוין אַוועקשיקן צום ווײַטן מיזרח אויף מײַן שליחות. און ער גיט מיר — ווי אַ מין מזוזה, אַ מין אײַזערנעם באַגלייבט־ און באַגלייט־בריוו פון אַלבערט איינשטיין, אייגנהאַנטיק אונטערגעשריבן, מיט מײַן נאָמען ווי אַ שליח פון „אָרט״־„אָזע״. דאָס האָט דער גרעסטער ייִד פון זײַן צײַט — איינשטיין — געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון „אָרט״־„אָזע״ צען בריוו מיט זײַן אונטערשריפט. און די נעמען פון די שליחים האָט די פּאַרוואַלטונג פון „אָרט״־„אָזע״ געהאַט אַ רעכט צוצושרײַבן — לויטן באַדאַרף. און אין דעם פאַל — מײַן נאָמען. די אײַזערנע איינשטיין־בריוו זענען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון ד״ר לעאָנטין בראַמסאָן, דער גרויסער קעמפער פאַר די רעכט פון די מיליאָנען ייִדן אין רוסלאַנד.

נאָך אַ פּאָר טעג געבליבן אין וואַרשע און אָט געזעגן איך מיך מיט ד״ר וואָלמאַן און איך פּאָר. דער מאַרשרוט איז — צוליב אַלערליי סיבות — געגאַנגען אַזוי: פּאַריז — דאָ האָב איך געדאַרפט באַקומען אינסטרוקציעס וועגן דער טעכניק פון די שליחים. דער אינסטרוקטאָר, — לעאָנטין בראַמסאָן. פון פּאַריז קיין לאָנדאָן — דאָרט צו באַקומען אינסטרוקציעס פון ד״ר אַהרן סינגאַלאָווסקי, דעם גרויסן טוער און אויפטוער זינט יאָרצענדליקער — פאַר דעם „אָרט״.

און — איבער פינלאַנד, לענינגראַד, מאָסקווע (דאָ האָב איך געדאַרפט באַזוכן דאָס „אָרט״־ביוראָ) — און די טראַנס־סיבירישע באַן קיין מאַנדזשוריע און דאָ איז געווען מײַן ערשטע סטאַנציע: כאַרבין. און דאָרט דער „אָרט״־„אָזע״־צענטער און די ערשטע אויסגעשטרעקטע האַנט צו דער ייִדישער קהילה נאָך הילף פאַר די ייִדישע מאַסן אין פּוילן.

ווי אָפט איך פלעג מיך באַגעגענען מיט ד״ר לייב וואָלמאַן אין ניו־יאָרק — און עס איז געווען זעלטן — פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן בײַ אַ טעפּעלע קאַווע און זכרונות — זכרונות פון יענע טעג, וואָכן און חדשים, פון יענע דראַמאַטישע און גלייביקע צײַטן אין וואַרשע מיט דער ברכה פון אַלבערט אײַנשטיין.

1971

ח. וואָלף

פסעוודאָנים פון ישראל פרידמאַן. געבוירן 1904 אין זאַ־ראָמב. זינט 1923 אין אַרגענטינע. געשטאָרבן פעברואַר 1971.

אַ שטילער, זייער אַ שטילער איז ער ח. וואָלף, אַ בלאַסער יונגער־מאַן מיט בלוילעכע גרויסע אויגן און — פאַרשטייט זיך, אַ בלאָנדער. ער האָט אַ נייגונג צו דיק ווערן און דאָס שטענדיקע זיצן, אין די נעכט אַלס מאַשין־זעצער אין דער דרוקערײַ פון דער „פרעסע" אין בוענאָס־אײַרעס, און אין די האַלבע וואָכע טעג אין דער היים בײַם אומענדלעכן לייענען און איבערשרײַבן זײַנע ווערק — טוען דאָס איבעריקע. אָבער עס איז באַלד קלאָר, אַז דאָס דיק זײַן איז נישט פון ווילטאָג, אָדער גאָר פון איבערמוט. ח. וואָלף איז ביז זײַן נײַנצנטן לעבנס־יאָר געווען אַ ישיבה־בחור. ער האָט אַפילו געלערנט אַ צײַט בײַם חפץ־חיים אין ראַדין. ער פלעגט זיך דורכשמועסן מיט מיר און אַ מאָל — עס איז, נאָ־טירלעך, געווען אין וואַרשע אין יאָר 1923 — איז ער צו מיר אַרײַנגעקומען מיט אַ פעקל לידער — אַ שלאַנקינקער און אַ בלאָנדינקער און אויך דעמאָלט זייער אַ שטילער — און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אָט און ער פאָרט אַוועק קיין אַרגענטינע און אָט דאָס זענען זײַנע לידער און צי זאָל ער ווײַטער שרײַבן.

די לידער זענען געווען עכאָס פון אונדזער דעמאָלטיקן כאַליאַסטרע־געשרײ. אַז לידער געפעלן מיר נישט בשעת עס ווײַזט זיי מיר אַ יונגער מענטש און איך וויל אים נישט „פאַרפאַרן" מיט אַ ביטער וואָרט, גרייט איך מיר אַלע מאָל צו בײַם לייענען אַ פאַרטיקן שלשלתדיקן פסוק אויף דעם מאָמענט, ווען איך וועל אויפהייבן דעם קאָפּ פון מאַנוסקריפּט פון דעם פּאָעטישן קאַנדידאַט. און איך געדענק עס גענוי, וואָס איך האָב מיר דעמאָלט צוגעגרייט פאַר וואָלפן. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט געווען אַזוי פיל יאָרן אַ ישיבה־בחור, ווי ער, וואָלט איך נישט געשריבן וועגן אָט די אָ זאַכן, איך וואָלט געשריבן דירעקטע לידער וועגן מײַנע איבערלעבונגען אין דער ישיבה און איך וואָלט ממש דערמיט אײַנגענומען די וועלט. איך וואָלט געשריבן רעאַליסטישע לידער, לידער פון אַ ישיבה־בחור וואָלט איך זיי גערופן.

כאָטש פרידמאַן איז זײַן נאָמען, און דעמאָלט האָט ער נאָך נאָר פרידמאַן געהייסן, איז ער זייער אַן אומצר־פרידמאַן אַרויס פון מײַן שטוב. נישט אויף אַזעלכע עצות איז ער אַרײַנגעקומען צו מיר. און ער האָט זיי געהערט אין טראַק. אַ קורצע צײַט שפּעטער האָב איך באַקומען פון אים אַ דין ביכל לידער „בעטלער". דאָס געשריי פון דער כאַליאַסטרע איז געווען אַ וואָרקען פון אַ טויב אַנטקעגן דעם געשריי פון דעם ביכל, און דערמיט האָט זיך וואָלף אויס־

געשריגן און אויסגעלידערט און איז אַריבער צו גאַנץ אַנדערע געביטן. ער האָט דערפילט אין זיך די באַרופונג — און דאָס איז טאַקע זײַן באַרופונג — פון אַ דענקער און פּאָפּולאַריזאַטאָר אויף דעם הומאַניטאַר־עטישן סאָציאַליסטישן געביט. וואָלט ער געהאַט מער זין פאַר רעקלאַמע און וואָלט עס בכלל מעגלעך געווען אין יידיש דורך רעקלאַמע צו דערגרייכן דערפאָלגן — וואָלטן וואָלפס שיינע ביכער געגאַנגען אין פאָלק אַרײַן און וואָלטן ממש געווען מאָדע. זיי לייענען זיך לײַכט און שטיל, זייער שפּראַך — כאָטש נישט אַלע מאָל אַבסאָלוט קאָרעקט — זייער פליסנדיק און דער געדאַנקען־גאַנג בעט דיך ממש מיטצוגיין און עס גייט זיך לײַכט מיט.

ח. וואָלף איז נישט קיין בעל־תשובה־ייִד, ער איז נישט קיין פאַנאַטיקער, ער איז אויך נישט קיין רעליגיעזער דאָגמאַטיקער, ער איז אַ טיף פרומע נאַטור, ריכטיקער — אַ טיף גלייביקע. ער גלייבט אין דעם מענטש — נאָך אַלץ גלייבט ער אין דעם מענטש. ער גלייבט אפשר נישט אין דער מענטשהייט, אָבער ער גלייבט יעדן אייציקן מענטש. אַז איך לייען די ביכער פון ח. וואָלף פיל איך, אַז מען דאַרף זיי לייענען מיט אַ ניגון, מיט אַ ניגון פון לערנען, טו איך אַזוי און זיי ווערן נאָך ווירקזאַמער צוליב דעם. אַ מאָל האָב איך — טאַקע אין בוענאָס־אײַרעס — פאַר אַ דאַמע פאָרגעלייענט אָט אַזוי מיט אַ ניגון פון וואָלפס אַ בוך און עס האָט זיך געלייענט ווי אַ דערציילונג ממש. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז דער זייגער אָפּגעגאַנגען צוויי שעה און 50 זײַטן זענען געווען איבערגעלייענט.

אָפט מאָל פלעג איך וואָלפן באַזוכן אין זײַן בוענאָס־אײַרעסער היים. ער באַוווינט אַ קליינע כאַראַקטעריסטיש־אַרגענטינישע ווינהײַזקע מיט זײַן ווײַב און זײַן זון, שטיל ווי זײַן פאָטער, איז ווילד דאָס יינגל, האָט זיך דער פאָטער צוגעבויט אַ שרײַבשטוב אויפן דאַך, אַ פעסטונג קעגן דעם קליינעם צעשטערער. דאָרט אויבן — אָפט אין עסנדיקער אַרגענטינער יוני־קעלט און אָפט אין ברענענדיקער בוענאָס־אײַרעסער דעצעמבער־היץ זיצט ער און קלאַפּט און קלאַפּט אָן אויפהער אויף זײַן שרײַבמאַשינקע און מאַכט פאַרטיק מוסטערהאַפטע כתבי־יד, וואָס זעען אויס ווי כתבי־יד פון רבנישע ספרים — — און ער פילט מיט זיי אויס די שופלעדער אין זײַן שרײַבטיש. פונקט ווי וואָלף — זייער מחבר — גלייבט, אַז דער מענטש, דער יחיד, וועט אַ מאָל קומען און אויסלייזן די וועלט, אַזוי ליגן אַוודאי אויך די מאַנוסקריפּטן פול מיט אָט דעם גלויבן און גלייבן אויך, אַז אַ מאָל וועט קומען דער פאַרלעגער און ער וועט זיי אויסלייזן פון לעטאַרגישן שלאָף...

וואָלף גלייבט אין אַ מענטש — אָבער ער גלייבט נישט צו שטאַרק אין דעם מענטש פון זײַן נאָענטסטער סביבה. אין דער אַרגענטיניש־יידישער, זייער רירעוודיקער ליטעראַטנשאַפט זעט ער זיך כמעט נישט אָן, ווײַל ער זיך נישט

אָנזען. אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן איז ער פאַרלוירן, אין דער געזעל־שאַפט פון ביכער, פון זיך אַליין און העכסטנס פון נאָך איין מענטש געפינט ער זיך, לעבט ער אויף. און עס איז דאָך ערגעץ געזאָגט געוואָרן גאַנץ קלאָר און גאַנץ דײַטלעך, אַז מען צינדט נישט אָן קיין ליכט כדי עס צו שטעלן אונטער אַ שעפל, נאָר מען צינדט אָן אַ ליכט כּדי עס צו שטעלן הויך איבער אַלעמען אין אַ הויכן לײַכטער. נאָר איז שוין די וועלט אַזוי אײַנגעטיילט, אַז נישט אַלע מאָל איז דער מענטש, וואָס צינדט אָן אַ ליכט און דער וואָס שטעלט עס אין אַ לײַכטער אַוועק, איין און די זעלביקע פּערזאָן. איז אָבער אונדזער ייִדישע ליטעראַטור אַזוי אײַנגעשטעלט, אַז דער מענטש, וואָס צינדט אָן דאָס ליכט און דער וואָס שטעלט עס אַרײַן אין אַ לײַכטער, מוז זײַן איין און די זעלביקע פּערזאָן. אַזיסט בלײַבט דאָס ליכט הינטערן שעפל.

ווען וואָלף וואָלט אָט די פּאָר ווערטער גענומען אין אַכט — וואָלט אַוודאי גוט געווען.

פון צײַט צו צײַט — אַ מאָל אין דעם און אַ מאָל אין אַן אַנדערן לאַנד — פלאַטערט אַראָפּ אויף מײַן טיש אַ בריוו פון ח. וואָלף — פלאַטערט אַראָפּ אומ־געריכט ווי אַ בלאַט פון אַ בוים, וואָס מען האָט אים פריִער נישט באַמערקט, ווי גלײַך פון די וואָלקנס אַראָפּ. ענטפער איך באַלד און ווידער גייען יאָרן אַוועק ביז נאָך אַזאַ בלאַט פאַלט אויף מײַן טיש... אַזוי איז ח. וואָלף, דער עטיש־סאָציאַליסטישער ייִדישער שרײַבער.

נח וויטאַל

געבוירן אין יאָר 1889, אָדער אין יאָר 1892 אין מאָסקווע, אויפגעכאָוועט אין ווילנע. אין יאָר 1905 געקומען קיין אַרגענטינע. 1925 באַזוכט אייראָפּע, וווינט זינט 1927 אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע. געשטאָרבן 19טן יולי 1959.

אַ מאָדנער נאָמען — נח וויטאַל — איך וואָלט געזאָגט: אַ טאַלאַנטפולער נאָמען. נישט אַלע בעמען פון טאַלאַנטפולע מענטשן זענען טאַלאַנטפול, אָבער לרוב זענען זיי. און נישט אַלע מענטשן, וואָס האָבן טאַלאַנטפולע נעמען — זענען טאַלאַנטפול, אָבער אין דעם קלאַנג פון אַ נאָמען מיט דעם כאַראַקטער פון דעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען זענען דאָ צוזאַמענהאַנגען. ווײַטע, גאַנץ ווײַטע, מיסטישע אפשר, אָבער צוזאַמענהאַנגען זענען דאָ.

לאַנג איידער איך האָב געקענט נח וויטאַלן פּערזענלעך האָב איך געקענט זײַן נאָמען. און דאָס נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט כמעט גאָרנישט גע־שריבן און זייער ווייניק פאַרעפנטלעכט און פון דעם איז דאָס ווינציקסטע דערגאַנגען קיין פּוילן. דאָס הייסט — געשריבן האָט ער אַ סך, אָבער זשור־נאַליסטישע אַרטיקלען — הײַנט בין איך, מאָרגן בין איך אויס, פאַקט אין מיר אַ הערינג און וואַרפט מיך אַרויס — —

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַגעגנט נח וויטאַלן אין וואַרשע אין יאָר 1925, ווען ער איז דאָרט געווען אויף אַ באַזוך, אָבער באַפרײַנדעט האָבן מיר זיך ערשט אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע, ווו מיר פלעגן זיך זען טעגלעך אין פאַר־לויף פון אַ ריי וואָכן.

אַ בלאָנדער, זייער אַ בלאָנדער איז ער, נח וויטאַל, און אַ ביסל שיקלדיקע אויגן האָט ער און ער רעדט זייער צעטראָגן און זייער גיך און ער הערט אויך זייער גיך, ווײַל ער האָט אַלע מאָל עפּעס זייער ווייניק צײַט און ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. אפשר נעמט זיך עס פון געפיל, אַז ער האָט דאָ אויף דער וועלט געדאַרפט עפּעס מער טון און דערווײַל האָט ער עס נישט געטון און דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט אַ סך... און חוץ דעם וואָס ער איז אַ בלאָנדער איז דאָ עפּעס דרײַעקיקס אין זײַן פּנים, אָדער בלויז אַזאַ אײַנדרוק איז מיר געבליבן.

איינזאַם איז אַ יידישן שרײַבער אויף דער וועלט אומעטום און זייער, זייער איינזאַם איז עס אין קליינע יישובים אין ווײַטע לענדער. און כאָטש טשילע, ווו וויטאַל וווינט צענדליקער יאָרן, לענגט זיך טויזנטער מײַלן פון דרום קיין צפון ווי אַ פּאַס און אַלע די טויזנטער מײַלן אָנגעשפּאַרט אָן אַר־גענטינע, און אין אַרגענטינע איז יידישלעך און היימלעך, איז אָבער טשילע אַ

לאַנד מיט אַ גאַנץ קלײנעם ייִדישן ייִשוב. גאַנץ טשילע ליגט אָדער אויף דעם פּאַס פון די אַנדן־בערג, אָדער הינטער דעם פּאַס, אויף די באַרג־נידערונגען, וואָס לויפן צום שטילן אָקעאַן.

אַז אַ ייִד פלעגט אַנזעצן אין אַרגענטינע אַמאָליקע צײַטן, פלעגט ער זיך אַרונטערכאַפּן איבער די בערג און כאַטש אין דער לופטליניע זענען דאָס נאָר אַ פּאָר הונדערט מײַל געווען, איז עס געווען פּונקט ווי אַ מאָל אַנטלויפן אויף יענער זײַט וואַסער... דאָס מײנסטע פון אַנטלאָפענע צוליב אַלערליי סיבות פון אַרגענטינע איז געווען דער באַזיס פון טשילענישן ייִשוב. נאָר די דערפאַרונג לערנט, אַז אַנטלויפן אַנטלויפט נישט אַלע מאָל דער פאַרברעכערישער מענטש, אַנטלויפן אַנטלויפט דווקא זײער אָפט אַ מענטש מיט געוויסן דווקא, וואָס קען דעם בעל־חוב נישט קוקן אין פּנים אַרײַן. דער טשילענישער ייִשוב איז אַ סימ־פּאַטישער דווקא, נאָר פּאָרט איז דאָרט אײנזאַם, נישטאָ קײן ייִדישע צײַטונג און זײער װײניק חברים און עס איז אײנזאַם, אײנזאַם.

נח וויטאַל אַלײן האָט שוין אַ סך מאָל אַרויסגעגעבן ייִדישע צײַטונגען אין טשילע, נאָר עס איז שווער צו אָרגאַניזירן אַזעלכע זאַכן מיט לײדיקע הענט און מיט גוטע כוונות. און צו דעם אַלעמען איז גאַנץ טשילע באַפּעל־קערט מיט מאָדנע מענטשן. דאָרט זענען פאַראַנען די באַרימטע „ראַטאָ טשי־לענאָס" — טשילענער אָפּגעריסענע, מענטשן וואָס זײער פילאָסאָפיע איז אַן ערך די פילאָסאָפיע פון די פּאַריזער קלאָשאַרן, אָדער ניו־יאָרקער האָבאָס. זײער דעוויז איז: האָסטו גאָרנישט, האָסטו די גאַנצע וועלט, האָסטו אָבער אַ פּאָר־מעגן, האָסטו נאָר אַזוי פיל וויפל דו האָסט. און אָט אַהער האָט עס פאַרטראָגן נח וויטאַלן.

אײן מאָל פרעגט מיך וויטאַל, און מיר האָבן זיך געחברט ווי פרײַנד שוין פון יאָרן, צי האָב איך אַ מאָל עפּעס פון אים געלײענט, נישט פון די אַרטיקלען, נאָר פון דעם וואָס איז טאַקע זײַנס. איך האָב געמוזט אויפריכטיק צוגעבן, אַז נישט. אָבער אויף צו מאָרגנס האָב איך שוין געהאַט געלײענט פון צײַטונגס־אויסשניטן און פון מאַנוסקריפּטן אַ בוך פון אַ צוויי הונדערט זײַטן. מיניאַטורע דערציילונגען, דערמאָנען שטאַרק די בעסטע דערציילונגען פון נאָמבערגס. אַלץ פול מיט עכטן טאַלאַנט און מיט קינסטלערישן צימצום. איך בין נישט געווען איבעראַשט ווײַל איך האָב עס אַזוי דערוואַרט. נאָר עס איז מיר אַ שאָד גע־ווען, וואָס עפּעס ווערט דאָ פאַרפאַלן.

אין אײן שײנעם טאָג, און אין סאַנטיאַגאָ זענען אַלע טעג קרישטאָל שײן, די שטאָט ליגט זײער הויך און ווי אין אַ קרישטאָלענעם טעלער פון אײביק־פאַרשנײטע בערג, האָבן מיר צוזאַמען באַזוכט אײנעם פון די באַרימטסטע טשילענישע דיכטער פּעדראָ פּראַדאָ. וויטאַל אין דער ראָלע פון טאָלמאַטש, און דערשטוינט בין איך געווען פון דער היפּשער קלאַסישער אויסבילדונג פון

מײַן פרײַנד, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ האָרעפּאַשנער אַרבעטער, שפּעטער אַ ייִדישער זשורנאַליסט און איצט אַן אײגנטימער פון אַ פּרעסגעשעפט פון אַלטע הוטן. אַלע דרײַ פאַכן גיבן נישט צו פון זיך אַליין קײן קלאַסישע בילדונג.

אומרויִק פלעגט וויטאַל אַלע טאָג אַרײַנפאַלן צו מיר אין האָטעל־צימער. אומרויִק פלעגט ער מיר אַלע טאָג איבערגעבן זײַן נײַעס, און אַלע טאָג דעם זעלביקן באַשלוס: ערשטנס וועט ער מאַכן אַ גרויסע וועלטרײַזע און צווייטנס וועט ער אָנשרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן פון ייִדישן לעבן אין טשילע. אין הינטערגרונט פון דעם ראָמאַן וועט שטײן אָט ווי אַ וואַנט די ווונדערלעכע טשילענישע אורנאַטור, און אומעטום דורך דעם ראָמאַן אַדורך וועט זיך ראָיען דאָס הערלעך־הפקרדיקע, באָהעמיש־אַרטיסטישע פאָלק פון טשילע און אויף אָט דער קאַנווע וועט ער שפּינען זײַן ראָמאַן, וואָס וועט בלײַבן נאָך אים, נאָך וויטאַלן. — — פון די צײַטונגען האָב איך שפּעטער געזען, אַז אַ רײַזע האָט ער טאַקע געמאַכט, און אויב איך האָב נישט קײן טעות איז ער דערפאָרן אַזוי ווײַט ווי ביז פּאַנאַמע, און שפּעטער האָב איך אין די צײַטונגען געזען, אַז ער האַלט שוין אין מיטן פון זײַן ראָמאַן. — ווען איך בין געווען אין טשילע האָט וויטאַל געוווינט אין שכנות מיט דעם דיכטער מ. ד. גיפּער אין אַ כאַראַקטעריסטישן טשילענישן הויז מיט אַ „פּאַטיאָ" און אַ הויכע וואַנט האָט דעם פּאַטיאָ אָפּגעטײלט. איבער דער וואַנט פלעגן זײ כּסדר אײנער צום אַנדערן אַריבערוואַרפן ייִדישע ביכער, צײַטונגען — גרוסן פון ווײַט, ווײַט, אַ מאָל, אַ מאָל.

1943

בן־ציון וויטלער

געבוירן אין בעלז, גאַליציע, אין יאָר 1905. געוווינט, גע־וואַנדערט, געשפּילט אין הונדערטער ראָלעס, אין צענדליי־קער לענדער פון תּפוצות־ישראל און מדינת־ישראל. גע־שטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 10טן יוני 1961.

ער האָט זײַן שױשפּילערישע קאַריערע אָנגעהױבן אין װין — דער שײַנער, אינטעליגענטער, חנעוודיקער, טאַנצנדיקער, זינגענדיקער, ייִדישלעכער, גע־בילדעטער אין די שוואַרצע ייִדישע און אויך גויִישע פּינטעלעך — בן־ציון וויטלער. אין מײַן זכּרון איז ער פאַרבליבן ווי אַ שלאַנקער יונגער־מאַנטשיק אין אַ ווײַסן סוועטער און מיט אַ פלײַענדיקער טשופּרינע מיט אַן אָוואַלן פּנים, נישט סעמיטיש, אָבער אויך נישט סלאַוויש, לויט דער ראַסע, נאָר סתּם באַטעמט. אַזוי האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל געזען אויפטרעטן אין ווין אין 1921, אין דער דאָרטיקער, דעמאָלטיקער „פרײַער ייִדישער פאָלקסבינע”, אָנ־געפירט פון דעם מערקווערדיקן שױשפּילער און גרויסן ייִדישן זינגער יצחק דײַטש. (געבוירן 1884 — געשטאָרבן אין בראַזיל אין יאָר 1934). זיי האָבן ביידע געהאַט אַ סך ענלעכקייט אין זיך, אַפילו דעם אַזאַ יונגן אַוועקגאַנג פון דער וועלט. ביידע האָבן נישט געוווּסט קיין מאָל צי זענען זיי מער זינגערס, צי מער דראַמאַטישע אַקטיאָרן, ביידן האָט עס געצויגן צום בעסטן ייִדישן טעאַטער. אינטעליגענץ דערצו האָבן זיי געהאַט גענוג, אָבער ביידן האָט דאָס לעבן אַוועקגעצויגן צום אונטערהאַלטעוודיקן זינג־שפּילנדיקן ייִדישן טעאַ־טער־רעפּערטואַר און אַזוי האָבן זיי וואַנדערנדיק, ווי די שפּילמענער פון אַמאָ־ליקע יאָרהונדערטער, אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען די יונגע יאָרן — קיין אַלטע יאָרן האָט זיי ביידן דער גרויסער רעזשיסאָר פון גרעסטן טעאַטער... נישט אָנגעשריבן אין זײַן ספר פון די לעבנס פון זײַנע באַשעפענישן.

אָט געדענקט זיך: וואַרשע, דאָס יאָר איז מסתּמא 1931, איך זיץ אין דער קאַנצעלאַריע פון ליטעראַטן־פאַראיין, טאָלמאַצקע 13 און טו מײַן אַרבעט. בײַם אַרײַנגאַנג פון טלאָמאַצקע 13־קלוב איז געזעסן אַן אָנגעשטעלטע, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן, אַז עס זאָלן אין לאָקאַל אַרײַנקומען נאָר מיטלידער, אָדער רעגיסטרירטע געסט. עס איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוור־דיקע ייִדישע פאָלקספרוי מיט דעם נאָמען מרים געבער. ווי אַלע וואַרשעווער פאָלקסמענטשן איז זי געווען אַ פּאַטריאָטקע פון ייִדישן טעאַטער און מסתּמא שטילערהייט פאַרליבט אין אַלע ייִדישע טעאַטער־קראַסאַווצעס. קומט זי איין מאָל צו מיר, אַרײַנגעלאָפן אין קאַנצעלאַריע ממש אָן אָטעם:

— ער, ער אַליין איז אַרײַנגעקומען און וויל אײַך זען, זאָל איך אים אַרײַנפירן? — —

ווער דער „ער אַליין" איז, האָט זי נישט געזאָגט און איך האָב אים אין ערשטן מאָמענט גאָרנישט דערקענט. נאָך אים אין וואַרשע נישט געזען שפּילן, כאָטש ער האָט שוין אַ פּאָר טעג געצויגן גרויסע פּאַלקסמאַסן אין טעאַטער. נאָר אָט שטייט ער פאַר מיר, צעשמייכלט און מיט זײַן זינגעוודיקן טאָן אין פּשוטן רעדן, און טאַקע מיט אַ בלאַנק־ווײַסן סוועטער ווידער, און דער טונקל־בלאָנדער טשופּרינע — און עס האָט זיך ווי אַליין אַרויסגעכאַפּט פון זכּרון און פון מויל זײַן נאָמען: בן־ציון וויטלער.

ער איז געקומען זען אַן אַלטן באַקאַנטן פון די שיינע ווינער יאָרן, ווען די דאָרטיקע ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געחלומט אין דער „פרײַער ייִדישער פאָלקס־בינע" אויסצובויען אַ גרויסן ייִדישן טעאַטער־צענטער און די דאָר־טיקע ייִדישע שרײַבערס האָבן געחלומט מיט דער צײַטשריפט „קריטיק" און דעם פאַרלאַג „דער קוואַל" אויפצובויען אַ גרויסן ייִדישן ליטעראַטור־צענטער. און ער איז געקומען אויפצוקלערן, אַז דאָס לעבן האָט געצווונגען צו גיין אין אַנדערע דרכים, ווײַל דאָס לעבן איז שטאַרקער. אָבער סײַ ווי איז וויטלער קיין מאָל נישט אַוועק אין דער ביליקייט. זײַן דערפאָלג־רעפּערטואַר איז אַלע מאָל געווען מחיהדיק־פאָלקסטימלעך, אונטערהאַלטעוודיק, אָבער קיין מאָל נישט, אַפילו נישט איין מילימעטער, אונטער דער ליניע פון פאָלקסקונסט.

איך האָב וויטלערן געטראָפן פערזענלעך און געזען שפּילן זינט יענעם יאָר 1931 אין אַ סך לענדער — אין די לעצטע יאָרן צוזאַמען מיט זײַן חנעוור־דיקער, טאַלאַנטירטער פּאַרטנערין און פרוי שפרה לערער — און אויך אין מדינת־ישראל. און אַלע מאָל — אַ קוק טוענדיק אויף צוריק, אויפן פּובליקום — האָב איך געזען טויזנטער אײַנגעהערטע און בלישטשענדיקע אויגן פון דעם פּובליקום, באַזונדערס פון די פרויען. מען האָט געזען בחוש, אַז זיי קושן ממש יעדעס וואָרט און ווערטל זײַנס פון דער בינע אַראָפּ, און גלעטן באַהאַרצט יעדן, מיטן גאַנצן האַרץ אויסגעזונגענעם ליד זײַנס. איצט איז דאָס שיינע ליד שוין שטיל, און דאָס שיינע פּנים באַהאַלטן — אייביק.

לאַזאַר ווײַנער

געבוירן אין טשערקאַס 1897. מוזיק־שטודיעס אין קיִעוו.
אין אַמעריקע זינט 1911.

די גאַנצע טיף פון דעם סוד פון דער פּאָעזיע האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפאָרשט — נאָך ווייניקער אויסגעפאָרשט איז דער סוד פון דער מוזיק. אפשר איז זי דאָס לשון פון קאָסמאָס — די מוזיק. און די פּאָעזיע — איז אפשר די בענקשאַפט פון דעם בן־אָדם צו דער אומענדלעכקייט.

דערפאַר ציט עס דעם פּאָעט צו דעם מוזיקער און דעם מוזיקער צו דעם פּאָעט. און מיר רעדן דאָ — נאַטירלעך — נאָר וועגן יענע פּאָעטן און מוזיקערס, וואָס נעמען דעם ענין זייער ערנסט, וואָס זוכן באַשיידונג פון סודות און נישט דערפאָלג בײַם פּובליקום.

ווען נאָר מיר באַגעגענען זיך, לאַזאַר ווײַנער און איך, וויל ער מיט מיר רעדן וועגן פּאָעזיע און איך מיט אים וועגן מוזיק. נאָר איצט וויל איך דאָ נישט רעדן וועגן די דאָזיקע שמועסן — אָפּט נישט דערגאַנצטע — נאָר וועגן דעם פרײַנד, וואָס איז דאָ הינטער זיי — דעם קאָמפּאָזיטאָר, דיריגענט, קלאַוויר־ווירטואָז — לאַזאַר ווײַנער. מוזיק איז דאָך קודם־כּל ריטעם און ריטעם האָט אַ שײַכות צו ציפערן־ציילן און די ציפער זיבעציק האָט אַ טיפן ריטעם אין זיך און לאַזאַר ווײַנער איז נאָר וואָס אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר. דאָס אַלט ווערן איז אַן עפּידעמיע, וואָס אויך פּאָעטן און מוזיקער קענען זי נישט אויסמײַדן.

אין אַן אינטימען פּענפּראָפיל — ווי אָט אַ דער מאמר — מעג מען שרײַבן אויך אַ ביסל משפּחהדיק. און דאָס טו איך טאַקע.

אין דער שטאָט קאַלגאַרי, וואָס אין קאַנאַדע, זענען געווען צוויי בילד־שיינע מיידלעך, איינע האָט געהייסן אסתּר שומיאַטשער, און די אַנדערע שׂרה נעמי שומיאַטשער. די דיכטערין אסתּר שומיאַטשער האָט חתונה געהאַט מיט פּרץ הירשביין ז״ל, און די יִנגערע נעמי — מיט לאַזאַר ווײַנער.

געווען איז עס אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון דעם דאָזיקן אומ־פּאָעטישן און אוממוזיקאַלישן יאָרהונדערט אונדזערן. אין יענע יאָרן האָבן די הירשביינס געוווילט אַ לענגערע צײַט אין וואַרשע און די ווײַנערס זענען גע־קומען צו זיי צו גאַסט. און וואַרשע האָט אין יענע יאָרן — אין פאַרלויף פון אַן ערך צוואַנציק, דורכגעלעבט אַ גאָלדענעם יאָרהונדערט פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

קומען אַ מאָל לאַזאַר ווײַנער און זײַן נעמי אַרײַן צו מיר אין דער קאַנ־צעלאַריע פון דער באַרימטער טלאָמאַצקע 13, ווו איך בין געווען סעקרע־

טאַר, און זאָגן בלויז דרײַ װערטער: „װײַזט אונדז װאַרשע". און ביידע שמייכ־לען געהיים און איך שמייכל אויך און ענטפער מיט פינף װערטער. איך װעל אײַך װײַזן װאַרשע. דער אָװנט איז געװען אַ זומערדיקער, קילער און די גע־מיטער ראָמאַנטיש און האָפערדיק. מיר גייען אַראָפּ פון די טרעפּ פון דעם ערשטן שטאָק װוּ עס איז געװען דער ליטעראַטן־פֿאַראיין און מיר שטעלן אָפּ דעם ערשטן־בעסטן דראָזשקאַזש, װאָס איז אונדז געקומען אַנטקעגן און מיר זעצן זיך אַלע דרײַ אַרײַן אין דער דראָזשקע און מיר ענטפערן דעם בעל־עגלה אויף זײַן „נו?" אויך בצימצום, מיט דרײַ װערטער: װײַזט אונדז װאַרשע! דער בעל־עגלה האָט אַ שמײַס געטון דאָס װײַסע פערדל און געזאָגט מיט כּבוד צו זײַן פּרנסה־געבער: רעב פערדל, װײַזט די זאַגראַניטשנע ייִדן אונדזער װאַרשע! דער בעל־עגלה האָט זײַן פערדל געאירצט, און עס זענען געװען סיבות. דאָס פערדל איז עלטער געװען פון באַלעבאָס.

זיץ איך אַזוי אויף דעם פערד־און־װעגעלע צװישן צװיי שיינע און יונגע מענטשן, ביידע מיט סעמיטישן חן, און מיר געניסן די שיינקייט פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפּע. דאָס איז אַזאַ שיינקייט, װאָס מען מוז זי קענען פאַרשטיין. און מיר אַלע פאַרשטייען. װאַרשע האָט געהאַט דעם צונאָמען „די שטאָט פון פאַלאַצן". נאָר דערװײַל זעען מיר פאַר זיך די שטאָט פון פאַטעטישער ייִדישער אָרעמקייט. אָט אַזוי װי הונדערט ייִדישע שטעטלעך װאָלטן זיך פאַראייניקט און פאַרװאַנדלט אַ טייל פון װאַרשע אין איין גרויס שטעטל. דאָס רב פערדל קלאַפּט אויס מיט די קאָפּיטעס אויף דעם הויקערדיקן װאַרשעװער ברוק אַ מאָנאָטאָנע מעלאָדיע — קליפּ־קלאַפּ, קליפּ־קלאַפּ — און לאַזאַר װײַנער איז פאַרהאָרכט אין דער דאָזיקער מוזיק — מע זעט עס אין זײַן פאַרהאָרכט שיין־ייִדישן פּנים. גאַס־אײַן, גאַס־אויס און מיר זענען שוין בײַ דער פּאָניאַטאָװסקי־בריק.

— װאָס װײַטער? — פרעגט דער דראָזשקאַזש מיט דער שפּיץ פון דער בײַטש צו אונדז געװענדט.

— איצט װעלן מיר גיין און איר װעט אונדז נאָכפאָרן. און מיר זענען גע־גאַנגען איבער דער אַלטער בריק, מיט די שטיינערנע אַלטאַנקעס און בענק אויף אָפּצורוען זיך בײַם דורכגיין די לאַנגע בריק.

װער װאָלט זיך אין יענעם אָװנט אין װאַרשע געגלייבט, אַז עס װעט גע־שען װאָס עס איז געשען מיטן ייִדישן װאַרשע.

פון צײַט צו צײַט בײַטן מיר איבער בריװ — די װײַנערס און איך. און די בריװ זענען פול מיט בענקשאַפט צום אַמאָל — אַמאָל. לאַזאַר האָט אַ סך ייִדישע לידער אַרומגענומען מיט מוזיק. און גוטע לידער װערן ערשט דער־מאָלט גאַנץ װען זיי װערן אינטעגרירט מיט גוטער מוזיק. װײַנער גייט אין דער מוזיק נישט אויף דער ליניע פון לײַכטסטן װידערשטאַנד. אַדרבא —

פונקט פאַרקערט. ער קאָמפּאָנירט די סאַמע שווערע לידער. לידער מיט אַ בשורה צו ייִד און וועלט. ער האָט אַפילו מײַנס אַ ליד אינטעגרירט מיט מוזיק. און טאַקע דאָס סאַמע שווערסטע: „גראַמען געשריבן אין זאַמד". אַ ליד, וואָס מען דאַרף אָדער אויסשרײַען, אָדער אויסשווײַגן...

ער איז דורכויס מוזיק — לאַזאַר ווײַנער. אָט גיט ער אַ הייב די פּאָלעס פון פראַק און זעצט זיך צום קלאַוויר צו שפּילן, אָדער באַגלייטן אַ זינגער, און עס דאַכט זיך דיר, אַז נישט נאָר וועט ער אַליין באַלד פליִען אַרויף, נאָר ער וועט אַפילו מיטנעמען דאָס קלאַוויר אין דעם פלי. און אָט איז ווײַנערס אַ בריוו, געשריבן מיט גרויסע אותיות אויף גרויסע פּאַפּיר־בויגנס. דער ערשטער אײַנדרוק איז, אַז דאָס זענען נישט קיין בריוו — נאָר מוזיק־נאָטן.

בשעת איך שרײַב אָט די ווערטער ליגן פאַר מיר אויפן טיש עטלעכע כאַראַקטעריסטישע בריוו פון לאַזאַרן. און איך פאַרענדיק מײַן קורצן פּענ־פּראָפיל מיט אַ ציטאַט פון איינעם פון אָט אָ די בריוו, וואָס זעען אויס ווי מוזיק־נאָטן:

„אוי, ווען די וועלט־פּאָליטיקער וואָלטן זיך צוגעהערט צו קינסטלערס — וואָלט זי גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט. און אויב די וועלט הערט זיך נישט צו צו שילערס ליד און בעטהאָווענס קאָמפּאָזיציע — אַלע מענטשן זענען ברידער — וואָס קען אַזאַ וועלט שוין איבערמאַכן?"

און פּאָרט לאָמיר זינגען־זאָגן מיט דעם בראַסלאַווערס ניגון: אַני מאמין — אַני מאמין — —

אַ ברירה האָבן מיר.

1967

ז. װײַנפּער

געבוירן 1892 אין טריסק, װאָלין. זינט 1913 אין אַמעריקע. עטלעכע היימרײַזעס, אין ערשטן װעלטקריג געװען אַ פֿרײַ־װיליקער אין דער בריטישער ארץ־ישראל־עקספּעדיציע־אַרמיי. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 27סטן יאַנואַר 1957.

די פֿריילעכקייט און די גוטע שטימונג און דער נחת פֿון לעבן — דאָס איז ז. װײַנפּער. זײַן ריכטיקער, אייגנטלעכער גאַנצער נאָמען איז זישע װײַנפּערלעך. װאָלט ער נישט געװאָרן אַ דיכטער און אַ מחבר פֿון ערנסטע לידער און פּאָע־מעס, װאָלט ער אפֿשר געװאָרן איינער פֿון די פֿריילעכסטע ייִדישע אַקטיאָרן — דעמאָלט װאָלט זײַן גאַנצער נאָמען, װאָס איז געװען אַ מינוס בײַ אַ פּאָעט, אַ ליריקער, געװען אַ נאַטירלעך — אַ פּלוס בײַ אַן אַקטיאָר, װאָס שפּרודלט מיט נאַטירלעכן, פֿריילעכן לעבנס־הומאָר (איר װוּנדערט זיך פֿאַר װאָס איך זאָג „פֿריילעכן הומאָר" — נו פּשוט דערפֿאַר, װײַל עס איז פֿאַראַנען אַן אומע־טיקער הומאָר אויך).

ער איז נישט קיין צו הויכער ז. װײַנפּער, ער איז אָבער אַ באַלײַבטער און דאָס מאַכט אים אויסזען העכער װי ער איז. אַן אָפֿן פּנים, אָפֿענע, העלע און אייביק צעשמייכלטע אויגן, אויגן אָן זאָרג, אויגן װאָס װינטשן יענעם גוטס און האָבן ליב, אַז מען װינטשט זיי גוטס. און דאָס גאַנצע פּנים איז אַ געמיש פֿון אַ פּאָנקע־פּנים מיט אַן אויפֿגעהויבענער נאָז און אַ ייִדיש־חסידיש װאָלינער פּנים. איך בין זיכער, אַז װײַנפּער איז אַ װאָלינער פֿון דור־דורות און אַ חסיד מסתּמא נאָך פֿון בעל־שם־טובס צײַטן.

משה לייב האַלפּערן און ז. װײַנפּער זענען געװען געשװוירענע פֿרײַנד יאָרן לאַנג. אויב איך האָב נישט קיין טעות האָט האַלפּערן די איינציקע הקדמה, װאָס ער האָט געשריבן צו אַ בוך, געשריבן טאָקע צו װײַנפּערס אַ בוך לידער. עס איז אפֿשר געװען דער איינציקער אַרטיקל, װאָס ער האָט בכלל אין זײַן לעבן געשריבן. װײַנפּער האָט אַ חסידישע נשמה און אים האָט געפֿעלט אַ רבי, אַ רבי פֿאַר װעלכן מען זאָל טאָקע קענען גיין אין פֿײַער אַרײַן און אין װאַסער אַרײַן, אַ ליטעראַרישער רבי, װאָס איז עס אָן שום ספֿק, װאָס מען מעג פֿאַר־קאָטשען די אַרבל פֿאַר אים און אָננעמען פֿאַר אַ תּורה מן־השמים יעדעס װאָרט זײַנס — און האַלפּערן איז פֿאַר אַ יונגן דיכטער געװען אַ ריכטיקער מענטש דערויף. און משה לייב האַלפּערנען װידער האָט געפֿעלט אַ חסיד, אַזאַ חסיד װי װײַנפּער. אַ חסיד װאָס מען קען אים אַרײַנזאָגן און ער נעמט עס נישט צו שװער, אַ חסיד װאָס האָט ליב, אַזוי װי חסידים דאַרפֿן טאָקע ליב האָבן, נישט צוליב אַ שכר, נישט אויף דער־װעלט און נישט אויף יענער־װעלט,

נאָר פּשוט דערפֿאַר ווײַל עס איז בעסער ליב צו האָבן און אויפֿריכטיק און שטאַרק ליב צו האָבן ווי פֿײַנט צו האָבן. זיי זענען געווען אַ זיווג פֿון אַ חסי־דישן פּאָעט מיט אַ חסידישן רבין־פּאָעט, וואָס האָט ליב געהאַט אַרײַנצוזאָגן דער וועלט אויפֿן קאָצקער רבינס שטייגער.

ווי גוט און זאַפֿטיק — אָפּט ווי אַ הענגל ווײַנטרויבן — ווי עכט עס זאָלן נישט זײַן די לידער פֿון ווײַנפּערן און די — אפשר אַ ביסל איבערגעגראַמטע — פּאָעמעס זײַנע, דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז אין אים איז פֿאַרלוירן געוואָרן אַ רחבותדיקער עפּיקער, אַ ברייטפּלייציקער דערציילער פֿון ערשטן ראַנג. אַז ווײַנפּער הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשׂה אין אַ געזעלשאַפֿט, ווערט ער באַלד דער מיטלפּונקט פֿון גאַנצן טיש, וויפֿל מענטשן עס זאָלן דאָרט נישט זײַן. ער האָט ליב צו דערציילן אמתע מעשׂיות, דער עיקר פֿון זײַנע קינדער־יאָרן און זײַנע מיליטערישע איבערלעבונגען. ער דערציילט נישט קיין בבא־מעשׂיות און איבערטרײַבט ווייניק, און דאָך קען מען אים הערן דערציילן די זעלביקע מעשׂה צען מאָל, אַזוי אַנדערש דערציילט ער אַלע מאָל די זעלביקע מעשׂה. איינס פֿון די צוויי איז זיכער ביי אים פֿאַרלוירן געוואָרן, אָדער אַ דערציילער אַ שרײַבער, אָדער אַן אַקטיאָר, אַ נאַטירלעכער קאָמיקער.

ווײַנפּער האָט ליב געזעלשאַפֿט, האָט ליב „טיש״, האָט ליב רחבות, האָט ליב באַלעבאַטישקייט. ווען עס וואָלט געווען משיחס־צײַטן אויף דער וועלט און די ייִדישע ליטעראַטור אַן אייניקע און איר צענטער ניו־יאָרק, ווי עס איז טאַקע, און מען וואָלט מיך געפֿרעגט, וואָלט איך נאָמינירט ז. ווײַנפּערן פֿאַר דירעקטאָר פֿון דעם גרויסן ייִדישן שרײַבערקלוב, ווו עס וואָלטן יעדעס יאָר פֿאָרגעקומען אַלוועלטלעכע צוזאַמענפֿאָרן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס וואָלט געווען אַ פֿריילעכע צײַט. פֿידלען וואָלטן פֿון די שטערן אַראָפּגעהאָנגען, ווײַנפּער וואָלט שוין געזאָרגט דערפֿאַר.

איך האָב מיך מיט ווײַנפּערן אַ סך מאָל געטראָפֿן אין וואַרשע און נאָך מער אין ניו־יאָרק. זעלטן ווען רעדט ער אַ שלעכט וואָרט אויף אַ חבר. פֿאַר־דערט נישט מער אַרום ווי עס קומט אים אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאַר־קערט, ער איז גרייט אַפֿילו צוליב שלום־בית צו פֿאַרבייגן אַ פּאָר פּראָצענט פֿון דעם אָרט, וואָס ער פֿאַרנעמט בלי ספק אין דער ייִדישער דיכטונג.

אַ נחת איז פֿאַר מיר אַלע מאָל געווען צו זען ווײַנפּערן אין געזעלשאַפֿט פֿון בער האָראָוויצן, זײַן גאַליצישן טאָפּל־גייער אין אַ סך פּרטים. אַז זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען אויף אַ וואַרשעווער גאַס, האָבן זיי די גאַנצע גאַס פֿול געמאַכט מיט זייער פֿריילעכקייט. נאָר ווײַנפּער איז ביי דער גאַנצער צעלאָזנ־קייט פֿול מיט ראַפֿינירטן, גרויסשטאָטישן טאַקט און האָראָוויץ איז ווילד.

1940

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך

געבוירן 1894 אין גאָלדינגען, קורלאַנד. 1908 — ווילנע. שטו־דירט אין פּעטערבורג, בערלין און מאַרבורג. 1918 — צוריק אין ווילנע. 1940 — אַמעריקע. אַוועק פון דער וועלט 29סטן יאַנואַר 1969.

אַלע סימני־מובהק פון אַ גרויסער קולטור־געשיכטלעכער פּערזענלעכ־קייט זעבען זיך צונויפגעקומען אין דער געשטאַלט פון פּראָפעסאָר, דאָקטאָר מאַקס ווײַנרײַך ז״ל. מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט זיך אָנגעהויבן זײַן גאַנג איבער די וועגן און סטעזשקעס פון דער ייִדישער קולטור — און בעיקר טאַקע: קולטור אין ייִדיש. זײַן שליחות איז געווען — געפינען דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל וואָס פון אים האָט זיך אָנגעהויבן די אַשכּנז־גרויס־תּקופה פון דער קולטור בײַ ייִדן; און טאַקע אין ייִדיש. און ווי אַזוי האָט זיך דאָס לשון אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון אַ יאָרטויזנט ביז עס האָט דער־גרייכט די מדרגה פון דער דריטער קולטורשפּראַך בײַ ייִדן: עברית, אַראַ־מיש, ייִדיש. פּונקט ווי מען קען זיך נישט פאָרשטעלן מער דאָס ייִדישע וועלטפאָלק אָן עברית אָדער אַראַמיש — אַזוי קען מען זיך נישט מער פאָר־שטעלן אונדזער פאָלק אָן ייִדיש.

מאַקס ווײַנרײַך איז נישט געווען קיין „ייִדישיסט״, קיין ייִדיש־שאָוויניסט. ער האָט די פּירטויזנט־יעריקע געשיכטע פון ייִדישן וועלטפאָלק געזען און פאַרשטאַנען און געפילט ווי אַן אינטעגראַלע גאַנצקייט. און אים איז פון דער השגחה העליונה צוגעטיילט געוואָרן צו דורכדרינגען די סודות פון דער גע־שיכטע פון מאַמע־לשון פון איין זײַט ביז צום דערגרייכן די מדרגה פון אַ הויך אַנטוויקלטן קולטור־ און קונסט־לשון, פון דער אַנדערער זײַט.

מיט צוויי טראַגעדיעס איז די ווײַנרײַך־שליחות געקומען צו אַ מוראדיקן תּיקון.

אוריאל ווײַנרײַך, דער זון פון מאַקס, האָט פאַרטיק געמאַכט — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ייִדיש — אַ מאָדערן ענגליש־ייִדיש און ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך — און איז אַוועק, אין בלי־ענדיקן עלטער — אָדער יונגשאַפט — אויף דער וועלט פון אַלע אמתן. מאַקס ווײַנרײַך האָט פאַרענ־דיקט די געשיכטע פון ייִדישן לשון — אַ ווערק אין עטלעכע בענד — און די השגחה האָט אים תּיכּף אַ רוף געטון צו דער אייביקייט: דײַן שליחות איז דערפילט, דײַן אָרט איז נישט מער אויף דעם כּדור־הארץ.

אַ גרויסע פּערזענלעכקייט איז פאַר דער געשיכטע געוואָרן אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט. עפּעס אַזוי ווי עמעץ וואָלט מיט אַ דער טראַגעדיע געוואָלט

סימבאָליזירן די אומברענגונג פון איינעם פון די טראַגישסטע לשונות פון גאָטס וועלט... דורך אומברענגען זעקס מיליאָן נפשות, וואָס האָבן דאָס לשון געשאַפן אין נויט און אין הונגער און דורכגעטראָגן עס דורך אַלע פורעניותן וואָס מענטש קעגן מענטש קען אויסטראַכטן.

באַקומען די ידיעה פון דעם פּלוצלינגן נפטר ווערן פון דעם געניאַלן לינג־וויסט בכלל און ייִדיש־לינגוויסט בפרט — און פּשוט נישט געקענט קומען צו זיך. פאַר וואָס איז זי און ווי אַזוי קען זי זײַן אַזוי אַכזריותדיק — די השגחה־עליונה? צו ערשט נעמט זי צו — מיט צוויי יאָר פריִער דעם געניאַלן, יונגן ייִדיש־פאָרשער, די קרוין פון דער ווײַנרײַך־משפחה, אוריאל — און נאָך אָט די יאָרן אָן טרייסט — דעם פאָטער פון דער משפחה — מאַקס.

*

אפשר וועל איך געפינען אַ ביסל טרייסט אין די צענדליקער בריוו וואָס ווײַנרײַך און איך האָבן איבערגעביטן אין פאַרלויף פון פרײַנדשאַפט. בלעטער איך אַזוי אין ביכער און בראָשורן און בריוו, וואָס האָבן אַ שײַכות צו מאַקס ווײַנרײַך. און עס דערמאָנט זיך אָן עפּיזאָד, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט נאָך אַלץ און וועט נאָך אַריבערשפּילן דאָס ביסל אַש, וואָס וועט בלײַבן נאָך מײַנע רמ״ח אברים: אין אַ טוצן מאמרים, געדרוקטע אין צײַטשריפטן, בראָ־שורן און ביכער האָט דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות פונאַנדערגעוויקלט אָן אידעע וועגן אײַנשליסן אין אַ ספר הספרים די ייִדישע מחשבה און מעשׂה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר — מיט איין וואָרט: המשך פון תּנך. מחמת אָן אַזאַ המשך שטעל איך מיר נישט פאָר אַ המשך פון דער ייִדישער אייִ־ביקייט.

און עס פעלט מיר איין: כּדי דער דערמאָנטער געדאַנק פון אַלע מײַנע געדאַנקען זאָל קריגן אַ סאַנקציע פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער ייִדישער קולטור־אינסטיטוציע דאַרף מען אַזאַ אינסטיטוציע געפינען. אָבער ווו אָנהייבן זוכן? און סע גיט אַ בליץ אָן אידעע: דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר איז ד״ר ווײַנרײַך. דער געדאַנק האָט טאַקע אַ בליץ געטון. אָבער פון אַ בליץ ביז אַ דונער איז אַ ווײַטער וועג. שרײַב איך אַ בריוו צו ווײַנרײַכן און ציטער שוין פאַר אַן אָפּזאָג. אָבער עס קומט דווקא נישט קיין אָפּזאָג נאָר אַ צוזאָג... און דעם 7טן דעצעמבער 1947 איז פאָרגעקומען — אין בנין פון ייִוואָ אין נ.־יאָרק, און אונטער דעם פאָרזיץ פון מ. ווײַנרײַך, מײַן לייענען אָן עסיי אונ־טער דעם קעפּל: וועגן אײַנשליסן אין אַ ספר־הספרים די ייִדישע מחשבה און מעשׂה פון די לעצטע 2000 יאָר. מײַן מחשבה האָט באַקומען אַ טאָפּלטע סאַנק־ציע — אי פון אינסטיטוט און אי פון ווײַנרײַכן. אין מײַן האַרצן און אין מײַן נשמה איז געבליבן אָן אייביקער דאַנק צו אַ גרויסן געלערנטן, וואָס זוכט

אײביק דעם אמת און נאָר דעם אמת. און דעריבער איז מײַן טרױער טיפֿער און העכער װי ער װאָלט געדאַרפֿט זײַן נאָך דעם אָװעקגאַנג פֿון אַ 74־יאָריקן מאַן.

*

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער װײַנרײַך־עפּיזאָד אין אַ בריװ. די דאַטע — יאַנואַר 1965. צוליב עפּעס אַ סיבה בין איך מיט אַ טאָג פֿריִער אַװעק פֿון דער יערלעכער יִיװאָ־קאָנפֿערענץ. קײנער האָט עס נישט באַמערקט — אָבער דער סאַמע פֿאַרנומענסטער אין יִיװאָ האָט עס יאָ באַמערקט און אָט איז זײַן בריװ צו מיר קײן מאָנטרעאָל: „װאָס איז מיט אײַך געשען, װאָס איר זײַט אַזױ פּלוצלינג פֿאַרשװוּנדן געװאָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ. מיר האָפֿן, אַז עס האָט זיך נישט געטראָפֿן קײן סיבה, װאָס איר און מיר זאָלן דאַרפֿן באַדױערן. טוט אַ טובֿה און שרײַבט אָן אַ פּאָר װערטער װי נאָר איר װעט קענען".

מען זאָגט — און מיט רעכט — אַז י. ל. פּרץ איז געװען דער פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. דער אױבן ציטירטער בריװ איז אַן עדות, אַז מ. װײַנרײַך איז געװען דער געטרײַסטער ברודער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַװדאי דער פֿאָטער פֿון דער ייִדיש־ייִדישער לשון־פֿאָרשונג.

און איך בלעטער נאָך און נאָך אין די װײַנרײַך־בריװ — און איך באַװוּנדער זײַן איבערמענטשלעכן געדולד, װאָס אַן איר איז קײן װיסנשאַפֿט נישט מעגלעך. די דאַטע איז דאָס מאָל: דעצעמבער 1962. און װידער אַ פּראָיעקט פֿאַרן ייִװאָ — ער זאָל אײַנשטעלן אַן אידעאָלאָגישע סעקציע. און װידער גײט די װענדונג װעגן דעם צו מאַקס װײַנרײַך. ער װאַרפֿט נישט אָפּ דעם פּראָיעקט — ער מעדיטירט בלױז מכּוח דער רעאַליטעט פֿון אַזאַ סעקציע. און ער קומט צו דער החלטה — אַז נאָך נישט. און ער קלערט דאָס אױף מיט לאָגיק און געדולד דעם נאַיװן פּראָיעקטירער. ער איראָניזירט נישט לױט דער טבֿע פֿון אַנדערע װיסנשאַפֿטלערס. ער נעמט אַלץ ערנסט. ער װײסט, אַז אַן אָט דעם ערנסט צו אַפֿילו פֿאַנטאַסטישע פּראָיעקטן — װאָלט הײַנט קײן ייִװאָ נישט געװען.

*

די צװײ הױפּטזײַלן פֿון ייִװאָ זענען זײ געװען: ד״ר מאַקס װײַנרײַך און ד״ר יעקבֿ שאַצקי (געשט. 1956). צװײ הױפּטזײַלן, אָבער יעדער פֿון אַ באַזונדערן מאַטעריאַל. האָט שאַצקי אין יעדער װיסנשאַפֿטלעכער טעזע געװאָלט זען קודם־כּל איר אָריגינעלקײט. די דאָקומענטירונג איז בײַ אים געװען נישט פֿון דער ערשטער װיכטיקײט. אין גאַנצן אַנדערש — װײַנרײַך. קודם־כּל די דאָקומענטאַציע.

אַן אײביקער װיכּוח איז אָנגעגאַנגען װעגן דעם צװישן זײ. האָט אַ מאָל

געטראָפן, אַז פֿון אַ זיצונג זענען שפּעט אין אַן אָוונט אַרויס פֿון ייִוואָ־בנין אַ מנין אירע. צווישן זיי ווײַנרײַך און שאַצקי. מען האָט גערופן אַ טעקסי — איינער פֿון די חברים האָט געשפּאַסט: ער וועט אין דער טעקסי צוזאַמען מיט ווײַנרײַך און שאַצקי נישט פֿאָרן. די טעקסי וועט עקספּלאָדירן. האָב איך אײַנגעשטעלט און אַרײַן אין דעם אויטאָ. שאַצקי און ווײַנרײַך האָבן געהאַט אַ סך הומאָר. בשעתן פֿאָרן האָט דאָס אויטאָ דווקא עטלעכע מאָל עקספּלאָדירט — מיט געלעכטער.

איצט זענען זיי שוין ביידע אויף דער וועלט פֿון אַלע אמתן, וואָס דאַרפֿן נישט קיין דאָקומענטן און אַרגומענטן.

1969

דאָראַ װײַסמאַן

געבוירן אין אָדעס, װי אַ צװיי־יאָריק קינד געקומען קיין אַמעריקע, געשפּילט אין אַלערליי טעאַטערס. װי אַ קינד אין קינדער־ראָלעס, װי אַ יוגנטלעכע — אין סובּרעט־טין־ראָלעס, שפּעטער אין דראַמאַטישן רעפּערטואַר. רײַזעס אין אייראָפּע — אין 1929 טרױמף־גאַסטראָלן אין װאַרשע. געװוינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 22סטן מײַ 1974.

מען קען נישט זאָגן, אַז גאָט באַהאַנדלט די ייִדישע קונסט שלעכט, נאָר ער באַהאַנדלט זי זייער מאָדנע. ער פאַרטיילט נישט אין גאַנצן ריכטיק די ראָלעס. נאָך בעסער: ער גיט מיט דער פולער האַנט און דערגיט דאָך נישט. אָט גיט ער איינעם אָן אַ שיעור דראַמאַטישן שױשפּילער־טאַלאַנט און הייסט אים יאָרן לאַנג בלאָנדזשען אויף דער בינע װי אַ קאָמיקער. אָט גיט ער איינעם אָן אוצר מיט טאַלאַנט פון אַ קאָמיקער און הייסט אים גאָר זײַן אַ זינגער זײַן גאַנץ לעבן. און אָט גיט ער איינעם אַ קאָפּיע פון קארוזאָס שטים און גיט אים גאָר אַן אַמביציע צו זײַן אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר. מיט איין װאָרט — ער באַהאַנדלט זי נישט מיט ריכטיקן בילאַנץ — די ייִדישע טעאַטער־קונסט ספּעציעל, אונדזער גאָט.

אָט נעמט למשל דאָראַ װײַסמאַן — זי איז אַ טראַגעדיע־ראַליסטין פון סאַמע ערשטן ראַנג. איינע פון די גרויסע טראַגעדיע־ראַליסטינס פון דער װעלט — נאָר אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער עקסיסטירט זי נישט װי אַ שעפּערין פון גרויסע ראָלעס פון דעם גרויסן ייִדישן רעפּערטואַר, נאָר װי אַ שױשפּילערין, װאָס האָט געקענט באַצױבערן קענערס פון ייִדישער קונסט אויף צוויי װעלט־טיילן, נישט געקוקט אויף דעם רעפּערטואַר, אין װעלכן זי איז אויפגעטרעטן. אָט דער דאָזיקער „נישט געקוקט" שלעפּט זיך נאָך אַ סך ייִדישע אַקטיאָרן, טייל פון זיי האָבן זיך אַליין דעם „נישט געקוקט" אָנגעהאַנגען, טייל האָבן אים באַקומען אָנגעהאָנגען פון זייערע קריטיקערס.

דאָס איז געװען אין װינטער 1928—1929 אין װאַרשע. געװען איז דעמאָלט דאָראַ װײַסמאַן, די אָדעסערין, מיט איר מאַן דעם דראַמאַטורג און דירעקטאָר אַנשל שאָר — דעם גאַליציאַנער, אין װאַרשע. אַנשל שאָר האָט פון די שױשפּילערס און דער עיקר פון די גאַליציאַנער שױשפּילערס, באַקומען דעם צונאָמען „דער ביסמאַרק פון ייִדישן טעאַטער". ער האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן סיטואַציעס, צו געבן גוטע עצות, צו זײַן אַ גוטער און אַ חבר, און אַן אויסערגעװיינטלעך אָרנטלעכער אין געשעפטלעכן זינען און צו ציִען פון דעם אַלעמען דעם בעסטן מאַטעריעלן נוצן פאַר זײַנע אונטערנעמונגען. רופט אָט דער

„ביסמאַרק" אַ מאָל צוזאַמען די ייִדישע שרײַבערס פון וואַרשע, פון גרעסטן ביזן קלענסטן, און גיט די שרײַבערס אַ באַנקעט... מען איז נישט־געוווינט געווען צו דעם, אַז אַ מחבר פון פּיעסעס פון לײַכטן מין און אַן אַקטריסע פון לײַכטן, כאָטש דראַמאַטישן רעפּערטואַר, זאָלן זיך רעכענען מיט ערנסטע שרײַבערס און — פאַרקערט. שאָר האָט געהאַלטן זייער אַ טאָקטפולע דרשה. געזאָגט, אַז ער ווייסט זייער גוט, אַז ער איז נישט שעקספּיר, נאָר די באַדינגונגען זענען אַזעלכע, אַז זײַן ווײַב, וואָס איז דווקא יאָ אַזוי גרויס בײַ ייִדן ווי סאַראַ בערנאַר איז געווען בײַ די פראַנצויזן, מוז שפּילן אין די פּיעסעס פון אָט דעם נישט־שעקספּיר. האָט חברה פאַרשטאַנען און מסכּים געווען און עס האָבן זיך אַ שאָט געטון אַרטיקלען פון רעכטס און פון לינקס וועגן דער אַקטריסע — און וועגן איר רעפּערטואַר האָט מען פאַרגעסן. דעם „ביסמאַרקס" סטראַטעגיש־דיפּלאָמאַטישער צוג איז געלונגען.

פאַר וואָס די דראַמאַטיש־טאַלאַנטירטע ייִדישע שרײַבערס, וואָס שרײַבן נישט קיין דראַמעס, און פאַר וואָס די אויסגעשפּראָכענע דראַמאַטורגן אין דער ייִדישער ליטעראַטור קענען זינט גאָרדינען מער נישט דעקן דעם רעפּערטואַר־באַדאַרף פון ייִדישן טעאַטער, דאָס וועט שוין בלײַבן אַן אייביקער סוד. אַז דאָראַ ווײַסמאַן האָט זיך אין וואַרשע געוואָלט באַווײַזן אין אמתער קונסט, האָט זי און איר מאַן באַשלאָסן, אַז מען דאַרף דערצו איבערזעצן הערמאַן סודערמאַנס פאַרעלטערטע אולטראַ־דײַטש־בירגערלעכע דראַמע „היימאַט". דער שרײַבער פון די שורות איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זײַן דער איבערזעצער און די אַרבעט האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן אין דרײַ טעג — די אַרבעט איז צוגעשטעלט געוואָרן אין דרײַ טעג נאָר די דראַמע איז אין וואַרשע, און אויב איך האָב נישט קיין טעות אין ערגעץ מיט דאָראַ ווײַסמאַן אין ייִדישן טעאַטער — נישט געשפּילט געוואָרן.

אַ פּעכשוואַרץ־האָריקע ביזן הײַנטיקן טאָג (שוישפּילערינס זענען באַרעכטיקט צו דער געטלעכער פּריווילעגיע קיין מאָל נישט גרוי צו ווערן — אַנדערע פּרוּוען גיט מײַן ווייניקייט נישט דאָס רעכט דערויף...) איז דאָראַ ווײַסמאַן, קויל־שוואַרצע אויגן, נישט קיין צו הויכע און אַלע מאָל פול מיט אַקציע און ענערגיע. עגאָצענטריש — ווי אַלע גוטע אַרטיסטן, און דער עיקר ווי אַלע גוטע אַקטיאָרן איז זי. רעדט פּרינציפּיעל נאָר וועגן זיך און ווען זי רוט זיך אָפּ פון דעם שמועס וועגן זיך רעדט זי וועגן איר מאַן. נאָך דעם איבערזעצן סודערמאַנס פּיעסע, וואָס איך האָב געמאַכט מיט דײַטשער גרונטיקייט, און וואָס האָט פון שטאַנדפּונקט פון ייִדישן טעאַטער געטויגט אויפן פײַער, האָבן דאָראַ ווײַסמאַן און איך געדאַרפט דעם איבערגעזעצטן טעקסט קאָרעגירן, מאַכן בינע־פעיִק. זאַץ אין זאַץ האָבן מיר געלייענט און קיין זאַץ האָט נישט געטויגט. די אַקטריסע, צוגעוווינט צום פּשוטן לשון פון די פאַלקספּיעסעס,

האָט זאָץ נאָך זאַץ געבומען אין מויל און נישט געקענט אַראָפּשלינגען. דאָס הויכקנעפּלדיקע לשון, דאָס שטאָלצן־לשון פֿון דײַטשע אינטעלעקטואַלן האָט נישט האַרמאָנירט מיט איר צונג. איר ריטעם און איר גראַמאַטיק איז געווען אַן אַנדערע; וואָס דאָ טויג נישט האָט זי נישט געוווסט, נאָר זי האָט געוווסט, אַז זי וועט די פּראָזעס נישט קענען אַרויסברענגען און נאָך ווייניקער וועט זיי דאָס פּובליקום פֿאַרשטיין. און זי איז געווען איינס מיט איר פּובליקום, אַז זי האָט געשפּילט אין וואַרשע איז געווען אַ יקרות אויף נאָזטיכלעך, אַזוי פֿיל האָט מען זיך בײַ איר אָנגעווײנט אין טעאַטער. אין יאָר 1940 האָב איך דאָרט ווײַסמאַן געטראָפֿן אין ניו־יאָרק, געווען פֿאַרוואונדערט פֿון איר נישט עלטערן זיך, נאָר אין טעאַטער האָט זי דאַן שוין מער נישט געשפּילט. אַז מען האָט דעם טעאַטער־ביסמאַרק פֿאַר אַ מאַן קען מען זיך אָפּרוען פֿון טעאַטער פֿון צײַט צו צײַט.

1941

שלמה ווײַסמאַן

געבוירן אין 1899 אין רוסלאַנד; קיין קאַנאַדע געקומען אין יאָר 1913. שטודירט אין מאָנטרעאָל. ספּעציאַליזירט אין פּעדאַגאָגיק. צונויפשטעלער פון לערנביכער, עסייִסט, איבערזעצער — אין ייִדיש, העברעיש, ענגליש. זינט יאָר־צענדליקער לערער און פּרינציפּאַל פון די „ייִדישע פאָלקס־שולן" אין מאָנטרעאָל.

שלמה ווײַסמאַן איז נישט סתּם „אַ לערער" — ער איז דער לערער, דער אידעאָלאָג פון וועלטלעכער ייִדיש־העברעיִשער דערציִונג אין אַמעריקע בכלל און קאַנאַדע בפרט. אַז דאָס קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון ייִדישן־העברעיִשן חינוך אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט וועט אַ מאָל באַהאַנדלט ווערן — האָרי־זאָנטאַל און ווערטיקאַל — אין אַן אויסשעפּיקער געשיכטע — וועט דאָרט דער נאָמען שלמה ווײַסמאַן פיגורירן צענדליקער, נײַן — הונדערטער מאָל. וואָס שייך דער אולטימאַטיווער לייזונג פון דער פּראָבלעם (איינציק אין דער געשיכטע בכלל און ייִדישער געשיכטע בפרט), געפינט זי זיך אין די הענט פון כּביכול. אָבער באַמיט צו העלפן דעם כּביכול אויף דעם געביט האָבן זיך, ער־לעך און געדולדיק — די פּיאָנערן פון די זוכערס פון אַן אויסוועג. און אין דער ערשטער ריי פון אָט די זוכערס — שלמה ווײַסמאַן. מען זאָגט אַפילו, אַז דאָס זוכן אַנטהאַלט אין זיך מער נחת ווי דאָס געפינען. דאָס איז אָבער אַ קליינע טרייסט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַגעגנט שלמה ווײַסמאַנען פּנים־אל־פּנים אַ פּאָר טעג נאָך מײַן אָנקומען קיין קאַנאַדע — פרילינג 1941. די פאָלקסשול איז דעמאָלט געווען אין צענטער פון ייִדישן געגנט. געבראַכט האָט מיך צו ווײַס־מאַנען די שׂרה בת־טובים פון מאָנטרעאָל, די דיכטערין איידע מאַזע. זי האָט געוואָלט ווײַסמאַנען איבערצײַגן, אַז ער זאָל מיך אַנגאַזשירן ווי אַ לערער. כאָטש אַ פערטל יאָרהונדערט איז זינט דעמאָלט אַוועק — זע איך און הער איך גענוי ווי אָט אַ איז עס געווען. שלמה ווײַסמאַן האָט געהאַט אַן אַנדער מיי־נונג וועגן דעם. און איך גיב אים גערעכט — און נישט איידע מאַזע. ווען איידע מאַזעס פּראָטעזשירטע נײַ־געקומענע קיין מאָנטרעאָל וואָלטן געוואָרן לערערס אין די ייִדישע שולן — ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס ייִדישע שולוועזן וואָלט שוין הײַנט אויסגעזען...

נאָר פלוצעם באַמערק איך ווי ווײַסמאַנס פּנים קריגט אַ גרימאַסע פון יסורים, ער שטעלט זיך אויף פון שטול, שפּאַרט זיך אָן אויף אַ וואַנט. טראַכט איך, אַז אפשר איז אים אַזוי נישט גוט צום האַרצן דער אָפּזאָג; זעט ווײַסמאַן

די פֿאַרװוּנדערונג אויף מײַן פּנים און ער קלערט אויף: שוין יאָרן ווי איך לײַד פֿון יסורים אין רוקן און די גאַנצע מעדיצינישע פּראָפֿעסיע קען מיר נישט העלפֿן. עס איז אמת, אַז עס איז נישט אַזוי גרינג צו טראָגן די לאַסט פֿון אַזאַ שולע שוין יאָרצענדליקער אָן אַ געזיכערטן בודזשעט. נאָך שווערער איז עס צו טראָגן די לאַסט אויף פּלייצעס וואָס טוען מוראדיק וויי. נאָך איין יסורים־דיקער עפּיזאָד אין דעם לאַנגזאַמען אַרויפֿגאַנג פֿון דער ייִדישער שול אין אַמע־ריקע.

דער שול־בנין איז צו קליין געוואָרן און ווײַסמאַן בויט אַ גערוימען און פֿאַסיקן בנין — אין דעם נײַעם ייִדישן געגנט. עס איז אמת, אַז עס איז דאָ אַ בוי־קאָמיטעט, אָבער די נשמה פֿון דעם בוי־קאָמיטעט איז ווײַסמאַנס.

און ווידער גייען אַוועק יאָרן און ווידער בויט מען אַ קאָלאָסאַלן בנין. די שולע וואַקסט — דאָס איז אַ סימן אַז זי האָט אַ גוטע אידעאָלאָגיע, און די אידעאָלאָגיע איז ווידער ווײַסמאַנס.

באַלאָדן מיט דער לאַסט פֿון זײַן פּראַקטיק ווי אַ פּעדאַגאָג און זײַן קענט־שאַפֿט ווי געזעלשאַפֿטלעכער טוער, האָט ווײַסמאַן גערן פֿון צײַט צו צײַט צו קאָמאַנדירן — אָבער פּונקט אַזוי האָט ער אויך ליב צו הערן און לערנען. אַן אייביקער סטודענט. נישט ווי די הײַנטיקע עקספּערס־דיאַלאָגן, נײַערט אַ גרינט־לעך זיך דורכשמועסן וועגן פּראָגעס, וואָס האָבן נאָך אַלץ קיין לעצטן תּיקון נישט געפֿונען און בעיקר וועגן חינוך בײַ ייִדן אין אַמעריקע.

נישט צוליב שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם און נײַערט צוליב נאַציאָנאַלן האַרצגעפּיל שרײַבט שלמה ווײַסמאַן זײַן נאָמען מיט לאַטײַנישע אותיות „שלאָימע״. עס זאָל קיין ספֿק נישט זײַן, אַז ער איז מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִד. ער דעמאָנסטרירט נישט סתּם. ער ווייסט פֿאַר וואָס ער טוט עס.

אַז איך זע ווײַסמאַנען אויף אַ ייִדישער אַסיפֿה, אָדער לעקציע פֿון אַ גוטן ייִדישן לעקטאָר (און ווען פֿעלט ער בײַ אַזאַ געלעגנהייט?) ווערט מיר היימ־לעכער און האָפֿערדיקער אויף דעם געמיט.

אָט די דאָזיקע ווײַסמאַנס, די אידעאַליסטישע לערערס בײַ ייִדן, האָבן דאָך מיט אומגלייבלעכער אײַנגעשפּאַרטקייט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע דאָס שענסטע און בעסטע פֿון ייִדישן מיזרח־אייראָפּע; אַריבערגעבראַכט און אַריבערגעפּלאַנצט דאָס שענסטע און בעסטע פֿון דער „ייִדיש־ציוויליזאַציע״.

זײַענדיק אַ גוטער לעקטאָר, האָבנדיק די לײַדנשאַפֿט צו זײַן אַ לערער, פֿירט ווײַסמאַן אָפֿט אָן אַלערליי קורסן אויפֿן געביט פֿון ייִדיש וויסן און רעדט בײַ פּאַסיקע געלעגנהייטן צו יוגנטלעכע און דערוואַקסענע. ווײַסמאַן איז אַלע מאָל גוט צוגעגרייט. ער רעדט נישט סתּם, ער לערנט. ער וויל דעם צוהערער איבערצײַגן, אַז זײַן טעזע איז די ריכטיקע. דאָס אווידיטאָריום ווערט אַ קלאַס

און דער לעקטאָר — אַ לערער, און מען איז ווידער ייִנגער מיט אַ פּאָר יאָר־צענדליקער.

איין מאָל — געדענק איך — האָב איך ווײַסמאַנען געבעטן מיך מיטצונעמען צו זײַנעם אַ פּרימאָרגן־קלאַס אין אַ זונטיק. אַ קלאַס פֿון יוגנטלעכע. דער לעקטאָר — ווײַסמאַן — רעדט אַ טיפֿן ייִדיש צו די יוגנטלעכע און עס איז קלאָר אַז זיי פֿאַרשטייען. זיי נעמען אַ וואָרט, שטעלן אַ פֿראַגע און אַלץ אין אַ ריינעם לשון־ייִדיש. אָדער לשון־קודש. נאָך דער געענדיקטער לעקציע גייען מיר — ווײַסמאַן און איך — אַוועק צוזאַמען. און איך דריק אים אויס מײַן באַוווּנדערונג, און איך זאָג צו אים: איר האָט באַוויזן דאָס גרעסטע ווונדער — אײַער אידעע איז נישט נאָר פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, נאָר איר האָט געשאַפֿן המשך — ווײַסמאַן ענטפֿערט מיר נאָך אַ פּאָר מינוט שווײַגן — מיט אַ קרעכץ. און שפּעטער זאָגט ער: איכות איז דאָ אין דעם ביסל תּלמידים פֿון העכערע קורסן — אָבער דער כּמות איז אַזוי קליין...

1966

ברוך װלאַדעק

געבוירן 1886 אין דוקאָר. 1910 אין אַמעריקע. אײראָפּעיִשע רײַזעס. געשטאָרבן 1938.

אין דעם ריזיקן זומערפּלאַץ פון דעם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, אַ הונדערט מײַלן פון שטאָט אַוועק, בין איך אַ מאָל מיט אַ באַקאַנטן, אַן אַרבעטער־וועטעראַן, צוגעגאַנגען צו דער קראָם פון זומערפּלאַץ צו קויפן אַ פּאָר קלייניקייטן. דער פאַרקויפער פון דער קראָם איז געשטאַנען הינטערן טיש, אַ מעכטיק געבויטער, טיפּישער אַמעריקאַניש־יידישער יונגער־מאַן, קענטיק אַ סטודענט, וואָס פאַרדינט אַ פּאָר גראָשן אין דער וואַקאַציע־צײַט. ער האָט געטראָגן אַ פאַרטעך, די אַרבל פאַרקאַטשעט און האָט די אַרבעט פון דעם פאַרקויפער, אַ שווערע אַרבעט בײַ אַזאַ ריזיקער פרעקוווענץ אין די סעזאָן־חדשים, אויסגעפירט זייער ערנסט און זייער סאָליד. אַ פּאָר שריט פאַר דער קראָם נעמט מיך דער אַרבעטער־וועטעראַן אויף אַ זײַט און בעט מיך, אַז איך זאָל פּאָר אים באַזאָרגן זײַן אײַנקויף, ציגאַרעטן און פּאַסטע צו שיך. איך בין צוגעגאַנגען, באַזאָרגט, וואָס דער באַקאַנטער האָט מיך געבעטן, אַליין געקויפט וואָס איך האָב געדאַרפט... צוריק בײַ מײַן באַקאַנטן, האָב איך אויסגעדריקט מײַן פאַרוווּנדערונג איבער זײַן בעטן מיך צו באַזאָרגן די קניה. — אומעטום די יידישע אַחדות, האָב איך געזאָגט, די קליינע קריגעכצן. מסתּמא האָט איר אים נעכטן אַרײַנגעזאָגט, דעם יונגן־מאַן, אָדער ער אײַך, אויב איר האָט עפּעס כּשר פאַרדינט, און הײַנט איז שוין נאָך אַ ברוגזל צוגעקומען. דער יונגער־מאַן זעט מיר אויס אַזוי קולטורעל און אַזוי רויִק, אַז עס איז פּשוט אומגלייבלעך, ווי אַזוי מען קען זיך מיט אַזאַ מענטשן צעקריגן.

— נישט דאָס — האָט געענטפערט דער אַרבעטער־וועטעראַן — מיר איז עפּעס שווער צו לאָזן זיך דערלאַנגען ציגאַרעטן און שיכפּאַסטע דורך ברוך וולאַדעקס זון...

איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם יונגן־מאַן און באַלד דערקענט די כאַראַקטעריסטישע פּנים־שטריכן פון ברוך וולאַדעק.

דער קליינער אינצידענט האָט מיר אַ סך געזאָגט. ער האָט גערעדט פון דער פּשטות פון וולאַדעקס היים, ווײַל דער יונגער־מאַן האָט קענטיק זײַן צײַט־ווײַליקן נײַעם פאַך אויפגענומען זייער אַמעריקאַניש, טאַקע אַזוי ווי מען דאַרף. נאָך דעם פאָטערס טויט וועלן אַזעלכע פּאָר גראָשנס צו ניץ קומען און עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. און אַזוי איז עס טאַקע. און דאָס וואָס דער אַרבעטער־וועטעראַן האָט זיך מיט דער סיטואַציע יאָ איבערגענומען האָט ווידער דערציילט וועגן דער גוואַלטיקער פּיעטעט, וואָס די אַמעריקאַנער

ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט געפילט צו איר פירער, וואָס האָט טאַקע אַרום און אין דער אַרבעטערשאַפט געמאַכט די גרויסע קאַריערע פון זײַן לעבן, אָבער ער האָט די אַרבעטערשאַפט טאַקע ליב געהאַט מיט דער אַלטער, היימישער, מיט דער אמתער אידעאַליסטישער ליבע. אַזוי ער די מאַסן און אַזוי די מאַסן אים.

אין וולאַדעקס ביוראָ אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" זענען געהאַנגען אַ פּאָר היימישע בילדער פון זײַן משפּחה, זײַן געבוירן־שטוב, די מצבה אויף זײַן טאַטנס קבר, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אַן אַלט מילראַד מחמת אָרעמקייט. חוץ דעם זענען געהאַנגען בילדער פון בונדישע פירערס, אויך אַזעלכע וועגן וועלכע עס קען קיין שום ספק נישט זײַן, אַז זייער באַדײַטונג שטייט אין אַלע אופנים צוריק הינטער דער באַדײַטונג פון וולאַדעקן אַליין. וולאַדעק האָט מיט די בילדער געוואָלט סימבאָליזירן זײַן דיסציפּלין, זײַן געטרײַשאַפט אָן גרענעצן צו דער אַלטער היים און זײַן „טרײַשאַפט אָן גרענעצן" צום „בונד", וועלכן ער האָט אין זײַן געזעלשאַפטלעכער קאַריערע זייער אָפט געמוזט פאַרלאָזן — נישט פאַרלאָזנדיק. עפּעס אַזוי ווי איינער, וואָס כאָטש ער האָט זייער ליב זײַן מאַמען, מוז ער דאָך חתונה האָבן, ווײַל אַזוי איז דאָס לעבן. וולאַדעק האָט זיך זייער טיף פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער ייִדישערווירקלעכקייט, אָבער אויף אַ רגע האָט ער נישט פאַרלאָזט דורך דעם חלום פון אַ מאָל, וואָס האָט פאַר אים קיין ווירקלעכקייט נישט געקענט מער זײַן.

איך בין אַ מאָל געזעסן בײַ וולאַדעקן אין ביוראָ, באַטראַכט די בילדער אויף זײַנע ווענט און געטראַכט פון וואַנעט איז אין אָט דער אַלטער, אײַנגעפאַלענער ייִדישער שטוב אין רוסלאַנד אַזוי פיל אייראָפּעיִשער טאַקט געקומען, וואָס איז דאָך מיט וולאַדעקן געבוירן געוואָרן, ווײַל זײַן טאַקט איז געווען איינע פון זײַנע הויפּט־מעלות, איינער פון זײַנע טיף אײַנגעבוירענע טאַלאַנטן. סײַדן, אַז געבוירן געוואָרן איז טיף־קלוגע ליטוויש־ייִדישע לעבנסבאַנעמונג, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין טאַקט.

וולאַדעק האָט אַזוי פיל טאַקט און אַזוי פיל חכמה געהאַט, אַז ער האָט זיך געקענט פאַרגינען שרײַבן נישט־גוטע לידער און קיינער זאָל אים נישט פאַרוואַרפן, אַז דער ערנסטער טוער און פירער שפּילט זיך גאָר... און אַגב זענען די דאָזיקע לידער, וואָס וואָלטן מיט יעדער אַנדערער אונטערשריפט טאַקע געווען שלעכט — גוט און אינטערעסאַנט געוואָרן אונטער דעם צויבער פון וולאַדעקס אונטערשריפט. אונדז אַלעמען זענען נאָך אַלץ ליבער ווייניקער גוטע לידער פון אַ גוטער פערזענלעכקייט — איידער זייער גוטע לידער פון אַ כאַראַקטערלאָזיקייט.

און אויך מיט אָט דער שוואַכקייט צו לידער און בכלל צו בעלעטריסטיק און אַלע אַנדערע געביטן פון דער קונסט האָט וולאַדעק סימבאָליזירט זײַן

מענטשלעכקייט און צוגעלאָזנקייט. זײַן צײַט איז געווען אויסגעפילט ביז צו דער לעצטער רגע פון גאַנצן טאָג און פון האַלבער נאַכט און דאָך איז געווען אָנצוקומען צו וולאַדעקן זייער לײַכט און טאַקע פאַר יעדן. מיט זײַן אויסער־געוויינטלעכן טאַקט האָט ער באַהערשט די קונץ פון יעדן אויסהערן און פון קיינעם זיך נישט לאָזן נודיען מער ווי מען דאַרף. טאַקט און לעבנס־חכמה — אַלץ טאַקט און לעבנס־חכמה.

אַ מאָל בין איך געווען בײַ די הירשביינס, מען האָט דאָרט אויף אַן איינ־טימען, שטוביקן אופן געפײַערט מיט אַ שרײַבער־פאַרזאַמלונג די דערשײַנונג פון לאַפּינס אַ נײַעם לידערבוך. נאָך האַלבער נאַכט ערשט איז די פאַרזאַמלונג קאָמפּלעט געוואָרן. וולאַדעק איז אַרײַנגעקומען גלײַך פון עפּעס אַ שטאָטיש ניו־יאָרקער גאַלאַ־פײַערונג, בײַ וועלכער ער האָט געמוזט בײַזײַן צוליב זײַן הויכן אַמט אין דער גרעסטער פון די וועלטשטעט. אין עלעגאַנטע אָוונטקליי־דער איז ער אַרײַנגעקומען און האָט באַלד באַהערשט די סיטואַציע:

— אַנטשולדיקט, טײַערע פרײַנד, די „בגדי־בורזשואַזיע".

אין אונדזער ייִדישן לעבן איז נישטאָ קיין סך פּערזענלעכקייטן. מיר האָבן מענטשן מיט אַלערליי טאַלאַנטן, נאָר פּערזענלעכקייטן פעלן. און נישט איין מאָל האָב איך מיר געטראַכט: וואָס איז דאָס אַזוינס פּערזענלעכקייט? וואָס פאַר אַן אַטריבוטן האָט דאָס?

קוקנדיק און טראַכטנדיק אָפּט פון וולאַדעקן — האָב איך דאָס פאַרשטאַנען: פּערזענלעכקייט פאַרמאָגט אַזאַ פּערזאָן, וואָס אירע טאַלאַנטן זענען איר גע־געבן געוואָרן גוט צוגעוויגענע און גוט געמאָסטענע. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן גלײַכגעוויכט איז אַ פּערזענלעכקייט.

צווישן געניאַליטעט און שגעון איז אַ שריט און צווישן גוטער פּערזענ־לעכקייט און שמאַטע... איז אויך אַ שריט. שווער איז עס דעם געניוס צו האַלטן זיך אין זײַן מעלה און נאָך שווערער איז עס דער גוטער פּערזענלעכ־קייט צו האַלטן זיך אין איר מעלה. איין גראָם צו גוט און דו ביסט אַ שמאַטע... און אַ מאָל ווילט זיך דווקא זײַן צו גוט. נאָר מען טאָר נישט.

באַרעכטיקטע טובֿות האָט מען פון וולאַדעקן געקענט האָבן וויפל מען האָט נאָר געוואָלט און צו יעדער צײַט פון טאָג און האַלבער נאַכט. נאָר סתּם אויס־נוצערישע טובֿות — גאָרנישט. ער איז אַלע מאָל געבליבן שטרענג אין די גרע־נעצן פון דער גוטער פּערזענלעכקייט.

גראָד בין איך געווען אין אַרגענטינע, ווען וולאַדעק איז געשטאָרבן. וולאַ־דעק איז אין דעם לאַנד קיין מאָל נישט געווען. נאָר אַז מען האָט אַ רוף גע־טאָן די מאַסע צו טרויערן ווײַל וולאַדעק איז געשטאָרבן, איז געקומען אַן אײַ־בערראַשנדיקער גרויסער עולם, בײַ די טויזנט. זיי האָבן דעם מענטש קיין מאָל נישט געזען, זײַנע ווערק קיין מאָל נישט געלייענט ווײַל זיי זענען געווען

זייער קנאַפּ אין כמות — אָבער דער צװיבער פֿון אײנער פֿון די שענסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין דעם גרעסטן ייִדישן ייִשוב האָט בוכשטעבלעך געשװעבט איבער דער גאַנצער ייִדישער װעלט.

די אײנציקע בייזװיליקע טאַקטלאָזיקייט אין װלאַדעקס לעבן איז געװען זײַן פּלוצעמדיקער קלאַפּ מיט דער טיר צװישן לעבן און טויט, זײַן צו פֿרי אָװעקשטאַרבן אָן אַ פֿאַרװאָס און אָן אַ פֿאַרװען. די אײנציקע דיסהאַרמאָנישע אויסנאַם, װאָס האָט באַשטעטיקט דעם האַרמאָנישן כּלל פֿון זײַן גאַנץ לעבן פֿון אַן אמתער ייִדישער פּערזענלעכקייט.

1939

ראַשעל וועפּרינסקי

גערבוירן אין יאָר 1895 אין אַ שטעטל בײַ קיִעוו. אין 1907 געקומען קיין אַמעריקע. אַלמנה נאָך דעם דיכטער מאַני לייב (1883—1953).

ראַשעל וועפּרינסקי איז געווען די צווייטע פרוי פון מאַני לייב. משמעות, אַז אים איז — פערציק טעג איידער ער איז געבוירן געוואָרן — אין הימל פאַרשריבן געווען אַ צווייפאַכיקער זיווג. דער ערשטער אַ משפחה־זיווג, אַ דור פון קינדער אויפצושטעלן; דער צווייטער — אַ דיכטערישער שוועסטער־זיווג — אויף מיטצוגיין דעם דערנערוועג פון אַ יידישן דיכטער. אויך ראַשעל וועפּרינסקי איז אַ דיכטערין. אויך? פאַר וואָס „אויך״? עס איז אַ סיבה: ווײַל עס איז איר באַשערט געווען צו זײַן די דיכטער־שוועסטער פון נישט קיין אַנדערן ווי — מאַני לייב. אַזאַ זאַך איז טײַער, אָבער ווערט.

אַז מאַני לייב איז געשטאָרבן איז מיט אים אויף אַ דור לאַנג געשטאָרבן די אַבסאָלוטע שיינקייט פון יידישן ליד, אַ שיינקייט דורך גוטסקייט.

אייגנטלעך זענען אַלע לידער פון אַ דיכטער — אויטאָפּאָרטרעטן. אָבער מאַני לייב האָט געהאַט אַ באַזונדערע תשוקה צו שרײַבן אויסגעשפּראָכענע אויטאָפּאָרטרעטן. אָט איז איינער, אפשר זײַן בלויסטער, הימלישסטער:

— איך בין דער ריטער פון געבענקטער בלוי,
אויף גאָטס ראָזע, הייליקע וועגן.
מײַן בענקשאַפט איז ווײַס ווי די מילך, דער טוי,
און זיס ווי דער האָניק־רעגן.

מײַן פּאַנצער, מײַן שווערד, — מײַן וואָרט און מײַן בלוט.
מײַן צייכן — דאָס גרין פון צעדער;
דער הויכער הימל — מײַן בלויער הוט,
די זון — מײַן גאָלדענע פעדער.

די זון — זײַן גאָלדענע פעדער, און ראַשעל וועפּרינסקי — די הימל־באַשערטע דיכטער־שוועסטער. אירע לידער — געוועבט פון בלויער, פון לעצטער, פון אייביקער בענקשאַפט נאָך מאַני לייבן — זענען איינזאַמע עדות.

אָט איז איינס פון די דרײַ לידער פון בענקשאַפט — אַריבער לעבן און טויט — וואָס ראַשעל וועפּרינסקי האָט געשריבן צו דער צענטער יאָרצײַט פון מאַני לייבן:

לאָמיר זיך ווידער באַגעגענען,
ס׳איז אָקטאָבער,
די צײַט ווען בלעטער מוזן זיך זעגענען
און ווינטן וויינען,
זאָלן די ווינטן וויינען,
איך האָב ניט מער קיין טרערן.
זאָל טרויען די גאָס, —
איך האָב ניט מער קיין טרויער.

לאָמיר זיך ווידער באַגעגענען,
מיר וועלן שטיין
צוויי מצבות
מיט ווינט
צווישן זיך.

נעם און גיב צו תהילים־ניגון צו דעם ליד און עס איז אַ קאַפּיטל תהילים.

און איצט איז קלאָר דאָס וואָרט „אויך" דאָ אויבן. איצט איז דער „אויך" פאַרשוווּנדן. איצט איז אַבסאָלוט גלײַכער זיווג. דער בלויער שאָטן. אין וועלכן ראַשעלס לידער זענען געשטאַנען, האָט מאַני לייבס נשמה אָפּגעמעקט. איצט זענען ביידנס לידער אין זעלביקן ליכט.

אין אונדזער איינזאַמער ייִדישער לידער־ליטעראַטור האָט אַ ליד אַזוי זעלטן תּיקון, ווען די האַנט וואָס שרײַבט עס ווערט אויף אייביק אַנטשטילט. סײַדן עס לאָזט ווער איבער אַ שוועסטער — זעלטענער אַ זון, אַ טאָכטער. דאָס לעצטע איז כּמעט קיינעם נישט באַשערט. אָבער ראַשעל וועפּרינסקי זאָרגט שוין יאָרן לאַנג פאַר מאַני לייבס לידער. מער ווי ער אַליין האָט גע־זאָרגט. צוליב סיבות פון עפּעס אַן אינערלעכער צוריקגעהאַלטנקייט — עפּעס אַן אומפאַרשטאַנענער בענקשאַפט נאָך שיינקייט אין אַבסאָלוטן צימצום — האָט דער פיל לידער־שרײַבער מאַני לייב כּמעט קיין ביכער־זאַמלונגען נישט איבערגעלאָזן. ראַשעל וועפּרינסקי טוט עס איצט פאַר אים. פיר ביכער מאַני לייבס — האָט ראַשעל אין די לעצטע יאָרן אויף דער וועלט געבראַכט. צוויי אויסקלײַבן פון לידער און באַלאַדעס, און איינס אַן אויסקלויב מיט אַ פּאַראַ־לעלן העברעיִשן טעקסט. און איינע אַן עקסקלוסיווע זאַמלונג פון סאָנעטן. די ביכער זענען דערשינענע אין ניו־יאָרק, תּל־אָביב און אין פּאַריז. תּיקון איז דיר געגעבן געוואָרן, מאַני לייב. בײַ אַנדערע פעלקער — גאָר נאַטירלעך. בײַ אונדז — גרויסער באַשערטער זכות.

אין יאָר 1926 איז אין מײַנע הענט אין וואַרשע אָרײַנגעקומען אַ קלײנע לידער־זאַמלונג. די דיכטערין: ראַשעל וועפּרינסקי, דער טיטל פֿון דער זאַמ־לונג: „רוף פֿון פֿליגל".

און די צײַט אין מײַן אײגענעם דיכטערישן גאַנג: כאַליאַסטרע. און איך ווײס אַלײן נישט פֿאַר וואָס, אָבער איך האָב געשריבן זײער נעגאַטיוו וועגן אָט דעם לידערביכל.

איצט ליגן די זעלבע לידער אויף מײַן טיש — און איך באַוווּנדער זײ, ווײַל זײ זענען טאַקע שײן.

און אָט איז 1933 און איך — דאָס ערשטע מאָל אין ניו־יאָרק. אַ באַגעג־ניש מיט מאַני לײבן און אַ באַגעגעניש מיט ראַשעל וועפּרינסקי. אַ גוטע באַ־געגעניש. מיט מאַני לײבן האָב איך קאָרעספּאָנדירט נאָך פֿון יאָר 1919 אָן. און גאָר, גאָר האַרציק.

און איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך האָב אין יאָר 1926 געשריבן שלעכט וועגן ראַשעלס לידער. און אָט זע איך איר פּנים — קײַלעכדיק, גרויס־אויגיק, פֿול מיט חן — מיט ליבשאַפֿט פֿון אַן אײביקער מאַמען און אַן אײביק גע־טרײַער געליבטער. — — יאָ, איך האָב פֿאַרגעסן, אָבער נישט די דיכטערין...

און אָט גײען מיר אין אַ גרויסער חברישער גרופּע איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק. און עס איז אונדז גוט. און דעמאָלט, נאָך שטאַרק גלײביק אין געמיט און פֿול מיט נאָך נישט געשריבענעם ליד.

ראַשעל וועפּרינסקי נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און זאָגט שטיל: — קומט אַ רגע אַוועק פֿון דער געזעלשאַפֿט, איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן. ווערט מיר גאָר פֿרײלעך אין געמיט און אָט גײען מיר שוין אַ ביסל אָפּגעזונדערט.

— אײַ ראַוויטש, ראַוויטש, איך האָב אַ טענה צו אײַך פֿאַר אײַערע שאַרפֿע רײד וועגן מײַן „רוף פֿון פֿליגל".

איך בין דערשטוינט, איך געדענק נישט, און אין איבערמוט דעצידיר איך: אָט דאָ שוין אויפֿן אָרט וועט איר האָבן דעם רעוואַנזש — גיט מיר אַ פּאַטש און פֿאַרגעסט.

און אין איבערמוט און מיט אַ האַרציקן שמײכל האָט ראַשעל וועפּרינסקי אויסגעפֿירט מײַן ווערדיקט.

*

אַ מאָל, אַ מאָל וועט דערשײַנען אין ייִדיש אַ בוך פֿול מיט שײנקײט און מיט ליבע און מיט לידער. עס וועט זײַן אַ מאָנאָגראַפֿיע, וואָס וועט זיך רופֿן: מאַני לײב און ראַשעל וועפּרינסקי — די מעשה פֿון אַ זיווג פֿון פֿיר צענדליק יאָר לעבן און לידער.

1963

לודוויק זאַץ

געבוירן אין לעמבערג — לויטן לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַ־טער — אין יאָר 1895. אין דער אמתן, מיט אַ יאָר־צוויי פריִער. פון 1914 אין אַמעריקע. רײַזעס איבער אייראָפּע און ביידע אַמעריקעס. געשטאָרבן 31סטן אויגוסט 1944.

נישט אָט אַזאַ קורצע פעדער־צייכענונג, נאָר אַ בוך אַ גאַנץ וואָלט איך גערן געשריבן וועגן לודוויק זאַץ, דעם גענימאַלסטן פון די ייִדישע אַקטיאָרן. איך קען אים זינט 1910, איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען שפּילן אין 1911, אין גרשם באַדערס אַ שטיק „דער בעל־שם־טוב" אין גימפּלס טעאַטער אין לעמבערג אין אַ ראָלע פון אַ געלעמטן דאָרף־שייגעץ, וואָס מען ברענגט אים צום הייליקן צדיק, שפּעטער אין גאָלדפאַדענס „ציגנעטאַנג", שפּעטער אין גאָרדינס „ווילדן מענטש". זאַץ איז אין יענע יאָרן געווען דין און בלאָנד און זייער עלעגאַנט אָנגעטון און אויסגעפּילט מיט אַקטיאָרישער אַמביציע ביז צו די שפּיצן פון די פינגער. איך האָב אין יענע יאָרן געאַרבעט אין אַ באַנק אין לעמבערג און געהאַט זייער ווייניק צײַט, און אַ סך פון אָט דער מי־נימאַלער צײַט פלעג איך פאַרברענגען אין זאַצס געזעלשאַפט. מיר האָבן גע־לייענט צוזאַמען די גרויסע דראַמעס פון יענער צײַט און געלייענט צוזאַמען פּרצעס און אַשס דראַמעס אין זאַצס אָרעמער, שנײַדערישער עלטערן־היים אין געדיכטן ייִדישן געגנט. זאַץ איז זייער גיך באַרימט געוואָרן, נאָך אין לעמ־בערג איז ער געוואָרן אַ שטערן און זייער גיך — און צו זײַן גרעסטן שאָדן — האָט ער זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער גרויסער ייִדישער דראַמע. ער איז אַוועק אויף טעאַטער־וועגן, דערפאָלגוועגן. דרײַ שיינע טעכטער, אַ הויז אין סי־געיט, צוויי אויטאָמאָבילן, אַ שאָפער. נאָר אויב דאָס לעבן איז אַ טעאַ־טער, איז דאָך דאָס טעאַטער — לעבן... און אין לעבן גייט אַלץ אויף און אָפּ און בײַט זיך, בײַט זיך ווי די דעקאָראַציעס אויף דער בינע...

אין 1913 איז זאַץ אַוועק קיין לאָנדאָן, איך קיין ווין און מיר האָבן זיך ערשט ווידער געטראָפן אין וואַרשע אַרום 1930. וואָס זאַץ טוט און ווו זאַץ געפינט זיך האָב איך אַלע יאָרן געגוי געוווסט, נאָר זאַץ — אַזוי האָט מען מיר דערציילט — האָט געמיינט, אַז איך בין ערגעץ אין ערשטן וועלטקריג געפאַלן אָדער געשטאָרבן. און געשטאָרבן — באַגראָבן... אַז מיר האָבן זיך געטראָפן ווידער האָט ער אין די ערשטע רגעס געטראַכט, אַז איך בין אַן אַנ־דערער. אַזאַ וואָס ער געדענקט אים שוין כמעט נישט. נאָר אַז ער האָט זיך דערמאָנט, איז ער געווען פול מיט טרערן און מיט סענטימענט און זינט דע־מאָלט האָבן מיר זיך אָפט געזען, אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק, אַ מאָל אַפילו

ווידער אין לעמבערג — אָבער זאַץ האָט דאָ שוין געוווינט אין עלעגאַנטסטן האָטעל „דזשאָרדזש" — און אַ מאָל אַפּילו אין מאָנטרעאָל, אין קאַנאַדע, אין מיטן 1942.

טראַכטנדיק אָפּט, זייער אָפּט וועגן זאַצן, קוקנדיק אָפּט אין זײַן פּנים, אײַנהערנדיק זיך אין אים בין איך דערגאַנגען, אַז געניאַלע שוישפּילערס זענען מענטשן, וואָס פֿאַרמאָגן צוויי פּנים־מאַסקעס, איינע אַן אינערלעכע און איינע אַן אויסערלעכע און צוויי שטימען, איינע אַן אייגענע און איינע צום פֿאַרלייענען, צום מאַנעווורירן מיט איר אומאָפּהענגיק פֿון דער ערשטער. אַגב פּלעג איך, ווו איך האָב נאָר געהאַט די געלעגנהייט דערצו, שטייענדיק הינטער די קוליסן, זיך אײַנגעקוקט אין זאַצס שפּילן פֿון אַ דיסטאַנץ פֿון צוויי מעטער און בפֿרוש געזען, אַז די גרויסקייט פֿון זײַן שפּילן באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס ער שפּילט נישט... אַז ער גייט אַרויס פֿון דער דעקאָראַציע אין די קוליסן שפּילט ער נאָך אַ האַלבע מינוט אָדער מער, ווײַנט נאָך, אָדער שרײַט נאָך, אָדער לאַכט נאָך — בשעת אַנדערע שוישפּילערס ווערן מאָמענטאַן ניכטער, שאָקלען אין דער סעקונדע די ראָלע פֿון זיך אַראָפּ, ווי אַ הונט וואָס לויפֿט אַרויס פֿון וואַסער אין וועלכן מען האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן.

אין יאָר 1939 האָט זאַץ געשפּילט נחמנס פּאַטער אין י. י. זינגערס „חבר נחמן". עס איז געווען איינע פֿון זײַנע הערלעכסטע קרעאַציעס. זאַץ האָט געוווּסט, אַז זינגער איז אַ שטרענגער און ער וועט נישט טאָרן „מאַכן שטיק" — און ער האָט אויף דעם געביט שטאַרק שוין איבערגעזינדיקט. ער האָט זיך בײַ די פּראָבעס שטאַרק דיסציפּלינירט, קיין וואָרט נישט געדאַוונט פֿון אויסנווייניק, אַלץ פֿון סידורל, נאָר איין מאָל האָט ער זיך צוזאַמענגענומען מיט כּוח און געבעטן זינגערן, אַז ער זאָל מעגן טראָגן אַ בלאָנדע באָרד און נישט קיין שוואַרצע ווײַל ער שפּילט זײַן... טאַטן און ער וועט נישט קענען שפּילן זײַן בלאָנדן טאַטע מיט אַ שוואַרצער באָרד... עס איז גערן באַווויליקט געוואָרן און זאַץ האָט געקענט צו דער זעט איבערלעבן זײַן ראָלע און ער האָט זי אָפּגעשפּילט מײַסטערהאַפֿט. אַ בלײַבנדיקע קרעאַציע געשאַפֿן.

אַ טראַגיקאָמיקער איז לודוויק זאַץ, אַ טראַגיקאָמיקער פֿון אַלע 24 קאַראַט, סאַמע גאָלד, און אַ טראַגיקאָמישע איז די גרויסע ייִדישע ליטעראַטור, אָדער זי דאַרף זײַן, און עס איז געווען — אַזוי וואָלט זיך עס געדאַכט — אַ זיווג מן־השמים. און עס האָט זיך געפּירט און די דראַמאַטישע ייִדישע קונסט איז זיך געגאַנגען אויף אירע וועגן און לודוויק זאַץ אויף זײַנע וועגן און דאָס ייִדישע טעאַטער אויך אויף זײַנע וועגן און עס איז געבליבן בײַם פּרשת־דרכים און איך ווייס נישט צי עס איז שוין נישט צו שפּעט. — ער איז אַן עגאָצענטריקער — לודוויק זאַץ — ער רעדט וועגן זיך אַלע מאָל ווי וועגן לודוויק זאַץ און נישט פּשוט „איך", אַזוי רעדט אויך שלום אַש אַלע מאָל וועגן זיך ווי וועגן

אָן אינסטיטוציע, וואָס ער איז צופעליק איר דירעקטאָר. אַ קינסטלער דאַרף גלייבן אין זיך, אָבער אַז ער איז פאַרליבט אין זיך איז דאָס אַ גליטשיקער און אַ געפערלעכער וועג.

אַ קלוגע און אַ געטרײַע פרוי באַגלייט זאַצן, די מוטער פון זײַנע שיינע טעכטער, די טאָכטער פון באַרימטע שוישפּילערס, פּײַנמאַן פון דער היים. ווי אַ פיר־און־צוואַנציק־שעהעדיקע קראַנקן־שוועסטער האָט זי געהיטן זאַצן אין צײַטן פון קראַנקייט. ער לײַדט אויף די פיס. אין אַ הייסן ניו־יאָרקער טאָג האָב איך אַ מאָל די זאַצעס באַזוכט אין זייער אָרעמער היים, אין אָרעמען געגנט, אין זייער צײַט פון פאַראָרעמונג — ער האָט זיך שפּעטער ווידער דערכאַפּט — אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט טעאַטראַלישער טראַגיק, וועגן טעאַטער־ענינים האָבן מיר אַלע דרײַ געשוויגן און זאַץ האָט מיט מיר גערעדט נאָר וועגן זײַנע מאָלערײַען (מושלם אויף אַ סך געביטן: מאָלט, שרײַבט, שפּילט), אָט אַזוי ווי טעאַטער וואָלט שוין באַלאַנגט צו פאַרגאַנגענהייט... ער האָט זיך ליב צו רייצן אָפּט מיט מיר און צו רעדן מיט מײַן קול און מײַנע ווערטער. אָפּט דערשרעקט ער מיך אַזש, אָט אַזוי ווי אַ בת־קול מײַנס וואָלט ערגעץ אַרומגעשוועבט. זאַץ האָט אָבער פײַנט צו אימיטירן, ער האָט ליב איבערצולעבן. טיף, בלוטיק. גע־ניאַלער אַקטאָר, 24 קאַראַט. נאָר וואָלט ער מער געגאַנגען אויף די וועגן פון פּרץ, פּינסקי, לייוויק...

1902

גענִיאַ זינגער

די שטילע און די באַשיידנסטע פון די פרויען פון די גרויסע יִידישע שרײַבערס — גענִיאַ זינגער, זינט דעם 10טן פעב־רואַר 1944 ביז דעם טאָג פון איר אַוועקגאַנג אויף אייביק, דעם 7טן יולי 1962 — די אַלמנה נאָך ישראל יהושע זינגער — דעם מײַסטער פון יִידישער פּראָזע, דערציילונגען און ראָמאַנען.

י. י. זינגער, אַ בן־הרב פון די שטעטלעך בילגאָרײַ און לעאָנטשין און שפּעטערדיקן מורה־הוראה אין וואַרשע, האָט די מיינסטע יאָרן פון זײַן לעבן אָפּגעלעבט אין דער דאָזיקער עיר ואם בישראל. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט גענִיאַ, דער שטילער און שטיל־שיינער, שוואַרץ־חנעוודיקער טאָכטער פון אַן אָרעמער וואַרשעווער משפּחה קופּער. און עס איז געוועזן אַ זיווג אויף לעבן און טויט.

ישראל יהושע — אָדער, ווי גענִיאַ האָט אים גערופן — שִיע — איז געווען די אומרו אַליין. גענִיאַ — די רו אַליין. זיי זענען געווען קאָנטראַסטן. אָבער אַזעלכע פּערפעקטע קאָנטראַסטן, וואָס באַלאַנגען אַזוי פּערפעקט צו זיך — אַזוי ווי אַ שווערד מיט אַ שייד. זינגער איז געשטאָרבן פּלוצלינג צו זײַנע פופציק יאָר, דעם 10טן פעברואַר 1944 — פון אַ פּלוצלינגן האַרצאַטאַק. גענִיאַ איז אויך געשטאָרבן פון האַרצאַטאַקן, וואָס האָבן זיך עטלעכע מאָל איבערגע־חזרט.

זיי האָבן זיך — גענִיאַ און שִיע — באַקאַנט און פאַרליבט אין וואַרשע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1918 — ווען רוסלאַנד האָט נאָך געזאָטן מיט פּאָגראָמען און בירגער־מלחמות — איז זינגער פון וואַרשע אַוועק אַהין — קודם־כּל קיין קִיעוו, ווו עס איז דעמאָלט געווען זייער אַן אַקטיווע ליטעראַרישע יִידישע גרופּע אַרום דער דאָרטיקער „קולטור־ליגע", שפּעטער קיין מאָסקווע. גענִיאַ איז אים אַהין נאָכגעפאָרן. דאָרט איז זיי גע־בוירן געוואָרן זייער ערשטער זון יעקב, אָדער יאַשע. זינגער פלעגט אָפט דער־ציילן ווי אַזוי ער איז אין מיטן פון אַן אַטאַק פון די קאָנטערעוואָלוציאָנערע דעניקינצעס, אין אַ האָגל פון קוילן, געלאָפן בײַ נאַכט ברענגען אַ הייבאַם צו גענִיאַ, ווײַל פּונקט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן אירע ווייען. אַזוי איז געקו־מען אויף דער וועלט יאַשע, דער שטילער, דער גוטער, דער אין גאַנצן צו דער מאַמען ענלעכער — וואָס אים זענען נאָר 14 יאָר לעבן באַשערט געווען. ער איז געשטאָרבן אין וואַרשע סוף 1933.

פון קִיעוו זענען שִיע און גענִיאַ אַוועק קיין מאָסקווע — אויף נאָך אַ

גרעסערער נויט, ווײַל דאָס מאָל שוין זאַלבע דריט. אין אָקטאָבער 1921 זענען זיי צוריקגעקומען קיין וואַרשע. נויט, נויט, נויט. זינגער האָט געשוויגן מיט פאַרביסענע ליפּן — גענײַאַ מיט אַ שמייכל. דאָ איז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון — יאָסל, דער פאָטער פון זינגערס פיר אייניקלעך, וואָס ער האָט זיי שוין מער נישט געזען מיט אַ לעבעדיק אויג — גענײַאַס טרייסט אויף די אײנזאַמע, די עלטערע יאָרן. גענײַאַ איז געוועזן בלויז עטלעכע יאָר ייִנגער פון שיִען.

האַרבסט 1933 האָבן די זינגערס פּלאַנירט זיך צו באַזעצן — אַלע, שוין דעמאָלט זאַלבע פערט. — אין פּאַריז. אָבער אַוועק זענען זיי אַהין שוין זאַלבע דריט בלויז. פון דאַנעט — אָנהייב 1934 — קיין ניו־יאָרק. די שיף, מיט וועלכער זיי זענען געפאָרן האָט זיך מיט צוויי טעג פאַרשפּעטיקט צוליב מוראדיקע שטורעמס. צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך בין דעמאָלט געוועזן אין ניו־יאָרק און געווען דער איינציקער חבר, וואָס האָט זיי בײַ דער שיף באַגעגנט. מיר האָבן זיך שטום אַרומגענומען און אַלע זיך צעוויינט: מיר האָבן מוראדיק דערזען דאָס ליידיקע אָרט ווו יאָשע האָט געזאָלט מיטקומען. אָבער שטאָט דעם איז געבליבן אַ שמאָלע ייִנגלשע מצבה אויפן וואַרשעווער גענשער בית־עולם.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד פון אַ שטורמישער צײַט: איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט קומט זינגער מיט גענײַאַן אַרײַן אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. זעצן זיך צום טישל, ווו עס זיצן פּרץ מאַרקיש — זינגערס געשווירענער פרײַנד — און איך. — פון וואַנעט גייט מען? — פון אַ חתונה! — פון וועמעס חתונה? — פון אונדזער חתונה! — — לאַכט מען. אין יענע יונגע יאָרן, אַרום 1925, האָט מען נישט געדאַרפט קיין סך, אַז מען זאָל לאַכן מיטן גאַנצן האַרץ. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען: אין איין שיינעם טאָג האָבן זיך די זינגערס אַרומגעקוקט, אַז אין די בהלות, רעוואָלוציעס, מלחמות, פּאָגראָמען, הונגער־יאָרן האָבן זיי פאַרגעסן אַרויסצונעמען פּאַפּירן אַלס פאָרפּאָלק. זענען זיי אַרײַן צו די רבנים אין דער וואַרשעווער קהילה. האָבן די רבנים געפּסקנט: קודם־כל חופּה־קידושין. האָט דער בן־הרב געטענהט, אַז זיי האָבן דאָך שוין קינדער און לויטן דין... האָבן אָבער די רבנים געהאַט אַן אַנדערע מיינונג.

אַהין־אַהער — מען האָט געבראַכט די פיר דרענגלעך — און הײַדאַ. — — דערהערט אַזאַ מעשה, האָט מאַרקיש געקאָמאַנדעוועט: דאָס מוז מען פּײַערן ווי עס געהער צו זײַן: בראָנפן אַהער! מאַרקיש פלעג שיכור ווערן באַלד נאָכן ערשטן טראָפּן. זינגער אַפילו נישט נאָך אַ קוואָרט אָקאָוויט. איך טרינק לחלוטין נישט. און גענײַאַ האָט באַנעצט די גליקלעכע צעשמייכלטע, שטילע, גוטע ליפּן, וואָס זענען געווען פול מיט פּשוטער גוטסקייט. ווי דאָס פּשוטע ברויט דעם הונגעריקן. די קלענצטע, שענצטע און זיכער די סאַמע מאָדנע חתונה־סעודה, וואָס איז ווען עס איז פאַרגעקומען אויף גאָטס מאָדנער וועלט.

אַז עס װעט װען עס איז געשריבן װערן י. י. זינגערס אױספּירלעכע מאָנאָגראַפיע, װעט מען זיך אױף אַן אומצאָל פון זײַנע אַרטיקלען אָנשטױסן אױף דער אונטערשריפט „ג. קופּער". דאָס איז דער מײדלשער נאָמען פון זײַן געטרײַען זיװוג — געניאַ.

האָט זי משפּיע געװען זינגערס גרױס־טאַלאַנטירטע װערק? איז זי דאָ אין דער געשטאַלטיקונג פון זײַנע העלדינס? די לאַנג־יאָריקע פרײַנד װעלן זאָגן: יאָ! און אַנװײַזן — װוּ. אָבער דאָס איז נישט אַזױ װיכטיק. דער עיקר איז, װאָס זי איז געװען אַרײַנגעװעבט װי דער שתי און ערב — װי דער לעבנספּאָדעם אין דעם ברײטפּאָדעם — אין דעם קאָמפּליצירטן, דינאַמישן, שאַפּערישן, גערעכטיקײטס־זוכנדיקן לעבן פון דעם גרױסן דערצײלער אין יידיש — י. י. זינגער. ער — די זיגזאַגישע ברײטפּאָדעם פון די אײביקע יידישע און מענטשלעכע קאָנפליקטן. זי — די שטילע, אין אײן ריכטונג גײענדיקע לעבנפּעדעם פון אַ לעבן, װאָס מען דאַרף עס אָננעמען מיט הכנעה — װײַל דאָס איז גורל.

איך האָב זײ הונדערטער מאָל באַגעגנט צוזאַמען — און קײן מאָל קײן הױך װאָרט אין געניאַס און שׂיעס שמועסן צװישן זיך נישט געהערט. און מסתּמא איז פּונקט אַזױ שטיל געװען די װידערבאַגעגעניש דאָרט, װוּ נשמות טרעפן זיך — נאָך אַ װײפּולער צעשײדונג נאָך אַכצן אײנזאַמע יאָרן. װאָרעם זײ זענען געװען פּערפעקטער קאָנטראַסט און פּערפעקטער זיװוג. זײ האָבן זיך ליב געהאַט דורך לײד און פרײד, לעבן, נױט און טױט.

יעקב זיפּער

געבוירן אין שעברעשין אין יאָר 1900. 1925 געקומען קיין קאַנאַדע. וווינט אין מאָנטרעאָל. דירעקטאָר פון דער ייִדיש־וועלטלעכער פּרץ־שול.

וועגן דער שטערן־משפּחה אין מאָנטרעאָל — אַ טיפּישע, צעצווײַגטע ייִדישע משפּחה. אין די גרויסע שטעט אין אַמעריקע וואָלט מען געקענט אָנשרײַבן אַ קלאַסישע פֿאַמיליע־סאַגאַ. און דאָס מיינט אַ קייט פון מעשׂיות און געשטאַלטן אין פֿאַרלויף פון אַ דור אָדער צוויי. אין אַזאַ משפּחה איז דאָ אָרט פֿאַר אַלע מינים: רעליגיעזע, לומדים, רבנים, פּראָפֿעסאָרן, אַפּיקורסים, גלייביקע, רעכטע און לינקע — אַז מען זאָגט: אַלע מינים. און דערצו הייסט די משפּחה שטערן, וואָס דאָס אַליין סוגערירט אַ מליצה פון דעם אַסטראָנאָמישן וואָקאַבולאַר: אַ קליינע שטערן־גאַלאַקסע פֿאַר זיך.

איז וואָס זשע פֿאַר אַ שײַכות האָט עס צו דעם אינטימען פּענפּראָפֿיל וועגן אַ שרײַבער און לערער אין מאָנטרעאָל מיט דעם נאָמען יעקב זיפּער? עס האָט: יעקב שטערן האָט צוליב עפּעס אַ טעכנישער סיבה געביטן זײַן משפּחה־נאָמען אויף זיפּער. אָבער צו דעם שבט שטערן באַלאַנגט ער סײַ ווי סײַ.

איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען, אַז זיפּער זאָל זיך אײַלן, אָבער אָן אײַלעניש קומט ער אָן דאָרט ווו ער דאַרף צו דער רעכטער צײַט. שטילערהייט טוט ער זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין דער י. ל. פּרץ־שול שוין יאָר־צענדליקער. די וועלט אַרום אונדז בײַט זיך און די ייִדיש־וועלט מיט נאָך אַ גיכערן טעמפּאָ. איך האָב אָפֿט דעם רושם — זעענדיק זיפּערן אין די קריזיס־צײַטן, וואָס מערן זיך אַלץ מער און מער אין די איצטיקע יאָרן, אַז ער קוקט אַריבער זײַנע ברילן, און באַמיט זיך צו זען דעם מאָרגן. אָבי ער קוקט נאָר אַריבער די ברילן. אין לעבן גייט ער מיט דעם שווערסטן וועג, אָבער אין חלום אויפֿן לײַכטסטן.

זיפּער איז אַ לערער און אַ שרײַבער. זײַן טעמאַטיק — די בענקשאַפֿט נאָך דעם אַמאָליקן ייִדישן שטעטל, וואָס איז שוין טראַגיש נישטאָ, און אפֿשר וועט עס קיין מאָל מער נישט זײַן. אָבער בענקען און חלומען מעג מען דאָך. אַגבֿ איז דאָס דער דרך פון מייסטע ייִדישע שרײַבערס בײַם הײַנטיקן טאָג.

זיפּער איז אַ לערער און אַ שרײַבער, אָבער אַז מען קען אים לאַנג און מען באַגעגנט זיך אָפֿט, גיט מען צו נאָך עפּעס — זיפּער איז אַ מנגן. ער זינגט נישט אויף אַ קול. ער זינגט זיך אונטער מיט אַ האַרץ פֿול מיט בענקשאַפֿט. אָבי ער איז נישט אין קלאַס, אָדער ער פֿירט נישט אַ וויכּוח מיט אַ חבֿר — ברומט ער אַ ניגון און ברומט מיט אַ חסידישער מתיקות. טיף אין זײַן נשמה

איז ער גאָר אַ חסיד, אָבער אַ װעלטלעכער חסיד. נישט צופֿעליק איז דאָס ערשטע בוך זײַנס אַ מין איבערדיכטונג פֿון פֿינף בעל־שם־טוב־מעשׂיות. דאָס בוך רופֿט זיך „געװוען איז אַ מענטש". דערפֿאַר איז זיפֿערס ברודער, רב יחיאל שטערן, אַ לערער און אַ שרײַבער — ממש אַ פֿאַנאַטישער חסיד. — — כּדאַי צו דערציילן אַ זינג־מעשׂה װאָס האָט אַ שײַכות צו זיפֿערן. פֿאַראַנען אַ משׂכּיליש־איראָניש־זינגליד װעגן גײן קײן קאָצק צום גרױסן רבין. די ערשטע שורה: קאַ קאָצק פֿורט מען ניש — קאַ קאָצק גאַיט מען... מען זינגט דאָס ליד מיט אַן אָפּלאַכערישן ניגון. און דערצו מיט אַ פּױליש־ייִדישן דיאַלעקט: קאַ קאָצק פֿורט מע־ניש — קאַ קאָצק גאַיט מע, אאַז"ו. אָבער זיפֿער זינגט דאָס דאָזיקע חוזק־ליד מיט אַזאַ חסידישער פֿאַרגלײבטקייט, אַז פֿון אַ חוזק־ליד איז געװאָרן אַ שטיל התלהבותדיק בענקשאַפֿט־געזאַנג פֿון אַן אמתן חסיד. און װען נאָר מיר געפֿינען זיך אין אַ גרעסערער מסיבה מיט זיפֿערן מוז ער אונדז איבערזינגען נאָך און נאָך אַ מאָל דאָס דאָזיקע ליד. עס איז זײַן קרױנזינגליד.

און אָט איז שלום שטערן, נאָך אַ ברודער פֿון דער שטערן־סאַגאַ. דער מחבר פֿון אַ רײ פּאָעזיע־זאַמלונגען. אַ מאָל אָריענטירט לינקס, הײַנט אױף פּרשת־דרכים. און אָט איז נאָך אַ ברודער, אַן אוניװערסיטעט־פּראָפֿעסאָר פֿון מאַטעמאַטיק, ד"ר ישׂראל שטערן, שרײַבט פּאָעזיע אין ייִדיש און ענגליש אונ־טער דעם פּסעװדאָנים: איש יאיר. אין שײַכות מיט אַ נײַער פּאָעטישער זאַמ־לונג פֿון יאיר — אַן אָװנט. פֿעברואַר 1969. און אין זאַל איז פֿול. אפֿשר אַ דריטל פֿון די פֿאַרזאַמלטע — מיטגלידער פֿון שבט שטערן. און צװישן זײ יעקב זיפֿער, דער זקן פֿון שבט שטערן. װוּ נעמט מען דעם שרײַבער װאָס זאָל די סאַגאַ פֿון דעם דאָזיקן שבט פֿון אינטעלעקטואַלן אױפֿשרײַבן? אפֿשר טאָקע יעקב זיפֿער. אַ גאַנץ שװערע אױפֿגאַבע דעם גאַנצן פּאַטאָס פֿון דער ייִדישער װעלט־צעשפּרײטקייט אין אײן בוך מצמצם צו זײַן.

1969

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

געבוירן 1865 אין אַ שטעטל אין וויטעבסקער גובערניע. זינט 1888 רײַזעס אין אַלע טײלן פון אייראָפּע, מערערע מאָל געביטן וווינלענדער, זינט 1908 דעפיניטיוו אין אַמע־ריקע. געשטאָרבן אין קאַלגאַרי, קאַנאַדע, 6טן מײַ 1943, בעת אַ לעקציע־טור.

אַ הדרת־פּנים בן־הדרת־פּנים איז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. פּאַראַנען אַ בילד פון זײַן פאָטער, דעם רב, איז אויך דער רב פול מיט ווערדע און מיט ערנסט און מיט הדרת־פּנים און אויך דער פאָטער איז אַרומגערינגלט מיט ספרים אויפן בילד. פּאַראַנען אַ סך ייִדישע גײַסטיקע פּערזענלעכקייטן, זענען זיי אָבער (אָן זייער שאָדן איז עס געזאָגט) גײַסטיקע מנחם־מענדלס. זשיטלאָווסקי איז אַ יוסטער גײַסטמענטש. אַלץ פון גרונט אויף. מען דערציילט עס ווי אַ רכילות, אַז זשיטלאָווסקי פלעגט נישט איין מאָל פאַר זײַנע ייִדיש־וועלט־באַרימטע לעקציעס פאָדערן דעם גאַנצן — אָפט גאַנץ הויכן — האָנאָראַר אין פאָרויס. מען פאַרגעסט אָבער צוצוגעבן, אַז נאָך דער לעקציע, אויב ער האָט אײַנגעזען, אַז עס דאַרף אַזוי געטון ווערן אין דעם געגעבענעם פאַל, האָט ער אַ העלפט, און אַ מאָל מער, פון דעם זעלבן האָנאָראַר צוריקגעגעבן פאַר די צוועקן פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט די לעקציע אײַנגעאָרדנט. דאָס איז געווען אַ טייל פון זײַן פאָלקסלערערײַ. אַ טייל פון זײַן יוסטער און סאָלידער באַציִונג צו ייִדי־שער גײַסטיקייט און אַ טייל פון זײַן פאָדערונג פון דעם ייִדישן פאָלק, אַז עס זאָל זיך אויך אַזוי באַציִען צו ייִדישער גײַסטיקער אַרבעט. צוריק צו דער סאָ־לידקייט אין פיזישן זינען רופט דאָס גאַנצע לעבנסווערק זשיטלאָווסקיס און צוריק צו סאָלידקייט אין גײַסטיקן זינען.

זשיטלאָווסקיס גאַנצע דערשײַנונג איז אַ שטיק ייִדישער אָפּטימיזם און לעבנספרייד. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס איז זײַן עגאָיזם. אין דער אמתן איז עס אָבער אָפּטימיזם. ווײַל ער האָט געפאָדערט ס׳גאַנצע לעבן — לעבן און לאָזן לעבן. נישט איין מאָל האָב איך אין שטעט און שטעטלעך איבער דער וועלט געהערט קלאָגן זיך, הלמאי זשיטלאָווסקי פאָדערט אַזעלכע ריזיקע האָנאָראַרן פאַר זײַנע לעקציעס. אַז מען איז אַ לערער פון פאָלק דאַרף מען לערנען גאָר אין גאַנצן אומזיסט... פלעגן טענהן די טענה־האָבערס. אָבער אין דער שטיל זענען זיי צופרידן געווען, וואָס עס איז דאָ עמעץ וואָס שאַצט אַזוי הויך ייִדי־שע גײַסטיקע אַרבעט. וואָרעם צאָלנדיק זענען זיי דערהויבן געוואָרן, רײַכער געוואָרן. וואָרעם דאָס האָט מען טײַער געצאָלט פאַר זייער סחורה, וואָרעם יעדער ייִד איז דאָך אַ שותף צו ייִדישער גײַסטיקייט. און איין מאָל האָט מיר אַפילו

אַזאַ טענה־האָבער בפירוש געזאָגט, אַז ער פֿערזענלעך װאָלט אָרעמער און אײַנגעשרומפּענער געוואָרן ווען זײַן זשיטלאָווסקי וואָלט אויך אָנגעהויבן מנחם־מענדליש זיך באַציִען צו זײַן אַרבעט.

עס דערמאָנט אַ ביסל דעם ווילן, דעם עלעמענטאַרן ווילן פֿון אַמאָליקע פֿעלקער צו קרוינען מיט דעם סאַמע טײַערסטן דעם געקרוינטן קאָפּ, ווײַל אין דער קרוינונג פֿון דעם סימבאָל ווערט מען אַליין אויך געקרוינט. עס איז — דאַכט זיך — נישטאָ קיין איין ייִדישער גײַסטיקער פֿירער, וואָס מען האָט אים אַזוי פֿיל יובלען געמאַכט איבער גאָר דער וועלט ווי ד״ר זשיטלאָווסקין. אין יאָר 1892 האָט ער אָנגעהויבן זײַן ייִדישע שרײַבערישע טעטיקייט און נאָך אין יענעם יאָרהונדערט האָט מען שוין זײַנע יובלען געפֿײַערט. דאָס איז נישט אַזוי דערפֿאַר ווײַל זשיטלאָווסקי איז אַזאַ כּבֿוד־זוכער, דאָס איז נאָר דערפֿאַר ווײַל ער איז אַזאַ סאָלידע יום־טובֿדיקע געשטאַלט אַלע מאָל געווען, אַז זײַן דערשײַנען אַליין איז שוין געווען אַ יובל אין זיך. און אַזוי ווי עס איז אַלע מאָל געווען אַן אויסרייד אין דער מאַטעמאַטיקע פֿון די יאָרן פֿון אַזאַ אַלזײַטיקער און רײַכער פּערזענלעכקייט — נו האָט מען געפֿײַערט.

מען זאָגט, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי איז אַ שיינער, אַז ער האָט אַ באַצווי־בערנדיקע שטים. ביידע זאַכן נישט — לויט מײַן מיינונג. ביידע גאַנץ פּשוט נאָרמאַל. און דאָך. זײַן פּערזענלעכקייט איז אַזוי באַרויִקנדיק און זײַן שטים אַזוי זיכער און זײַן רויִקייט שטראַלט און זײַן שטים כוואַליעט מיט רו. ווערט מען נישט מיד צו קוקן אויף זײַן כאַראַקטעריסטישן פּנים — אַ מאָל בלאָנד און אין דער ריכטיקער צײַט גרײַז־גרוי — מיט דעם פֿראַנצייזישן שפּיץ־בערדל און די בכּבֿודע וואָנצעס און צו הערן זײַן אַ ביסל זינגעוודיקע שטים מיט דעם כאַראַקטעריסטישן וויטעבסקער אַקצענט: גאַינג, פֿאַרלאַינגען (גאַנג, פֿאַר־לאַנגען). — פֿיל צענדליקער מאָל אין אַלערלײַ לענדער האָב איך ד״ר זשיט־לאָווסקין געטראָפֿן, אַלע מאָל זיך באַמיט אים נישט צו נודיען, צו באַהאַנדלען מיט מאַקסימום דרך־ארץ. האָט אָבער זשיטלאָווסקי אַליין ליב אַ שטיף צו טון. דאָ קומט ער אַ מאָל אַרײַן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין, פֿאַרשטעלט מיר הינטן־אַרום די אויגן און האַלט מיך אַזוי פֿינף מינוט. נו גיי טרעף, אַז זשיט־לאָווסקי איז דאָס, האָב איך טאַקע די גאַנצע וועלט אויסגעטראָפֿן, נאָר נישט זשיטלאָווסקין.

געהיטן זיך, מורא געהאַט אַ גאַנץ לעבן לאַנג צו רעדן אָדער שרײַבן וועגן זשיטלאָווסקין. זײַן גאַנץ ווערק איז דאָך אַ מין פֿירער דורך ייִדישן עבֿר און ייִדישן איצט, וואָס ער האָט אים מיטגעשאַפֿן גאַנץ היפּש און אַט דאָס ווערק איז זיך שוין אַזוי צעוואַקסן, אַז עס דאַרף שוין אַ שליסל צום פֿירער. און גיי זאָג דאָ אַ וואָרט. שווײַג איך. נאָר פּלוצלינג אַ מאָל בײַ אַ באַנקעט טאַקע פֿאַר

זשיטלאָווסקין רופט מען מיך אויף צו רעדן. הייב איך אָן מיט שרעק צו פלאָנ־טערן מיט דער צונג און אָט דאָס האָב איך אַרויסגעפּלאָנטערט: אינהאַלט און פאָרעם איז אין אַלץ און אינהאַלט און פאָרעם אין זשיטלאָווסקיס ווערק. דער אינהאַלט איז — ער האָט געלערנט זען די ייִדישע פראַגעס אין וועלט־פּראָבלעמען, סײַ אין געשיכטלעכן און סײַ אין געאָגראַפישן זינען. ער האָט געלערנט זען דאָס גאַנצע — שטח און צײַט — ייִדיש פאָלק אין אַ גאַנצער וועלט. דערפאַר אייביקער טעריטאָריאַליזם, אייביקער ייִדישער סאָציאַליזם פון נביאימס צײַטן אָן. און זײַן פאָרעם איז ייִדיש. — —

ד"ר ל. זשיטניצקי

געבוירן אין אַ שטעטל אין קיִעווער גובערניע אין יאָר 1894. צען יאָר געלערנט אין אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן. אין 1928 זיך באַזעצט אין אַרגענטינע. געשטאָרבן 26סטן יאַנואַר 1967.

נאָענט צו פערציק יאָר האָט ד"ר ל. זשיטניצקי געוווינט און געשריבן, געשריבן און געוווינט אין בוענאָס־אײַרעס. נאָך עטלעכע יאָר וואַנדערן פון צײַטונג צו צײַטונג, צײַטשריפט צו צײַטשריפט — האָט ער באַשלאָסן ליטעראַריש־זשורנאַליסטיש פאַרבינדן זיך אויף שטענדיק מיט דער גרויסער אַרגענטינער ייִדישער טאָגצײַטונג „די פּרעסע".

נישט קיין הויכער און דערצו נאָך אַ דיקלעכער — און אַ ביסל אַ פּאַוואָלעדיקער — האָט מען זיך אַלע מאָל געחידושט: פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל כּוחות און אַזוי פיל ענערגיעס און אַזוי פיל געדולדיקייט בײַ אָט דעם אייביק שמייכלענדיקן זשורנאַליסט, פּובליציסט, היסטאָריקער אויף אַלע געביטן פון דער ליטעראַטור. געשריבן האָט ער אַן ערך דרײַ אַרטיקלען אַ וואָך — און דאָס הייסט — 150 אין אַ יאָר — אַן ערך 40 יאָר נאָך אַנאַנד, און איר וועט אַרויסבאַקומען אַ ציפער — 6000. דאָס איז אין כּמות. איז ווי זשע האַלט מען מיט איכות? איכות בײַ ד"ר זשיטניצקי האָט אין גאַנצן קיין גרענעצן נישט. ער איז גרייט צו שרײַבן אויף יעדער טעמע. דאָס מיינט נישט, אַז אַלע עסייען און אַרטיקלען פון ד"ר זשיטניצקי זענען סטיליסטישע קונסטווערק. דאָס הייסט נאָר, אַז זיי זענען געשריבן קאָרעקט און אינפאָרמירן דעם לייענער. איכות מיינט אין דעם פאַל טעמאַטיש. און טעמע — גוט צוגעקליבן, אַקטועל, מיטגייענדיק מיט דעם שטראָם פון דער צײַט — האָט זיך איר באַזונדערע קוואַליטעט־מאָס.

עס געדענקט זיך מיר אַ סצענע פון דער — שוין הײַנט — לעגענדאַרער צײַט אין וואַרשע, אין דער רעדאַקציע פון „מאָמענט". צוליב עפּעס אַ סיבה האָב איך געדאַרפט זיך זען מיט דעם שעף־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג, צבי פּרילוצקי. זיצן מיר און מיר רעדן וועגן אונדזער ענין און אָט קומט אַרײַן דער באַקאַנטער ליטעראַטור־קריטיקער ב. קאַרליניוס און ער סודעט זיך מיט דעם רעדאַקטאָר. דער שמועס געדויערט אפשר אַ מינוט — און אַזוי גיך ווי קאַרליניוס האָט פאַרמאַכט די טיר פון יענער זײַט, קלערט מיר פּרילוצקי אויף: אַ רעדאַקציע איז אַזוי ווי אַ קלאַוויר. דער רעדאַקטאָר שפּילט אין דער דאָזיקער קאַפּעליע די ראָלע פון דעם דיריגענט. טאָמער געשעט אַ וויכטיקע טרעפעניש — און מען מוז וועגן דעם שרײַבן — גיט מען אַ קלאַפּ אין דעם ריכ־

טיקן קלאַוויש — און ער ענטפערט. קאַרליניוס איז אַ צד קינסטלערישער קלאַוויש אין אונדזער אָרקעסטער. אָבער דער עיקר איז — ער איז דאָ, און ער ענטפערט תיכּף. אין אַ שעה אַרום וועט ליגן אויף מײַן טיש אַ גוטער אַרטיקל וועגן דוד פרישמאַן ז״ל — צו דער ערשטער יאָרצײַט.

אויב קאַרליניוס איז געווען, אין פּרילוצקיס באַנעם, איין קלאַוויש — האָט אָבער ד״ר זשיטניצקי פּרײַוויליק געשפּילט כּאָטש אויף צען קלאַווישן אין דעם קלאַוויר, וואָס האָט געהייסן „די פּרעסע״.

עס דערמאָנט זיך נאָך אַן עפּיזאָד — אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אייביק שמייכלענדיקן ד״ר זשיטניצקי: איך בין אין יאָר 1938 געווען אין אַרגענטינע אין שליחות פון ווילנער ייִוואָ. האָט זיך אין אַרגענטינע געפירט, אַז יעדער מיטגליד פון דעם ייִוואָ דאַרף אָפּגעבן אַ טאָג צײַט און גיין מיט דעם ייִוואָ־שליח איבער דער גרויסער און לאַנגער גאַס מיט ייִדישע געשעפטן. גייען מיר אַזוי אין איין שיינעם טאָג און קלאַפּן פון טיר צו טיר — זשיטניצקי און איך. דער רעזולטאַט, דערווײַל, זייער ניט גוט. נאָר דאָס אייביק שמייכלענדיקע פּנים פון ד״ר זשיטניצקי שמייכלט. מיר ווילט זיך שוין איבערלאָזן דעם גאַנצן ענין און אַנטלויפן. אָבער נישט בײַ זשיטניצקין. און ער איז געווען גערעכט: די לעצטע טיר האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט און אָפּגעצאָלט פאַר אַלע ביז־איצטיקע אָפּזאָגן.

אַרויסגייענדיק פון דעם נדבן נעמט מיך זשיטניצקי אונטערן אָרעם און ער שמייכלט מיט אַן עקסטראַ־שמייכל: נישט אומזיסט זאָגט מען בײַ אונדז — איין ייִד פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם.

ווו ער, דער שרײַבער פון די 6000 אַרטיקלען, וועט ליגן אין אייביקער רו — זעען מיר. ווייסן מיר אָבער ווו וועלן ליגן אין דער אייביקער רו די צוויי מאָל דרײַ טויזנט אַרטיקלען — ווער ווייסט. זשיטניצקי האָט ליב געהאַט אַר־גענטינע — און ער איז אין דעם זינען געווען אי אַן ענטוזיאַסט פון גלות־אַרגענטינע און האַרציקער ענטוזיאַסט פון דער ישראל־מדינה.

1967

מרדכי חסיד

(אַ פּענפּראָפּיל און אַ בוך־רעצענזיע)

געבוירן 1909 אין סעקרואַן, בעסאַראַביע, געוווינט, שטו־דירט און געלערנט אין אַלערליי סקאַנדינאַווישע לענדער. זינט 1950 לערער אין דער ייִדישער פֿאָלקסשול אין מאָנ־טרעאָל.

אַלץ — אָדער כּמעט אַלץ — אַרום מרדכי חסידן איז מאָדנע. די דאָזיקע מאָדנעקייט (אויב מע קען אַזוי מאָדולירן דאָס וואָרט) — הייבט זיך אָן שוין בײַם נאָמען: חסיד. „חסיד" אידענטיפֿיצירט זיך מיט חסידות. און חסידות — מיט התלהבות. אַפֿילו מיט טאַנץ — און אַוודאי מיט געזאַנג. און דאָס אַלץ מיט אמתער, פּאַרטיפּטער פֿרײלעכקייט. אָבער מרדכי חסידס נאָר־וואָס דער־שינענע לידער־זאַמלונג רופֿט זיך דורות שרײַען מיך אַריבער.

קודם־כּל ביבליאָגראַפֿיע: מ. חסיד — דורות שרײַען מיך אַריבער. הילע און אילוסטראַציעס פֿון בען. אותיות פֿון א. גאָלדבערג. פֿאַרלאַג: פּחד קראַני ורעדה, איוב. — דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פֿון קאַנאַדישן ייִדישן קאָנגרעס. דאָס ווערק האָט באַקומען די י. י. סיגאַל־ליטע־ראַטור־פּרעמיע, געגרינדעט דורך ד״ר הירש און דבורה ראָזענפֿעלד. מאָנ־טרעאָל 1969. דער נאָמען פֿון „פֿאַרלאַג" — ווערטער פֿון איוב — איז אַוודאי מיסטעריעז אָבער פּאָרט צו פֿאַרשטיין. מסתּמא איז דאָס בוך חסידס דאָס ערשטע און דאָס לעצטע, וואָס דערשײַנט אין דעם „פֿאַרלאַג". די צאָל זײַטן 144. די צאָל לידער פֿון דער זאַמלונג — 106. אויב איך האָב נישט געמאַכט קיין טעות בײַם רעכענען. האָבן מיר אויך שוין אַ ביסל סטאַטיסטיק. יאָ, דאָס אַלץ איז צו פֿאַרשטיין. נישט צו פֿאַרשטיין איז דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן בוך. גיכער וואָלט צו דעם בוך געפּאַסט דער נאָמען: „דורות שווײַגן מיך אַרי־בער".

אויף זײַט 29 פֿון חסידס בוך איז דאָ אַ ליד, וואָס רופֿט זיך מיט דעם טיטל פֿון בוך. און אפֿשר פֿאַרקערט: אפֿשר רופֿט זיך דאָס בוך לויט דעם נאָמען פֿון דעם ליד. לאָמיר די דרײַ סטראָפֿן וואָרט אין וואָרט ציטירן:

איך גיי נאָך דעם טאָג.
עקידה־האָלץ איז גרייט אין וואָגן.
דו ווייסט מיך איצטער פֿון זיך, גאָט,
מיט אַלע ווינטן ניט פֿאַריאָגן.

צי פעלן אויס מיר קאָלכאויוונס,
אַז ס'פּײַפן אַרום מיר אַלע צוימען?
עס גייט מיר נאָך אַן עדה ייִדן
און ס'גייט אויך נאָך זייער אַש פון קוימען.

כ'פאַרלאָז מיך אויף מײַן מאָנענדיקן קול
און גרייט מיך ווערן זייער שליח־ציבור.
וואָס שייך זײַן אַ פּורק־עול
אַז דורות שרײַען מיך אַריבער.

אָבער איידער מיר קוקן טיפער אַרײַן אין חסידס בוך — לאָמיר פריִער אַ קוק טאָן אויף דעם שאַפער פון דעם דאָזיקן אָריגינעלן לידערווערק.

ער איז הויכלעך אין וווּקס. אַ באַלעבאַטיש פּנים פון אַ גוט־געשטימטן ערלעכן און רויִקן מענטש. גיכער אַ געפינער — איידער אַ זוכער פון דעם אמת. אַ שטיל פּנים מיט אַ שטילן און אייביקן שמייכל, אָדער האַלבשמייכל, אויב דאָס מענטשלעכע פּנים קען דאָס פּראָדוצירן. ער שווײַגט אַ סך אין אַ געזעלשאַפט. אָבער נישט ווי אַן אײַנגעשפּאַרטער פּרינציפּיעלער שווײַגער. ער שווײַגט, ווײַל ער טראַכט איבער, וואָס ער דאַרף זאָגן אין דעם שמועס פון חברים. ער האָט נישט קיין תּשוקה צו רעדן. ער האָט יאָ אַ תּשוקה צו זאָגן. און לרוב געראָט אים צו זאָגן עפּעס אַנדערשדיקס, אויב שוין נישט נײַס.

ווי דער רוב פּראָפעסיאָנעלע לערערס איז אויך חסיד אַ גוטער רעדנער אויף עפנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן. ער לייענט קיין מאָל נישט זײַנע רעדעס פון אַ כּתב־יד, ער קוקט גלײַך אין פּנים פון פּובליקום און ער רעדט מיט גראַמאַטיקאַליש פּערפעקטע פּסוקים. אין דעם געביט איז ער ממש אַן אוניקום אין אונדזער ליטעראַטור. אַז מיר האָבן געהערט־געזען דעם דאָזיקן אופן פון חסידס עפנטלעכע אַרויסטריטן, האָבן מיר געטראַכט, אַז נישט אַנדערש, נאָר חסיד שרײַבט אויף זײַנע רעדעס בײַם שרײַבטיש און לערנט זיי אויס אויף אויסנווייניק. זיין פענאָמענאַלער זכּרון העלפט אים דערבײַ. אַזוי צי אַזוי — חסיד איז אַ זעלטענע דערשײַנונג אויף דעם אָראַטאָרישן געביט אין אונדזער ליטעראַטור.

און נאָך אַ זעלטנקייט צווישן אונדזערע חברים ייִדיש־שרײַבערס: ער איז אַ קענער פון עטלעכע סקאַנדינאַווישע לשונות. נישט צופעליק. ער האָט די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרבראַכט אין פינלאַנד, שוועדן, נאָר־וועגיע, דענעמאַרק און האָלאַנד. אין דעם זינען אַן אוניקום בײַ אונדז. אַ פענאָ־מען, כּדי וואָר צו מאַכן אויפן געביט פון דער ליטעראַטור שמעון דובנאָווס טיטל פון זײַן לעבנסווערק: די וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. חסיד האָט

אין יאָר 1950 רעפּרעזענטירט אויפֿן „אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס״ אין ניו־יאָרק — די ייִשובים דענעמאַרק און שוועדן, כּדי עס זאָל קלאָר ווערן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ וועלט־ליטעראַטור בזעיר אַנפּין.

און נאָך איין פּענאָמען אַרום מרדכי חסיד: אין יאָר 1937 איז אין ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין דערשינען אַ זאַמלונג פֿון זײַנע דערציילונגען אונטער דעם מאָדנעם טיטל פּאָרמען אין ברען. און דאָ איז געשען דאָס טראַגיש־מיסטישע אַרום דעם פּראָזעבוך: די גאַנצע אויפֿלאַגע איז פֿאַרברענט געוואָרן אין ווילנער געטאָ. חסיד האָט יעמאָלט אַריבערגעשפּאַנט דאָס ערשטע פֿערטל פֿון משה רבינוס יאָרן. און כאָטש ער האָט ליטעראַריש נישט געשוויגן אין די אַלע יאָרן — האָט ער קיין זאַמלונג פֿון זײַנע ווערק ביזן יאָר 1969 נישט אַרויסגעגעבן. און ווי די פּאָרמען אין ברען — וואָלטן פֿאַרברענט אויף יאָרצענדליקער חסידס פּראָזע־טאַלאַנט. דרײַסיק יאָר נאָך דער פֿאַרברענונג פֿון די פּאָרמען אין ברען האָט חסידס צווייטער טאַלאַנט, דער פּאָעטישער, באַקומען אַ תּיקון אין דער זאַמלונג דורות שרײַען מיך אַריבער.

חסיד האָט צו פֿיל בילדונג — אייראָפּעיִשע און ייִדישע, אַז דאָס זאָל נישט דורכדרינגען זײַן ליטעראַריש שאַפֿן. זײַנע לידער זענען נישט גרינג צו פֿאַרשטיין. כּמעט יעדער ליד זײַנס דאַרף מען לייענען שריט בײַ שריט, וואָרט בײַ וואָרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

שוין יאָרן ווי דער שרײַבער פֿון די שורות האָט פֿאַר זיך אָנגענומען אַ כּלל נישט צו ציטירן שורות און סטראָפֿעס אין אַ מאמר וועגן אַ זאַמלונג פֿון פּאָעזיע. ער ציטירט אין אַ רעצענזיע נאָר איין ליד, אָבער דאָס אין עקסטענזאָ. איין גאַנץ ליד — אויב ריכטיק אָפּגעקליבן, גיט אַ גאַנצערן בילד פֿון אַ דיכטערס נוסח און אידעע ווי אַ מנין פֿראַגמענטן פֿון שירים.

נאָר גיי און קלײַב אויס אין 106 לידער דאָס שענסטע און בעסטע ליד, וואָס זאָגט דעם מאַקסימום אין דער בעסטער פֿאָרעם — ריטעם, בילד, געדאַנק און געפֿיל — די אַטריבוטן פֿון אַ פּערפֿעקט ליד.

אַ העברעיִשער דיכטער האָט אַ מאָל געזאָגט: אויף דער וועלט זענען דאָ נאָר צוויי פֿעלקער: ייִדן און גויים. אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער דאָזיקער אידעע איז דאָ אין חסידס לידערגאַנג. נישט חסיד איז שולדיק דערין. די צײַט איז שולדיק, די צײַט אין וועלכער מיר לעבן און שטאַרבן. די צײַט, וואָס האָט טאַקע ממש צעטיילט די מענטשהייט אין צוויי פֿעלקער — ייִדן און גויים.

אָבער די דרײַסטע אידעע פֿון דעם העברעיִשן דיכטער איז פֿאָרט דאָ אין חסידס לידערבוך. זי איז דאָ אין אַ געמילדערטער פֿאָרעם. זי איז דאָ ווי אַ באַ־

גלייט־מאָטיװ, זי איז דאָ װי אַ רויטער פאָדעם, װי אַ אומעטיקער ניגון — פונעם ערשטן ביז צום 106טן ליד פון דער זאַמלונג.

און איצט לאָמיר זוכן אין אַ זאַמלונג פון גוטע, בעסערע, בעסטע לידער דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, און ממילא אין אַ געװיסן זינען דאָס בעסטע, און לאָמיר עס ציטירן אין עקסטענזאָ. און לאָמיר דערבײַ געדענקען כּסדר אַ שורה פון ליד „דורות שרײַען". און די שורה זאָגט: „כ'פאַרלאָז מיך אויף אַ מאָנענדיק קול".

נישט נאָר אין שריפט, נאָר אויך אין טאָן פון רעדן איז דאָ אַ מאָנענדיקער אונטערטאָן אין אַלע חסידס לידער.

אָט איז אַ ליד — ציטירט װאָרט אין װאָרט:

איבערבעטן

עס לעקט מיך מוטערלעך די צונג פון טאָג,
מ'דאַרף אַזוי, װײַזט אויס, מיך איבערבעטן.
מ'רוקט מיר צו אַ שיסעלע פול זון:
— נעם, פאַרזוך נאָר פונעם גרייטן.

איך האַלט מיך אָפּ, װײַל כ'זע
מיט שרעק,
עס פאָלגט מיך נאָך אַ מאָנענדיקע,
אויסגעשטרעקטע האַנט:
— גאָט, װאָס זאָל איך דיר נאָך געבן?
עס בלוטיקט אויס מײַן פּאָלק איצט
אויף דײַן װאָג —
און פינצטער איז מײַן גלייבן.

שפּעט, מסוכן שפּעט
איז דײַן אמת
מיט דיר זיך סתּם אַרומצוקריגן,
חושך, הפקרדיק און אָן אַ זין
איך טו אויך דײַן משקולת
מיט דיר ליגן.

סע נעמט מיך אײַן און לעקט מיך צאַרט
די מוטערלעכע צונג פון טאָג.
(מ'דאַרף אַזוי, זעט אויס, מיך איבערבעטן)

— וואָס רײַסטו זיך, מײַן זון פון גאָט,
האָסט דען אַ צווייטן ?

און אַ גוט וואָרט, צום סוף, פאַר דעם מאָלער בען פון פאַריז, וואָס האָט אילוסטרירט דאָס חסיד־בוך. ער האָט עס אילוסטרירט מיט צייכענונגען אין דינע ליניעס, דינע — ווי שטראַלן. אָט אָ די דינקייט איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך, אפשר אַלע, לידער פון מרדכי חסיד.

1969

אַ. טאַבאַטשניק

געבוירן אין יאָר 1901 אין אַ דאָרף לעבן מאָהילעוו. זינט 1921 אין אַמעריקע. זינט 1941 מיטאַרבעטער פון „איטאַ" — ייִדישע טעלעגראַפן־אַגענטור. אַוועק פון דער וועלט 14טן יוני 1970.

(טײלן פון דעם פּראָפיל געשריבן אין יאָר 1957).

אַברהם טאַבאַטשניקן קען מען אין דער ליטעראַטור בלויז ווי „אַ. טאַבאַטש־ניק". אָבער איך האָב ליב פולע נעמען, דער עיקר האָב איך ליב דעם נאָמען אַברהם. אין מײַן געמיט האָט ער עפּעס דאָרפישעס אין זיך. אפשר דערפאַר ווײַל אַלע מײַנע פעטערס, וואָס האָבן געהייסן אַברהם זענען געווען ייִשובניקעס. און אויך אַ. טאַבאַטשניק, דער ראַפינירטער פּאָעט און נאָך מער ראַפינירטער פּאָעזיע־קענער האָט, בײַ דער גאַנצער ראַפינירטקייט, עפּעס דאָרפישעס אין זיך. קורץ — עפּעס אַברהמישס...

אַ. טאַבאַטשניק איז בדרך־כּלל אַ שווײַגער. קוקט מיט אַ קײַלעכדיק און לײַדנשאַפטלעך פּנים און אָבסערווירט — אַפילו אַ הימל — מיט חשד. דאָרפיש. און — אַלץ אין זײַן פּנים איז פּרי־האַרבסטיק, גאָרטנדיק, — עפּל־באַרן־פלוימען־גאָרטנדיק פול, זאַפטיק און צײַטיק. דאָס מויל, די נאָז, די פולע, גלאַנציקע אויגן, די צעוואַקסענע ברעמען איבער די אויגן. קוקט ער און ער שווײַגט און מען מיינט, אַז ער וועט קיין מאָל נישט אָנהייבן צו רעדן. נאָר אַז ער צערעדט זיך — צערעדט ער זיך אַלע מאָל — יעדן פאַלס ווי אָפט מיר איז אויסגעקומען אים צו זען — וועגן פּאָעזיע, און אָפּשטעלן איז שוין שווער. און עס ווילט זיך גאָרנישט אָפּשטעלן — ווײַל עס איז טשיקאַווע, עס איז זייער טשיקאַווע.

שוין יאָרן לאַנג ווי טאַבאַטשניק אַרבעט — אין ציווילן באַרוף, אַזוי צו זאָגן — אין דער ייִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור. און — אַזוי גיך ער טוט אויס יענע אַרבעטסקליידער און לייגט אַוועק יענע פען, וואָס איז אָפט מאָל געטונקען אין תּהום פון ייִדישן צער און וועלט־צער בכלל, יעדן פאַלס אין טאָג, אין דער שעה, אין דער הייסער מינוט — איז ער תּיכף ראשו ורובו אין דעם בלויען ים פון דער פּאָעזיע. מיר דאַכט זיך, אַז קיינער פון די ייִדישע פּאָעטן איז אַזוי נישט אַרײַנגעטון אין דער ליבשאַפט צו פּאָעזיע, ווי טאַבאַטשניק. קיינער ברענגט נישט אַזעלכע קרבנות פאַר דעם, ווי ער — קודם־כּל זיך אַליין. זײַן אייגן ליד. און ער שרײַבט דאָך אַזוי ערשטקלאַסיק. און אַפילו אין די לידער אַליין שרײַבט ער ערשט וועגן אַנדערע דיכטער. איינע פון זײַנע זאַמלונגען רופט זיך טאַקע „דיכטער און דיכטונג", זענען דאָרט דאָ לידער וועגן מאָריס ראָזענפעלד און יוסף ראָלניק און אַברהם משה דילאָן און מאַני לייב און זישאָ

לאַנדוי און אַבאַ שטאָלצענבערג און חיים נחמן ביאַליק. די לידער וועגן ביאַליק און ראָזענפעלד זענען ממש פונדאַמענטאַלע.

אין זײַן זאַמלונג „אין שייד" — האָט ער אַ ליד „דער עסטעט רעדט צו להכעיס" — איז דער להכעיס קעגן דער וואַרשעווער אַמאָליקער „כאַליאַסטרע"־גרופּע פון פּאָעטן. רעדט ער דאָרט וועגן מאַרקישן און גרינבערגן, און אַפילו מיך דערמאָנט ער אין גראַמען. דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טאַבאַטש־ניקן, וואָס דו קענסט קיין מאָל נישט אַרויסקריגן פון אים אַ דעפיניטיוון אַרויס־זאָג צי האַלט ער פון דער עסטעטישער, אָדער צי האַלט ער פון דער עטישער שיטה אין דער פּאָעזיע. גיכער פון אַלץ האַלט ער — פון אַ סינטעטישן צוגאַנג. און ווי קען עס דען אַנדערש זײַן בײַ אײנעם, וואָס האַלט אַזוי שטאַרק פון זישאַ לאַנדוי — דעם עסטעטיקער פאַר עקסעלאַנס.

עטלעכע קלײנע ביכער וועגן פּאָעטן יחידים האָט טאַבאַטשניק אַרויסגע־געבן: וועגן זישאַ לאַנדוי און וועגן אַבאַ שטאָלצנבערג און מאיר שטיקער — זענען דאָס ממש געשליפענע קרישטאָל־כּוסות פול מיט באַגײַסטערטער און אינפאָרמאַטיווער און באַלערנדיקער פּאָעזיע אין פּראָזע — און דער עיקר וועגן די „יונגע". קײנער קען זיי נישט אַזוי באַרעדן און באַשרײַבן ווי ער. דאָ אַנומלט האָב איך געהערט ווי טאַבאַטשניק האָט זיך אויף אַ געדענק־אָונט נאָך זישאַ לאַנדוי צערעדט וועגן אים — העכער און העכער און העכער ביז ער אַליין איז געפלויגן, און אַלע עטלעכע צענדליק אירע אין זאַל האָבן דערפילט ווי די שטולן אונטער זיי הייבן זיך אָן צו וויגן און הייבן זיך אויף. יעדן פאַלס האָב איך געהאַט אַזאַ געפיל.

אײן מאָל גײען מיר אַזוי, טאַבאַטשניק און איך, אויף אײנער פון די רוישיקע ניו־יאָרקער גאַסן, שווימען ווי אין מיטן שטראָם פון אַ טײַך מיט ברעגעס הויכע, פּערציק־שטאָקיקע הײַזער. פּלוצלינג כאַפּט מיך טאַבאַטשניק אָן בײַ די לאַצן פון מאַנטל, שטעלט מיך אָפּ און מיט דער גאַנצער התלהבות פון זײַן קײַלעכ־דיק פול פּנים מיט די בלישטשענדיקע אויגן — שרײַט ער ממש איבער דעם טומל פון גאַנץ ניו־יאָרק: — און ווער וואָלט זיך גערעכנט אַז אײנער פון די גאָר גרויסע פּאָעטן, — אין וועלכער נישט איז שפּראַך פון דעם דאָזיקן לאַנד, איז אַ ייִדישער פּאָעט, וואָס שרײַבט ייִדיש: ה. לייוויק — —

אין זײַן באַגײַסטערונג פאַר פּאָעזיע האָט אַ. טאַבאַטשניק פּאָרטראַכט אַ פּלאַן פון אַ לעבעדיקער גערעדטער אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע פּאָעטן. ער אינ־טערוויוירט זיי און זיי ענטפערן, און אַ מאַשין פאַרצייכנט אויף אַן עלעקטראָ־נישן באַנד יעדעס וואָרט, יעדן טאָן און שפּעטער לײענט יעדער פּאָעט זײַן אײ־גענעם לידער־אויסקלײַב. דאָס גאַנצע דאַרף אויך אַרויס אין אַ בוך. אײניקע פון די אינטערוויוען זענען שוין געוווען געדרוקט. לעיעלעס האָט דעם אינטער־

וויו געגוצט ווי אַ הקדמה צו זײַן בוך „בײַם פּוס פון באַרג״. טאַבאַטשניק האָט צוליב דער דאָזיקער „שטים פון ייִדישן פּאָעט״ זיך אײַנגעשאַפּט פון זײַנע קאַרגע מיטלען צוויי רעקאָרדיר־מאַשינען און ער איז אַ גאַנצער מעכאַניקער אַרום זיי. אַפּט — זאָגט ער מיר — שטעלט ער אָן די דאָזיקע לעבעדיקע אַנטאָלאָגיע און נעכט לאַנגע קען ער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל הערן „די שטים פון ייִדישן פּאָעט״. שוין עטלעכע און צוואַנציק אַזעלכע שטימען האָט ער אָנגעזאַמלט.

אָבער פּאַר וואָס שטעלט טאַבאַטשניק בכלל נישט צונויף אַנטאָלאָגיעס אין אונדזער אַנטאָלאָגיע־מידבר — מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר „אָאַזיסן?״ און פּאַר וואָס גיט ער נישט אַרויס אויסשעפּיקע זאַמלונגען פון זײַנע אויסשעפּיקע ליטעראַרישע עסייען?

אַ קליינער, ריין פּערזענלעכער אינטערמעצאָ: סוף יאָר 1956, ניו־יאָרק, פּענקלוב־פּאַרזאַמלונג; איך דערצייל וועגן מײַנע לעצטע רײַזעס, וועגן ישראל, וועגן פּוילן, מערב־אייראָפּע, פּענקאָנגרעס. און מען האָט צו מיר אַלערליי טענות — אַפילו פּאָליטישע. אויך טאַבאַטשניק נעמט אַ וואָרט און ער זאָגט: טענות — נישט טענות — דער עיקר איז דאָך די פּאָעזיע, און ער לייענט אָן עסיי וועגן די לידער פון מײַן ווייניקייט. מיר איז אַזש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און אין דער זעלבער צײַט האָב איך כסדר געפילט אין די אויגן אַ געפיל פון טרערן פון דאַנקבאַרקייט צו אַברהמען. זײַט זשע מוחל דעם אינטערמעצאָ — ער כאַראַקטעריזירט נישט מיך — ער כאַראַקטעריזירט טאַבאַטשניקן. דאָס איז געווען די כוונה.

אין איין שיינעם, וואָכעדיק־ווינטערדיקן טאָג בין איך בײַ טאַבאַטשניקן אין דער דירה, — אין אַ פּאָלקס־וווינגעגנט אויפן זעקסטן גאָרן. קליינע צימערלעך, פּאַקפּולע מיט ביכער וועגן און פון פּאָעזיע און מיט בילדער פון טאַבאַטשניקס טאָכטער, דער מאָלערין. אויך דעם טאַטנס פּאָרטרעטן — גוט באַנומען און אויסגעפירט.

די גוטע פּרוי טאַבאַטשניק — שטילערהייט, אויך ווי איר מאַן פּאַרליבט אין פּאָעזיע און גוטמוטיק צו פּאָעטן — גרייט אַ וואַרעמעס מיט היימישע פּאַדאָלישע וואַרעניקעס מיט בולבעס און מיט קעז. זיצן מיר בײַם טיש און טאַבאַטשניק צערעדט זיך גראָד און וועגן דער גרופּע „פּײַלן״, ווו ער איז געווען דער הויפּט־בויגנציער און זײַנע מיטהעלפערס די גוטע פּאָעטן מאיר שטיקער און בעריש ווײַנשטיין און אַבאַ שטאָלצנבערג — און איך עס מיר מײַנע וואַרעניקעס און די אַנדערע טישזיצערס זייערע. פּלוצלינג כאַפּט זיך אַברהם, אַז זײַן טעלער איז ליידיק... און ער מאָנט בײַ זײַן גוטער פּרוי יושר. דערמאָנט זי

אים, אַז אַ טוץ אַן ערך האָט ער שוין געהאַט, אָבער ער האָט מיט אַזאַ התלהבות גערעדט, אַז די וואַרעניקעס זענען ממש פֿאַרברענט געוואָרן אונטער זײַן גאָפּל, אַזוי ווי בײַ יענע געסט־מלאָכים פֿון זײַן גרויסן נאָמען־זיידן אַברהם אָבינו...

און אָט אַזוי לאָמיר פֿאַרענדיקן דעם אינטימען פּענפּראָפֿיל פֿון אַן ענטוזיאַסט־קריטיקער און פּאָעט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

1971

באָריס טאָמאַשעווסקי

געבוירן 1866 אין אַ שטעטל אין קיִעווער גובערניע. 1881 געקומען קיין ניו־יאָרק, רײַזעס איבער אייראָפּע, דרום־אַמעריקע. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק האַרבסט 1939.

וואָס פאַר אַ שײַכות איך האָב צו באָריס טאָמאַשעווסקי? קיין שום שײַכות נישט. אָבער אַ פּאָר מאָל אין לעבן איז עס מיר אויסגעקומען אים צו טרעפן און דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם. טאָמאַשעווסקי איז געווען אַן אַקטיאָר און אַ שרײַבער פון שונדפּיעסעס און פּאַרפאָסער פון זינגלידער און אַ דירעקטאָר פון יידישע טעאַטערס און צענדליקער יאָרן לאַנג איז זײַן נאָמען אַרומגעשווומען אין דער יידישער פּרעסע און נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט.

ווען עמעץ וואָלט געמאַכט אַ סך־הכּל פון דעם קוואַנטום רייד, וואָס באָריס טאָמאַשעווסקי האָט גערעדט צום יידישן פאָלק און דעם קוואַנטום רייד וואָס, לאָמיר זאָגן, יצחק לייבוש פּרץ האָט גערעדט צום יידישן פאָלק, וואָלט אויסגעקומען, אַז טאָמאַשעווסקי האָט דירעקט און אומדירעקט גערעדט אַ סך מאָל מער. און אַז ער האָט געקענט אַזוי פיל רעדן צו דעם פאָלק, איז דאָך אַ סימן, אַז עס זענען געווען אַזוי פיל, וואָס האָבן אים ווילן געהערט און געזען, וואָרעם בײַ די לאַצן און בײַ די קאָלנערס האָט ער דאָך די יידן צו זיך נישט געשלעפּט. און אויב אַזוי — איז ווער זשע איז דאָס יידישע פאָלק? וואָרעם ווער טאָמאַשעווסקי איז געווען, דאַרף מען נישט פרעגן, דאָס ווייסט מען. אָבער די מעדיטאַציעס געהערן נישט דירעקט צום ענין. לאָמיר זיי לאָזן.

דאָס איז געווען גוטע עטלעכע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און געווען איז עס אין לעמבערג, און לעמבערג איז געווען איינע פון די בעסטע יידישע טעאַטער־שטעט. און איך האָב דעמאָלט געוווינט אין לעמבערג און יעדער פענאָמען אין וועלכן עס איז געווען אַרײַנגעמישט דאָס יידישע וואָרט האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. דאָס איז געווען מײַן וועלט, קיין אַנדערע האָב איך נישט געוואָלט זען. גיין אין יידישן טעאַטער איז פאַר מיר דעמאָלט געווען יעדעס מאָל אַ גרויסע איבערלעבונג. און אָט איז געקומען באָריס טאָמאַשעווסקי און שפּילן וועט ער נישט מער און נישט ווייניקער נאָר האַמלעט. און אַ ייִד אַ ריז איז ער געווען — מיט הענט, מיט אַ בויך און מיט אַ שטים פון אַ שמשון הגיבור — אויב ער וואָלט נישט געווען קיין ביבלישער העלד, נאָר אַן אַמעריקאַנער אַלרײַטניק. טאַלאַנט צום שפּילן האָט ער געהאַט, און דער עיקר, ער האָט באַהערשט די בינע מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַלע איבעריקע שוי־

שפּילערס זענען נעבעך פֿאַרשוווּנדן געוואָרן ממש, ער האָט זיי צוגעדעקט מיט זײַן געשטאַלט און אין גאַנצן פֿאַרדונערט מיט זײַן שטים.

און איך האָב געזען דאָס אַלץ און געליטן. מײַן שרײַבערישע קאַריערע האָב איך אָנגעהויבן מיט טעאַטער־רעצענזיעס אין אַ קראָקעווער ייִדישער צײַטונג און מיט הייליקן ברען האָב איך געשריבן מײַן רעצענזיע וועגן אָט דער פֿאַרשטעלונג און זיך אָנגענומען פֿאַר האַמלעטן און פֿאַר שעקספּירן און פֿאַר דעם ייִדישן וואָרט און פֿאַר דער קונסט בכלל. אויף צו מאָרגנס נאָך האַמלעט האָט שוין טאָמאַשעווסקי געשפּילט „דאָס פּינטעלע ייִד"... אין מײַן נשמה איז געווען ממש אַ ריס. דער ערשטער, אָבער נישט דער לעצטער. די פֿילאָסאָפֿיע פֿון שונד האָב איך נאָך דעמאָלט נישט פֿאַרשטאַנען און אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז נישט דאָס אויסגעחלומטע עם־הספר האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. אין קאַפּע „אָוואַציע", ווו אַקטיאָרן און שרײַבערס פֿלעגן זיך דעמאָלט צונויפֿקומען אין לעמבערג, האָט מען מיך אַ מאָל געוואָלט פֿאַרשטעלן טאָמאַשעווסקין, אָבער ווי אַ קינד האָב איך מיך פּשוט ארויסגעריסן און אַנטלאָפֿן.

און אין 1934סטן יאָר האָב איך געטראָפֿן ווידער דעם שוין דעמאָלט כּמעט זיבעציק־יאָריקן טאָמאַשעווסקין. דאָס איז געווען אין ניו־יאָרק. דעמאָלט האָב איך שוין גוט פֿאַרשטאַנען די פֿילאָסאָפֿיע פֿון שונד און אויך שוין געוווּסט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז נישט קיין עם־הספר און דאָך — — עס איז דאָס עם־הספר, דאָס עם־הספר־תּורה. הערט: פֿרײַנד האָבן מיך אײַנגעלאַדן אין אַ לוקסוריעזן נאַכטלאָקאַל אויפֿן „גרויסן ווײַסן וועג" אויף בראָדוויי. דער „סטאַר" פֿון דעם לאָקאַל איז געווען אַ לירישער זינגער מיטן נאָמען רודי וואַלעי. יעדע וואָך פֿלעגט מען אין יענעם לאָקאַל אײַנלאַדן אַן אַמאָליקן טעאַטער־שטערן אויף אַן אויפֿטריט. אַזאַ טראַדיציע געווען. און פּונקט אין יענער נאַכט האָט מען אײַנגעלאַדן... באָריס טאָמאַשעווסקין.

אַזוי ווי איך בין געווען אין געזעלשאַפֿט פֿון זשורנאַליסטן, האָט ער זיך צוגעזעצט צו אונדזער טיש. מען שטעלט מיך פֿאָר און ווי איבערראַשט בין איך אויסצוגעפֿינען, אַז ער קען מײַן נאָמען. דאָס איז געווען צוליב דעם, ווײַל איך בין בשעת יענעם באַזוך אין אַמעריקע צוליב עפּעס אַ צופֿאַל, אָדער אַ קאַפּריז פֿון רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס" געשטאַנען אין זײַנע לאַסקעס און ער האָט מיר געגעבן אַ סך „פּובליסיטי". און פּובליסיטי איז געווען די איינציקע מאָס מיט וועלכער טאָמאַשעווסקי האָט געמאָסטן מענטשן און דער „פֿאָרווערטס", דאָס איינציקע געדרוקטע, וואָס ער האָט געלייענט. נו, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו מיר ווי ער וואָלט מיך שוין יאָרן לאַנג געקענט און באַלד געוואָלט באַשטעלן בײַ מיר אַ פּיעסע, נאָר איידער ער האָט באַשטעלט בײַ מיר די פּיעסע... האָט מען אים אַ רוף געטון צום אויפֿטריט און ער האָט געזונגען און דעקלאַמירט, אויסגעמישט „אֵלי, אֵלי" מיטן מאָנאָלאָג פֿון האַמלעט, וואָס

איך האָב נאָך געקענט פון לעמבערג, „זײַן אָדער נישט זײַן" און אַזוי גיך ער האָט געענדיקט, די מינוטן זענען געציילטע אין אַן אַמעריקאַנער קאַבאַרעט, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ קליין פּאַפּירן מיניאַטור ספר־תּורהלע און עס דערלאַנגט אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון נאַקעטע טענצערינס און אויסגע־שמירטע בוף־קאָמיקערס דעם „סטאַר" רודי וואַלעין אַלס מתּנה און אַלס אַמור־לעט קעגן בינע־דורכפאַלן. וואַלעי האָט זיך מיט אים געקושט און אים גע־דאַנקט און אים אָנגערופן „לייב פון טעאַטער פון דער איסט־סײַד" און האָט באַלד אַ גראַציעזן וואָרף געטון זײַן נײַעם אַמולעט דעם גאַרדעראָביער און די שפּיל איז ווײַטער אָנגעגאַנגען. טריומפירנדיק האָט זיך דער „לייב" ווידער צוגעזעצט צו אונדזער טישל און געסאָפּעט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. זײַנע גרויסע, אַרויסשטייענדיקע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט אַ הײַטל. הינטער דעם הײַטל, ווי הינטער אַ בינע־פאָרהאַנג, איז שוין געווען די סצענע פון יענער־וועלט.

אין יאָר 1939. האַרבסט. שווײַגנדיק קומט ער יעדן טאָג אין קאַפע „ראָיאַל". ער איז שוין שטאַרק קראַנק, כאָטש ער שפּילט נאָך. לעבן לעבט ער שוין נישט. מען גייט נישט צו צו אים. נישטאָ וואָס צו רעדן. ער גייט איבער דער גאַס, זײַן גאַס, זײַן קעניגרײַך פון צענדליקער יאָרן. אַ ריז, אָבער קיינער זעט אים נישט מער. אַ פּאָר טעג פעלט ער אין קאַפע און אָט איז שוין די לוויה. זײַן וועלט איז שוין זינט יאָרן דרײַפּערטל אויף יענער־וועלט און די לוויה אַ קליינע. צען מינוט שפּעטער האָט זי די גאַס שוין פאַרגעסן.

אַברהם טייטלבוים

געבוירן דעם 1טן מאַרץ 1889 אין וואַרשע, זינט 1919 לרוב אין אַמעריקע. רײַזעס איבער גאַנץ אייראָפּע, דרום־אַמע־ריקע, ארץ־ישראל. געשטאָרבן דאָנערשטיק, דעם 16טן אָקטאָבער 1947.

אַברהם טייטלבוים איז זינט דעם יאָר 1907, זינט זײַן זיבעצטן לעבנסיאָר, פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער און דאָס איז נישט קיין צופעליקע דאַטע. דאָס איז דאָס יאָר פון גרויסן פּרץ־חלום וועגן טעאַטער בײַ יידן, גרויסטעאַטער בײַ יידן, נײַ־טעאַטער בײַ יידן, דאָס יאָר פון זײַן גאָלדענער קייט אין איר דריטן און לעצטן טעאַטראַלישן לבוש, דאָס יאָר פון רב שלמהלעס גרויסן מאָנאָלאָג. דאָס יאָר פון בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק. זיבן יאָר האָט פּרץ — דאָן־קיכאָטיש — ביז זײַן טויט, זײַן גרויסן חלום געטראָגן און אין ערגעץ נישט דערטראָגן. אַנדערע האָבן דעם חלום ווײַטער געטראָגן, די ל״ו־צדיקים פון יידישן טעאַטער, די געהיימעניששפּולע וואַסער־טרעגערס, וואָס טראָגן און טראָגן וואַסער און גיסן עס אין דער פּוסטקייט אַרײַן, די כּישוף־טרעגערס וואַקסן נישט אויף. איינער פון די ל״ו־צדיקים — ניין, זיי זענען מער, אַ סך מער, זיי זענען ש״ס — 360 — איז דער שוישפּילער און שרײַבער אַברהם טייטלבוים.

אַלץ איז צוגעגרייט: די דראַמעס זענען דאָ לרוב און דער שטאָף פאַר די דראַמעס איז נאָך מער — אַ קלייניקייט, די יידישע דרײַטויזנט־יאָריקע נעכטנס און די טויזנטער דראַמאַטישע יידישע געשטאַלטן — און טעאַטערס זענען דאָ לרוב איבער גאָר דער וועלט, וואָס שפּילן יידיש, שוין זינט אַ האַלב יאָרטויזנט, זינט די שפּילמענער אָן, און אַקטיאָרן זענען דאָ אין מאַסן, און פּובליקום איז דאָ און דאָ, עס שעפּט זיך גאָרנישט אויס — און פּרצעס טעאַטער־חלום הענגט נאָך אַלץ אין דער לופטן ווי אַ הענגענדיקער גאָרטן, ווייניקער און מער ווי דאָס אַפילו, ווי אַ מיראַזש פון אַן אָאַזיס אין דער מידבר, אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ.

אין פּוילן, אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע איז מיר אויסגעקומען צו באַגע־גענען זיך מיט אַברהם טייטלבוימען. און אַלע מאָל איז אים געווען טראַגיש צום געמיט. שאָטנס גייען אים נאָך — שאָטנס לויפן פאָרויס. עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז דו זעסט אַ מענטשן אין אַ שטוב, וואָס צוויי ליכטער פאַלן אויף אים — און צוויי שאָטנס פון אים... הינטער אַברהם טייטלבוימען איז געווען די פּרץ־גע־שטאַלט אין איר טעאַטראַלישן גילגול, און דאָס האָט אים צום שטאַרקסטן אין פּרצן אינטערעסירט, און פאַר אים איז געווען דאָס ליכט פון חלום צו פאַר־ווירקלעכן אַ מאָל, כאָטש טיילווײַז, כאָטש אויף אַ צײַט פּרצעס טעאַטער־אידעען.

ער באַלאַנגט נישט צו די ריזן פון יידישן טעאַטער און ער ווייסט עס. ער

װײסט, אַז ער קען שפּילן קרױנראָלעס, אָבער ער קען נישט אױסנעמען אין זײ. ער קען נישט אָנרײַסן אין זײ. און אין ראָלעס פֿון דער צװײטער מדרגה קען מען נישט באַװירקן דעם גאַנג פֿון ייִדישן טעאַטער, פֿון קײן שום טעאַטער אפֿשר נישט. איך קען נישט געבוי זײַן גאַנצע טעאַטער־געשיכטע. נאָר אײן מאָל האָב איך געזען טײטלבױמען שפּילן און אױסנעמען אין אַ קרױנראָלע, עס איז געװען אין װאַרשע, אין יאָר 1928. ער האָט געשפּילט אָ׳נעלס „תּאַװה אונטער די אולם־בײמער". זײַן פּאַרטנערין איז געװען מרים אָרלעסקאָ, די עקסצענטרישע שױשפּילערין, די פֿרוי, פֿון צענדליקער יאָרן, פֿון איר עלטערן טעאַטער־דירעקטאָר מרדכי מאַזע, די װאַרשעװער סטודענטין, װאָס ער, טײטלבױם, איז אין די יונגע יאָרן צו איר נישט גלײַכגילטיק געװען, און אַלץ צוזאַמען אַזױ ענלעך אין לעבן װי אױף דער בינע אין אָט דעם שטיק, נאָר טײטלבױם שפּילט נאָר די ראָלע פֿון דעם אײפּערזיכטיקן אַלטן אין דער טראַגעדיע... און דעמאָלט האָט ער געשפּילט מיט דער גאַנצער קראַפֿט. נאָר דאָס שטיק האָט זיך לאַנג נישט געקענט האַלטן, אַפֿילו אין װאַרשע, װוּ פּיעסעס זענען געגאַנגען ביז אַ האַלב טױזנט מאָל. צו פֿרעמד איז געװען די אַמעריקאַניש־גױיִשע סבֿיבֿה פֿון דעם שטיק און דעם גרױסן עולם האָט עס נישט געקענט אַזױ נעמען װי אַ שס „קידוש־השם" אָדער „מאָטקע גנבֿ".

ער איז אַ שײנער, אַבֿרהם טײטלבױם, זײַן פּנים — דאָס פּנים פֿון אַן אידעאַליסטישן ייִדישן אינטעליגענט פֿון פּױלן. אַלץ איז דאָ אײדל, קלאַסיש, נאָרמאַל, אַזױ נאָרמאַל, אַז שיִער נישט באַנאַל. טונקל די האָר, נאַטירלעך, אַ ביסל ייִדישלעך די שטריכן, אָבער נישט צו סעמיטיש, און דער עיקר נאָרמאַל און אײדל, מאַלערס האָבן אַזאַ פּנים פּײַנט, עס האָט נישט קײן זיגזאַגן, נישטאָ װאָס צו מאָלן, און אױך איך האָב דאָ גאָרנישט װאָס צו זאָגן. פֿאָטאָגראַפֿן האָבן אַזאַ פּנים ליב. דאָס בילד איז אַלע מאָל געלונגען. מען דאַרף גאָרנישט פּאַרדעקן, גאָרנישט אונטערשטרײַכן, װי אַזױ דו פֿאָטאָגראַפֿירסט איז גוט, און פֿאַר אַן אַקטיאָר איז אַזאַ פּנים נישט קײן גוטס, סײַדן פֿאַר ליבהאָבער־ראָלעס, זײַטיקע, צװײטע. און טײטלבױם שפּילט דװקא גערן ראָלעס פֿון אַלטע, װײַל ער קען טעאַטער, ער איז דאָך אײנער פֿון די בעסטע טעאַטראָלאָגן אין ייִדיש. ער שרײַבט אַ ים װעגן טעאַטער. ער לעבט זיך אױס אױף דער פּאַפּירענער בריק, אױבֿ גאָט באַשערט נישט דאָס אױסלעבן זיך אױף דער הילצערנער טעאַטער־בריק אין דער פֿולער מאָס. מאַכט זיך אַ מאָל, אַז אַן אַקטיאָר שרײַבט אַן אַ בוך, אָבער טײטלבױם שרײַבט דרײַ. דאָס לעצטע — אַ בוך װעגן שעקספּירן.

ניו־יאָרק 1939. באַגעגעניש אין קאַפֿע „ראָיאַל". טײטלבױם װיל דװקא פֿאַרברענגען אַ ספּעציעלן גאַנצן אָװנט מיט מיר, אױג אױף אױג. דער אײביקער שמײכל פֿון זײַן פּנים, אַ שמײכל פֿול מיט אײדלקײט און קולטור, װי אײראָפּע פֿון פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה... איז שױן אַ ביסל אָנגעבראָכן, אַ ביסל

געקינצלט. אין מיַין אומקענטשאַפט פון מענטשן האָב איך חושד געווען, אַז טייטלבוים דאַרף עפּעס אַ טובה פון מיר, אָבער די איינציקע טובה, וואָס ער האָט פון מיר געדאַרפט, איז געווען, אַז איך זאָל רעדן מיט אים וועגן וואַרשע, וועגן אַ מאָל, אַ מאָל, וועגן דעם אַמאָל, וואָס איז אויף אייביק אַוועק, און דעם אַמאָל, וואָס וועט קיין מאָל מער נישט קומען... אַן אָוונט שפּעטער האָב איך טייטלבוימען געזען אין אַ מאָריס שוואַרצישער באַאַרבעטונג פון שלום־עליכמס „פאַרכּישופטן שניַידער". ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ ציוניסטישן מנהיג גאָר מיט אַ שיינער באָרד און אַ מגן־דוד אויף דעם האַרץ און געציילטע ווער־טער, פראָזע אָן כאַראַקטער און דאַכט זיך, אַז אַ טענצל אויך... און אַ טענצל איז טאָפּלט שווער געווען, וויַיל דער אַ ביסל פּעטליַיביקער איז אויך געווען האַרץ־קראַנק.

מאָנטרעאָל, 1945. באַגעגעניש אין דער יִדישער ביבליאָטעק, שפּאַציר אויף די גרינע פעלדער אַנטקעגן דעם ליַיכטנדיקן צען־שטאָקיקן צלם. טייטלבוים איז בלאַס און מאַט. פון שמייכל אויף זיַין פּנים — אַ שאָטן בלויז, פון אַמאָליקן חלום אַפילו קיין חלום נישט געבליבן. ער דערציילט מיר, אַז ערשט נישט לאַנג האָט ער געשלאָסן אַ צווייטע לעבנס־פאַרבינדונג און ערשט איצט האָט ער דערזען די אַמאָליקע וואַרשעווער שיינקייט אין פולן ליכט און ער וועט זיך איצט לאַנג, לאַנג און שטיל און צוריקגעצויגן אויסלעבן אין זיַין חלום. טעאַטער און חלום איז דאָך איינס.

י. ל. טעלער

געבוירן 1912 אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. אין ניו־יאָרק זינט 1921. דעביוטירט אַלס דיכטער אין 1929. מערערע אייראָ־פּעיִשע רײַזעס אַלס רעפּאָרטער פון ניו־יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל". מחבר פון דרײַ לידער־זאַמלונגען. געשטאָרבן יוני 1972.

ווען די ווערטער ווערן געשריבן איז יהודה לייב טעלער, דער דיכטער און זשורנאַליסט, אָדער זשורנאַליסט און דיכטער, נאָך קיין זיין און צוואַנציק יאָר נישט אַלט. דאָס איז אַן אומגלייבלעכע יונגשאַפט אין דער צײַט, ווען אַ „ליאַדע יִינגל איז אַלט פופציק יאָר און מען פּראַוועט אים אַ יובל"... (דאָס וואָרט איז נישט מײַנס, עס איז צו גוט, און אַזוי ווי איך ווייס נישט וועמעס עס איז, און ער וועט נישט וויסן, אַז איך האָב אים דאָ ציטירט, וועט עס אונדז ביידע נישט שאַטן). יאָ, 28 יאָר איז אַן אומגלייבלעכע עלטער פאַר אַ יידישן דיכטער און זשורנאַליסט אין אַמעריקע, וואָס שרײַבט ייִדיש אין יאָר 1941. דאָס איז ממש אַ פאַרדינסט און טאָפּלט אַ פאַרדינסט דערפאַר ווײַל טעלער איז אַ גאַליציאַנער און גאַליציאַנער האָבן שוין בטבע, פון דער נאַטור, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין צו שטאַרקע באַציִונג צו ייִדיש.

אין די ווײַטע אימיגראַציע־לענדער פון מעבר־לים זענען הײַנט צו טאָג פאַראַנען דרײַ טיפּן ייִדן: אַלטהיימישע, וואָס ווילן זיך קיין מאָל נישט אַסי־מילירן, דער דור המידבר, אַזוי צו זאָגן. ווײַטער גייען די כמעט געבוירענע אין דעם נײַעם לאַנד, אַזעלכע, וואָס האָבן דאָ באַזוכט די שולעס, באַהערשן פּער־פעקט די לאַנדשפּראַך, רעדן אָן אַן אַקצענט און — דער אויסוואַל איז זייערער, זיי קענען צושטיין צו די אַלטהיימישע און קענען אויך צושטיין צו די מעבר־לים געבוירענע. די דריטע זענען די אין די אימיגראַציע־לענדער געבוירענע. דער ערשטער דור — זײַן באַשטימונג אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע איז נאָך נישט אין גאַנצן קלאָר. עס הענגט אָפּ דערפון, צי וועט קענען פאַר דעם דור געפונען ווערן אַ ריכטיקע פילאָסאָפיע לויט וועלכער ער וועט קענען און וועלן בלײַבן ייִדיש.

אונדזער י. ל. טעלער געהערט צו די כמעט געבוירענע... אין דעם נײַעם לאַנד. דער אויסוואַל איז זײַנער און ער האָט אויסגעקליבן צוצושטיין צו דער אַלטהיימישער וועלט. זיכער האָט ער געקענט פּונקט אַזוי שרײַבן ייִדיש ווי ענגליש — און ער האָט אויסגעקליבן ייִדיש. איז דאָס אַ פאַרדינסט, איז דאָס אַ העראָיִזם? קומט דערפאַר אַ קניפּ אין בעקל, קומט דערפאַר אַ מעדאַל? ביידע נישט. נאָר דאָס איז אַ סימן פון אַ גאַנצן אינערלעכן מענטש, ווען אַזאַ, וואָס

דער אויסוואַל איז זײַנער, קלײַבט אויס דעם אַלטהײמישן וועג. דאָס איז אַ סימן פֿון געוויסנהאַפֿטיקייט אין נאַציאָנאַלן זינען, און ווער עס איז געוויסנהאַפֿט אין אײן זינען איז שוין געוויסנהאַפֿט אין אַלע באַציִונגען און געוויסנהאַפֿט אין דער קונסט.

און י. ל. טעלער איז ווי אַ דיכטער אַן עקספּערימענטאַטאָר און געוויסנ־האַפֿטיקייט אין עקספּערימענטאַלער קונסט איז אײנע פֿון די סאַמע וויכטיק־סטע זאַכן.

י. ל. טעלער געהערט צו יענעם דור אין אַמעריקע, וואָס אויף אים ליגט דער חוב צו שאַפֿן דעם נײַעם געדאַנק, דעם ייִדישן, וואָס זאָל זײַן גוט פֿאַר דעם אַוועקגײענדיקן דור און זאָל זײַן ווירקזאַם אויך בײַ דעם קומענדיקן דור. דער אַוועקגײענדיקער דור האָט זײַן חוב געצאָלט, אַלץ געגעבן, דער קומענדיקער דור איז קײנעם גאָרנישט שולדיק, ער דאַרף בלויז נעמען. דער איצטיקער דור — דער איצט אַקטיווער, איצט דרײַסיק־יאָריקער איז דער גרעסטער בעל־חוב. דער גרעסטער נאַציאָנאַלער בעל־חוב אין אַמעריקע. — פֿאַרשטײט זיך, אַז די מאָנענדיקע ווערטער זענען נישט געזאָגט אויפֿן פּערזענלעכן אַדרעס פֿון י. ל. טעלער — זײ זענען אָבער געזאָגט אויף דעם קאָלעקטיוון אַדרעס פֿון זײַן דור.

אַ קרעפּטיקער יונגער־מאַן איז ער, טעלער. אַ מישונג פֿון אַ גאַליציאַנער פֿון די קאַרפּאַטן מיט אַן אַמעריקאַנער באַי. אַ פֿאַרריסענע, מער גויִשע, ווי ייִדישע נאָז, אָפֿענע, צעשמײכלטע אויגן, אַמעריקאַנישע אָפֿענע פּשוטקײט, וואָס מאַכט נישט קײן ווערזן פֿון זיך כּל־זמן מען דאַרף נישט.

נישט צו אָפֿט האָבן מיר זיך באַגעגנט אין ניו־יאָרק — טעלער און איך. אָבער אַז מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט האָבן מיר זײער אַ סך געהאַט צו רעדן. אַ שמועס מיט טעלערן איז אַלע מאָל אַ שמועס זאַלבע דריט... ווײַל זײַן קלײן חנעוודיק ווײַבל, פֿײגעלע, איז אַלע מאָל מיט אים און איז 101 פּראָצענט אין אַלץ פֿאַראינטערעסירט אין וואָס טעלער איז פֿאַראינטערעסירט. זי פֿאָרט מיט אים מיט אויף זײַנע ווײַטע, זשורנאַליסטישע רײַזעס.

ווי אַ זשורנאַליסט איז טעלער דורכויס זשורנאַליסט און ווי אַ פּאָעט איז ער דורכויס פּאָעט. ער לעבט אין צוויי וועלטן און אין יעדער באַזונדער. אָבער די צוויי וועלטן לעבן בײדע צוזאַמען אין אים... און עס איז רעכט אַזוי און מאָ־דערן אַזוי. פּאָעזיע, דאָס זענען דאָך אײגנטלעך לירישע רעפּאָרטאַזשן און רע־פּאָרטאַזשן זענען דאָך די דראַמאַטישע פּאָעזיע פֿון לעבן.

אַן איבערלעבונג אין אַ שמועס מיט טעלערן: מיר רעדן וועגן קאַמפֿן פֿאַר נײַע פֿאָרמען און אינהאַלטן אין דער פּאָעזיע און טעלער רעדט וועגן מײַנע אײגענע קאַמפֿן אויף דעם געביט פֿון פֿאַר שיִער נישט אַ פֿערטל יאָרהונדערט... אָבער איך בין שוין אַזוי ווײַט פֿון דעם אַלעמען, שוין אַזוי ווײַט פֿאַרגאַנגען און בין שוין מיד... און פּלוצלינג קומט עס מיר צום באַוווסטזײַן, אַז צוויי אַקטן

פֿון מײַן לעבנס־דראַמע האָב איך שוין אָפּגעלעבט און איך לעב שוין איצט דעם דריטן אַקט. די איבערלעבונגען פֿון יענע צוויי אַקטן זענען שוין פֿרעמד־לעך אַ ביסל, ווי אַן אַנדערער וואָלט זיי געלעבט... און איך קוק אויף טעלערן און איך טראַכט מיר, אַז ער לעבט ערשט דעם ערשטן אַקט פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן. צו אים געהערט נאָך אַמעריקע, דער עבר־לים, הינטער מיר אָבער ליגן שוין אַלע זיבן ימען און נאָר נאָך דער מעבר להאָריזאָנט געהערט צו מיר. עס איז גוט דאָס געפֿיל פֿון לאָקערן דעם יאָך פֿון יידיש־שרײַבן פֿון דעם אייגע־נעם נאַקן און אַרויפֿלייגן אים אויף דעם געזונטן נאַקן פֿון אַט אַזעלכע ייִנגלעך, ווי י. ל. טעלער.

1941

מאיר זימל טקאַטש

געבוירן 1894 אין אַ דאָרף אין קיִעווער געגנט. 1913 — אַמעריקע. 1961 — מדינת־ישראל. איצט ווידער אַמעריקע.

דאַכט זיך, אַז קאַגאַנאָווסקי האָט עס געזאָגט — רעדנדיק וועגן אַ נײַ בוך פון אַ פּראָזע־שרײַבער: שוין אין דער ערשטער שורה, שוין בײַם אָנרופן דעם נישט־פּאַסיקן, נישט־מוזיקאַלישן נאָמען פון זײַן העלד אַנטפּלעקט ער זיך ווי איינער, וואָס קען נישט שרײַבן... אַנטקעגן וואָס איך דערמאָן דאָס וואָרט? אַנטקעגן דעם, וואָס מען זאָגט, אַז מען טאָר נישט מעדיטירן וועגן דעם נאָמען פון אַ שרײַבער, מחמת אַ נאָמען איז אַ נאָמען, אַ סימן, אַ נומער — און גאָרנישט מער. דאָס אַלץ איז אמת — כאָטש זאָגט מיר, צי קענט איר זיך פאָרשטעלן, אַז י. ל. פּרץ, אָדער שלום־עליכם, אָדער שלום אַש זאָלן הייסן אַנדערש...

יאָ, עס איז אמת, אַז מען טאָר זיך נישט גריבלען אינעם קלאַנג פון אַ שרײַבערס נאָמען. אָבער פאַר מאיר זימל טקאַטש מוז איך מאַכן אַן אויסנאַם. עס איז דאָ אַזוי פיל האַרעפּאַשנער קלאַנג און זין אין דעם נאָמען, אַז מען קען דאָס נישט באַמערקן. טקאַטש הייסט אַ וועבער, אַן ערלעכע, שווערע יִדישע האַרעפּאַשנע פּאָלקס־פּרנסה און מאיר זימל קלינגט מיט חומש, מיט רש״י, מיט עברי־טײַטש, מיט דאָרפס־מלמד, און דער דיכטער טקאַטש איז טאַקע אַ צײַט לאַנג אין דער אַלטער היים געווען אַ דאָרפס־מלמד. און מאיר זימל טקאַטש — צוזאַמען — קלינגט ווי אַ קורצע שורה פון אַ קורץ, קלאָר ליד פון דעם דיכטער מ. ז. טקאַטש. און צו דעם נאָמען אינטעגרירט זיך ערשט דאָס פּנים פון דעם דיכטער, וואָס לויט די שטריכן איז עס נישט גוייִש און נישט סעמיטיש, נאָר מיט אַ חן פון פּשטות און פון שטילקייט. אָבער לויט די הענט דערקענט מען באַלד, אַז ער איז זיך נישט מפרנס בלויז פון שרײַבן יִדישע לידער. אַ מאָל איז ער געווען אַ שטובן־מאָלער, צי ביז לעצטנס — ווייס איך נישט.

ווי אָפט מיר האָבן זיך באַגעגנט אין ניו־יאָרק אין אַ געזעלשאַפט, אָדער אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, איז דער נוסח אַלע מאָל געווען אַזאַ: טקאַטש איז געזעסן נעבן דעם גאַסט אין ניו־יאָרק און געשוויגן. ער האָט כסדר געשוויגן און געטראַכט; און אַז מען קען זײַנע לידער, וואָס זענען ווי פיליגראַן־אַרבעט, איז אויסגעקומען, אַז דאָס פּטרט ער נישט קיין צײַט, נאָר ער טראַכט וועגן אַ גראַם, אָדער אַ שורה צו זײַנע פּאַבל־פינאַלן, אָדער קאָמפּליצירטע סאָנעטן־רינגען. נאָר אַז דער אָוונט ענדיקט זיך, די געזעלשאַפט צעגייט זיך — זאָגט טקאַטש גאַנץ פּלוצעם: — איך וועל אײַך באַגלייטן אַהיים. ווי וועט איר אַליין גיין

אין ניו־יאָרק? און ער באַגלייט, און כאָטש מען בעט אים, ער זאָל עס נישט טאָן, מחמת ער איז דאָך אַ פּועל, דאַרף אויפשטיין פרי, רעדט ער אָבער אײַן, אַז ער ווינט סײַ ווי אין דער געגנט פון גאַסט. — — עס איז אַ לאָגיק און אַ שׂכל אין דער באַנעמונג טקאַטשעס. ער קען דעם טומל נישט פאַרנעמען, ער באַוועגט זיך אין אַ קליינעם קרײַז, אָבער אין דעם קרײַז וויל ער דעם מאַק־סימום דערגרייכן. און אויב זיך אַ ביסל דורכרעדן מיט אַ חבר — איז פּנים־אל־פּנים. אַזוי איז ער דאָך אויך אין די לידער, פאַבלען, סאָנעטן, אַגדה־באַאַר־בעטונגען, טריאָלעטן, וואָס ער שרײַבט זיי זייער אינטענסיוו, אָבער נישט צו פיל. זײַן גאַנצער „האָב־און־גאָב" — אונטער דעם נאָמען האָט ער אין מדינת־ישׂראל אָנגעהויבן אַרויסגעבן זײַנע געזאַמלטע פּאָעטישע ווערק, וועט אַרומנע־מען אין גאַנצן אַרום 600 זײַטן.

אָט די רעגולערע, איינזאַמע שפּאַצירן מיט מאיר זימל טקאַטש — ווי אָפט איך פלעג קומען קיין ניו־יאָרק — זענען מיר געבליבן אין זכּרון, עפּעס אַזוי ווי איינזאַמע, שטילע לידער מיט זייערע באַזונדערע אייגענע ניגונים. טקאַטש, אויב איך מאַך קיין טעות נישט, האָט ס׳גאַנצע אָפּגעהאַרעוועטע לעבן זײַנס געלעבט אין אַ מין פריַיוויליק באַשלאָסענעם צעליבאַט. אָט אַזוי אויטאָ־פּאָרטרעטירט ער זיך אין זײַן זעקס־סטראָפיקן ליד „פּאַרוואַנדשאַפט":

איך בין פאַרוואַנדט מיט אַלע מענטשן,
מיר אַלע זענען איין געזינד,
נאָר אייגן זענען מיר די קינדער,
כאָטש איך האָב נישט קיין אייגן קינד.

דאַכט זיך, אַז טקאַטש האָט מער לידער פאַר קינדער ווי פאַר דערוואַקסענע, מער פאַבלען ווי לירישע לידער און אַפילו אין די לירישסטע אינדיווידועלע לידער זײַנע קען מען נאָך אַלץ אַרויסלייענען אַ פאַבל, אָדער כאָטש אַ משל־מאַראַל. טקאַטשעס לידער זענען אויך פול מיט נאַטור־פּייזאַזשן. זײַן באַזעצן זיך אין ישׂראל איז אַזוי ווי אַ מין גוט דורכגעטראַכטער פינאַלער גראַם צו זײַן ערלעך אָפּגעהאַרעוועט, היפּשלעך איינזאַם לעבן. אָט לאָמיר טאַקע ציטירן אַ ליד פון מאיר זימל טקאַטש, וואָס האָט אין זיך אַלע עלעמענטן פון זײַן דיכטונג. איר געמיט, אינהאַלט, מאָראַל, פאָרעם.

דאָס ליד רופט זיך „ניט אין זומער".

ניט אין זומער איז דער בוים מתפּלל,
אײַנגעהילט אין טלית פון די בלעטער.
אפשר זאָגט ער ווי פון סידור הלל,
אָבער ניט ממעמקים בעט ער.

פֿון דער טיף מתפּלל איז ער ווינטער,
ווען ער זעט זײַן הויל געביין אין שאָטן,
אָבער גאָט — אויך אָן אַ טלית דינט ער
און אַפֿילו אָן אַ טלית־קטן.

ווער ס'איז פֿרום דאַרף גאָט ניט איבערצײַגן,
און עס הערט אים גאָט אָן רייד אַפֿילו, —
שטאַפּלט בלויז דער בוים אַרויף די צווײַגן,
ווי אַ לייטער פֿאַר זײַן שטומער תּפֿילה.

1970

דניאל טשאַרני

געבוירן אין יאָר 1888 אין דוקאָר. ביז 1914 געוווינט אין מערערע שטעט אין רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה יאָרן לאַנג אין בערלין, שפּעטער קאָוונע, ווילנע. בײַם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין פּאַריז. זינט 1941 אין ניו־יאָרק. יאָרן לאַנג אין סאַנאַטאָ־ריעס: ליבערטי, באָסטאָן. געשטאָרבן דעם 2טן יולי 1959 אין באָסטאָן.

דניאל טשאַרני, אָדער דאַניע טשאַרני, ווי עס האָבן אים גערופן אַלע די וואָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך — און ווער האָט אים נישט געקענט פּער־זענלעך? — איז געווען דער ייִנגסטער פון די דרײַ באַרימטע ברידער: ברוך וולאַדעק (1886—1938) און שמואל ניגער (1883—1955). די ליבע און געטרײַ־שאַפט פון די דאָזיקע ברידער, די דרײַ, האָט גאָר קיין גרענעצן נישט געהאַט. דאַניע איז געווען דער ייִנגסטער פון די דרײַ און עס איז בכן קיין חידוש נישט וואָס ער האָט זיי איבערגעלעבט. אָבער ער איז געווען דער קראַנקסטער צווישן זיי. און נישט סתּם קראַנק מתמול־שלשום, נאָר ממש פון געבוירן אָן. כאָטש די ברידער האָבן עס נישט גערן געהאַט — האָט אָבער דניאל טשאַרני ליב גע־האַט צו דעמאָנסטרירן זײַן שטיין אין זייער שאָטן. ער פלעגט אַלע מאָל און בײַ יעדער געלעגנהייט ממש מיט אַ רעפלעקטאָר אָנווײַזן אויף זיך: זאָל עס זײַן קלאָר און ליכטיק פאַר אַלעמען, אַז איך שטיי אין שאָטן פון מײַנע ברידער. און ער האָט עס ערנסט געמיינט. אין דעם שאָטן פון זייער אומשטערבלעכקייט האָט ער זיך געפילט זיכערער. און אַזוי ווי אומשטאַרביקייט איז דאָך טאַקע חל אויף נישט־לעבעדיקע אויך — האָט דניאל די זיכערקייט נישט פאַרלוירן אויך נאָך זייער אַוועקגאַנג.

פּנים־אל־פּנים האָבן מיר זיך מיט דניאל טשאַרנין געטראָפן דרײַ מאָל. דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע אַרום דעם יאָר 1930, דאָס צווייטע מאָל אין מאָנטרעאָל, אין אַפּריל 1948, און דאָס דריטע און לעצטע מאָל פּריװאַטיק, דעם 26סטן יוני 1959 אין באָסטאָן, אין שפּיטאָל. דער אײַנדרוק איז אָבער געווען, אַז באַגעגנט האָט מען זיך אָן אַ שיעור מאָל, ניין, אַז מען וווינט אין שכנות אַפילו. דאָס איז צוליב דעם שטענדיקן בריוו־קאָנטאַקט. אויב מען וואָלט צונויפגעזאַמלט אַלע בריוו, וואָס טשאַרני האָט געשריבן צו דרײַ הונדערט און אפשר דרײַ טויזנט אירע, וואָלט מען זיכער אָנגעציילט אַ מיליאָן...

אין אָט די בריוו איז אײַנגעשלאָסן דער פילם פון אַ האַלב יאָרהונדערט

ייִדישע װעלט־ליטעראַטור — אַ רעדנדיקער פּילם, און דערצו אַ קאַלירטער. אַלץ איז אים אַנגעגאַנגען. אַלעמען האָט ער פּאַרטײדיקט — חוץ די באַשולדיי־קערס. מיט זײ האָט ער זיך געקריגט. אָבער כאָטש נאָר אײן האַנט איז געשטאַ־נען צו זײַן דיספּאָזיציע, די לינקע גראָד, די רעכטע איז געװאָרן פּאַראַליזירט צוליב אַ בײנער־טובערקולאָז, אײביק אין אַ הענטשקע אָנגעטון; האָט ער מיט אָט דער אײנער האַנט אַלע מאָל גוט און חבריש צוגעהאַלטן יעדן, מיט װעלכן ער האָט זיך געקריגט צוליב רײנעם יושר. מיט אָט דער אײנער האַנט — און דווקא דער לינקער — האָט ער דורכגעבלעטערט טויזנטער ביכער און באַשריבן אין זײַן לעבן הונדערטער טויזנטער בלעטלעך פּאַפּיר. גרױסע, דײַטלעכע, װאַ־רעמע אותיות. טינט נישט געזשאַלעװעט, פּאַפּיר נישט געשפּאָרט. טשאַרני האָט אײגנטלעך געשריבן נאָר בריװ. זײַנע פעליעטאָנען זענען געװען בריװ צו זײַנע לײענערס — און ער האָט זײ געהאַט אין מאַסן — זײַנע זכרונות זענען געװען בריװ און אַפילו זײַנע לידער זענען אױך געװען אַזױ אינטים און אַזױ דירעקט, אַזױ װי בריװ. און נישט סתם בריװ — נאָר דניאל טשאַרניס בריװ. נישט נאָר אותיות און געשריבענע װערטער האָבן די בריװ געהאַט, נאָר אױך שטים. אַ טיפע שטים, אַ לעבנס־קלוגע שטים — אויב איר קענט זיך דאָס פאָרשטעלן. נישט אײן מאָל האָב איך באַנאַל געטראַכט: נישט אַנדערש נאָר די האַרציקײט נעמט זיך דערפון װײַל, אַז מען שרײַבט מיט דער לינקער האַנט — שרײַבט מען דאָך דירעקט פון האַרץ.

לײַדן קריסטאַליזירן, סובלימירן אַ מענטשן — על־אחת־כמה־וכמה אײנעם, װאָס איז שױן אַ דיכטעריש קריסטאַליזירטער און עטיש סובלימירטער — אַזױ װי דאָניע טשאַרני — אויף דער װעלט געקומען.

קנאַפּ אין קװאַנטום, כאָטש פון אײדלסטער ליטעראַרישער קװאַליטעט, איז דאָס װאָס טשאַרני האָט געשריבן און אַרױסגעבראַכט אין צײַטונגען, צײַט־שריפטן און ביכער. איז ער אַ דיכטער, איז ער אַ דערצײלער, איז ער אַ מעמור־אַרן־שרײַבער? ער איז אַלץ צוזאַמען און ער באַזיצט דעם װיכטיקסטן אַטריבוט צום זײַן אַ שרײַבער. ער איז אױפריכטיק. איז זײַן לעבן אַ צוגאָב צו זײַן שרײַבן? איז זײַן שרײַבן אַ צוגאָב צו זײַן לעבן? נישט אַזױ און נישט אַזױ. זײ זענען אײנס. אינטעגרירט. אין יאָר 1939 איז אין פּאַריז דערשינען אַ דניאל טשאַרני־יובל־בוך צו זײַנע 50. ממש אַ מינוט פאַרן מבול. איז דאָרט דאָ אַ זאָרגפעלטיקע ביבליאָגראַפיע. בלעטערסט און אַזױ װי כאָטש אַ צענדליק בענד װאָלטן הינטער דער ביבליאָגראַפיע געשטאַנען, אָבער אין דער אמתן איז דאָרט דאָ אײן בוך — דאָס בוך פון דעם אײדעלן לעבן: דאָניע טשאַרני.

נישט װעגן די שײנע פּשוטע, און דאָך אײראָפּעיִשע עלעגאַנטע לידער פון דניאל טשאַרני װעל איך דאָ װײַטער שרײַבן און נישט װעגן זײַנע זכרונות,

וואָס זענען אַ שטיק ייִדיש קולטור־געשיכטע, און נישט וועגן זײַנע ליטעראַ־רישע עסייען און נישט וועגן זײַנע פּעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט דעם מלאך־המוות כּסדר, אָבער אָן טראַגישע אונטערטענער. איך וויל דאָ ווײַ־טער דערציילן וועגן דרײַ סיטואַציעס, אין וועלכע טשאַרני האָט אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור טאַקט. ער איז געווען מאַעסטראָ פון טאַקט, אַ מידה, וואָס איז אַזוי זעלטן אין דעם קרײַז, אין וועלכן טשאַרני האָט געלעבט און זיך אויסגעלעבט.

דאָס איז געווען אין וואַרשע אַרום דעם יאָר 1930. אַ הייסער זומערדיקער אָוונט. טשאַרני איז אַ גאַסט אין וואַרשע און מיר האָבן אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 אַראַנזשירט אַן עפנטלעכע באַגעגעניש לכּבֿוד אים. אָבער עס איז געווען אַזאַ מין אָוונט, ווען קיין „אָוונטן״ געלינגען נישט. פּאַכלײַט שפּירן דאָס אַרויס פון דער לופט ממש. האָב איך טאַקע, ווי סעקרעטאַר פון פאַראיין, געבעטן די באַדינער פון זאַל דערווײַל קיין שטולן נישט אויסצושטעלן. טאָמער וועט יאָ קומען אַן עולם — וועט מען אין דער לעצטער רגע אימפּראָוויזירן דאָס אויסשטעלן די שטולן. דערווײַל זיצן מיר אין אַ גרויסער חברישער מסיבה און מיר זופן טיי און מישן דעם צוקער און מישן די גאַנצע וועלט ייִדישע שרײַ־בערס אַרײַן אין אונדזער הײַטערן שמועס. די חברים אַרום טיש האָבן אין גאַנצן „אָוונט״ פאַרגעסן. געדענקט האָבן אים נאָר דניאל טשאַרני, דער גאַסט, און איך, דער אָפיציעלער גאַסטגעבער. אַלע פּאָר מינוט האָט אַרײַנגעקאָפּעט דורך דער טיר אַ צוהערער, און זעענדיק דעם ליידיקן זאַל איז ער באַלד ווידער אויסגעטריקנט געוואָרן. יעדער נײַער באַזוכער האָט מיך אומרויִק געמאַכט — אפשר, טאָמער, פאַרט... טשאַרני האָט אָבסערווירט מײַן אומרו, אָבער געבליבן זייער רויִק. עס איז קלאָר געווען, אַז ער האָט נישט קיין טענה צום אָפּוועזנדיקן פּובליקום און אַפילו נישט צום גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָס שטעלט אָפּט צו אַזעלכע אָפּוועזנדיקע פּובליקומס בײַ ליטעראַרישע אונטערנעמונגען... טשאַרני האָט דעם אינצידענט קיין מאָל מער נישט דערמאָנט, אַפילו נישט באַלד אויפן אָרט.

אַ סך יאָרן שפּעטער — 1948, מאָנטרעאָל: צווישן די עטלעכע אָוונטן, וואָס זענען פאַר טשאַרנין אָרגאַניזירט געוואָרן איז געווען אויך אַן אָוונט אין אַ פּרײַ־וואָטער שטוב. דאָ איז שוין גראָד געווען אַ גרויס געדרענג. נאָר די שעהען גייען, עס ווערט עלף, צוועלף און — מען האָט פּשוט פאַרגעסן דעם גאַסט. דער גאַסט איז געזעסן צווישן חברים, דערציילט מעשהלעך מיט זײַן טיפער האַרצי־קער שטים און — — זיך שטאַרק געמאַכט פאַרגעסן, אַז מען האָט דעם הויפּט־גאַסט פאַרגעסן.

פרייטיק, 26סטן יוני 1959. צופעליק בין איך אין באָסטאָן. און מיט גע־שפּאַנטער חברישער פרייד גיי איך מיט אַ פרײַנד באַזוכן אין דער סאַנאַטאָריע

דעם אייביקן פּאַציענט דניאל טשאַרני. געריכט זיך צו טרעפן אים זיצנדיק אין זײַן אימפּראָוויזירטער אַמבאַסאַדע. מען רופט אים שוין צענדליקער יאָרן „דער אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדישער ליטעראַטור" צוליב זײַן אינטערעסירן זיך פערזענלעך מיט יעדן ייִדישן שרײַבער, יעדן ייִדישן נײַעם בוך. די אַמבאַסאַדע איז טאַקע דאָ, אַ שאַפע מיט די נײַסטע ביכער אין ייִדיש, בערג מיט צײַטונגען און — — אויך דער קליינער זאָאָלאָגישער גאָרטן מיט ווילדע חיות־ליאַלקעס, בערן, וועלף, לייבן, טיגערס, וואָס טשאַרני פאַרשפּילט זיך מיט זיי אין שעהן פון טעג־לאַנגער איינזאַמקייט. ער האָט אָט דעם גאָרטן שוין באַשריבן אין אַ סך פעליעטאָנען און מיט זיי פאַרשפּילט זײַנע לייענערס אויך, וואָס איינזאַמען מיט אים פון דער ווײַטן.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז טשאַרני גייט אַרום צו ביסלעך, נעמט אויף זײַנע געסט אין גאָרטן. עס איז דאָך זומער. אָבער איך טרעף טשאַרנין אין בעט. זײַן אייביק יונג פּנים — נאָך ייִנגער. ער זעט אויס אויסנאַמלעך גוט און האָט קאָלירן אין פּנים. ר'איז דאָך 71. נאָך אַלץ האָט דאָס שטאַרק ייִדישע און אַ ביסל אינדיאַנישע פּנים אַ שטילן חן. ער שטעלט מיך פאָר פאַר די קראַנקן־שוועסטער, איינע איז אַן אוקראַיִנערין און זי באַרימט זיך פאַר מיר מיט איר קענען לייענען און פאַרשטיין ייִדיש. אַז מען איז יאָרן אין דער געזעלשאַפט פון דעם ייִדיש־אַמבאַסאַדאָר — ווי איז עס דען אַנדערש מעגלעך?

טשאַרני דערציילט און באַגאַטעליזירט די סיבה פון זײַן ליגן אין בעט. עפּעס איז ער נעכטן אומגעפאַלן און זיך עפּעס דאָרט צעבראָכן אַ ביין, אַ היפּטביין. ווייס איך וואָס! ער האָט שוין צוואַנציק מאָל זיך פאַרמאָסטן מיט דעם מלאך־המוות און אים בײַגעקומען, וועט ער דאָס איין און צוואַנציקסטע מאָל אויך בײַקומען. אָבער דערוויַיל קאָסט אים — און דאָס זעט מען — אַ שטיק געזונט יעדער ריר. די גרויסע, גוטע אויגן ווערן ווי אָנגעבלאָזן מיט שרעק און ווייטיק בײַ יעדן קער און ווענד. אָבער דער טאַקט דאָמינירט נאָך אַלץ. ער וויל די געסט — און גראָד זענען עטלעכע דאָ געווען, צווישן זיי פּראָפעסאָר א. א. ראָבאָק — נישט מצער זײַן. ער פרעגט זיך אויס אויף דעם געזונט פון די געסט, דעם געזונט פון אייגענע פון די געסט. ער נעמט אָפּ גרוסן און ער שיקט גרוסן. ער וויל האַלטן די האַנט פון גאַסט און מען מערקט, אַז זײַן האַנט גליט. ער האָט היץ. די שעה לויפט אָפּ גיך אין שמועס וועגן אַלע אַקטואַליטעטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עפּעס ווי ער וואָלט זיך נאָך געוואָלט אונטערבאַוווסט־זיניק אָנזאַפן מיט אַלע נײַעסן, דער אַמבאַסאַדאָר, איידער זײַן גרויסן באַריכט דאָרט אויבן.

ער געזעגנט זיך, דריקט שטאַרק די הענט מיט זײַן לינקער האַנט, די רעכטע ליגט אַ פאַרדעקטע, זי איז שוין לאַנג אויף יענער־וועלט. אַלע מאָל וואָרעם

— הײַנט גליט זײַן האַנט. אויף צו מאָרגנס איז געקומען דער רענטגען־באַריכט וועגן דעם ביינברוך, אויף צו איבער מאָרגנס איז ער אָפּערירט געוואָרן, און אויף צו איבער־איבער־מאָרגנס איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די איין און צוואַנציקסטע רונדע האָט ער דאָך פאַרשפּילט.

דער מענטש, וואָס האָט מיט זײַן לעבנס־הומאָר באַזיגט זײַן לעבנס־טראַגיק. אַן איוב, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן... געבענטשט.

1959

חיענע יאָפּע

געבוירן אין דראָהיטשין, פּוילן, אין יאָר 1898. קינדווײַז געקומען קיין ניו־יאָרק. זינט אירע צוואַנציקער יאָרן אַ זשורנאַליסטין. באַרײַזט די וועלט, יאָרן געוווינט אין ארץ־ישראל. געשטאָרבן אויף אַ רײַזע איבערן ווײַטן מיזרח, דאָנערשטיק, דעם 20סטן נאָוועמבער 1958, אויף דער שיף קאַמבאָדיאַ — צווישן האָנג־קאָנג און אינדיע.

שרײַבערינס האָבן מיר אין דער ייִדישער ליטעראַטור שוין פֿון אייביק אָן, בפירוש פֿון אייביק אָן, מחמת צווישן די ערשטע ייִדישע פּענמענטשן, וואָס פֿלעגן שרײַבן מיט געגנדזענע פּענעס, שוין אין די צײַטן פֿון בבא־בוך, זענען געווען פֿרויען. קיין דור אין אונדזער ליטעראַטור אָן שרײַבערינס. אָבער ייִדישע זשורנאַליסטינס איז אַ נײַעס — און איינע פֿון די פּיאָנערינס אויף דעם געביט איז געווען חיענע יאָפּע, אָדער דזשין יאָפּע, אָדער ווי מען פֿלעגט זי צווישן חברים רופֿן: דזשינדל — צוליב איר חן און חברשאַפֿט.

זי דערציילט זייער גערן, און בײַ יעדער געלעגנהייט, איר לעבנס־געשיכטע. אַמעריקע האָט פּראָדוצירט דעם סנאָביזם פֿון מענטשן, וואָס זענען „סעלף־מעיד" — אויף ייִדיש: אַליין זיך געשטעלט אויף די פֿיס. און — וואָס טיפֿער מען הייבט אָן, אַלץ העכער שטייט מען שפּעטער אין לעבן. פֿלעגט חיענע יאָפּע גערן דערציילן: ווי לאַנג איז עס דען ערשט — בין איך נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, מיט שוואַרצע געקרײַזלטע צעפּלעך, און ווי אַ נעגערין זע איך דאָך נאָך הײַנט אויס, דעמאָלט האָב איך אין גאַנצן אויסגעזען ווי אַ קליין נעגערקינד, און באָרוועס פֿלעג איך דאָן אַרומלויפֿן, ווי אַלע קינדער פֿון דער ייִדישער „איסט־סאַיד" פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָר מיך האָט עס, ווי מיט אַ כּישוף, געצויגן צו די ייִדישע רעדאַקציעס. צו די פֿאַרשטויבטע אַדמיניסטראַציעס, באַגראָבענע אונטער בערג פּאַפּירן. צו די רעדאַקטאָרן, וואָס זענען אַלע מאָל געווען צערודערט און אַלע מאָל זיך געקריגט מיט עמעצן. דאָ פֿלעג איך מיך אַרומדרייען צווישן די צעקריגטע טישן און געווען אין זיבעטן הימל, אַז מען האָט מיך געשיקט אַ גאַנג, נאָך אַ פּעקל ציגאַרעטן, נאָך אַ פֿלעשל קאָקאַ־קאָלאַ, אַ נײַער ענגלישער צײַטונג. קינדער חלומען דאָך אין אַמעריקע פֿון אַלערליי קאַריערעס, פֿון האָליווּד, ווײַסן הויז, און איך האָב געחלומט צו זיצן אַ מאָל בײַ אַזאַ פֿאַרשטויבטן רעדאַקציע־טיש, צו זײַן אַ רעדאַקטאָרשע און זיך אויך אַזוי קריגן. — — און זי האָט איר חלום פֿאַרווירקלעכט, אָבער געקריגט האָט זי זיך קיין מאָל נישט, חיענע יאָפּע.

מעשׂה שהיה אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן אין וואַרשע. איז אַ מאָל

געקומען זײער אַ שטיל אַמעריקאַניש מײדל אין ליטעראַטן־פּאַראײן אויף טלאָמאַצקע 13. זײער אײדל, כאָטש אַ ביסל עקסצענטריש אָנגעטון, מיט זײער טיפֿע, גרויסע, שײנע, שוואַרצע אויגן, היפּש געקרײַזלטע, קראָ־שוואַרצע האָר, די הויט אַליוור־ברוין, אַ ביסל גרינלעך, ווי די הויט פֿון די שפּאַניערינס, און זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט: חיענע יאָפּע — אַ ייִדישע זשורנאַליסטין פֿון אַמעריקע. זעבען מיר געווען זײער העפֿלעך און געפֿרעגט די קאָלעגין, ווי לאַנג זי וועט דאָ בלײַבן און מיט וואָס מען קען איר העלפֿן. און כאָטש עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי געפֿינט זיך אין וואַרשע ערשט קוים אַ טאָג, און כאָטש זי איז אַזוי שטיל, אַזוי ווי אַן אַמעריקאַנער קען אַ מאָל זײַן שטיל, ווען ער איז שטיל אײן מאָל אין הונדערט יאָר — — איז שוין נישט נײטיק מיט גאָר־נישט צו העלפֿן חיענע יאָפּע. זי איז שוין סײַ ווי אומעטום געווען און אַלץ געזען. אַזוי ווי אין יעקב גלאַטשטײנס ליד „דער רײַזעמאַן״: אומעטום געווען און אומעטום געוואָן — אַלץ געזען און אַלץ געזאָאָן... דאָס איז אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטישע טעכניק. און חיענע יאָפּע האָט זי געהאַט אין איר בלוט: צו זען זײער גיך און זײער גרונטיק — די אײבערפֿלאַכן... אָבער חיענע יאָפּע איז דאָך אַ זשורנאַליסטין מיט אַ ייִדיש האַרץ געווען, פֿלעגט זי אונטער די אײ־בערפֿלאַכן אַלע מאָל דערזען און דערפֿילן מיטן גאַנצן לירישן האַרץ דאָס פּינ־טעלע ייִד...

אין פֿאַרלויף פֿון פֿיל יאָרן איז אויסגעקומען אין מערערע לענדער און אויף מער ווי אײן וועלטטײל זיך צו באַגעגענען מיט חיענע יאָפּע. און זי איז אומעטום די זעלבע געווען. אומעטום כּסדר זײער מיד, כאָטש אָט אַ מאָרגן שטאַרבט זי, און אומעטום זײער סענטימענטאַל. קײן לידער האָט זי קײן מאָל נישט געלײענט, נאָר וועגן פּאָעטן האָט זי גערן גערעדט מיט איר אַ ביסל זינגעוודיקער שטים און אײביקן שמײכל אויף די נעגראָידע ליפּן. אומעטום פֿלעגט זי זוכן גוטע חברים, אַ ביסל זיך אָנצושפּאַרן אָן זײ, ווײַל עס איז איר אַלע מאָל זײער אײנזאַם געווען. זי האָט נישט געהאַט קײן אײגענע משפּחה. עטלעכע מאָל געפּרוווט מזל אויף דעם געביט, אָבער גיך די פּראָבעס אויפֿגע־געבן. זי איז צו אומרויִק געווען און צו פֿיל — קאָפּ און האַרץ — אַרײַנגעטון אין זשורנאַליסטישן פֿאַך. און עס איז אַ שווער פֿאַך. שווער צו זײַן אַ ייִדישע זשורנאַליסטין אין אַמעריקע און צו „דעקן״ אַזאַ אומרויִקע וועלט.

חיענע יאָפּע פֿלעגט זײַן מיד און סענטימענטאַל נאָר דעמאָלט, ווען עס איז נישטאָ קײן אַרבעט. זי איז אײביק נײַגעריק. אײן מאָל האָב איך זי גע־זען אין אַ שטוב לײענען פּרעמדע בריוו. פֿרעג איך: האָסטו דען נישט אײ־גענע בריוו? זאָגט זי: איך בין אַ זשורנאַליסטין — אײגענע בריוו קענען מיר נישט געבן קײן איבעררעאַשנדיקע נײַעס, פּרעמדע יאָ. בריוו צו מיר געשרי־בענע לאַנגווײַליקן מיך... און געשעעט עפּעס — ווערט חיענע יאָפּע וואַכעדיק

ווי אַ וואָראָבעיטשיק. גייט זי אויף גלײַכע ווענט, דורך די ווענט, איבער די דעכער, אַבי עפּעס נײַעס געוואָר צו ווערן און וואָס גיכער צו טעלעגראַפירן צום „טאָג" אין ניו־יאָרק, דער צײַטונג, מיט וועלכער זי איז כמעט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבונדן. און כאָטש זי קען ענגליש פּונקט ווי ייִדיש, געפעלט איר נאָר צו שרײַבן ייִדיש.

צופליק איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין מעקסיקע, ווען טראָצקי איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן אין יאָר 1940. חיענע יאָפּע איז דאָרט פּונקט געווען אויף וואַקאַציע. אָט ערשט איז זי געווען אין גאַנצן פאַרטון אין רוען, רוען און סענטימענטאַל ווי אַ טויב, נאָר ווי גיך טראָצקי איז דערהרגעט געוואָרן איז זי איבערגעביטן געוואָרן. אויס מיד, אויס רו, אויס סענטימענט. זי איז אַ שפּאַרבער, וואָס לויערט אויף נײַעס־רויב און טראָגט עס באַלד דורך דעם טעלעגראַפן־אַמט צו איר נעסט, דעם „טאָג". זי „דעקט" דעם „ענין טראָצקי". ערשט טעג שפּעטער, אַז טראָצקי איז פאַרשוווּנדן פון די ערשטע זײַטן פון צײַטונגען, איז זי ווידער געוואָרן מיד און געבענקט נאָך רו און ערשט אָנגעהויבן דערזען דעם ענין טראָצקי ריין מענטשלעך.

וועגן וואָס דו זאָלסט נישט רעדן מיט חיענע יאָפּע איז זי פול מיט פּרטים וועגן דעם ענין. איז עס באַלעזנקייט? זשורנאַליסטישע אינטויציע? גיכער דאָס צווייטע. זי איז אַלע מאָל סופּער־אַמעריקאַניש־פּאַטריאָטיש און סופּער־ייִדיש־נאַציאָנאַל. אַ מוסטער פון אַ ייִדישער זשורנאַליסטין אויף אַ גרויסן פאַרנעם. זי האָט געמאַכט הונדערט גרויסע רײַזעס, טויזנט אינטערוויוען מיט גרויסע מענטשן און סתּם געשריבן אַ צען טויזנט אַרטיקלען אונטער צען פּסעוודאָנימען. אַן איסד־סאַידער ייִדיש מיידעלע, וואָס האָט פאַרווירקלעכט איר פאַנטאַסטישן חלום. און אַפילו געשטאָרבן איז זי ווי אַ קאַפּיטאַן אויף זײַן שיף — טאַקע אויף אַ שיף צווישן כינע און אינדיע, „דעקנדיק" מיט אַ סעריע אפשר אירע פאַרביקסטע אַרטיקלען, דעם ווײַטן מיזרח און דער עיקר די ייִדישע שארית־הפּליטה פון אָט דעם ווײַטן מיזרח.

1958

נחום יוד

געבוירן 1888 אין אַ שטעטל אין מאָהילעווער קרײַז. 1913 געוווינט אין וואַרשע. 1916 געקומען קיין אַמעריקע. געוווינט אין ניו־יאָרק. געשטאָרבן אין 1966.

נחום יערוסאַלעמטשיק האָט ער אַ מאָל געהייסן, אַזוי פֿלעגט ער אויך אונטערשרײַבן זײַנע ערשטע לידער און פֿאַבלען. שפּעטער האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן צוועלף אותיות פֿון זײַן לאַנגן נאָמען און געבליבן בלויז בײַ נחום י. שפּעטער האָט ער צוגעגעבן צוויי אותיות און איז געוואָרן נחום יוד. און אַזוי שוין — ווײַזט אויס — אויף שטענדיק.

נחום יוד האָט אַ צײַט לאַנג פֿאַרבראַכט בײַ די סיביריש־אַזיאַטישע ייִדן און ער רעדט מיט אַ סך אינטערעס וועגן זיי, ער רעדט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אײנער פֿון זיי. און אַזוי זעט ער אויך טאַקע אויס אַ ביסל און אפֿשר אַ סך. ער האָט ברען־שוואַרצע, אַזיאַטישע אויגן, אַ געלבלעכן שײַן אין דער הויט פֿון פּנים, שוואַרצע, גערדיכטע וואָנסעס און פּונקט אַזאַ געדיכטע ליסענע, ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי אַ סטאַטוע פֿון סאָקראַטעס.

אַזאַ בערוועזער און אַזאַ גוטמוטיקער דיכטער ווי נחום יוד איז דאַכט זיך נישטאָ קיין צווייטער. פּלוצלינג — כּמעט אָן אַ פֿאַרוואָס — נעמט ער זיך בייזערן אויף דיר. די סיבה: אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווערדליק ווי דו רעדסט דאַרפֿסטו נישט האַלטן פֿון דער גרויסקייט פֿון אַברהם רייזען. און נישט האַלטן פֿון אַברהם רייזען איז אַ פֿאַרברעכן לויט נחום יוד. איז אַזוי ווי דו האַלסט נישט פֿון אַברהם רייזען — כאָטש דו האָסט נאָך קיין פּיפּס נישט געטון די גאַנצע צײַט וועגן אַברהם רייזען — דאַרף ער זיך בייזערן אויף דיר, עוקר מן השורש זײַן דיך. און אַז ער האָט זיך אָפּגעבייזערט אַ האַלבע שעה און אָפּגערעציטירט אַ טוץ רייזען־לידער — טאַקע ווונדערלעכע — פֿאַר דיר, לאָזט ער דיך ערשט קומען צום וואָרט. קלערסטו אים אויף, אַז להד"ם, אַז דו ביסט גאָר אַ גרויסער אָנהענגער רייזענס. פֿאַלט נחום יוד ווידער אַרײַן אין צווייטן עקסטרעם און הייבט דיר אָן צו זאָגן „דו" און נעמט דיך אַרום און קושט דיך און וואָלט גערן געטאַנצט אַ קאָזאַצקעלע מיט דיר און אויסגעטרונקען אַ קווערטל זעקס און נײַנציקער.

און אָט אַזוי רעדנדיק מיט דיר באַמערקט נחום יוד אַ קלאַוויר. פֿאַרגעסט ער דעם שמועס און פֿאַרגעסט די וועלט און זעצט זיך אַוועק אַ פּרווו טון צי קען ער קלאַפּן אַ ביסל אויפֿן אינסטרומענט און עס לאָזט זיך אויס, אַז ער שפּילט גאָר גוט און אָט דערציילט ער דיר, אַז אין דער אמתן האָט ער גאָר געדאַרפֿט זײַן אַ מוזיקער, וואָרעם מוזיק האָט ער אויף אַן אמת ליב און פּאָעזיע

האָט ער גאָר פֿײַנט, װײַל אמתע רײנע פּאָעזיע איז די מוזיק. אָבער דיר װערט דערװײַל קלאָר פֿון װאַנעט עס נעמט זיך די פּראַכטפֿולע מוזיקאַלישע שפּראַך אין נחום יודס דין־שטילע לירישע לידער און פֿון װאַנעט עס נעמט זיך די פּאַרביקע שפּראַך אין זײַנע פֿאַבלען, װאָס רעציטירן זיך ממש אַלײן פֿון זיך. װײַל דער דיכטער האָט זײ געשריבן נישט נאָר מיט װיץ און מיט פֿאָלקס־חכמה, נישט נאָר מיט אַ װאַך אויג, נאָר אויך מיט אַ פֿילעװודיקן אויער.

נחום יוד איז דאַכט זיך דער אײנציקער ייִדישער פּאָעט, װאָס לעבט פֿון זײַן פּאָעזיע. דאָ אַ ליד און דאָרט אַ פֿאַבל און עס קלאַפּן זיך צוזאַמען די פּאָר דאָלאַר, װאָס זענען נײטיק אויף אַ װאָך פּרנסה, דערצו לעבט ער אײנזאַם, אָן אַ משפּחה. און אַ פֿאַבל האָט ליב יעדער זשורנאַל און אַ זכרון האָבן זײ נישט קײן צו גוטן, נו קען מען דרוקן דעם זעלביקן משל מער װי אײן מאָל, מען אַרבעט אַ ביסל איבער. און עס איז — אַגב — נישט קײן עװלה. אַ משל דאַרף זיך גוט פֿאַרגעדענקען און ערשט דעמאָלט דינט עס דעם צװעק, גײט עס אַרײַן אין לשון אַרײַן.

אַ זכרון אַן אײַזערנער, די האַלבע ייִדישע פּאָעזיע פֿון אליהו בחור ביז הײַנט געדענקט ער פֿון אויסנװײניק און זײַנע אײגענע לידער און פֿאַבלען — יעדער אות, און די װעלט־ליטעראַטור קען ער נישט שלעכט, און אפֿשר טאַקע גאָר גוט, און אַ פֿאַרשטײער פֿון ליטעראַטור בכלל איז ער — און אָט הער איך אים װי ער האַלט אַ לעקציע װעגן ייִדישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע. דאַרף דאָך דאָס זײַן ביז גאָר אינטערעסאַנט. איז ער אָבער נישט. רעדט ער װי מען רעדט פֿאַר קלײנע קינדער, ציט לאַנגזאַם די װערטער װי אָט, אָט און זײ ענדיקן זיך אין גאַנצן בײַ אים און װאָס װעט ער שפּעטער זאָגן... זיצן אַ פּאָר חברים בײַ דער לעקציע און זײ קוקן זיך איבער. װאָס איז געשען? דאָס שיטערע פּובליקום רינט אויס אײנציקװײַז. פּלוצלינג אָבער דערכאַפּט ער זיך, נחום יוד, ער גיט אַ רוק אָװעק די פּאַפּירן מיט זײַנע נאָטיצן, און געװוען איז עס אַ פּאַק, כאָטש װי צו אַ גאַנצער ליטעראַטור־געשיכטע, און זאָגט דעם עולם פּראָסט און פּשוט, אַז ער איז נישט קײן רעדנער, נאָר אַ פּאָעט און אָט װעט ער לײענען פֿאַבלען און פּאָעזיע. און ער לײענט, נײן, ער לײענט נישט, נאָר ער זאָגט אויסנװײניק, און ער זאָגט נישט, נאָר ער שפּילט װי דער בעסטער אַקטיאָר. די חיות פֿון די פֿאַבלען װערן לעבעדיק און די לעבעדיקע חיות הײבן אָן צו רעדן װי מענטשן, אַזױ װי דאָס דאַרף זײַן אין אַ פֿאַבל און די מאָראַלישע סענטענצן פֿון די פֿאַבלען שװימען אַרױס אויף דער אײבער־פֿלאַך קלאָרע און דײַטלעכע. דער אײַנגעדרימלטער עולם װערט װאַך, די האַלב־אָװעקגעגאַנגענע קערן זיך אום פֿון דער טיר, מען לאַכט, מען װערט אײנס מט דעם דיכטער. מען רעדט צװיש זיך, אַז הלװאַי װאָלטן אַלע ייִדישע דיכ־טערס אַזױ געקענט לײענען זײערע שאַפֿונגען, װאָלט די גאַנצע ייִדישע ליטע־

ראַטור אויפגעלעבט. נאָר נחום יוד פאַרגעסט קײן מאָל נישט, אַז חוץ דעם וואָס ער איז אײנער פון די בעסטע פאַבל־דיכטער איז ער אויך אַ צאַרטער ליריקער און צווישן צוויי פאַבלען וואַרפט ער כּסדר אַרײַן אַ רײן ליריש ליד, וואָס די פאַבלײַט באַטראַכטן ווי די ראָזשינקעס אין קוילעטש און דער פּשוטער עולם באַטראַכט עס ווי די וואַטע אין וועלכער מען מוז וויקלען די טײַערע אתרוגים פון די פאַבלען. און אַלע נעמען פאַר ליב.

און אין דער פאַנטאַזיע גײט מען צוריק ערגעץ צום זיבעצנטן אָדער גאָר זעכצנטן יאָרהונדערט, צו דער צײַט פון די שפּילמענער. אָט אַזוי זענען זײ געווען די שפּילמענער, די ערשטע ייִדישע דיכטונגס־פאַרטרעגערס. אָט אַזעלכע בע־ונדניקעס און אַזעלכע גאָר פּאָעטן ווי נחום יוד.

דאָס פאָלק גאַרט אים צו הערן שפּילן זײַנע פאַבלען, די קינדער חלשן נאָך זײַנע פאַבלען, נאָר ער אַלײן, נחום יוד, האָט צום ליבסטן ליב זײַנע לידער, זײַנע רײן לירישע לידער: „צינדט זיך אָן אַ ווײַטער שטערן — אין דעם סאַמעטענעם רוים — זיצן פייגל דרײַ און קלערן — אויף אַ הויכן, אַלטן בוים — — ".

1938

יעפים ישורין

געבוירן אין ווילנע אין יאָר 1885. געאַרבעט בײַ אַלערליי פאַכן. 1906 פאַרלאָזט ווילנע, דורך פּאַריז געקומען אין יענעם יאָר קיין ניו־יאָרק. 40 יאָר געווען הויפּט־קאַסירער פון „פאָרווערטס”. מיטבויער פון אַרבעטער־רינג. גע־שטאָרבן 26סטן אָקטאָבער 1967.

אַלץ אין דער וועלט האָט איכות און כּמות — גײַסט און גוף. אַזוי אויך די ליטעראַטור. דער קריטיקער האַלט די האַנט אויף דעם דופק פון איר טאַלאַנט. דער ביבליאָגראַף האַלט אויך זײַן האַנט אויף דעם דופק פון אַ ליטעראַטור — אָבער אים אינטערעסירט נישט אין דער ערשטער שורה דער טאַלאַנט. אים אינטערעסירט דער כּמות.

זאָלן די קריטיקערס זיך פאַרנעמען מיט דער קינסטלערישער זײַט פון אַ ליטעראַריש ווערק. ער גרייט צו פאַר זיי די מאַטעמאַטישע אינפאָרמאַציע. געוויינטלעך פאַרנעמט זיך אַ ביבליאָגראַף נאָר מיט איין ליטעראַטור — אַ נאַציאָנאַלער. זײַן ליטעראַטור.

יעפים ישורין איז געווען דער ביבליאָגראַף פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַזאַ אַרבעט טוען אין די הײַנטיקע טעג און יאָרן די מאַשינען־קאָמפּיוטאָרס. דער חשבון פון די קאָמפּיוטאָרס איז אפשר פּינקטלעכער — אָבער ער איז אָן אַ האַרץ. און יעפים ישורין איז געווען אַ ביבליאָגראַף מיט האַרץ. פון הונדער־טער טויזנטער קאַרטאָטעק־קאַרטלעך איז באַשטאַנען דער בוי־מאַטעריאַל פון זײַנע ביבליאָגראַפיעס. אַלע — געשריבן מיט זײַן האַנט. מיט דער כאַראַקטע־ריסטישער שריפט זײַנער. אַ דיסציפּלינירטע שריפט. קלאָר און דײַטלעך. די אותיות אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע. אַ שריפט פון אַ געדולדיקן מענטש. מען דערקענט באַלד, אַז די דאָזיקע האַנט, אַז זי נעמט זיך צום שרײַבן, קען זי אַזוי אָפּשרײַבן שעהען. אַ שריפט וואָס ווערט קיין מאָל נישט מיד, זי גייט און גייט — ווי אַן עלעקטרישער זייגער.

יעפים ישורין האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פאַרצייכענען אַלע אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין ייִדיש וועגן ליטעראַרישע ווערק פון כּמעט אַלע ייִדישע שרײַבערס אין די לעצטע הונדערט יאָר. נישט אַלע ווערק האָט ער געלייענט. ער האָט אָבער געהאַט אַזאַ אינטויציע, אַז ער האָט מיט איין בליק געקענט איבערלייענען גאַנצע זײַטן און אַרויסנעמען פון דאָרט וואָס ער זוכט. און געזוכט האָט ער אַרטיקלען, ביכער, בריוו, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן שרײַבערס אין ייִדיש און זייערע ווערק.

כּמות — קוואַנטום — האָבן בייזע קריטיקערס און רעצענזענטן אָפּט אַוועק־

געמאַכט מיט דער האַנט ישורינס לעבנסווערק. אָבער אין דער וועלט איז פֿאַראַנען אַ געזעץ, אַז כּמות איז אויך איכות. מען האָט דאָך געמוזט נעמען אין אַכט, אַז ישורין טוט דאָס דאָזיקע ביבליאָגראַפֿירן אָן געצאָלט. ער איז אַ וואָלונ־טיר. ער גיט אַוועק אויף דעם אַלע זײַנע פֿרײַע שעהען, נעכט, מעת־לעתן, דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. אָט שטייט ער פֿאַר מײַנע אויגן. מיטל־הויך, שטיל אָבסער־ווירנדיק, אַלע מאָל קאָרעקט. ער הערט צען מאָל מער ווי ער רעדט. ער הערט גאָר גערן, אַז מען רעדט וועגן זײַן לעבנסווערק. און — מען איז דאָך נאָר אַ מענטש — ער האָט באַזונדערס ליב, ווען מען רעדט טאַקע גוטס. ער טיילט דאָך כּבֿוד הונדערטער ייִדישע שרײַבערס — מעגן זיי אים אויך צוטיילן אַ ביסל כּבֿוד. יעדער יובֿל זײַנער ווערט באַצייכנט מיט אַ בוך־אויסגאַבע. און גאָט האָט ישורינען געשענקט יאָרן. זײַן קרוינווערק: „100 יאָר מאָדערנע ייִדישע ליטע־ראַטור". עס איז דערשינען אין יאָר 1965 — עס האַלט 630 זײַטן. דאָס ווערק איז אַ קופּערנער שליסל צו דער אײַזערנער טיר פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטע־ראַטור. עס איז אַזוי פֿאַרצווײַגט, אַז מען דאַרף נאָך אַ גאָלדן שליסעלע צו דעם קופּערנעם שליסל. עס איז ממש אומגלייבלעך, אַז איין מענטש האָט דאָס אַלץ געטון. אַוודאי איז דאָס ווערק נישט פּערפֿעקט. צו ווייניק פֿאַכמעניש. בעיקר האָט ד״ר יעקב שאַצקי ז״ל אָפּט קריטיקירט דעם אופֿן ישורינס צו גרינג ביב־ליאָגראַפֿירן אַרטיקלען אָן באַטײַט. שאַצקי — אַליין אַ גרויסער פֿאַכמאַן אין געביט פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע — האָט בײַסיק געשפּאָסט: ישורין ביבליאָגראַ־פֿירט דאָך אַפֿילו נעמען פֿון ייִדישע שרײַבערס אין אַ טעלעפֿאָן־בוך. ישורינען האָט עס ווײ געטון, אָבער ער פֿלעגט שווײַגן און טראַכטן: פֿאַר וואָס קומט מיר די שאַרפֿע קריטיק? איך האָב ליב די ייִדישע ליטעראַטור. איך אַליין קען אויך די חסרונות פֿון מײַן ווערק. אָבער מער ווי איין פּאָר הענט און איין קאָפּ האָב איך נישט. איך בין איבערצײַגט, אַז מײַן ווערק וועט אָפּגעשאַצט ווערן פֿון די קומענדיקע היסטאָריקערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיט הונדערטער ייִדישע שרײַבערס האָט ישורין קאָרעספּאָנדירט, און אויף יעדן בריוו געענטפֿערט תּיכּף. און מיט דער אייגענער האַנט. גאָט האָט אים געשענקט יאָרן — אָבער אויך שווערע משפּחה־אומגליקן. ער האָט פֿאַרלוירן אַ זון. אָבער ער האָט זײַן ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט נישט אויפֿגעגעבן. ער האָט אין דער אַרבעט געזוכט זײַן תּיקון און שליחות, און געפֿונען טרייסט.

נחום כאַנין

געבוירן אין אַ שטעטל אין מינסקער גובערניע אין יאָר 1886. חדר, תּלמוד־תּורה, אויטאָדידאַקט. טעטיק אין בונד — פון 1906 ביז 1912 — טורמעס און קאַטאָרגע. זינט דאַן אין אַמעריקע. אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג. יאָרן לאַנג ביל־דונגס־דירעקטאָר, שפּעטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון א״ר. מיטאַרבעטער אין סאָציאַליסטישע צײַטונגען און צײַט־שריפטן. מחבר פון עטלעכע ביכער. געשטאָרבן 10טן אויגוסט 1965.

איינער פון יענע, וואָס גלייבן, אַז דער טיפסטער יסוד פון דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט איז גוטסקייט בין אָדם לחברו. נאָר כּדי גוטסקייט זאָל באַהערשן די וועלט — מוז זי עס טון מיט דער הילף פון יושר. און נישט נאָר זענען גוטסקייט און יושר דער יסוד פון דער שענצטער פון אַלע באַוועגונגען פון גאָטס וועלט — דער סאָציאַליסטישער, נײַערט גוטס־קייט און יושר זענען אויך דער יסוד פון דער נשמה פון יעדן יחיד באַזונדער. דער דאָזיקער „איינער פון יענע״ איז נחום כאַנין. ער איז שוין אַזוי לאַנג אין אַמעריקע, אַז עס דאַכט זיך דיר, אַז ער איז דאָ געבוירן געוואָרן, אָבער נישט געקוקט אויף זײַן אַמעריקאַנישקייט האָבן זיך די וואָרצלען פון זײַן גאַנצן מהות קיין מאָל נישט אָפּגעריסן פון יענע ערשטע יאָרן זײַנע אין צאַרישן רוס־לאַנד, וואָס האָבן אים — כאַנינען — פאָרמירט אויף אייביק.

אַ רונד און מילד פּנים פון איינעם, וואָס איז גרייט אַ טובה צו טון און עס וואַרט צו הערן אַ טענה און אַ פאָדערונג. הערן מיט באַדאַכט און מיט געדולד און ענטפערן מיט גרויסן ערנסט און מיט אַזוי פיל גוטן ווילן, אַז אַפילו אויב דײַן פאָדערונג קען נישט דערפילט ווערן — ווערט אויך גרינגער אויף דער נשמה. עס איז דאָ ווער וואָס זאָרגט זיך מיט מיט דיר — זאָרגט זיך אויף אַן אמת. מאַכט נישט קיין אָנשטעל.

מיר איז גרינג די אַלע זאַכן צו זאָגן אויף נחום כאַנינען — ווײַל דער צופאַל האָט אַזוי געפירט, אַז נישט געקוקט אויף די אפשר הונדערטער באַגע־געניש מיט אים — האָב איך קיין מאָל פון אים קיין טובה נישט געדאַרפט. און ער איז שוין צענדליקער יאָרן לאַנג אין שליסל־פּאָזיציעס אין דעם גרויסן יאַריד פון ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ניו־יאָרק.

כאַנינס אומדערמידלעכע, אומאויסשעפּלעכע, שאַרפסטע אַרויסטריטן קעגן עקסטרעם לינקס אין דער וועלט בכלל און ייִדישער בפרט, נעמען זיך דערפון, וואָס אים טוען די זאַכן פערזענלעך וויי. ער האָט פאַר סאָציאַליסטישן יושר

און גוטסקייט זײַן יוגנט אָװעקגעגעבן און אַ טייל פון זײַן געזונט, אַ באַשעדיקטע רעכטע האַנט באַקומען, און יעדער אָפּנייג פון פּשוטער מענטשלעכער גוטסקייט און יושר — איז שטעלן זײַן אידעאַל פון סאָציאַליזם מיטן קאָפּ אַראָפּ. און פּונקט װי אומקאָמפּראָמיסלעך איז כאַנינס קאַמף כּל־זמן זײַן קעגנער שטייט אויף דער אַנדערער זײַט — אַזוי גיך דערזעט ער אין אים דעם פאַרבלאָנדזשעטן מענטש, װען ער זעט, אַז יענער איז אויפריכטיק צוריק דאָ אויף דער זײַט, װוּ עס איז דאָ פּשוטער יושר און עס דאַרף בכן זײַן פּשוטע גוטסקייט, אָדער װיצע װערזאָ.

אָפּט, און אין פאַרשידענע שטעט, אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאַל, אין פּאַריז, האָב איך כאַנינען געזען און געהערט רעדן אויף ייִדישע שולקאָנצערטן. דאָ לעבט ער װידער איבער זײַן אייגענע קינדהייט און יוגנט. יאָרן פון נאַיװער גלייכיקייט פון די ערשטע בונדישע יאָרן אין אַמאָליקן רוסלאַנד. כאָטש די באַדינגונגען זענען אַזעלכע אַנדערע — אויב עס איז דאָ אַ ייִדישער, װעלטלעכער, סאָציאַליסטישער מאָרגן אין די לענדער פון װײַטן מערב — מיט אָט די קינדער איז פאַרבונדן די האָפענונג. אין אָט דער סביבה זענען כאַנינס רעדעס די שענסטע — און ער קען רעדן.

ער קען אויך פּשוט און שטאַרק איבערצײַגנדיק שרײַבן. מיט סטיל שפּילט ער זיך נישט. גוטע, באַהאַרצטע זכרונות האָט ער געשריבן, אינפאָרמאַטיװע רײַזע־באַשרײַבונגען װעגן ייִדן איבער דער װעלט. יאָ — כאַנינס רעדעס אויף שולקאָנצערטן. אָפּט האָב איך בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן געזען װי קינדער הערן זיך איין צו זײַנע רייד, קוקן אים שטיל גלײַך אין פּנים אַרײַן, דערפילן מיט קינדערישן אינסטינקט, אַז דאָס האָט צו זיי אַ טיפן שײַכות.

יאָרן לאַנג בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, שפּעטער גענעראַל־סעקרעטאַר — מיינט : פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט טויזנטער, טויזנטער — דאָס איז אַ גאַנג אויף דער שאַרפער גרענעץ פון בשוגג און במזיד. אָבער מיט נאַטירלעכן געפיל צו גוטסקייט און װילן צו יושר גייט מען דורך אַזאַ װעג בשלום. כאַנין איז אים דורכגעגאַנגען בשלום. איך האָב אים צופעליק געזען אויף אַ גרױסער פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק לכּבוד זײַנע 70 יאָר. די באַציִונג פון עולם האָט עס רעפלעקטירט.

י. י. זינגער האָט געחלומט צו שרײַבן אַ ראָמאַן פון דער גרױסער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג אין אַמעריקע. „175 איסט בראָדװיי״ האָט דער ראָמאַן געדאַרפט הייסן. כאַנין װאָלט דאָרט זיכער פיגורירט װי איינער פון די פּאָזיטיװע העלדן.

1958

יהודה־לייב כהן

געבוירן אין ווילנע. פון 1889 אין װאַרשע. 1901 — לאָנדאָן, 1904 — אַמעריקע. רײַזעס אין אייראָפּעיִשע לענדער. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1937.

יהודה־לייב כהן — אַפילו דער נאָמען איז אויך פֿאָלקסטימלעך, וואָלט איך געזאָגט — אַרויסגענומען פון דער מאַסע ייִדישע נעמען. יעדער ייִד קען אַזוי הייסן. יהודה־לייב כהן איז דער נאָמען פון דעם ייִד, וואָס האָט דאָס גאַנצע ממש לעבן זײַנס אָפּגעגעבן דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין פיר ייִדישע גרויסשטעט האָט ער אָפּגעלעבט זײַן לעבן — און אויך דאָס איז גוט געווען אויף צו דערציִען אַן אויסגעשפּראָכענעם פֿאָלקלאָריסט: ווילנע, וואַרשע, לאָנדאָן, ניו־יאָרק. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אַליין אויך אונטערזינגען מיט לידער — פֿאָלקסטימלעכע, נאַטירלעך — אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער דאָס אין גאַנצן נעגירט.

ער האָט אַ מאָל אין יאָר 1930 באַזוכט וואַרשע. אַזוי ווי איך האָב נישט געדענקט, אַז אין באַסינס אַנטאָלאָגיע איז דאָ כהנס אַ ליד, שוואַרץ אויף ווײַס, אַ סימן אַז ער האָט יאָ געשריבן אייגענע לידער, האָב איך אים געפרעגט: ווי קומט עס — אַ ייִד קנעט כסדר לידער און לידער און מעשׂיות און מעשׂיות און אַליין פאַרגלוסט זיך נישט אַ מאָל אויך מאַכן אַ ליד? האָט ער געענטפערט אַז אָט איז דער צווייטער פּאַך זײַנער זייגער־מאַכערײַ, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס צו טון מיט זייגערלעך און ער האָלט זיי אין איין קנעטן, נאָר אַליין האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געמאַכט אַ זייגערל און עס שמעקט אים אַפילו נישט אָן. — ער האָט געוואָלט זײַן עקסקלוסיוו אין זײַן פֿאָלקלאָריסטישער אַרבעט. יעדער פֿאַרנעמט זיך בײַ אונדז מיט אַלצדינגס, יעדער שרײַבער בײַ אונדז אַ „דעפּאַרטמענט־סטאָר" אַזוי צו זאָגן, האָט ער, כהן, געוואָלט זײַן נאָר אַ זאַמלער און אויסטײַטשער פון ייִדישן פֿאָלקלאָר.

אַזוי ווי דער נאָמען, אַזוי דאָס אויסזען. אַ ייִד אַ מיטל־וווּקסיקער, אַ ברוינעטער, נאַטירלעך, אויך דאָס איז פֿאָלקסטימלעך, מיט אַן אָפּן, זייער אָפן און ברייטלעך פּנים. אַ גרויסער שטערן און אויפן פּנים איז אַ שמייכל. קיין מאָל גייט דער שמייכל נישט אַראָפּ. עס איז נישט קיין איראָנישער שמייכל, נישט קיין שמייכל, וואָס אָט, אָט און ער וועט דיך אויסלאַכן, עס איז אַ שמייכל פון גוטמוטיקייט און גרייטקייט. מיט אָט דעם שמייכל האָט כהן אַלע צרות גענומען אויף זיך, אַלע אָנשטרענגונגען, אַבי דו זאָלסט זיך אויך אַזוי אַנטציקן — ווי ער — מיט דעם פֿאָלקלאָר פון דער וועלט בכלל און מיט דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר בפרט. בײַ אים איז אויסגעקומען, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור איז נישט

די דערגרייכונג, דער העכערער שטאַפל נאָכן פאָלקסליד און דער פאָלקס־מעשׂה, נאָר זי איז אַ שאָטן פון זיי. וואָרעם דאָס אמתע געשטאַלט איז דאָס פאָלקסליד, פאָלקס־מעשׂה.

יהודה־לייב כהן איז שטיל, ווי זײַן שטייגער אַלע מאָל, ממש אויף די שפּיץ־פינגער אַרומגעגאַנגען אין זײַנע יאָרן אין וואַרשע, אַרום דער ווענדונג פון יאָרהונדערט, אין קרײַז פון יצחק לייבוש פּרץ און עס איז בלי־שום־ספק, אַז ער האָט דעם געניאַלן שאַפער פון די פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אויב שוין נישט אינספּירירט לחלוטין, איז צו מינדעסטנס זייער שטאַרק צוגעהאָלפן. און ער האָט עס געטון אָן רעש און ער האָט קיין מאָל קיין רעש דערפון נישט געוואָלט מאַכן.

אַז דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן איז דאָס פאַר כהנען געווען פּונקט אַזוי ווי ווען מען וואָלט אַ פרום־גלייביקן ייִד געזאָגט, אַז דער גן־עדן געפינט זיך אויף דער ערד און מען קען אים זען אַפילו בײַ לעבצײַטן. דער ייִוואָ האָט דאָך אַזאַ גרויסן טייל פון זײַן אַרבעט געווידמעט דעם ייִדישן פאָלקלאָר. משיחס־צײַטן. האָט כהן טאַקע אַלץ — פאַר און נאָכן טויט זײַנעם — דעם ייִוואָ געשענקט (און די ווערטער ווערן געשריבן אין 1942, ווילנע באַזעצט פון די נאַציס). פון זײַן ריזנווערק, פון כהנס צווייטויזנט־בענדיקער פאָלקלאָר־ביבליאָטעק, זײַן ירושה דעם ייִוואָ, איז דער־ווײַל נישט מער ווי אַ פרעגצייכן געבליבן. אַרויסגעגעבן אין דרוק זענען בלויז אַ באַנד פאָלקס־מעשׂיות, צוויי בענד לידער און דער כהן־באַנד פון ייִוואָ, טייל־ווײַז זײַן אַרבעט. וואָלט ער איצט געשמייכלט אויך ?...

דאָס איז געווען אין יאָר 1930 מסתמא. כהן איז אין וואַרשע אויף אַ באַזוך. אין די חברישע קרײַזן אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביז גאָר, אָבער אין פאָלק — איינער אַ יהודה־לייב כהן — יעדער ייִד קען אַזוי הייסן. מען אַראַנזשירט אַ פאָרלעזונג וועגן פאָלקלאָר נאַטירלעך און קומען קומט אַ הײַפעלע חברים און דאָס פאָלק פעלט. כהן שטייט אויף דעם פּאָדיום און רעדט זייער שטיל, קיין אָראַטאָר איז ער שוין גאָרנישט געווען... נאָר רעדן וועגן פאָלקסלידער, גלאַט רעדן קען מען נישט. כהן הייבט אָן צו אילוסטרירן מיט געזאַנג זײַנע אויספירונ־גען, און קיין זינגער איז ער אויך נישט קיין צו גוטער. עס ווערט אונדז אַ ביסל פּײַנלעך אין די ערשטע רגעס, נישט קיין אָראַטאָר און נישט קיין זינגער — אפשר איז דאָס פאָלק טאַקע גערעכט, וואָס עס איז נישט געקומען, דאָס פאָלק האָט אַן אינסטינקט... כהנען אַרט עס נישט, ער שמייכלט און גייט טיפער און טיפער אין זײַן טעמע. אַ ביסל רעדט ער און אַ ביסל זינגט ער, און איינציק־ווײַז ציט ער אונדז אַלע אַרײַן און ענטוזיאַזמירט אונדז ביז גאָר. און צום סוף ווילן מיר אים גאָרנישט אַראָפּלאָזן פון פּאָדיום. זאָל ער דערציילן נאָך און נאָך. כהן לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און דערציילט נאָך און נאָך, שעפּט זײַן אומ־

ענדלעכן וויסן וועגן פֿאָלקלאָר בכלל און ייִדישן בפרט. און ער שמייכלט כּסדר, נאָר דאָס מאָל איז שוין קלאָר, אַז הינטער דעם שמייכל איז איצט דאָ אַ ביסל טריומף.

ערגעץ בין איך דעמאָלט געווען אין אויסטראַליע און עמעץ האָט מיך געבעטן צי קען איך נישט פֿאַרשאַפֿן אַ גוטע ייִדישע פֿאָלקסלידער־זאַמלונג. שרײַב איך צו כּהנען און בעט, אפֿשר קען ער מיר פֿאַרזאָרגן — פֿאַר געלט נאַטירלעך — זײַן צווייבענדיק ווערק. עס גייען אַוועק חדשים, קיין ענטפֿער קומט נישט און איך האָב פֿאַרגעסן אין גאַנצן ענין. נאָר צום האַלבן יאָר קומט אָן אַ פּעקל פֿון כּהנען, די ביכער, און עס קומט אַ בריוו, און די ביכער זענען אַ מתּנה דווקא, נאָר בײַ אים זענען זיי נישט בנימצא מער, האָט ער זיי אָפּגעזוכט פּריוואַט בײַ עמעצן, און פֿון געלט איז אָפּגערעדט, פֿאַר אים איז דאָס נישט קיין געשעפֿט, עס איז זײַן הייליקע מלאָכה, זײַן מיסיע, אויב באַצאָלן — וועט אים דאָס פֿאָלק שוין באַצאָלן אויף יענער־וועלט. — סײַדן, האָב איך מיר געטראַכט, ווײַל אויף דער־וועלט האָט אים דאָס „פֿאָלק" נישט צוריקגעגעבן אַ הונדערטער חלק פֿון דער אומענדלעכער ליבע, וואָס ער האָט דעם פֿאָלקסטימלעכן ייִדישן פֿאָלק געשענקט.

1938

מלך כמעלניצקי

געבוירן 1885 אין אַן אוקראַיִנישן שטעטל — קאָנסטאַנטי־נאָווקע. קינדער־יאָרן אין גאַליציע, סטודענטישע יאָרן — אין ווין. אין יאָר 1938 געקומען קיין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 1946.

דער זייער צאַרטער פּאָעט מלך כמעלניצקי, וואָס שרײַבט אפשר איין מאָל אין אַ יאָר אַ צאַרט און אויסגעטאָקט ליד, איז מיר באַקאַנט פון מײַן קינדהייט נאָך, אפשר פון יאָר 1906, אפשר אַפּילו פון יאָר 1904. פּערזענלעך איז ער מיר באַקאַנט זינט דעם יאָר 1917 אָדער 1918, ווען איך האָב אים אין ווין געטראָפן. נישט אין ייִדישן אָריגינאַל, נאָר אין כמיעלניצקיס איבערזעצונגען אין פּויליש אין די צײַטשריפטן „האַשאַכאַר" און „מאָריאַ" (פּוילישע צײַטשריפטן מיט העברעיִשע נעמען, דעריבער לייג איך די נעמען אויס אָט אַזוי) און „ווסכוד" (מיזרח אָדער אויפגאַנג — בלשון ייִדיש) האָב איך געלייענט צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן לידער פון ביאַליק, רייזען, יהואָש, ליעסין. און צוליב דעם איז דער נאָמען מלך כמעלניצקי נישט אײַנגעקריצט בלויז אין מײַן זכרון, ער איז אויך אײַנגעקריצט אין מײַן נשמה — ווי די ערשטע ליבע.

לויט זײַן דערציִונג איז כמעלניצקי אַן אמתער גאַליציאַנער, ער האָט אַפּילו לויט גאַליציאַניש־ייִדישער טראַדיציע איבערגעוואַנדערט קיין ווין, אָבער לויט זײַן אויסזען איז ער אַן אוקראַיִנישער ייִד און אַז מען רעכנט אים חלילה צו צו דער גאַליציש־ייִדישער ליטעראַטור איז ער גרייט אײַנעם ממש צו פּאַר־גראַמירן — ווי כמיעלניצקי... ער איז אַ שיינער, כמעלניצקי, אַ קײַלעכדיק פּנים טאַקע, אָבער אַ שיינס, גרויסע שוואַרצע אויגן און גלאַנציק־שוואַרצע האָר, און איצט זענען זיי שוין גלאַנציק־ווײַס, פול מיט דיכטערישן הדרת־פּנים. אַ צײַט לאַנג האָט זיך כמעלניצקי, שוין זײַענדיק אין ווין, געהאַלטן ווײַט פון די פּאָר ייִדישע שרײַבערס דאָרט. אין דער צײַט פון דער ערשטער מלחמה איז ער געווען אַ דאָקטאָר — ער איז אַ דאָקטאָר מעדיצין — אין אַ גרויסן מיליטער־רישן שפּיטאָל אין עסטרײַך. אויב איך האָב נישט קיין טעות איז ער געווען צווישן די דאָקטוירים פון דעם שטאַב פון עסטרײַכישן גענעראַל־שטאַב קאָנראַד פאָן העצענדאָרף. אָבער ווי זאָגט עס מאָריס ראָזענפעלד אין איינער פון זײַנע באַרימטע הקדמות צו זײַנע לידער: דעם וואָלף ציט עס צום וואַלד — און גאָר גיך האָט כמעלניצקי פאַרביטן זײַנע מעדיצינישע מכשירים אויף דער גענדזע־נער פּען פון אַ ייִדישן שרײַבער און חוץ דעם, וואָס ער שרײַבט איין מאָל אַ יאָר אַ געטאָקט ליד און גיט איין מאָל אין צוואַנציק יאָר אַרויס אַ ביכל לידער,

שרײַבט ער שוין זינט דעם יאָר 1919 יעדע וואָך — און נאָך אַפּטער — מע־
דיצינישע אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס".

זינט צענדליקער יאָרן איז כמעלניצקי פאַרבונדן מיט אַ ווינערין, אַן עכטער
אַריערין. און וואָס עס הייסט אַ ווינערין, אַן עכטע אַריערין, קען וויסן נאָר דער,
וואָס האָט אַליין אַ צענדליק יאָר געוווינט אין אָט דער שטאָט פון „וואַלצער
פון דער בלאָוער דאַנאַו". אין יאָר 1938 האָב איך עטלעכע מאָל באַזוכט כמעל־
ניצקין אין זײַן באַשיידענער, שטילער... ווינער היים אין ניו־יאָרק. זײַן ערשטע
דירה אין ניו־יאָרק איז געווען נישט ווײַט פון דער טומלדיקער עלעוועיטער־קאָנ־
סטרוקציע. אָבער אין זײַן שטוב איז מען אַרומגעגאַנגען מיט פּיעטעט, ממש
אויף די שפּיץ־פינגער און מיט ליבע האָט מען געקוקט דעם מאַן אין די אויגן
אַרײַן און מיט דרך־ארץ אויף זײַנע פרײַנד, די ייִדישע, און מיט געדולד האָט
מען אויסגעהערט שעהען לאַנג די אין ייִדיש געפירטע געשפּרעכן וועגן די
פּראָבלעמען פון דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות און דער פינפהונדערט־יאָריקער
ייִנגסטער ייִדן־ליטעראַטור...

פאַר וואָס אַזאַ צאַרטער און עכטער פּאָעט ווי כמעלניצקי שרײַבט אַזוי
זעלטן — דאָס פאַרשטיי איך נישט און וועל שוין נישט פאַרשטיין. מיט כמעל־
ניצקיס נאָמען איז אין מײַן לעבן פאַרבונדן אַ טשיקאַווער עפּיזאָד, אָדער אַנעק־
דאָט, אָדער רופט עס ווי איר ווילט, נאָר איך וועל דעם עפּיזאָד כמעלניצקי
מלך — מלך ראַוויטש דערציילן דעמאָלט ווען איך וועל אין „מײַן לעקסיקאָן"
האַלטן בײַ מלך ר.

דאָס איז געווען אין יאָר 1919, די וועלט, ווי נאָך אַ שווערן ווינטער, האָט
זיך ווידער געוועקט צו לעבן און גראָד האָט זיך דעם מלאך־המוות פאַרגלוסט
צו קומען נאָך מיר. אין מײַן ווינער פרילינג־זוניקער שטוב בין איך געלעגן
לונגען־בלוטנדיק און פּונקט איז כמעלניצקי אַרײַנגעקומען אין אַ גוטער שטי־
מונג און גרייט צו לייענען אַ ליד. נאָר שטאָט צו זײַן אַ דיכטער אין מײַן שטוב,
איז ער גאָר דאָ געוואָרן אַ דאָקטאָר. איך האָב אים געפרעגט מער מיט די זיך
לעשנדיקע אויגן ווי מיט די האַלב־טויטע ליפּן: מיינסט, אַז איך וועל נאָך
לעבן? — ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט ברייט איבערן גאַנצן אוקראַיִנישן
פּנים און פאַרזיכערט, אַז יאָ. אמת, אַז ער האָט עס דעמאָלט אַליין נישט גע־
גלייבט, אָבער עס איז פאָרט געוואָרן וואָר.

„אויף אַ שטילער סטעזשקע" הייסט כמעלניצקיס ערשט לידערביכל, די
שטילע גרין־בלויע צייכענונג אויף דער הילע דאָרט האָב איך געצייכנט מיט
חברישער ליבשאַפט.

אַ באַגעגעניש מיט כמעלניצקין איז אַלע מאָל אַ „יום־טוב אין דער וואָכן".
גאָט האָט אים מצליח געווען און אים באַשערט צו קענען דורכגיין די גרעסערע
העלפט פון זײַן לעבן אין דיכטערישער שטילקייט. עס האָט אים נישט אַרײַנ־

געצויגן נישט אין בראַזג פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין די „כאַליאַסטרע"־יאָרן און נישט אין קיין שום פּערזענלעכן ראַדיקאַלן לעבנס־קריזיס. ערגעץ ווו האָט ער נישט דערזאָגט און נישט דערזונגען, אַזוי פֿילט זיכער שטילערהייט ער אַליין און אַזוי פֿילן די שטילע און ווינציקע לידער־לייענער זײַנע. אָבער איז דען פֿאַראַנען אַ דיכטער — אַפֿילו ווען ער גיט טויזנטער לידער אַרויס אין דרוק — וואָס האָט יאָ דערזאָגט און דערזונגען. דיכטונג איז דאָך טאַקע דאָס נישט־דערזאָגן און נישט־דערזונגען...

און פּונקט ווי די לעבנס פֿון אַלע ייִדישע דיכטערס איז אויך כמעל־ניצקיס לעבן פֿול מיט סתירות. פֿון איין זײַט הונדערטער טויזנטער לייענערס פֿון דעם ד"ר מלך כמעלניצקי און פֿון דער אַנדערער זײַט — אַ מאָל אין אַ יאָר אַ פּאָר געציילטע לייענערס פֿון זײַנס אַ שטיל, האַרציק איבערגעלעבט ליד און אַ מאָל אין אַ יובל אַ פּאָר צענדליק אָדער הונדערט לייענערס פֿון אַ דין ביכל. — איך האָב אַ מאָל אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ טומלדיקן ייִדישן דיכטער, אַליין אַ מחבר פֿון אַ פּאָר ביכלעך לידער, דערמאָנט כמעלניצקיס אַ ליד. דער קאָלעגע האָט זיך פֿאַרחידושט: אָט דער אַ דאָקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס" איז אַ דיכטער?... — עס איז מער חידוש, וואָס דו ביסט אַ דיכטער, דו טומלער, האָב איך געענטפֿערט, ווי אַז „דער אַ דאָקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס" איז עס"...

1940

פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל... /יוגנט־פּאָעזיע/ — — — — — — — — — — לעמבערג 1912
רואיבענגראַז /לידער/ — — — — — — — — — — — — — — ווין 1917
שפּינאָזאַ /פּאָעזיע/ — — — — — — — — — — — — — — ווין 1919
צווייטע, פאַרענדערטע אויסגאַבע — — — — — — ווין 1921
נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — — — — — ווין 1921
דער קרן פון אַלע מײַנע לידער /אויטאָ־אַנטאָלאָגיע/ — — — — — — וואַרשע 1922
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן /פּאָעמעס און באַלאַדן/ — — — — — — וואַרשע 1924
צו דער יִדישער יוגנט /עסיי/ — — — — — — — — — — — וואַרשע 1924
בלוט אויף דער פאַן /סאָציאַלע דראַמע/ — — — — — — — — ווילנע 1929
די פיר זײַטן פון מײַן וועלט /פיר גזאַנגען/ — — — — — — — ווילנע 1929
ווײַב און מאַן /דריי דראַמעס/ — — — — — — — — — — וואַרשע 1931
קאָנטינענטן און אָקעאַנען /לידער, באַלאַדן, פּאָעמעס/ — — — — — וואַרשע 1937
איבער אויסטראַליע /רײַזע־באַשרײַבונגען/ — — — — — — — — וואַרשע 1937
לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר — — — — — — מעקסיקע 1940
מײַן לעקסיקאָן /יִדישע בעלעטריסטן אין פּוילן/— — — — — — מאָנטרעאָל 1945
67 לידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1946
מײַן לעקסיקאָן /יִדישע פּובליציסטן אין פּוילן/ — — — — — — — מאָנטרעאָל 1947
איינעמס יִדישע מחשבות /עסייען/ — — — — — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1949
די קרוינונג פון אַ יונגן יִדישן דיכטער אין אַמעריקע /פּאָעמע/ — — ניו־יאָרק 1953
די לידער פון מײַנע לידער /אַ כינוס פון דרײַצן זאַמלונגען/,
אילוסטרירט: יאָסל בערגנער — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1954
מ. ראַוויטש ־ ביבליאָגראַפיע — צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין,
דערגענצט פון וו. אָסטרעגער — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1954
מײַן לעקסיקאָן /יִדישע און העברעיִשע שרײַבערס אין ישראל/ — מאָנטרעאָל 1958
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /פון די יאָרן 1893—1908/,
אילוסטרירט: אדרי בערגנער — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1962
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /פון די יאָרן 1908—1921/,
אילוסטרירט: אדרי בערגנער — — — — — בוענאָס־אײַרעס 1964
עיקר שכחתי /לידער און פּאָעמעס, 1954—1969/,
צייכענונגען: אדרי און יאָסל בערגנער — — מאָנטרעאָל 1969
דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן /יאָרן אין וואַרשע, 1921—1934/,
אילוסטרירט מיט האָלצשניטן: אדרי בערגנער — תל־אביב 1975
חמישים שירים /אויסקלויב פון 1909—1954/, בחר ותרגם א"ד שפיר,
אילוסטרירט: יאָסל בערגנער — — — — — — — — תל־אביב 1969
ספר המעשיות של חיי, מיידיש משה יונגמאַן, חיתוכי־עץ: אודרי ברגנר,
רישום דיוקן המחבר: יוסל ברגנר — — — — — תל־אביב תשל"ו

פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט /משפּחה־זכרונות/
אַרויסגעגעבן פון די דרײַ זין:
משה הררי — 1892־1921,
הערץ בערגנער,
מ. ראַוויטש — — — — — — — — — — — מאָנטרעאָל 1946